STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01043

DI BATSYUNG TSUM FREMDEN

N. Shemen

Permanent preservation of this book was made possible by
Abraham L. Halpern, M.D.
in memory of
Helen Perelman Halpern

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שמן

די באציאונג צום פרעמדען

לויט תנ״ך, תלמוד און
רבני׳שע ליטעראטור

טאראנטא, ה׳תש״ה — 1945

JEWISH ATTITUDE TOWARDS NON-JEW

Based on Biblical, Talmudic and Rabbinic Literature

by N. SHEMEN

Copyright, 1945

Printed by The Morris Printing Co.
326 Spadina Avenue
Toronto, Canada

אינהאלט:

קאפיטעל | זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — VIII-VI

I

דער פרעמדער אין דער אלטער איד. ליטעראטור

באציאונג פון איד צום ניט־איד — — — — — — — — — 11

א. **דער נאָמען „גוי"**
דער טייטש פון וואָרט. — די באציאונג צו היידען
און צו קריסטען — — — — — — — — — — — — — — 17

ב. **די זיבען פעלקער פון ארץ־ישראל**
און די אנדערע היידנישע פעלקער — — — — — — — — 24

ג. **ווי אזוי די נביאים באציען זיך צו אנדערע פעלקער**
די פעלקער אין צייט פון תלמוד און אין די
היינטיגע צייטען — — — — — — — — — — — — — — 32

ד. **רעספעקט פאר ניט אידען איז וויכטיג פאר וועלטס־עקזיסטענץ**
ווי אזוי מ'דארף באהאנדלען ניט־אידישען אָרימאן׳ —
ניט אידישע אָרימעלייט פלעגען ווערען איינגעלאדען
פסח צום סדר — — — — — — — — — — — — — — — 51

ה. **א גוי וואָס לערנט תורה און האלט שבת**
אוניווערסאלע לערע פאר גאנצער מענשהייט. — שבת
דער הייליגער טאָג, ווי ניט־אידען האָבען אים אויס־
געלאכט — — — — — — — — — — — — — — — — 56

ו. **וועגען גוי־אישע קברים**
אתם קרויים אדם. — די כותים. — דאָס האָט גאָר ניט
צו טאָן מיט באגרעניצען זייער רעכט. — חסידי אומות
העולם קאָנען זיך דערהויבען צו דער העכסטער
מדרגה — — — — — — — — — — — — — — — — 64

קאפיטעל זייט

ז. **דאָס פאָלק וואָס באזיצט „עזות" און בושה**
די וויכטיגקייט פון עזות. — די אידישע רעליגיע
אלס נאציאָנאלע — — — — — — — — — — — — — — — 74

ח. **ליבעראליזם און אוניווערסאַליזם אין אידענטום**
באציאונג צום גריכענטום צו גריכיש לשון און צו
פרעמדע שפראכען בכלל — — — — — — — — — — — — — 81

ט. **באַציאונג צו קריסטען**
די ערשטע עפּאָכע פון קריסטענטום. — אידישע
און היידנישע קריסטען — — — — — — — — — — — — — 109

י. **זענען אידען די שולדיגע אין קאַפּיטאַליזם?**
ווערנער זאָמבארטס מיינונגען וועגען אידען. — וואָס
קארל מארקס האט געטראכט. — וואָס איז דער אמת — — — 122

י"א **פארדעכטיגקייט און יורידישע אונטערשיידען**
צווישען איד און גוי
„מדה כנגד מדה" קעגען היידען. — באציאונג צו
היינטיגע פעלקער — — — — — — — — — — — — — — — 132

II

ווי אזוי מ'דארף אויפנעמען א גר

באציאונג צום גר — — — — — — — — — — — — — — — 147

י"ב. **די ליבשאַפט צום גר**
ווי די תורה ווארענט וועגען זיין באשיצונג און גוטע
באהאנדלונג — — — — — — — — — — — — — — — — 151

י"ג. **צוויי טיפען גרים: גר צדק און גר תושב**
אמת'ע גרים און פאלשע וואס זענען זיך מגייר ניט
מחמת איבערציינונג נאר צוליב מורא — — — — — — — 157

י"ד. **ווי אזוי מען באַדאַרף באַהאַנדלען א גר**
מען טאָר אים ניט נארען אפילו מיט רייד. — מען טאָר
אים ניט דערמאנען פארגאנגענהייט — — — — — — — — 160

קאפיטעל | זייט

ט"ו. „קשים גרים לישראל"
די צרות וואָס אידען האָבען זיך אָנגעליטען פון פאַלשע גרים. — עפּאָכעס ווען מ'האָט ניט געוואָלט צונעמען קיין גרים. — פאַרוואָס — — — — — — — — — — — — — — 166

ט"ז. די קאַראַאימער וואָס האָבען זיך אָפּגעטיילט פון אידענטום
וועגען קראים גרים — — — — — — — — — — — — — 177

י"ז. באַרימטע גרים וואָס האָבען פאַרנומען וויכטיגע פּאָזיציעס אין אידענטום
פון זיי: כהנים, נביאים, תנאים, אמוראים, פוסקים, גאונים, א. א. — — — — — — — — — — — — — — 182

י"ח. דער אָפיציעלער אריינטריט פון גרים אלס מיטגלידער פון אידישען פאָלק
ווי די רעליגיעזע צערעמאָניע ווערט דורכגעפירט — — — — 196

III

באַציאונג צום מענש

אתה הבדלת אנוש — — — — — — — — — — — — — — — 205

י"ט. אבסטראַקטע, אויסגעטראַכטע איבערמענשען אוןווירקליכע
דער רמב"ם און זיין „אדם המעלה". — ניטצשעס „איבערמענש" — — — — — — — — — — — — — — — 217

כ'. דער אידישער אתה בחרתנו־איזם
די ראַסען טעאָריע. — אתה בחרתנו געפילען און אתה בחרתנו געדאַנקען. — אויסדערוויילטקייט — צו וואָס? — — — — 229

כ"א. משיחיזם און אוניווערסאַלע גאולה
משיח ברענגט גאולה, ניט בלויז פאַר אידען, נאָר פאַר דער גאַנצער מענשהייט.—משיח געשטאַלט אין אונזער ליטעראַטור. — ביינקשאַפט צו אייביגער גאולה — — — 243

איינינגע אויסבעסערונגען — — — — — — — — — — — 248

פאָרוואָרט

דאָס דאָזיגע בוך איז א רעזולטאט פון עטלעכע יאָרען שטודיום, אין דער סאמער בלוטיקסטער עפּאָכע אין דער מענשלעכער געשיכטע. דאָס בוך איז געשריבען געוואָרען אונטער׳ן ברומען פון די קאנאָנען, ווען דער שאָטען פון טויט האָט באַדעקט די גאנצע וועלט און איז פארענדיגט געוואָרען פון דרוק, ווען די קאנאָנען האָבען זייער לעצטען ברום געטאָן, ווען עס איז פארענדיגט געוואָרען די בלוטיגסטע פאזע פון דעם שוידערלעכען קריג וואָס האָט פארשלונגען צענדליגע מיליאָנען מענשלעכע לעבענס און פארניכטעט א העלפט פון אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער אין דער גיהונם׳דיגער אייראָפּע. איז ניט קיין וואונדער וואָס ס׳רייסט זיך אמאָל ארויס א וויי־געשריי, וואָס רייסט מיט א שטיק האַרץ. ווי קען א מענש בלייבען גלייכגילטיג צו אזעלכע מאוים׳דיגע איוב־בשורות, וואָס דערציילען ווי אזוי דער צורר ישראל האָט אויסגעראָט און אומגעבראכט די בעסטע זין און טעכטער פון אונזער פאָלק, געשאָכטען „נער וזקן טף ונשים . . . זיי דערשטיקט אין די גאז קאמערן פון אָשוויענטשים, מאַידאַנעק, טרעמבלינקא און אנד. נאצי אויסראָטונג פלעצער; ווי קען א מענש בלייבען קאלט ווען ער הערט ווי נאַצישע תליונים האָבען אויסגעקוילעט, דורך די אכזריות׳דיגסטע מיתות־משונות מיליאָנען פון אונזער פאָלק; ווי קען א מענש בלייבען שטיל ווען ער הערט זיך אָן פון אזא אומגעהויערען שוידער און דעגרעדאציע וואָס די נאצי באַנדיטען האָבען געבראכט אויף דער מענשהייט, געטראָטען מיט די פיס אויף מענשלעכער ווירדע, געפייניגט יונג און אלט, געברענט און צעשטערט אלץ בעסטע, הייליגסטע און שענסטע וואָס מענשלעכע מחשבה דורך מענשלעכען פראָגרעס האָט דערגרייכט און געשאפען.

ווי קען מען בלייבען רואיג צו דעם ברעגלאָזען ים פון טרערען, מורא׳דיגע לײדען, שוידערליכע עינויים דורך דער מענשלעכער גרויזאמקייט; ווי קען מען פארגעסען דעם אומגליק פון פוילישען אידענטום, ווען מען זעט פאר זיך די גאנצע ליטעראטור פון שווארץ־ביכער פון נאצי ברוטאליטעטען אין די אָרטיגע נאצישע געטאָס. די ווערק וואָס שטעלען צוזאמען דעם נייעם, הונדערט פאכיגע „יון מצולה“ אן פארגלייך מיט ר׳ נתן האנאָווער׳ס פון די גזרות ת״ח ות״ט.

נוצענדיג ר׳ יהודה הלוי׳ס לשון אז וואָס דאָס האַרץ איז פארן אָרגאניזם פונם יחיד איז די כנסת ישראל פאר דעם גאנצען מענשלעכען מין און דעריבער קלערט ער אונז אויף אין כוזרי די סיבה פארוואָס מיר לײדען מער פון אנדערע פעלקער, זענען אונזערע עינויים א באוויז אז די מענשהייט איז נאָך ווייט ניט אויסגעהיילט פון איר קראַנקהייט.

דאָס בוך ווערט פאַרענדיגט אין דער שעה פון מענשלעכען נצחון און פולשטענדיגער מפּלה פון נאַצי־פאַשיזם. די מענשהייט האָפט אויף דער איצטיגער נייער עפּאָכע, זי זאָל ברענגען גליק, צופרידענהייט און אייביגען פרידען.

דערווייל לעבען מיר אָבער נאָך איצט, נאָכ׳ן קריג, אין א צעשויבערטער גייסטיגער אויפגערודערטקייט. נאָכן איבערגאַנג פון צייט־שטורעם, איז נאָך אַלץ דער אויפברויז ניט איינגעשטעלט געוואָרען און א בוך אויף אזא טעמאטיק, ארויסברענגענדיג דעם אמת פון אידישער באציאונג צו דער ניט־אידישער וועלט, איז צייטיג און אקטועל, איז א „דבר בעתו”. איינמאָל פאר אלעמאָל פעסטשטעלען, וואָס אידען, טראַכטען וועגען ניט־אידען, היידען, קריסטען און מאכמעדאנער באזירט אויף ליטעראַרישע פאַקטען, ווייזענדיג פריער פאר אונז און דורך אונז דער וועלט, דעם גאַנצען מאָראלען צונויפהאלט פון אונזער פאָלק. אפשר וועט דאָס זיין א שטיקעל טרייסט פאר אונז, אין דער איצטיגער נאָך מלחמה׳דיגער גרוילִיגער צייט, פאר די ביטערע נאָכוויינישען . . .

אמת, פאר אונז אידען קען קיין טרייסט ניט געפינען ווערען. דער קערענדיגסטער טייל פון אונזער פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרען פון די נאַצי־דייטשע באַרבאַרען. דאָס וועט שוין בלייבען א „בכיה לדורות”, די גרויסע אידישע צענטערען אין פוילען און אין אייראָפּע בכלל, וועט מען שוין ניט קענען אויפבויען אין זייער אמאָליגע גלאַנץ. מיר האָפען אָבער אז די נייע תקופה פון מענשליכען וואוילזיין וועט אויך ברענגען די דערלייזונג פארן אידישען פאָלק, דער ווידעראויפלעבונג פון א פאָלק און א לאַנד, די ישועה פאר דער שארית הפליטה, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם גרויליגען פעריאָד און וואָס האָפט זיך אומצוקערען צום לאַנד פון זייערע אבות און דאָרט צו לעבען א מנוחה׳דיג לעבען, באזירט אויף סאָציאַלען יושר.

* * *

ווי געזאָגט, איז דאָס בוך געשריבען אונטער שווערע באדינגונגען אין דער שווארצער פינסטערער שעה פון נאַצי־טיראַניי און איז פאַרענדיגט געוואָרען אין דעם ליכטיגען לאַנג־געגאַרטען מאָמענט וואָס איז געקומען מיט א קאַליידאסקאָפּישער שנעלקייט און פּלוצלונגדיגקייט. מיר האָבען זיך באַמיט מיט אלע כחות ניט צו ווערען דאָמינירט פון געפילען און פון שטימונגען, ניט צו זיין צופיל סענטימענטאַל, עמאַנציאָנעל, צו שטיין אויפן גראָדלִיניגען שכל, צו זיין אָביעקטיוו אין פאָרשען, אנאַליזירענדיג די סך־הכל׳ן און די מאָטיוען אויף א וויסענשאַפטלעכען אופן באַגרינדעט אויף מקורותדיגע שטעלען. צוליב כמה טעמים, ספּעציעל פינאַנציעלע שוועריגקייטען געמוזט קירצען דאָס בוך אויף עטלעכע קאַפּיטלען, ארויסלאָזענדיג וויכטיגע שטעלען אין דעם באהאנדעלטען געגענשטאַנד. ס׳האָט מיר אויך אויסגעפעלט געוויסע ספרים וועלכע כ׳האָב בשום אופן ניט געקענט באַקומען אין אונזער מקום.

צוליב׳ן דוחק אין דרוק־ארבעט און אנדערע קאָמפּליקאציעס, זענען אריינגעפאלען עטלעכע דרוק־פעלערען וואָס כ׳האָב ניט געקענט מתקן זיין און עס איז אויסגעלאָזען געוואָרען דער זוכצעטעל („אינדעקס”) וואָס איז צוגעגרייט געוואָרען צום דרוק, אויך די ביבליאָגראפיע וואָס האָט געזאָלט אריין.

כדי דאָס בוך זאָל ניט בלייבען פארזיגעלט, האָב איך זיך באמיט צו שרייבען ווי ווייט מעגליך פּאָפּולער, דער אידיש־לייענער זאָל לייכט קענען באנעמען די אויס־פירען און פארשטיין די ציטירטע מקורות. איך האָב זיך באנוצט מיט שטעלען פון תנ״ך, תלמוד, מדרש־ליטעראטור, ליטעראטור וואָס איז דערשינען נאָך דעם שלום פון תלמוד, ווערק פון די גאונים, פייטנים און אָפט גענוצט די מעטאָדע פון „מועט המחזיק את המרובה״, אויסמיידענדיג אריכותדיגקייט.

דאָס בוך איז געטיילט אין דריי טיילען וועלכע האָבען א טעמאטישע שייכות צווישען זיך, כאָטש ניט קיין פולשטענדיג איינהייטלעכע. דער צוועק איז צו ווארפען א ליכט אויפן סאָציאלען מאָטיוו פון יהדות א פּרואוו צו באווייזען וויפיל עטישע שיינקייט און דערהויבענקייט עס ליגט אין די ווערק פון די אידישע גאונים, די באַ־קעמפער פון סאָציאלער רשעות אין אלע צייטען, די היטער פון יושר און צדק, די לערער פון אהבת השם און אהבת הבריות.

צום סוף, וויל איך אויסדריקען דעם טיפסטען דאנק, מיין חשוב׳ען פריינט דעם באוואוסטען שריפטשטעלער און ביבליאָגראַף יצחק ריבקינד, פאר זיינע וויכ־טיגע באמערקונגען און אָנווייזונגען און בכלל פאר זיין מיטהילף אין מיין שטודיום. ער איז געווען צו מיר ווי א „מורה דרך״ און איך שאַץ דאָס זייער אָפּ. איך וויל דאָ אויך אויסדריקען אַ דאנק צו אלע מיינע ליבע קאָלעגען, פריינט און חברים וועלכע האָבען דערמעגלעכט די דערשיינונג פון דעם ווערק וואָס איז א ספר אין אידיש־לשון, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן ניט אויף צו דערמאנען זייערע נעמען, נאָר כדי אויסצודריקען זייער אנערקענונג און אכטונג צו מיר. איך וויל דערמאנען איינציגע פון זיי: הרב פּינחס גרויבארט שליט״א; ש. מ. שאפּיראָ רעד. פון „אידישען זשורנאַל״; הרב דוד קירשענבוים, לאָנדאָן אָנט.; די הינע כלל און קולטור־טוער וו. אַגראַנאָוו; י. לעווין; ה. גארפינקעל; ישראל וויינבערג ;ס. שאנאָוו; אדוואָקאט ל. י. צוקער; דער היגער תורה ועבודה באוועגונג; אברהם יהושע בראכמאן, פאָרט וואָרט, טעק.; א. א. זיי האָבען מיר ארויסגעוויזען א ביז גאָר ווארעמען אינטערעס.

זכרה להם אלהי לטובה.

אסרו־חג, שבועות תש״ה (20־טער מאי, 1945) טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

I

דער פרעמדער אין דער אלטער אידישער ליטעראטור

באציאונג פון איד צו ניט-איד

אונזער ליטעראטור אין בײדע שפראכען איז זײער רײך, וואָס שײך דעם שטודיום, וועגען דער וועלטס באציאונג צום אידישען פאָלק. מיר פאָרשען שוין א לענגערע צײט, די באזונדערע כאראקטערען און פאָרמען פון אנטיסעמיטיזם, זינט דעם אלטערטום ביז צו אונזער עפּאָכע. מיר זענען פאראינטערעסירט אויסצוגעפינען די סיבות, די קאאוזאליטעטען פון דער שנאה צום איד, כדי צו װיסען װי אזוי צו באקעמפען און אויסצואװאָרצלען אָט די חולאת וואָס האָט זיך ארײנגעכאפּט אין מענשליכע מוחות און נאָך מער אין מענשלעכע הערצער.

מיר האָבען אויך א היפּשלאך־רײכע ליטעראטור אין אלע מאָדערנע שפּראַכען פון דער ציוויליזירטער וועלט וועגען אידישען אָפּשטאם, וועגען אידישען גלויבען און וועגען דעם אידישען נאציאָנאליזם. דאָס איז, געוויינלעך, א טעמע, פאר סאָציאָלאָגען, ביאָלאָגען און קענער פון אנטראָפּאָלאָגיע, פון וויסענשאפטלעכען שטאנדפּונקט; ניט־וועניגער, איז עס געוואָרען די טעמע פון פילאָזאָפען, פּאָליטיקער און פובליציסטען און סתם אזוי שרײבער און דײנקער וואָס האלטען עס פאר א שטענדיג אקטועל ענין. אלע, סײ אידען און סײ ניט־אידען זוכען צו פארענטפערען די שוין לאנג־געפרעגטע פראגע: זענען אידען א ראסע? זענען זײ א שטאם, א באזונדערע געמײנשאפט פון בלוט־פארוואנדטע, א. א. וו.

די אנטיסעמיטישע און האלב אנטיסעמיטישע געלערנטע פון 19־טען און 20־טען יאָרהונדערט, אָנהײבענדיג פון ערנסט רענאן (1823־1892) דעם פראנצויז ביז צו פּראָפעסאָר ווערנער זאָמבארט (1863־1941), דעם דײטש, האָבען זײער פיל באזירט זײערע פאראורטײלען געגען אידען און אידענטום אויף ציטאטען פון תנ"ך און תלמוד, איבערהויפּט אויף תלמודישע שטעלען, וואָס קענען פאלש אויסגעטײטשט ווערען און ניט יעדער ווײס דעם אמת'ן טײטש און כוונה. איז דאָך דער תלמוד געוואָרען א פארמאכט ספר אפילו פאר א גרויסען טײל אידישע אינטעלעקטואלען, פאר א גרויסען טײל אידישע שריפטשטעלער און שוין אָפּגערעדט פון אידישע מאסען, פאר וועלכע דער תלמוד איז שוין פון לאנג א „ספר התום" און אן אנטיסעמיטישער טעאָלאָג האָט שטענדיג אין תלמוד געפונען דאָס פלאץ וואו צו פעלשען, צו פארדרײען ציטאטען און זײ אויסנוצען אויף אנטי־אידען אטאקעס. אויב אין געשיכטע איז זײ ניט לײכט געוועט פאָרצוזעצען אפּיאָנס * שיטה

*) אפּיאָן, אן עגיפּטישער גריך וועלכער האָט געלעבט מיט איבער צוויי טויזענט יאָר צוריק, האָט אָנגעשריבען א בוך געגען אידען און זיך באנוצט מיט פארשײדענע בלבולים. דער אידישער היסטאָריקער יאָזעפוס פלאוויוס (אין העברעאיש יוסף הכהן) האָט אָנגעשריבען א בוך א. נ. „אנטי אפּיאָן" (צוויי טײלען) צו באווײזען זײנע פאלשע באשולדיגונגען. אויך פילאָ דער בארימטער אידישער פילאָזאָף פון אלעקסאנדריע (פילון היהודי), האָט אים שארף אָפּגעענטפערט.

אין פעלשען היסטאָרישע פאַקטען, ווייל ס'האָבען זיך שטענדיג געפונען די פלאוויוסעס, וועלכע האָבען אויפגעדעקט זייערע שווינדלערייען און פאַלשע היפּאָ־טעזען; איז עס זיי לייכטער אָנגעקומען צו פעלשען תלמודישע מקורות אויף צו באַ־ווייזען פאַרדאָרבענקייט ביי אונזערע חכמים וועלכע זאָלען האָבען אונז געלערנט ווי צו האַסען די וועלט, ווי צו האַסען די מענשהייט און ווי צו האַלטען זיך פאַר דאָס אויסדערוויילטע פאָלק און פאַר די אויסדערוויילטע מענשען.

אין מיינער א באזונדערער ארבייט וועגען אורשפרונג פון אנטיסעמיטיזם, האָב איך, לויט מיינע באשיידענע כחות, באוויזען ווי אזוי אידען־פיינט אין אלע צייטען האָבען זיך באמיט צו פעלשען געשיכטלעכע פאקטען, אפילו אזעלכע „דעבודי לגלויי”, כדי צו ציען זייערע געוואונשטע קאָנסעקווענצען. איך האָב אויך באוויזען ווי פיל זענען באאיינפלוסט געווען פון רער סביבה און פון אייגענע טענ־דענצען, אז זיי האָבען געמיינט, אז זיי דערציילען דעם אמת וועגען אידען, ניט פי־לענדיג אז פון זיי רעדט ארויס עמאָציאָנעלער האַס; אז זיי זענען באהערשט פון יודאָפאָבישע געפילען.

צו די ערשטע געהערט דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס (געב. לערך 47 נ. ק. געשט. לערך 117 נ. ק.) וועלכער איז אָפּיציעל פון טיטוס'ען מיט פיל מע־דאַלען באשאָנקען געוואָרען פאַר זיינע מיליטערישע פאַרדינסטען אָבער מן הסתם צוליב זיינע פאַרדינסטען אלס פעלשער פון אידישער געשיכטע, פאַר זיינע בלבולים אויף אידען, פאַר זיינע ווילדסטע מעשות וועגען דער אידישער אמונה. צו דער אנדערער קאַטעגאָריע געהערען אזעלכע קולטור היסטאָריקער ווי וועלהויזען, רענאַן און אנדערע וועלכע שטיצען זיך אויף אזעלכע פעלשער פון היסטאָריע ווי טאַציטוס, אפּיאָן און זייער גלייכען.

אידען האָבען שטענדיג זיך באמיט אָפּצוענטפערען די אנטיסעמיטישע אטאַקעס, צו פאַרטיידיגען זיך קעגען די אָנגרייפער מיט פאַלשקייטען, ספּעציעל אין דייטשלאַנד וואו דער אנטיסעמיטיזם האָט נאָך אין פאָריגען יאָרהונדערט באקומען אַן אויבנאָן אין די גאָר הויכע פענסטער. אזוי, האָט לודוויק באַמבערגער, דער באַ־רימטער אידיש דייטשער שטאַאַטסמאַן און ביסמאַרק־פריינט פאַרעפענטליכט א ווערק א. נ. „דייטשלאַנד און דאָס אידענטום”, ענטפערענדיג אויף די דעמאָלטדיגע ווילדע אנטיסעמיטישע אטאַקעס, ספּעציעל אויף די גיפטיגע ארטיקלען פון היינריך פאָן טרייטשקע, וועלכער האָט פאַר דעם צוועק ארויסגעגעבען יאָרביכער א. נ. „פּרויסישע יאָרביכער *).

אזוי גבריאל ריסער (1806־1863) אן אייניקעל פון בארימטען דייטשען רב ר' רפאל כהן (רב אין אה"ו־אלטונא, האמבורג וואנדסבעק) איינער פון די דריי רבנים וואָס האָבען מחרים געווען מענדעלסאָנס „באור” (דעם איבערזעץ פון תנ"ך אין דייטש) וועמעס ביאָגראַפיע ער האָט געשריבען אין זיין ספר „זכר צדיק”. ווי א שטאָלצער נאציאָנאַלער איד, א טריי־איבערגעגעבענער צום אידישען פאָלק, האָט רי־סער אין 1832 ארויסגעגעבען א שריפט מיטן נאָמען „דער יודע” דורך וועלכער ער האָט געפירט דעם קאַמף מיט די אידען־פרעסער. ווי א טרייער בירגער פון דייטשלאַנד

*) לודוויק באַמבערגער (1823־1899) איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ליבעראַלער פאַרטיי אין דייטשלאַנד.

האט ער געקעמפט ניט בלויז פאר דייטשלאנדס פרייהייט און וואוילשטאנד נאר בעיקר פאר דער פרייהייט פון אידען אין דייטשלאנד.

די ענטפערס זענען אבער אין מערסטע פאלען געווען בלויז אויף צו באווייזען די נוצלעכקייט פון אידען אין זייערע וואוין־לענדער און אז דער אידישער שטאם איז א פיינער און פאסט זיך אריין צווישען דער ריינער ארישער ראסע. אזוי למשל האט באמבערגער באוויזען דעם פאלשען היסטאריע־שרייבער טרייטשקע, אז אידען האבען פיל בייגעטראגען צו דייטשלאנד'ס אנטוויקלונג און פארטשריט אויף אלע געביטען פון מענשלעכען שאפען. ער גייט אזוי ווייט אין דערקלערען דעם איד'ס ליבע צו דייטשלאנד, אז ער בארימט זיך אז אידען האבען איבערגענומען דעם דייטשען שפראך־דיאלעקט, אז אידען האבען זיך שטארק אסימילירט אין דייטשלאנד . . . ער באווייזט אויך, אז אידען האבען זיך באזעצט אין דייטשלאנד אין דער גאר ערשטער פעריאדע פון איר היסטאריע און אז זיי האבען געגנוג בלוט פארגאסען ביי די טייכען פון רהיין און דאנוי, דעריבער קומט זיי בירגערלעכער גלייכבארעכטיגונג, א. א. וו.

גאר ווייניג איז אין אידיש געשריבען געווארען וועגען א ו נ ז ע ר באציאונג צום ניט־אידען; נאך ווייניגער גיט מען זיך אפ מיט שטודירען די ביבליש־תלמודישע באציאונג צום פרעמדען. אויב אזא זאך, ווערט זעלטען־ווען געטאן, ווערט עס געמאכט על רגל אחת, מען איז יוצא מיט איין אדער צוויי צייטונגס ארטיקלען און דערביי בלייבט עס. *)

ניטא דער פארשער, דער אמאליגער גריבלער וואס זאל זיך אפגעבען מיט צונויפקלייבען א ל ע מאטעריאלען פון תנ"ך און תלמוד און בכלל אלץ וואס עס געפינט זיך אין דער אידישער ליטעראטור וועגען אט דער באציאונג צום ניט־איד, צום מענש אלס אזעלכער. פארוואס זאלען מיר ניט וויסען וועגען דער אידישער באציאונג צו די אריינגעוואנדערטע אין ארץ ישראל, אין יענער צייט ווען אידען האבען געהאט אן אייגען לאנד, געפירט א זעלבסטשטענדיגע אומאפהענגיגע מלוכה אויף דער טעריטאריע פון דן ביז באר שבע? . . . די צייט איז רייף פאר אזא גרינט־לעכע פארשונג. אויב דאס ווערט ניט געטאן, איז עס דערפאר, ווייל מיר זענען אזוי פארנומען מיט לייזען הייגטצייטיגע, געגענווערטיגע פראבלעמען אויסצוגע־פונען די דיאגנאסטיק צו היינטיגע צרות, אז עס בלייבט שוין ניט קיין צייט דערויף, צו שטודירען אונזער פארגאנגענהייט, אונזער אייגענעם וועזען, און אונזער איי־גענער אויפפאסונג.

---

*) כדי צו האבען א באגריף, וועגען די ארבעטען אויף דער טעמע, איז כדאי א קוק צו טאן אין דעם ביבליאגראפישען ווערק „עין משפט" פון דר. שמואל אייזענ־שטאדט ירושלים, התרצ"א, ז"ז 139—143; 406. מערקווירדיג, דער מחבר דערמאנט ניט קיין איין ארטיקעל, (שוין אפגערעדט פון בוך) אין אידיש וואס באהאנדלט דאס פראבלעם פון באציאונג צום פרעמדען. מעגליך, אז דעם מחבר זענען ניט געווען באקאנט אזעלכע ארבעטען אין אידיש אדער ניט געהאלטען פון די אידיש מאמרים.

זינט דער דערשיינונג פונם „עין משפט", איז די ליטעראטור וועגען פרעמדע און גרים פיל בארייכערט געווארען. אויך אין אידיש זענען די לעצטע יארען דער־שינען וויכטיגע באלערענדע ארטיקלען אבער ווייט פון זיין פולשטענדיגע אויס־שעפענדיגע אפהאנדלונגען.

אין מיין איצטיגער פאָרלייגענדער עסיי, וויל איך אויף א גאַר בקיצור'דיגען אופן ארויסברענגען אין **אלגעמיינע** שטריכען די תנ"כי'ש־תלמודישע באַציאונג צום **פרעמדען** און צום **מענש** בכלל; אויף א פּאָזיטיווען אופן, אָן איבריקע פּאָלעמיק מיט די פאלשע עקספּערטען ארויסברענגען די הויך־עטישע און מאָראַלישע באַציאונג פון תנ"ך און תלמוד צו דעם ניט־איד. דאָס וועט זיין גלויב איך דער בעסטער ענטפער צו די יעניגע, וועלכע באַמיען זיך צו פארדרייען פאקטען און שטעלען פון תלמוד, כדי צו באווייזען די פאַרדאָרבענקייט פון דער תלמודישער געזעצגעבונג, דעם מקור פון אונזער קאָדעקס דעם שלחן ערוך.

אין מיין איצטיגער ארבעט, וויל איך זיך באמיען צו מאכען לכל־הפחות א פּרואוו, א התחלה אזוי צו זאָגען, פון אויספאָרשען און אויפקלערען די ביבליש־תלמודישע באַציאונג צו גרים און צו פרעמדע פעלקער אין אלגעמיין, וואָס איז, ווי מיר וועלען ווייטער זען, באַהויכט פון עטיש־מענשלאַכע און מאָראַליש־רעליגיעזע עיקר פּרינציפּען. מיר, אידען, דער שטאם אין די מערב לענדער, וואָס איז פאר־בליבען פון די אוראַלטע לעגענדארישע צייטען, זוכען פון תמיד אָן געמיינזאַמען שלום, איך וואָלט זאָגען, געמיינזאמער פארברידערונג צווישען פעלקער. איז דאָס בלויז דערפאר, ווייל מיר זענען די גליטענע, די שטענדיג אונטערדריקטע מינדער־הייט? יעקב, דאָס הויז פון יעקב, זוכט שטענדיג שלום און וואוילזיין ניט בלויז פאר זיך, נאָר אויך פאר זיינע שכנים ווי די אגדה טייטשט דעם ויירא־ויצר, ס'האָט יעקב'ן לייד געטאָן, טאָמער וועט ער שלאָגען עשו'ן. און ניט בלויז אין גלות, נאָר אפילו אין ארץ ישראל ווען אידען זענען געווען די דאָרטיגע הערשער, זענען אידען געווען ווייט פון אגרעסיע און שאָווינסטישען נאציאָנאליזם. דער ווילען פון שלום און גערעכטיגקייט פאר זיך און פאר דער וועלט, דאָס צווייפלען אין דער מאכט פון קריגס ארמייען איז אין אונז איינגעוואָרצעלט זינט דער פּראָקלאמירונג פונם נביא אז „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי" . . .

אונזער פּאַציפיזם איז אזוי אלט ווי אונזער תורה, אזוי אלט ווי אונזער פאָלק. נאָך זיצענדיג אויף איינענעם באָדען האָט דאָס פאָלק ישראל, יעדענפאלס די פירער און די נביאים, געזוכט דעם אלגעמיינעם שלום, דער אוניווערסאלער אחדות. שוין אין יענער ערשטער עפּאָכע פון אונזער געשיכטע אלס פאָלק־קאָלעק־טיוו, האָבען אידישע וויזיאָנערען געזען ווי ענג פארבונדען עס איז דער גורל פון דעם אידישען פאָלק מיטן גורל פון דער וועלט. *)

אין גלות, גליטענע אלס נאציאָנאלע מינדערהייט, זענען מיר קיינמאָל ניט ארונטער פון אָט דעם **היסטאָרישען** וועג און נאָך מער, מיר האָבען באוויזען, אז מיר זענען גרייט זיך צו אָפּפערען פאר גערעכטיגקייט אידעאלען, פאר אזעלכע אידעאלען וואָס האָבען א שייכות מיט דער גאולה פון דער גאנצער מענשהייט, מיטן קיום פון דער גאנצער וועלט.

---

*) וועגען אידישען העלד דוד, דער באַזיגער פון גלית, דעם ריז פון די פּלשתים, איז פאראַן אַן אגדה, אז ווען זיינע גענעראלען זענען צו אים געקומען, האָבען זיי אים געטראָפען זיצען על התורה ועל העבודה, געלערנט תורה און געשריבען זיינע פּרקים תהלים. ווען די חכמים זענען געקומען צו אים, האָבען זיי אים געטראָפען געקליידט אין אוניפאָרם, אין גענעראלסקער אויסשטאטונג . . . דוד פארקערפּערט מיט זיך דעם „איש־צבא", דעם מיליטערמאַן וואָס איז א „נעים זמירות ישראל", וואָס שרייבט ברוח הקודש, פּרעכטיג־הייליגע לירישע געזאַנגען צו גאָט.

אין גלות איז געשטארקט געווארען דער סינטעז פון איד־מענש, אדער, ווי מ'פלעגט אין השכלה צייטען עס רופען: „איש יהודי”; מענש און איד אין גאס, מענש און איד איד ביי זיך אין הויז. דעם אמתי'ן איד וואס פירט זיך לויט די רעליגיעז־עטישע פרינציפען, אים, איז פרעמד דער עגאאיזם וואס באהערשט היינט צו טאג דעם גרעסטען טייל פון דער מענשהייט און וואס איז, לויט די ווערטער פון גרויסען דייטשען פילאזאף שאפענהויער (1788־1860) די גרעסטע געפאר פאר וועלט קיום. דער איד ווייס, אז „אל אחד בראנו, אב אחד לכולנו” *) אז גאט האט באשאפען די גאנצע וועלט, אלע באשעפענישען, אלע מענשען אן אונטערשייד פון ראסע אדער קאליר. דאס פאלק פון דער מאנאטעאיסטישער אמונה, האט אויסגעווארצעלט ביי זיך דעם עגאאיזם אזוי, אז ער זאל קיין פלאץ ניט געפינען. אפילו ביי די, וועלכע זע־

דוד איז דער חסיד, וואס זוכט ניט קיין כבוד, זוכט ניט קיין לוקסוס, וואס פארנעמט זיך מיט פסק'ענען שאלות, מיט זאגען לויב צום באשעפער, מיט לערנען תורה ביי מפיבושת זיין רבי, ועמען ער רעספעקטירט אפילו ווען דער לעצטער טוט אפ זאכען געגען זיין ווילען.

איבער דוד'ס בעט, הענגט א פידעל, וואס וועקט אים אויף האלבער נאכט, ער זאל זיך נעמען צום לערנען. ער פארנעמט זיך יעדען טאג מיט די פראבלעמען פון די אידישע מאסען און זארגט פאר זייער פרנסה און וואוילזיין אין אלגעמיין. (זע ברכות ג' ע"א; ד' ע"ב).

דוד'ס טאג לערנען איז טייערער ביי גאט ווי שלמה המלך'ס טויזענט עולות — כי טוב לי יום אחד בחצריך מאלף עולות (זע שבת ל' ע"א).

דוד'ס פערזענלעכקייט, דאס קאנטראסטישקייט אין אים האט שטענדיג גע־צויגען די אויפמערקזאמקייט און פאנטאזיע פון היסטאריקער, דיכטער און דראמא־טורגען. ער איז א קאליר־רייכע פערזאן, א שטורמישע דינאמישע פערזענליכקייט. גרויסער שטאטסמאן, פאליטיקער און סטראטעג און גלייכצייטיג ראמאנטיקער היי־ליגער משורר, דער „יודע נגן”. . .

אלץ וואס ווערט דערציילט אין תנ"ך וועגען דוד איז וואונדערלעך, מערקווירדיג און דראמאטיש. ער איז אלצדינג און אין אלץ איז ער דער אויסגעצייכענטער. ער איז גרויס אין קריג און אין ליד; ער איז גרויסער בעל רחמנות און שטרענגער קריגס־פירער; ער איז ראמאנטיקער און שטאאטסמאן. אין מועד קטן (ט"ז ע"א) ווערט ער כאראקטעריזירט אלס מערקווירדיגע פערזענלעכקייט: „בשעה שהיה יושב ועוסק בתורה היה מעדן עצמו כתולעת. בשעה שיצא למלחמה היה מקשה עצמו כעץ . . .” די גמרא (מגילה י"א) דרש'ענט אויף דעם פסוק „ודוד הוא הקטן” — הוא בצדקתו מתחלתו ועד סופו.

גאר לעצטענס איז דערשינען א ביז גאר אינטערעסאנטער ראמאן וועגען דוד המלך פון ענגלישען מיניסטער דאף־קופער, א אידען־פריינט און קעמפער קעגען נאציזם־פאשיזם נאך איידער דער קריג האט אויסגעבראכען. דעם ראמאן האט דער ענגלישער מיניסטער געווידמעט דעם אידישען פאלק. ער שרייבט: דאס בוך איז גע־ווידמעט דעם אידישען פאלק וועמען די וועלט האט צו פארדאנקען דאס אלטע און נייע טעסטאמענט און נאך א סך אינם אוצר פון שיינקייט און וויסען — א חוב וואס איז שלעכט צוריקגעצאלט געווארען.

אינם בוך ווערט דערציילט פונם לעבען פונם אידישען פאסטוך קעניג דער „זיסער זינגער” און וואונדערליך הארפע קינסטלער, וועמעס ספר תהלים, איז געווארען דאס הייליגע ווערק פון דער מענשהייט.

דוד מלך ישראל חי וקים, ער לעבט אייביג, עקזיסטירט אייביג ביים אידישען פאלק. דוד המלך איז דער פאפולערסטער קעניג ניט בלויז ביי אידען, נאר ביי דער גאנצער וועלט. ארום אים וועבען זיך אלערליי לעגענדעס, אלערליי מעשות וואס פארבינדען אים מיט דעם משיח אידעאל, מיט דער אויסלייזונג פון גלות און באַ־פרייאונג פון ארץ ישראל.

---

*) זע, תענית י"ח ע"א; ר"ה י"ט ע"א, „אמרו: אי שמים, לא אחים אנחנו, לא בני אב אחד אנחנו . . . מה נשתנינו מכל אומה ולשון שאתם גוזרים עלינו גזרות רעות? ובטלום ואותו היום עשאוהו יו"ט”.

נען אוועק פון ריינעם גלויבען, צו דער פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט, וועט מען קיינ־מאָל ניט געפינען אין זייערע טעאָרעטישע און וויסענשאַפטלעכע דערקענטנישען די נטיות צו עגאָאיזם און זעלבסט־באַפרידיגונג. שטענדיג קומט צום אויבערפלאַך דער טיפער גלויבען אין דער צוקונפט, דער גלויבען און האָפענונג אויף א בעסערער מענשהייט איז א גליקליכערער וועלט. עס שטראַלט ארוים פון זיי דער אידישער בטחון און אָפּטימיזם. אויך איבער זייער געדאַנק רעפלעקטירט די אידישע נבואה, די רעליגיאָזיטעט און הייליגע טראַדיציע, וואָס איז געוואָרען קולטור־געשיכטע ביים אידישען פאָלק און האָט געלייגט א חותם אויך אויף דעם פרייען געדאַנק פון אידישען מוח.

מיר זענען שטענדיג געווען א פאָלק פון שלום. מיר האָבן אָט די תשוקה נאָך שלום אין אונזער בלוט אריינגעזויגען. אונזער שטרעבונג איז אויף אין אחרית הימים ווען שווערדען וועלען איבערגעשמידט ווערען אויף אקער אייזענס און שפּיזען אויף שנייד־מעסערס און מ'וועט מער ניט דארפען לערנען קיין מלחמה. דער איד האָט שטענדיג געהאַט א טענדענץ, א נטיה צו הארציגע פריינטלעכע באַנעמונגען צו אלע מענשען, אָן אויסנאַם פון ראַסע און נאַציע. דעם דאָזיגען אינסטינקט האָבען אידען גע'ירש'ענט פון זייערע עלטערען.

אין דער דאָזיגער אומגעענדערטער אנטוויקלונגס־ריכטונג זענען אידען גע־גאַנגען. ביי פיל איז עס באַטראַכט געוואָרען פאַר א מערקווירדיג ביאָלאָגישע דער־שיינונג ביים אידישען פאָלק דאָס טריי בלייבען צו זיך און צו דער וועלט . . . זייענ־דיג באַווירקט פון דרויסענדיגע פאַקטאָרען און געשיכטלעכע פּראָצעסען, האָט אידיש פאָלק אָנגעהאַלטען זיין ריכטונג און ליניע, אָנגעהאַלטען דאָס ספּעציפיש־האַרמאָ־נישע אייגענאַרטיגקייט. א פאָלק צווישען פעלקער, האָט אידיש פאָלק געזוכט צו זיין א מוסטער פאָלק אויף א פּראָגראַם פון חוקים ומשפטים צדיקים פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ביי דער געלעגענהייט, וויל איך דערמאָנען מיין אומפאַרגעסליכען רבי'ן, ר' יהודה ליב גרויבארט ז"ל, וועלכער האָט, ווי א רב, זיך באמת קלאָר צו מאַכען לויט דער תלמודישער ליטעראַטור און אויפפאַסונג פיל פון די אויפגעשוואומענע פראַגען. אין זיין ספר „ימין ושמאל", באַרירט ער די פראַגע פון אידישען פּאַטריאָטיזם פון א קאָלעקטיווען כאַראַקטער. מיט געוואַלטיגער ערודיציע באַווייזט ער די שטרענגע מאָראַלע פּרינציפּען וואָס חכמי התלמוד פאָדערען פון אידישען מענש, סיי בנוגע די באַציאונגען צו גאָט, סיי בנוגע די יחוסים צום איד־מענש און סיי בנוגע צום מענש אין אלגעמיין. ווי א באַרופענער צו אָט אזא טעמע באַווייזט ער ווי אהבת השם, אהבת ישראל און אהבת האדם גייען זאַלבעדריט אין דער תלמודישער ליטע־ראַטור און זיינען אין איינקלאַנג מיט אידישען גייסט. אָבער אויך ער, האָט ניט גענוג אויסגעברייטערט אָט די דאָזיגע טעמע און אודאי זיך ניט גענוג באַמיט צו פּאָ־פּולאַריזירען זיינע אנשויאונגען און באַהויפּטונגען. זיינע געדאַנקען זענען דעריבער געבליבען דער קנין פון געציילטע, פון יחידים.

א. — דער נאָמען „גוי“. — דער טייטש פון וואָרט. — די באַציאונג צו היידען און צו קריסטען.

די אנטיסעמיטען מכל המינים, האָבען אויסגעטראַכט אז דאָס וואָרט „גוי“, איז א שרעקליך זידעל־וואָרט, מיט וועלכעס אידען אינסינואירען ניט־אידען. זיי באַהויפּטען, אז דאָס וואָרט „גוי“, וואָס ווערט אזויפיל מאָל דערמאָנט אין אונזער אלטער ליטעראַטור, מיינט אומריינער „טמא“; אז אידען רופען די אנדערע פעלקער אומריינע; אז אידען זענען די שאפער פון דער ראַסען טעאָריע, האלטענדיג זיך פאַר דער איינציגער ריינער ראַסע. געזעניוס *) ווענדט אָפּ די מיינונג אז גוי מיינט אומריין, אָבער אויך ער, איז מיט דער מיינונג אז גוי איז א זידעל וואָרט. לויט זיין באַהויפּטונג, ווערט דאָס וואָרט גוי גענוצט אויך אויף אנדערע בעלי חיים. אלס באַווייז ברענגט ער דעם פּסוק אין יואל: „כי גוי עלה על ארצי עצום ואין מספר“ (יואל א׳ ו׳) און ער וויל לערנען אז דער „גוי“ דאָרט איז דער היישרעק פון וועלכען עס רעדט זיך אין א פריערדיגען פּסוק. ער ברענגט אויך אלס באַווייז דעם פּסוק אין צפניה: „ורבצו בתוכה עדרים כל חיתו־גוי, גם קאת גם קפד בכפתריהו ילינו . . . (צפניה ב׳ י״ד).

דער באַוואוסטער פאַרשער ר׳ מאיר איש שלום ווענדט אָפּ אויך די דאָזיגע מיינונג און באַווייזט, אז ס׳וואָרט „גוי“ מיינט פאָלק, נאַציע און אז די נביאים יואל און צפניה, האָבען זיך באַנוצט מיט דעם וואָרט אלס משל. דער שורש פון דעם וואָרט איז „גוה־קוה“ וואָס מיינט אין העברעאיש קיבוץ, איינזאַמלונג, צוזאַמענקונפט — א גרופּע פאַרזאַמעלט און פאַראייניגט וואָס צייכענט זיך אויס מיט אנדערשקייטען פון די ארומיגע, לויטן אויסקוק אָדער לויט דער אויפפירונג. דאָס וואָרט „גוי“, באַדייט דעריבער א קרייז פון מענשען, דער קרייז קאָן זיין פון העכסטער אריסטאָקראַטיע אָדער פון נידעריגן אָפּשטאַם **). יעדענפאַלס, קיין זידעל־וואָרט איז עס געוויס ניט. געדענקען מיר דאָך ווי דער מלמד פלעגט פּשוט טייטשען „ויאמר ד׳ אל אברהם . . . ואעשך לגוי גדול“ — איך וועל דיך מאַכען פאַר א גרויס פאָלק (בראשית י״ב ב׳); „וברכתי אותה . . . והיתה לגוים . . . „איך וועל זי (שרה׳ן) בענשען און פעלקער וועלען פון איר ארויסקומען (דאָרט י״ז, ט״ז); ואברהם היו יהיה לגוי גדול און אברהם וועט ווערען א גרויס פאָלק (דאָרט י״ח, י״ח). ווען אונ־

*) היינריך פרידריך ווילהעלם געזעניוס (1786־1842) ווי זיין פולער נאָמען איז געווען, איז דער גרעסטער געלערנטער קריסט פון תנ״ך, העברעאיש און די מזרח שפּראַכען. זיין ווערק העברעאישע גראַמאַטיק, איז פון די באַרימטסטע גראַמאַטיק־ווערק אין פילאָלאָגיע.

**) יהודה דוד אייזענשטיין אין „אוצר ישראל“ ג׳, 257, ערך גוי, באַווייזט אז „גוי“ קומט פון גויה (גוויאָ) און גוף, מיינט קערפּער, דאָס זאָל זיין דער טייטש פון „הגוי גם צדיק תהרג“ (בראשית כ׳ ד׳). לויט די פסוקים אין תנ״ך, זעט אָבער אויס, אז גוי מיינט פאָלק, נאַציע.

זער מוטער רבקה איז געקומען פרעגן וועגן אירע ווייטאָגען, וועגן דעם „ויתרוצצו", דערציילט אונז די תורה: „ויאמר ד' לה שני גוים בבטנך" . . . צוויי פעלקער זענען אין דיין לייב און צוויי פעלקער וועלען זיך פון דיין אינגעווייד צעשיידען (בראשית כ"ה, כ"ג). דער תלמוד (ברכות נ"ז ע"ב; עבודה זרה י"א ע"א) קאָמענטירט דערויף: „זאָלסט ניט לייענען גוים נאָר גיים מיט צוויי יודן", ד. מ. צוויי גרויסע (שפיל־וואָרט: גיים־גאים), געמיינט אנטונינוס און רבי, פאַר וועלכע ס'איז קיינמאָל ניט אראָפּ פון זייער טיש, סיי זומער סיי ווינטער, ניט קיין רעטאָך און ניט קיין כריין *).

ווען אונזער אור־פאָטער יעקב האָט פאַרלאָזט לבנ'ען, האָט זיך גאָט באַוויזען צו אים, האָט אים געשטאַרקט און דערמוטיגט זיין אומקער צום פאָטערס הויז און אים געזאָגט: „אני אל שדי, פרה ורבה, גוי וקהל גוים יהי' ממך" (בראשית ל"ה י"א) — א פאָלק און א געזעמעל פון פעלקער זאָל ווערען פון דיר. רש"י (1040־1105) טייטשט דערויף, אז פאָלק איז געמיינט געוואָרען בנימין, וואָס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען געבוירען און קהל גוים גייט אויף אפרים און מנשה וואָס זענען אריין אין צאָל פון די צוועלף שבטים, גלייך ווי יעקבס קינדער.

די אידען ווערען ביי מתן תורה גערופען „גוי קדוש" (שמות י"ט, ו') א הייליק פאָלק און אין ספר דברים ווערען זיי פון משה רבנו טיטולירט אלס „עם חכם ונבון הגוי־הגדול הזה (דברים ד' ו'־ח').

אויך ביי די נביאים ווערט דאָס וואָרט גוי, גענוצט ניט בלויז אויף אנדערע פעלקער נאָר אויך אויף אידען. אין זיין תפלה צו גאָט וואָס האָט אים פאַרזיכערט א דינאַסטיע, דריקט זיך אויס דוד המלך, לויבענדיג די אידען, „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" (שמואל ב', ז' כ"ג). אזעלכע אויסדרוקען ווערען אומצעליגע מאָל ווידערהאָלט, ניט בלויז ביים „נעים זמירות ישראל", נאָר אויך ביי די אנדערע נביאים. אזוי, אז עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן אידיאָם „גוי", דאָס זאָל באַטראַכט ווערען פאַר א זידעל־וואָרט.

ערשט נאָך דער ביבלישער עפּאָכע, געפינט מען אמאָל דעם אויסדרוק פון גוי אויף אנדערע פעלקער, ווי „גוי שבא על גויה" א ניט־איד וואָס האָט געהייראַט מיט א ניט־אידען **) אָדער „שאזלה ואכלה בגוויתה" ***). דאָס איז אָבער

*) פון דאנען, און פון פיל אנדערע מאמרים אין תלמוד און מדרשים, זעט אויס, אז די חכמי התלמוד האָבען גערעכענט די רוימער, פאַר אן אָפּשטאַם פון עשו'ן. מיין רבי, דער באַרימטער גאון ר' יהודה ליב גרויבאַרט ז"ל, האָט וועגען דעם א וויכטיג־באַלערענדען מאמר אין זיין ספר „יביע אומר" (ז"ז 159־165), ברענגענדיג באַווייזען וואָס באַשטעטיגען די דאָזיגע מיינונג. עס זאָל הייסען, אז אליפז, עשו'ס זון איז אנטלאָפען צו די כתים, פון וועלכע ס'זענען ארויסגעקומען די רוימער־לאַטיינער. אין כת"י, האָב איך א קלענערע עסיי, אויף דער טעמע. דאָ, איז ניט דער פּלאַץ מאריך צו זיין.

**) ירושלמי יבמות פ"ד.

***) כתובות י"א ע"א.

ניט קיין אינסינואציע־ווארט, ווייל מיר געפינען דאך אין תלמוד אנשטאט גוי אדער גוים, דאס ווארט עממין פאר מענשען פון אנדערע פעלקער און דאס ווארט עס איז דאך זיכער ניט געמיינט צום שלעכטען. האבען דאך אויך די רוימער גערופען מענשען פון אנדערע פעלקער מיטן נאמען Gentilis וואס מיינט אן אפשטאם פון אן אנדער „גענס", פון אן אנדער פאלק און „גענטייל", רופען זיך דאך היינטיגע קריסטען וואס האלטען זיך זיכער ניט נידריגער פון די רוימישע היידען. פונקט ווי די רוימער האבען גענוצט דאס ווארט „גענטייל" אין ציווילען און געזעצליכען געברויך פאר מענשען פון אן אנדערען פאלק, אזוי האבען אידען גענוצט דאס ווארט גוי פאר אזעלכען וואס געהערט ניט צום אידישען פאלק, וואס האלט ניט פון דער אידישער אמונה.

גאר לעצטענס האט מען אין אידיש, אנגעהויבען נוצען דאס ווארט גוי פאר א איד וואס איז א ב ו ר, א פראסטאק וואס לערנט ניט, ווייסט ניט פון קיין אידי־שען מנהג א. א. וו. איז דאס אפשר א זידעל־ווארט פאר א איד אבער בשום אופן ניט פאר א ניט־איד. עס איז דאך זיכער ניט קיין זלזול פאר א ניט־איד, אז ער קען ניט קיין בלאט גמרא, אז ער האט ניט געלערנט שלחן ערוך, אז ער ווייסט ניט פון ר' יוסף קארו אדער רמ"א.

אין תלמוד ווערט געזאגט: „חייב אדם לברך בכל יום שלא עשני גוי" *). דאס איז זיכער ניט געמיינט צו חוזק'ן פונם ניט־איד, פונקט ווי די ברכה „שלא עשני אשה", מיינט ניט צו פארשעמען און דערנידעריגען די פרוי. לויט דעם תלמוד דארף א מאן האלטען טייער, אכטען און ליבען זיין פרוי. די ברכה איז בלויז א דאנק פאר זיין א איד, א מאן וואס איז מחויב אויף א סך מצוות, ווען א פרוי איז נישט מחויב אויף געוויסע מצוות.

די אנטיסעמיטען וואס גריבלען זיך אין אידישע ספרים, אידישע מנהגים און ליטורגיע שטעלען זיך אפ אויף דער תפלה וואס ווערט געזאגט פסח ביינאכט ביים סדר: „שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך, ועל ממלכות אשר בשמך לא קראו . . ." פסוקים פון תהלים (ע"ט ו'ז; ס"ט כ"ה; פון ירמיה (כ"ו כ"ה); און פון קינות (איכה ג' ס"ו).

(אין אידיש: גיס אוים דיין צארען אויף די פעלקער וואס ווילען דיך ניט קענען; און אויף די קעניגרייכען וואס ווילען דיין נאמען ניט רופען. ווייל ער האט פארלענדט יעקב'ן און זיין וואוינונג פארוויסט. גיס אוים אויף זיי דיין צארען און דיין בייזקייט זאל זיי גרייכען . . . זאלסט זיי פארטיליקען פון אונטער דיינע הימלען).

די דאזיגע תפלה ווערט ניט דערמאנט אין תלמוד. זי געפינט זיך אין ספרים פון מנהגים און דינים וואס זענען געשריבען געווארען נאך דער גאונים עפאכע, אין ספר אבודרהם (רבינו דוד בן דוד, תלמיד ר' יעקב בעל הטורים, „כתב ספרו בשנת ה"א ק' ליצירה") וואס האט דעם מנהג געפונען אין ספר „הפרדס" פון רש"י.

*) מנחות מ"ג ע"ב; ירושלמי ברכות פ"ט ה"א; תוספתא ברכות פ"ז; ימין ושמאל ר"ו. זע דארט ווענען סאקראטעס וואס האט יעדען טאג געמאכט א ברכה וואס ער איז באשאפען געווארען א מענש און ניט קיין בהמה; א מאן און ניט קיין פרוי; א גריך און ניט קיין בארבאר. זע אויך, דאווידסאן, „אוצר השירה", ז. 20. אין תלמוד (בבא מציעא נ"ט) ווערט געזאגט: „אשתך גוצא־גחיך לחיש לה", אז דער מאן זאל זיך באראטען מיט זיין פרוי און איר האלטען בכבוד.

דער רמ"א *), אין הלכות פסח, סימן תפ"א, דערמאָנט דעם מנהג צו זאָגען די פסוקים שפוך המתך . . .

איז, ראשית, זענען די ווערטער געשריבען אין גרוים פאַרצווייפלונג ווי דער מחבר פון דער הגדה זעצט פאָר: „כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו", זיי האָבען אויפגעפרעסען יעקבן און פאַרוויסט זיין וואוינונג; און געזאָגט ווערט עס, אין דער נאכט פון אונזער באפרייאונג, אין דער „ליל שמורים", וואָס דערמאָנט אונז אין א גלאָררייכען עבר. וואָס דען זאָלען געווען זאָגען יענע אידען וועלכע האָבען געלעבט אין צייטען פון קרייצצוגען, אינקוויזיציעס און אויטאָדאפעס און געזען פאר זיך בלויז שוואַרצקייט פון דער נאכט?

אין די עטלעכע בקשה־ווערטער, געפינען מיר אן אָפקלאנג פון פאַרביטער־רונג און פאַרצווייפלונג פון דער אומגליקליכער מאכטלאָזע אומה, וואָס געפינט זיך צווישען די פעלקער, ווי א שעפעלע צווישען וועלף, וועמענס כח איז ניט מער ווי מ י ט ן ק ו ל — רופענדיג גאָט צו נקמה־נעמען פון די ברוטאלע פעלקער.

א פאָלק וואָס איז ניט בכח צו שטעלען זיך קעגען זיינע אונטערדריקער; א פאָלק וואָס הערט אפילו ניט קיין טרייסט וואָרט; אזא פאָלק מעג דאָך לכה"פ איבער־געבען זיין משפט צום רבונו של עולם, האָפענדיג אז „אלקים יבקש את הנרדף".

לויט אייניגע קאָמענטאַרען אויף דער „הגדה", זאָל די תפלה זיין געווענדעט, קעגען די, וואָס האָבען חרוב געמאכט אונזער בית המקדש און פאַרגאָסען אונ־זער בלוט ווי וואסער, (ספר „אור ישרים").

ר' צבי הירש קאלישער (1804־1875) דער בארימטער גאון, תלמיד פון ר' עקיבא איגר און פאָטער פון רעליגיעזען ציוניזם שרייבט אין זיין פירוש אויף דער הגדה (ווארשא, תרבד): „די תפלה שפוך חמתך גייט אויף די, וועלכע האָבען חרוב געמאכט אונזער הויז . . . די היינטיגע פעלקער, אפילו די טערקען (די פון מאכמעדא־נישען גלויבען) ווייסען אויך פון אייניגען גאָט. זיי, טאָרען מיר ניט שילטען, ניט פון רעליגיעזען שטאנדפונקט און אויך כדי ניט צו שאפען שלעכטע באציאונ־גען" **).

אינם ספר „פחד יצחק", זאָגט דער מחבר ר' יצחק לאמפּנטרונא (נ' ה' תקי"ז) גאָר אויפריכטיג, ניט מחמת דער צענזור, אז וואו עס געפינט זיך אין זיין ספר, דאָס וואָרט „גוי", אָדער „גוים", איז ניט געווען אין זיין כוונה די קריסטען וואָס גלויבען אין אחדות אלקות, גלויבען אז גאָט האָט באשאפען די וועלט, האָבען געריכטען צו משפטן פאר מאָרד, גנבה, גזלה און אנד. פאַרברעכענס — פאר זייער גליק און שלום זענען מ י ר מ ח ו י ב צ ו ב ע ט ע ן, ווייל זייער גליק איז אונ־

*) רמ"א ר' משה איסרל'ס פון קראָקע, איינער פון די גדולי הפוסקים, חבר פון מהר"של, לובלין. אין די לענדער פון אשכנזישען אידענטום פסקענט מען לויט אים. ער איז נפטר געוואָרען אין עלטער פון זיבעציג יאָר, ל"ג בעומר, השל"ג (1573).

**) תפלת שפוך המתך מוסב על מחריבי הבית עובדי גלולים, שופכי דמים ועושים מעשי תעתועים, לא ידעו ה' . . . אבל עתה האומות הללו וכן הישמעאלים אף שלא קבלו את תורתנו בכל זאת יען שהם יודעים את ה' . . . חלילה לנו מלקללם מפאת דתנו או מרוע לב.

זערער, מיר לעבען מיט זיי און געניסען פון זייער וואוילזיין *).

אינם ספר „לב העברי" (חלק שני, ז"ז (183-185) פון עקיבא יוסף, דעם חתם סופר'ס א תלמיד, ווערט געבראכט א פסק־דין (פון יאר תרכ"ו) פון אונגארישע רבנים צו פארבאטען די דעמאלטדיגע רעפארמען ווי דרש'ענען אין דער שפראך פון לאנד, וועגען מאכען די בימה אין בית הכנסת ביים ארון קודש, וועגען די כארען און נאך אזעלכע ענליכע רעפארמען, וואס געוויסע מאדערנע רבנים האבען זיך גע־נומען איינפירען. צום סוף פון „פסק", ווערט צוגעגעבען אז אויסער די עניני דת זענען אידען געווארענט אין תנ"ך און תלמוד, צו האלטען הויך בכבודיג די פעלקער מיט וועלכע מיר לעבען:

„די תורה זאגט: לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו און די חז"ל זאגען: פונם גרוב וואס האסט געטרונקען וואסער, זאלסטו ניט אריינווארפען קיין שמוץ. אויב די מצרים וואס האבען אונז אזויפיל געפייניקט . . . זאגט די תורה, זאלסט ניט דערנידעריגען קיין מצרי, איז דאך, שוין אפגערעדט, די פעלקער, צווישען וועל־כע מיר וואוינען . . . מ'טאר דאך ניט זיין קיין כפוי טובה אויף וועמען ס'ווערט געזאגט אין משלי (י"ז, י"ג) „משיב רעה תחת טובה, לא תמוש רעה מביתו" **).

ניט נאר בלויז א גר נעמען מיר אזוי שיין אויף. אויך דעם גוי באהאנדלען מיר שיין און ערלאך: לא תתעב אדמי, כי אחיך הוא (דברים כ"ג ח') לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו (דארט).

זאלסט ניט פאראומווירדיגען אן אדומי, ווארום ער איז דיין ברודער; זאלסט ניט פאראומווירדיגען א מצרי; ווארום דו ביסט געווען א פרעמדער אין זיין לאנד. אפילו א זינדיג פאלק, א געמיין פאלק, ווי די מצרים זענען עס געווען, ווערען זיי ניט פארדאמט ראסלעך אדער נאציאנאל; זייערע זינד און מאראלישע דערנידערונג ווערען פארדאמט און געשטראפט.

דער רמב"ם (1135-1204), רעדענדיג וועגען די מצרים שרייבט צווישען אנ־דערעס: „עס איז שוין באוואוסט אלץ וואס די מצרים האבען אונז שפעטער שלעכטס געטאן, פונדעסטוועגען דארפען מיר געדענקען וואס זיי האבען געטאן פאר

*) ידוע תדע, כי בכל מקום אשר תמצא בספרי גוי או גוים . . . לא היתה כוונתי לדבר על המשיחים הנקראים בלע"ז קריסטיאני יען כי אינם עובדי עבודה זרה והם מאמינים באחדות אלקים ואינם חשודים אשפיכות דמים . . . ואין לנו חשש איסור ללמד להם דברי תורה . . . אלו הגוים אשר אנחנו אומה ישראלית חוסים בצל שלהם ומפוזרים ביניהם, הם מאמינים בחדוש העולם וביציאת מצרים ובכמה עקרי הדת . . . אנחנו חיבים להתפלל בשלומם . . .

זע „ימין ושמאל" רכ"ח, אז דאס לשון איז ניט אזוי פינסטלעך. דער אמת איז אז פיל פון די „קריסטיאני" גלויבען אין שתוף („טריניטי"־דריי אייניגקייט). עס אז א מחלוקת הפוסקים צי א „בן נח" איז געווארענט אויף א שתוף אדער ניט . . . זע תוספות סנהדרין ס"ג ע"ב אנהייב־ווארט אסור; רמ"א אורח חיים קנ"ג; פרי מגדים דארט און נודע ביהודה תנינא יורה דעה קמ"ח.

**) תורה אמרה, לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו ואחז"ל בירא דשתית מינה מיא לא תשדי ביה קלא, מעתה ק"ו הדברים אם מצרים שקרבו את ישראל רק לצורך עצמן והיתה להם שם ענויים קשים . . . אמרה וצותה תורה . . . לא תתעב מצרי. האומות האלה שאנו דרים ביניהם . . .עאכו"כ שאנו מצווים מצד תוה"ק שלא להיות כפוי טובה, ומי שאינו עושה כן, יש לו לירא מקללות שלמה: משיב רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו . . .

אונז פריער" *).

וועגען די מצרים, ווערט געזאָגט אין דער גמרא ברכות (ס"ג ע"ב) אז זייער מקרב זיין די אידען, איז פון אָנפאנגס אָן, געווען פאר זייערע אייגענע נוצען — „לא קרבו את ישראל אלא לצורך עצמן"... פונדעסטוועגען, זאָגט אונז די גמרא פסחים (קי"ח ע"ב) אז אין משיח'ס צייטען, וועט מען נעמען זייערס א מתנה און מ'וועט אָפשאצען זייער גאסטפריינטלעכקייט צו די שבטים: „עתידה מצרים שתביא דורן למשיח... א"ל הקב"ה למשיח, קבל מהם, אכסניא עשו לבני במצרים".

דער פראגער רב ר' יחזקאל לאנדא, מחבר פון „נודע ביהודה" און אנדערע ספרים, שרייבט אין התנצלות המחבר צו זיין ספר „דורש לציון": „כבר נודע ונספר סם בכל המקומות אשר הייתי, שאני מזהיר ומוכיח ברוב הדרשות ברבים, להיות נזהר מאד בכבוד האומות אשר בזמנינו... ולהתפלל על שלום המדינה... וגם אני מזהיר תמיד על הגזל ועל הגניבה, ומודיע כי אין חילוק כלל באיסור גזילה וגניבה בין ממון של יהודי ובין ממון של נכרי..." **).

און אזוי אומצעליגע גדולי ישראל האָבען שטרענג געוואָרענט וועגען דער עטישער באציאונג צום ניט־איד, אז עס איז געוואָרען א זעלבסט־פארשטענדליכ־קייט די גוטע באנעמונג צום שכן פון לאנד.

די אידישע עטיק, לערנט אונז, אז גאָטס האנט איז גרייט אויפצונעמען אלע די יעניגע וואָס זענען באשאפען געוואָרען אויף דער וועלט, ווייל גאָט איז דאָך אלעמענס גאָט, דער גאָט פון דער גאנצער וועלט ***).

אין אונזערע תפלות פון די ערשטע ביז גאָר די סאמע לעצטע בעטען מיר פאר דער גאנצער וועלט: „ובכן תן פחדך — על כל מעשיך — ויבין כל יציר כי אתה יצרתו — וכל בני בשר יקראו במשך — יכירו וידעו כל יושבי תבל — ויעשו כולם אגודה אחת — ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' — מלך... (תפלות פון ר"ה און יו"כ) מיר בעטען אז אלע פעלקער זאָלען דערהויבען ווערען צום הויך פון משפט און גערעכטיגקייט.

די תורה האָט דאך אונז געלערנט צו באהאנדלען די פעלקער פון דער וועלט מיט יושר און גערעכטיגקייט. די געפאנגענע „יפת תואר" טאָר ניט פארקויפט ווערען (דברים כ"א י"ד). איידער מ'גייט איינגעמען א שטאָט מוז מען פריער אפעלירען פאר שלום (דברים כ' י'). דער פאקט איז אז אברהם אבינו האָט געבעטען פאר סדום (בראשית י"ח כ"ג־ל"ב) און יעקב אבינו איז געווען בייז אויף שמעון ולוי פארוואָס זיי האָבען אויסגע'הרג'עט די מענשען פון שטאָט שכם (דאָרט ל"ד ל'; מ"ט ז').

ווען קעניג שלמה האָט געפראוועט דעם חנוכת הבית פון ערשטען בית המקדש, האָט ער אין זיין תפלה אינזינען געהאט אויך די פרעמדע, אז אויך די תפלות פון אנדערע פעלקער זאָלען געהערט ווערען: „וגם אל הנכרי... מארץ רחוקה... ובא והתפלל אל הבית הזה — אתה תשמע השמים!..." (מלכים א' ח', מ"א־מ"ג).

*) ... אמר יתעלה לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו וכבר התפרסם רוב מה שהרעו אותנו המצריים אחרי כן..." (מורה נבוכים חלק ג' מ"ב).

**) וועגען דעם באריכות אין א וויטערדיגען קאפיטעל.

***) זע ספרי און רות רבה: ימיני פשוטה לכל באי העולם, לקבל כל אשר נשמה באפו... אלהים אנכי לכל באי העולם ולא יחדתי שמי אלא על עם ישראל.

איז כאַראַקטעריסטיש, די דאָזיגע סענטימענטאַלישע תפלה, פון דעם אידישען קעניג שלמה ביי זיין פאַרענדיגען די ארבייט פון בית־המקדש, ביי דער פּאַראַדנער ערעפענונגס־פייערונג: „און אויך צו דעם פרעמדען, וועלכער וועט קומען צו דיר בעטען, זאָלסטו אים צוהערען און דערפילען זיין פאַרלאַנג". דער זעלבער גאָט וועלכער גיט אכטונג אויף די אידען און זיין הייליגער שטאָט, ירושלים, שיקט יונה בן אמיתי קיין נינוה, אויך זיי האָט מען אין זינען . . .

אויב מיר געפינען אין תלמוד שאַרפע אויסדריקען געגען ניט־אידען, באַציען זיי זיך אויף געצענדינער, היידען וועמעס אויפפירונג איז געווען אומאַראַליש, אומ־עטיש און זענען געווען אין שטענדיגען פאַרדאַכט פון רציחה, רויב, גזלה און גנבה. דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט אין תלמוד *) אין נאָמען פון ר' יוסף אז דער טייטש פון פסוק „עמד וימודד ארץ ראה ויתר גוים" (חבקוק ג' ו') מיינט, „ער האָט געזען אז די פעלקער זענען ניט מקיים די זיבען מצוות פון בני נח, האָט ער זיי מתיר געווען, אז אפילו ווען זיי זענען מקיים וועלען זיי קיין שכר ניט נעמען; אן אנדער טייטש, ער האָט מתיר געווען זייער געלט ווייל זיי זענען ניט נזהר אין גזל. איז קיין פראגע ניט, אז דאָרט רעדט זיך וועגען היידען, וואָס אפילו ווען זיי האַלטען פון געצענדי־נעריי צוליב מעשי אבותיהם בידיהם **), האָבען זיי ניט די זעלבע רעכט ווי אידען, וואָס גלויבען אין איינציגען גאָט און האַלטען פון תורת משה. דאָרט איז אויך געמיינט דעספּאָטישע פעלקער וואָס רעגירען מיט טיראַניי, וואָס זענען באַ־הערשט פון נאַציאָנאַלען עגאָאיזם און דערשטיקען דעם פרייהייטס־דראַנג פון די פעלקער איבער וועלכע זיי הערשען. אזעלכע פעלקער וואָס באַגרייפען ניט די הייליגע צוועקען פון דער בריאה און לעבען בלויז אויף שווערד און בלוט — אזעלכע פעלקער דאַרפען ניט בעסער באַהאַנדעלט ווערען. די פעלקער אָבער וואָס גלויבען — און לעבען לויט דעם גלויבען — אין אַן אידעאַל וואָס שאַפט און האַלט אויף די גאַנצע מענשהייט, אַן אָביעקטיווער אידעאַליזם וואָס האַלט אַלע מענ־שען־קינדער ווי איין פאַמיליע וואָס געהערט צום פאָטער אין הימעל . . . אזעלכע פעלקער האָבען געוויס ניט בלויז פעלקערלעכע נאָך אפילו ברידערלעכע רעכטען!

די אידען, קעמפענדיג זייער קולטור קאַמף קעגען די פרעמדע געטער פון די שכנותדיגע פעלקער, קעמפענדיג קעגען די „בעליסטען", אין דער כנענישער עפּאָכע און קעגען די „העלעניסטען" אין דער גריכישער עפּאָכע — א קאַמף פאַר זעלבסט־שטענדיגקייט וואָס איז געפירט געוואָרען אויף דעם קנאותדיגסטען אופן — האָבען דאָך, אין אַלע צייטען, און אונטער אַלע אומשטענדען, ארויסגעוויזען סימפּאַטיע און מיטלייד צו די שכנישע פעלקער און אפילו געזוכט זייער שלום און וואוילזיין.

*) עבודה זרה כ' ע"ב, זע דאָרט באריכות דעם גאַנצען ענין. בבא קמא ל"ח ע"ב: „ראה ד' שבע מצוות שקבלו עליהם בני נח שלא קיימו, עמד והתיר ממונם לישראל". זע אויך תשובות רמ"א, סימן ט' י"ד ע"ב, האנויא ת"ע.

**) זע, ווייטער ז"ז 37, 55.

פון די פעלקער וועלכע די תורה האָט געהייסען אויסראָטען, זענען די זיבען פעלקער וואָס האָבן באוואוינט דעם ארץ־ישראלדיגען באָדען און באזונדער דאָס עמלק־פאָלק.

ב. — די זיבען פעלקער פון ארץ ישראל און די אנדערע היידנישע פעלקער.

וועגען די זיבען פעלקער, זאָגט אָן די תורה מיט די הארבסטע ווערטער: „לא תחיה כל נשמה" (דברים כ' ט"ז־י"ז). דער דאָזיגער שטרענגער באפעל פון פארניכטונג און אָפּראמונג פון די זיבען פעלקער, איז אָבער געקומען אלס נאטירליכע פארזאָרגונג, זיי זאָלען ניט אויפסניי באהערשען דאָס לאנד און באַאיינפלוסען די אידען מיט זייערע מיאוסקייטען: ולא תלכו בחוקת הגוי אשר אני משלח מפניכם, כי את כל אלה עשו ואקץ בם . . . ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה כאשר קאה את הגוי אשר לפניכם (און איר זאָלט ניט גיין אין די פירונגען פון דעם פאָלק וואָס איך פארטריב פאר אייך; ווארום דאָס אלץ האָבען זיי געטאָן און איך האָב געמיאוסט זיך מיט זיי . . . און דאָס לאנד, זאָל אייך ניט אויסשפייען אז איר וועט עס פאראומרייניגען, אזוי ווי ס'האָט אויסגעשפיגען דאָס פאָלק וואָס פאר אייך (ויקרא כ' כ"ג; י"ח, כ"ז־כ"ח).

דער פסוק (דברים י"ב ל"א) דריקט זיך אוים וועגען די כנענים: כי כל תועבות ד' אשר שנא עשו לאלהיהם — כי גם את בניהם ואת בנותיהם ישרפו באש לאלהיהם (ווארים יעדער אומווירדיגקייט פון גאָט, וואָס ער האָט פיינט, האָבען זיי געטאָן צו זייערע געטער; ווארום אפילו זייערע זין און זייערע טעכטער פלעגען זיי פארברענען אין פייער . . .). מ'האָט די כנענים פארטריבען צוליב זייערע זינד און מיאוסקייטען און צוליב דער מורא, טאָמער וועלען אידען זיך אָפּלערנען פון זייערע שלעכטע אויפפירונגען (דברים י"ח, י"ב; כ' י"ח). און ניט נאָר פון אידען זענען זיי געהאסט געווארען. האָט דאָך נח געזאָגט „ארור כנען!" (בראשית ט' כ"ח) צוליב כנען'ס אוממאָראלישע אויפפירונגען אין פארשוועכען דאָס עלעמענטארסטע מענשלעך־געבאָט פון „כבוד אב". כדי צו אָפּזונדערען אידען פון אזעלכע פעלקער, האָט די תורה פאראומרייניגט זייערע כלים און געזאָגט אז כלי־מדין טאָר מען ניט נוצען נאָר דורך הכשר און טהרה (במדבר ל"א כ"ב־כ"ג).

דער דאָזיגער גרונט־מאָטיוו ווידערהאָלט זיך צענדליגער מאָל אין תורת משה, אז די פיינטשאפט צום כנענישען פאָלק, איז צוליב די תועבות וועלכע גאָט קען ניט פארטראָגען: „צוליב די דאָזיגע אומווירדיגקייטען פארטרייבט זיי גאָט פאר דיר" (דברים י"ח י"ב).

ר' עקיבא דערציילט, אז ער האָט געזען ווי א גוי האָט געבונדען זיין פאָטער און אים געגעבען פאר זיין הונט אויפצועסען (אמר רבי עקיבא, אני ראיתי נכרי שכפתו לאביו לפני כלבו ואכלו — „שפתי חכמים", י"ג ל"א, טייטשט לפני כלבו — עבודת כוכבים, ד"ה, ר'האָט אים פארברענט).

אויך דער קאמף געגען עמלקן, זאָגט אונז די תורה אָן צו פירען אויף אַן אומברחמנותדיגען אופן: „געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן! . . . זאָלסט אויסמעקען דעם זכר פון עמלק פון אונטערן הימעל, זאָלסט ניט פארגעסען" (דברים כ"ה י"ט). איינע פון די ערשטע דריי מצוות וואָס אידען זענען מחויב געווען בעת'ן

אריינקום אין לאנד, איז געווען די מצוה צו פארניכטען עמלקן *). דער אידישער קעניג שאול, (געקיניגט לערך 2880-2883, ב"א ת"ת פ"ג — 1030-1033 פ. ק.) האט פארלוירען זיין טראן צוליב זיין וויכקייט צום קעניג פון די עמלקים. זאגט דאך די תורה א טעם דערויף ווייל ער איז באפאלען די אידען אומזיסט, ווען זיי זענען געווען אונטערוועגנס, פארשמאכט און מיד און ער האט ניט מורא געהאט פאר גאט. מיט אויסמעקען עמלקן, האט מען געצילט אויסמעקען זיין גייסט, דאס רשעות און גאטלאזיגקייט. עס איז געווען די שבועה פון גאט צו באקעמפען עמלקן, „כי יד על כס יה", כל־זמן עמלק עקזיסטירט קען דער כסא הכבוד ניט זיין אויפגעשטעלט אין פולער פראכט, „אין שמו שלם ואין כסא שלם", דעריבער איז געקומען דער שטרענגער באפעל „כתב זאת זכרון בספר . . . שרייב דאס אויף פאר א געדעבעניש אין א בוך — אז אויסמעקען וועל איך דעם זכר פון עמלק, פון אונטערן הימעל. (שמות י"ז י"ד).

דער פאקט איז, אז אידען האבען זיך נאך אלע וואָרענישען דאך באצויגען מילד צו די כנענים און עמלקים זיך אפגעלערנט פון זיי, געזינדיגט און דעריבער געליטען פון א המן, און לסוף פארלוירען די זעלבסטשטענדיקייט אלס פאלק אויף אן אייגען לאנד (חורבן בית המקדש דורך די רוימער 70, ק. צייט־רעכנונג).

פיל כנענים שטעט האט יהושע איבערגעלאזט. זיי ווערען אויסגערעכענט אין אנהייב שופטים. צור, די שטאט פון די פעניציאנער, א טייל פון אמאליגען כנען, איז געבליבען באפעסטיגט ביים ים, נאך פון יהושע'ס צייטען. אין געגענזאץ צו יהודה, א לאנד פון אקערבוי, פון פיצוכט און פון פרימיטיווען האנדעל, האט צור געהאט הענדלער, מעכאניקער, ארכיטעקטור־בויער, פארמאגט פיל שיפען און קאראוואנען. שלמה המלך האט געמוזט אנקומען צו צור'ס פריינטשאפט, באנוצענדיג זיך מיט אירע מעכאניקער. מיט אירע שיפען א. א. וו. **) אין דער עפאכע פון צווייטען בית המקדש איז צור געווארען א גרויסע שטערונג צו יהודה, זיך געשטעלט אויף דער זייט פון יהודה'ס שונאים און געפירט אן אקטיווען קאמף קעגען אידען און קעגען אידען לאנד.

די אידען זענען געווען צופיל מילד און טאלעראנט צו דעם געבאט פון באקעמפען כנענים און כנעניזם. יהושע וואס האט אריינגעפירט די אידען אין ארץ ישראל, האט אנגעהאלטען זיין אפמאך מיט די גבעונים, אפילו נאכדעם ווען מען האט אויסגעפונען אז זיי האבען גענארט (זע יהושע ט'). זיי זענען דאך געבליבען ארץ ישראל'דיגע תושבים און געשטערט דער אידישער אנטוויקלונג. אין ספר יהושע ווערט בכלל אויסגערעכענט א גרויסע צאל שטעט און שטעטלאך אין וועלכע עס זענען געבליבען די פריערדיגע תושבים פון די זיבען פעלקער און די עולים פון מצרים און מדבר, האבען זיי ניט פארטריבען (שופטים א' כ"ז־ל"ה). דער דאזיגער שריט האט דאך שפעטער געבראכט דאס ערגסטע פאר דעם אידישען ישוב.

---

*) תניא רבי יוסי אומר שלש מצוות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ: להעמיד להם מלך, ולהכרית זרעו של עמלק ולבנות להם בית הבחירה . . . סנהדרין כ' ע"ב.

**) דער פסוק זאגט: כי אין בנו איש יודע לכרות עצים כצדונים (מלכים א' ה' כ') זע, נחמני: „האלמוג" — „ספר היובל של הת"ת עץ חיים" זייט 207; פראפ. ש. קרויס, קדמוניות התלמוד כרך א' חלק ב' הוצאת בנימין הרץ, תרפ"ד. ז. 258.

א פאקט איז, אָבער, אַז די מדה פון רחמנות איז געווען פּאַרוואָרצעלט אין די הערצער פון אונזערע אור־אור פּאָטערס אפילו ווען די רעזולטאַטען זענען געווען נעגאַטיווע און אָפּטמאָל שעדליכע. ס'איז דאָך א מערקווירדיגער דאָקומענט פון אַלטען אַרם (איראַק) רעדענדיג צווישען זיך וועגען זוכען גוטהאַרציגקייט ביים אידישען קעניג, האָבען זיי געזאָגט: הנה נא שמענו כי מלכי בית ישראל כי מלכי חסד הם (מלכים א' כ' ל"א). זיי האָבען אויסגענאַרט דעם נאַאיוועז קעניג אחאב וואָס איז נעפירט געוואָרען פון זיין פרוי, די פאַררעטערישע איזבל וועלכע האָט אָנגעטאָן די ערגסטע סאָרט ברוטאַליטעט צו די אמת'ע נביאים, צום פאָלק ישראל בכלל און אָפּגעטאָן דאָס אומרעכט אין ווייִנגאָרטען פון נבות פון יזרעאל.

דער „לאו" פון „לא תחיה כל נשמה" איז ניט געווען אבסאָלוטער געזעץ. די וואָס האָבען געוואָלט תשובה טאָן, האָט מען זיי ניט געטויט. „דריי בריוו — שרייבט דער רמב"ם, האָט יהושע געשיקט צו די פעלקער פון כנען איידער ער האָט אָנגעהויבען די אינוואַזיע": א) ווער ס'וויל אַנטלויפען זאָל ער דאָס טאָן; ב) ווער ס'וויל שלום, איז מען גרייט צו פאַרהאַנדלען מיט אים; ג) ווער ס'וויל מלחמה, איז מען צוגעגרייט צו פירען קריג. *)

אויף דעם פסוק „ושבית שביו" דרשענט די גמרא פון דעם איבריגען „שביו" — לרבות כנענים שבחוצה לארץ, אַז דאָס קומט מערען די כנענים פון אויסער ארץ ישראל אַז אויב זיי טוען תשובה נעמט מען אויף זייער תשובה **).

אין באַצוג צו מאָראַליש־נידריגע פעלקער איז די תורה געווען גענוג שטרענג צו זאָגען „לא תחנם", מ'זאָל זיי ניט באַ'חנ'ען, מ'זאָל ניט האָבען צופיל מיטלייד מיט זיי, מ'זאָל זיך דערווייטערען פון זיי. איז עס דאָך, א מצוה אויסצוראָטען שלעכטס: „ובערת הרע מקרבך"! ווי דאָס ווערט ווידערהאָלט אין דער תורה. אַזעלכע פעלקער ווי אנשי ברביא ואנשי מוריטניא, וואָס גייען אַרום נאַקעט און ווייסען ניט פון קיין מאָראַל אָדער עטיק — זיי זענען מיאוס פאַר גאָט און פון זיי דאַרף מען זיך דערווייטערען ***) ספּעציעל וואָס שייך הייראַט, וואָס דער בית־דין פון חשמונאים האָט גוזר געווען, שטיצענדיג זיך אויף א פסוק אין יחזקאל: „בשר חמורים בשרם וזרמת סוסים זרמתם" (יחזקאל כ"ג כ') מ'דאַרף זיי לאָזען גיין זייער אייגענעם וועג און גאָרניט אָפּלערנען פון זיי.

דאָס פאַרדאָרבענקייט פון די פעלקער, זייער באַרבאַרישקייט האָט אַרויסגערופען עקעל און שנאה מצד אונזערע גרויסע גייסטער, וועלכע האָבען זיך באַמיט אויסצובילדען דעם מענטש, אים צו דערהויבען גייסטיג, קולטורעל.

וועגען עמון און מואב, די פעלקער וואָס שטאַמען אָפּ פון לוט אברהם'ס פּלימעניק, ווייל זיי האָבען פאַרראַטען אברהם'ס קינדער אין צייט פון זייער נויט,

---

*) זע סוטה ל"ה ע"ב.

) זע רמב"ם פ"ו מלכים הלכה ה'; ירושלמי פ"ו שביעית הלכה א'; סוטה ל"ה ע"ב; תוספות גיטין מו ע"א אָנהייב־וואָרט כיון; שבט יהודה, „הגזרה הט"ו. ר' יהודה־ליב גרויבאַרט: „ימין ושמאל" קצ"ד. *) יבמות ס"ג ע"ב; כתובות ל"ג

די וואָרנונג פון „לא תחתתן" האַלט דער רמב"ם, גייט אַרויף אויף אַלע פעלקער ווען זיי זענען בגיותן. דער סמ"ג, האַלט אָבער, אַז דער „לאו" גייט נאָר אַרויף בלויז אויף די זיבען פעלקער און דער פאַרבאָט איז אפילו נאָך דעם, ווען זיי זענען זיך מגייר. רחב הזונה וואָס האָט — לויטן מדרש — חתונה געהאַט צו יהושע'ן, איז געווען אַן אָפּשטאַם פון אַן אַנדער פאָלק אויסער די זיבען פעלקער.

זאָגט אָן די תורה: „לא יבא עמוני ומואבי בקהל ד' — עד עולם . . . לא תדרוש שלומם וטובתם כל ימיך לעולם" (דברים כ"ג ה'־ז').

עמון ומואב, זענען געוואָרען באטראכט פאר שלעכטע פעלקער. אפילו ביזן צענטען דור איז זיי ניט דערלויבט אריינצוקומען אין גאַנץ קהל. די תורה גיט צוויי אורזאכען וועגען זייער דערוויטערונג: ווייל זיי האָבען אייך ניט באגעגענט מיט קיין ברויט און וואסער ווען איר האָט געוואנדערט פון מצרים, און ווייל זיי האָבען געדונגען בלעם'ן צו שילטען די אידען . . . (דברים כ"ג ד־ז') פון דעסטוועגען האָט די תורה פארבאָטען איינצונעמען זייער לאנד ווי עס ווערט געזאָגט: אל תצר את מואב . . . בני עמון אל תצורם. (דברים ב' ט'; י"ט). דאָס, וואָס אידען האָבען זיך דערלויבט צו אָקופירען טיילען פון זייער לאנד, דערקלערט אונז די גמרא דעם היתר, צוליב דעם וואָס סיחון האָט פריער געהאט דעראבערט די שטרעקעס פון לוט'ס אייניקלעך, דעריבער האָבען די „עולי מצרים" געהאט א רעכט צו פארכאפען די טעריטאָריעס פון טייך ארנון ביז יבוק *).

דער קעניג דוד האָט פארכאפט דאָס לאנד פון מואב, ווען זי איז געוואָרען א געפאר פאר ארץ ישראל. ער האָט אויך טייל מואבים געשלאָגען מיט גרעסטער אכזריותדיגקייט: געמאָסטען צוויי שטריק צום טויט און איינעם צום לעבען, ד"ה צוויי דריטעל פון די געפאנגענע גע'פסק'ענט טויט שטראָף, דערקלערען די מפרשים אז דאָס איז זיי געקומען, ווייל זיי האָבען גע'הרג'עט זיינע עלטערען אָן משפט, סתם אזוי רציחה. אומשולדיג בלוט ווערט ניט פארשווינען (שמואל ב' ח' ב', רש"י דאָרטען)..

די מואבים זענען געווען אונטערן קאָנטראָל פון ארץ ישראל און געצאָלט א יערליכען שטייער פון טויזענטער פי צו דער אידישער מלוכה. ערשט אין צייט פון קעניג יהורם, אחאב'ס זון, יאָרען לאנג נאָך דער צעטיילונג פון מלכות ישראל, האָט מישע דער נוקד (פאסטוך־קעניג) פון מואב, געפרואווט רעוואָלטירען געגען ישראל. ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין ספר מלכים ב', האָבען זיך דאן פאראייניגט מלכות ישראל, מלכות יהודה און מלכות אדום און אים באזיגט. דער נביא אלישע, וועלכער האָט זיך באנומען מיט צדקות צו פרעמדע ווי צו אייגענע, געהיילט ארם'ס גענעראל נעמן, ניט געלאָזט הרגענען די באדינער פון ארם וועלכע ער האָט פארבלענדט און געפירט קיין שומרון און נאָך געמאכט פאר זיי א גרויסע סעודה, ער האָט זיך באצויגען אזוי שטרענג צו די מואבים און באפוילען: „והכיתם כל עיר מבצור וכל עיר מבחור . . . וכל החלקה הטובה תכאיבו באבנים . . . (מלכים ב' ג' י"ד). רש"י דערקלערט עס דערמיט, וואָס די תורה האָט געזאָגט אז אן עמוני און א מואבי זאָל ניט קומען אין דער עדה פון גאָט, דערפאר וואָס זיי זענען אייך ניט אנטקעגענגעקומען מיט ברויט און מיט וואסער . . . און געדונגען אויף דיר בלעם, דיך צו שילטען . . . ניט געקוקט אויף דעם איסור פון אל תשחית את עצה, אז מ'טאָר ניט פארניכטען די ביימער אפילו אין קריגס־צייט, האָט ער מואב'ס ביימער יאָ דערלויבט צו פארניכטען, ווייל זיי זענען געווען אן „אומה בזויה ונקלית", א נידריג געמיין פאָלק (מלכים ב' ג' י"ט).

*) עמון ומואב טהרו בסיחון, גיטין ל"ח ע"א; סנהדרין צ"ד ע"ב; חולין ס' ע"ב.

אין באצוג צו די פעלקער וואָס האָבען אונז אָפּגעטאָן צרות אומזיסט, אָן אן אורזאך, האָט די תורה דערלויבט נקמה נעמען, זיי אויסצוראָטען. די זעלבינע תורה, וואָס לערנט אונז „לא תקום, ולא תטור"! די זעלבע תורה זאָגט אונז צרור את המדינים נקום נקמת . . . מאת המדינים (במדבר ל"א) אשיב נקם לצרי (דברים ל"ב מ"א) כי יום נקם בלבי! (ישעיה ס"ג ד) האל הנותן נקמות לי (שמואל ב', כ"ב מ"ח) צען צדיקים קענען מכפר זיין אויף סדום — לא אשחית בעבור העשרה, אָבער אז קיין צען, זענען אויך ניטאָ, ווערט סדום אָפּגעמעקט פון דער ערד! עמלק, דער מקור פון רשעות, מוז ווערען פארניכטעט. דער ערשטער באפעל צו שאול המלך: לך והכית את עמלך . . . מאיש עד אשה . . . מעולל ועד יונק (שמואל א'; ט"ו, ג') ווייל איבערלאָזען אן עמלק, מיינט צוגרייטען א המנ'ען וועלכער וועט פלאנירען להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים" און „הבא להרגך, השכם להורגו"! *)

רשעים פון דעם מין טוען ניט קיין תשובה אפילו ווען זיי שטייען שוין ביים אריינגאנג צום גיהנום, ווי די חכמי התלמוד דריקען זיך אוים: „רשעים אפילו ווען זיי שטייען ביים אריינגאנג פון גיהנום, טוען זיי אליץ ניט קיין תשובה" **).

ווענען אזעלכע פעלקער, זאָגט אונז דער מדרש (רבה, דברים ב'), אז דוד המלך, האָט געבעטען, אז ווען זיי וועלען צו אים בעטן זאָל ער ניט הערען זייער תפלה, — „שאין באין אצלך בלב שלם . . .

און מערקווירדיג, אפילו דעם כיבוש ארץ ישראל פון די זיבען כנענישע פעלקער, די ערגסטע פון די היידען, אפילו אָט די דאָזיגע נ ו י ט י ג ע טעריטאָ־ריאלע דעראָבערונג, נעמט ניט אריין דער רמב"ם (דתתצ"ה־תתקס"ה) אין צאָל פון תרי"ג מצוות. דער רמב"ן (התקנ"ה 1194־1268) פּאָלעמיזירט מיט אים וועגען אָט דעם ענין, און רש"י (דת"ת־תתס"ה־1040־1105) אָנהייב בראשית גיט דעם ענטפער, פארוואָס מיר האָבען געהאט א רעכט אויף דעם לאנד פון די זיבען פעלקער „שאם יאמרו אומות העולם לישראל לסטים אתם, שכבשתם ארצות שבעה גוים, יאמרו להם: כל העולם של הקב"ה הוא ברצונו נתנה להם וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו" (אויב די פעלקער, וועלען זאָגען: איר זענט רויבער, איר האָט אוועקגע־רויבט די לענדער פון די זיבען פעלקער. וועלען אידען זיי ענטפערען: די גאנצע וועלט געהערט צו גאָט; מיט זיין ווילען האָט ער דאָס לאנד צוגענומען פון די כנענים און עס געגעבען צו אונז).

דער „כבוש יחיד", וואָס אידישע מלכים האָבען דעראָבערט אין „מלחמות רשות", מיט שכנותדיקע פעלקער, ווערט ניט באטראכט פאר א כבוש צו אידען און האָט ניט די הייליגקייט פון ארץ ישראל. אזוי ווערט אָנגענומען אין תלמוד, אז „כבוש יחיד" פון דוד, די לענדער סוריא און ארם נהרים ווערען ניט גערעכענט פאַר אידיש־לאנד. אין הלכות תרומות (ד' ה') פּסק'ענט דער רמב"ם, אז נאָר די לענדער וואָס א אידישער קעניג אָדער נביא האָט זיי איינגענומען מיטן ווילען און גוטהייסונג פון גאנצען פאָלק ישראל, דאָס ווערט גערופען „כבוש רבים" . . . אנער־קענטער דעראָבערונג; לענדער אָבער, וואָס דוד האָט איינגענומען אין חוץ לארץ . . . אפילו ער האָט עס געטאָן מיט דער הסכמה פון בית־דין, האָבען ניט די הייליגקייט

*) ברכות נ"ח ע"א.
**) ערובין י"ט ע"א.

פון ארץ ישראל *).

דאָס פאָלק, וואָס האָט אזוי געקעמפט פאר אייגענער באפרייאונג, פאר דער באפרייאונג פון אייגענעם גוף און אייגענער נשמה. דאָס פאָלק וואָס גלויבט אין אחדות אלהות, אין מאָנאטעאיסטישען גלויבען, אין דער יצירה פון מעשי בראשית וואָס לערנט ליב צו האָבען אלע גאָטס־באשעפענישען אָן אונטערשייד פון קאָליר און שטאם — ווייל אלע שטאמען אָפּ פון אדם הראשון, פון איין מענש, דאָס פאָלק וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרען „לא תרצח"! און געלערנט געוואָרען אז יעדענס בלוט איז רויט, „מאי חזית דדמא דידך סמיק טפי" **), — ביי אזא פאָלק איז אוממעגלעך די פארשקלאפונג און דעראָבערונג פון אנדערע פעלקער.

דאָס אידישע פאָלק באהויכט פון די נביאותן וועגען ברידערלעכען צוזאַמענלעבען צווישען אלע פעלקער, איז שטענדיק געווען ווייט פון אוזורפאציע־גייסט. אין דער אידישען געשיכטע, אין לייד און פרייד רעפלעקטירען די ווערטער פונם נביא מלאכי: הלא אב אחד לכלנו, הלא אל אחד בראנו, מדוע נבגד איש באחיו לחלל ברית אבותינו (מלאכי ב' י') וואָס איז שפּעטער דורך די חכמי התלמוד אויסגעטייטשט געוואָרען אויף דער גאנצער מענשהייט ***). עס קומען אמאָל מאָמענטען אין יעדען מענשענס לעבען, ווען עס ווערען אָפּגעשאפט אלע אונטערשיידען, סיי רעליגיעזע, סיי פּאָליטיש־נאציאָנאלע, ווי דער מדרש (בראשית רבה י"ג) דערציילט א זייער געלונגענעם משל וואָס א גוי האָט דערציילט צו ר' יהושע בן קרחה: מיר האָבען ימים־טובים און איר האָט זיך ימים־טובים, מיר האָבען פייערונגס־טעג, „ימי גינוסיא", און איר האָט זיך פסח, שבועות סוכות. ווען מיר פרייען זיך, איז עס ניט אייער פרייד און אויף אייער שמחה באטייליגען מיר זיך ניט. ווען איז דאָ א טאָג, ווען מיר אלע פרייען זיך ווען מיר אלע זענען צופרידען, דאָס איז דער טאָג פון רעגען, ווען ס'באווייזען זיך די „גשמי ברכה", דעמאָלט פאראייניגט ער אונז אלעמען און די פרייד איז אן אלגעמיינע. דער גוי, האָט דערויף געבראכט א ראיה פון פסוק „לבשו כרים הצאן ועמקים יעטפו בר, יתרועעו אף ישירו — און דער אויספיר איז: הריעו לאלהים כל הארץ. כהנים, לויים און ישראלים ווערט ניט געזאָגט עס ווערט געזאָגט כל הארץ. צו אים געהערט די גאנצע וועלט און די גאנצע וועלט דארף אים לויבען ****).

יהושע בן נון, דער וואָס האָט איבערגענומען פון משה די פירערשאפט און אריינגעפירט די אידען אין פארשפּראָכענעם לאנד כנען, אינם לאנד פון „זבת חלב ודבש", ער האָט פאר זיין טויט צוזאמענגערופען גאנץ ישראל און פאָרגעלייענט פאר זיי א צוואה, ווי א פירער וואָס געזעגענט זיך מיט זיין פאָלק און וויל זיי זאָלען נאָך זיין טויט אָנהאלטען זיינע לערעס. ער האָט מיט זיי געלערנט א קאפּיטעל גע־

*) „ארץ ישראל האמורה בכל מקום היא בארצות שכבשן מלך ישראל או נביא מדעת רוב ישראל וזהו הנקרא כבוש רבים . . ." הארצות שכבשן דוד חוץ לארץ כנען כגון ארם נהרים וארם צובא . . . אעפ"י שמלך ישראל הוא ועל־פּי בית דין הגדול היא עושה, אינו כארץ ישראל לכל דבר . . .

**) פסחים כ"ח ע"ב.

***) האָבען מיר דאָך איין פאָטער, האָט דאָך איין גאָט אונז באשאפען פארוואָס זאָל מענש פארראטען זיין ברודער, צעשטערען דעם בונד פון אונזערע עלטערען.

****) מדרש רבה בראשית י"ג.

שיכטע און אויך דערמאנט זייער אָפּשטאם:

בעבר הנהר ישבו אבותיכם מעולם, תרח אבי אברהם ואבי נחור ויעבדו אלהים אחרים. ואקח את אביכם את אברהם . . . ער האָט זיי דאָס געוואָלט דער־מאנען אפשר צוליב דעם, זיי זאָלען זיך ניט איבערנעמען מיט יחוס. דעריבער האָט ער אָנגעהויבען „בגנות", מיט אונזער אָפּשטאם פון „עבר הנהר" פון דער אנדערער זייט פון טייך פרת, פון ארם נהרים, (מעסאָפּאָטאמיע־איראק).

דער נביא ישעיה וואָס גרויסט זיך מיט אידישען יחוס, וואָס רופט אויס „הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם" (ישעיה נ"א ב') אָדער „ואתה ישראל עבדי . . . זרע אברהם אהבי (ישעיה מ"א ח') א. אז. וו. א. וו. ער ווייסט אז יחוס איז ניט גענוג. אז מ'דאַרף האָבען אייגענעם יחוס. דעריבער זאָגט ער: כי אתה אבינו כי אברהם לא ידענו וישראל לא יכרנו . . . (ישעיה ס"ג ט"ז).

יחזקאל הנביא, דער שארפער נאציאָנאליסט און גזועץ־געבער, אויסרעכענדיג די תועבות ירושלים, דערמאָנט איר די „קריה נאמנה" אז מכרתיך ומלדתיך מארץ הכנעני. אביך האמורי ואמך חתית (דיין געבורט איז פון כנעני לאנד, דיין פאָטער איז אן אמורי און דיין מוטער א חתית (יחזקאל ט"ז ג').

ביי אלע נביאים געפינען מיר דעמזעלבען שטריך: זיי שטראָפען יהודה און ירושלים צוליב אירע זינד, זיי זידלען די אידען וואָס זינדיגען און ברענגען אומגליק אויף זייער פאָלק — אָבער צו דער זעלביקער צייט טרייסטען זיי, בענשען און מו־טיגען און זאָגען צו א גליקליכע צוקונפט, וועקענדיג ליכטיגע האָפנונגען ביים פאָלק ישראל . . .

מיר גרויסען זיך מיט זכות אבות, ווי עס ווערט געטייטשט אין דער גמרא דער פסוק „מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות" (שיר השירים ב' ח') מדלג על ההרים בזכות אבות מקפץ על הגבעות בזכות אמהות *) אָדער ווי אין מדרש רבה (במדבר בלק) מראש צורים אראנו — אבות; ומגבעות אשורנו — אמהות. מיר פרייען זיך מיט אונזערע אור־פאָטערס און מוטערס, וועלכע האָבען אנערקענט די גאָטהייט פון ד' אחד און זיך געפירט הויך־עטיש — אָבער ניט מיט גאוה דערציילען מיר עס.

דער איך זאָגט אין זיין געבעט: „זכור לנו ברית אבות" . . . און באלד מאָ־מענטאל: קרוב ה' לכל קוראיו . . . כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים! אלע פעל־קער, אלע מענשען קאָנען אנקומען אין גאָטס הויז וויל „ימין ד' פשוטה לקבל שבים". ער איז גרייט אויפצונעמען, אלע די יעניגע וואָס ווילען תשובה טאָן, פונקט ווי ער האָט צוגענומען די תשובה פון נינוה און געראטעוועט אירע שתים־עשרה רבוא מענשען. „ווער מעג ארויפגיין צו גאָטס בארג"? . . . דער ענטפער: ווער עס האָט ריינע הענט, א ריין הארץ און רעדט נאָר דעם אמת (תהלים כ"ד ג'־ד').

עס איז דער פרייהייט־גייסט פון ביבלישען אידעאליזם וואָס איז אוניווערסאל און ווייט פון וועלכען עס איז שאָוויניזם, פון וועלכן עס איז ענג־מאטעריאליזם, וואָס צעברעקעלט די מענשהייט און גיט איר איבער צו גורל און פאטאליזם.

עס איז דער רעליגיעז־געטלעכער פרינציפּ פון וועלט־בירגערטום און אינ־טערנאציאָנאליזם וואָס גיט יעדען פאָלק נאציאָנאלען קיום בארעכטיגונג און אין א וויטערען קאפיטעל, אין דריטען טייל, ווערט דער ענין ברייטער באהאנדעלט.

*) ראש השנה י"א ע"א

וואָס פאַרלאַנגט פון יעדען פּאָלק דעם זעלבען ניגון פון „ברכי נפשי" — דאָס געזאַנג צו דער בריאה און איר באַשעפער.

עס איז דער אידישער „אחרית הימים" פון „ונהרו אליו כל הגוים", פון פעל־קערלעכער פאַראייניגונג וואָס פאַרלייקענט ניט נאַציאָנאַלע אָנגעהעריגקייט פון שטאַם און לאַנד, פון גייסט און אַנטוויקלונג.

עס איז אוניווערסאַלער אידעאַליזם וואָס לייקענט אין דער מעגלעכקייט און אין נויטווענדיקייט פון קאָסמאָפּאָליטיזם און באַקעמפט דעם מאַקסימאַלען נאַציאָנאַ־ליזם לויטן שאָוויניסטישען באַגריף. עס איז דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלער פרייהייט פאַר יעדען פּאָלק, וואָס פאָדערט פון יעדען פּאָלק, צו זיין פּונקט ווי דאָס פּאָלק ישראל א „ממלכת כהנים וגוי קדוש".

מיר זענען טאַקע אַן „עם לבדד ישכון" (א פּאָלק וואָס רוט באַזונדער און רעכענט זיך ניט צווישען די פעלקער) אָבער ניט קיין שאָוויניסטיש גאוה'דיג פּאָלק. בלעם האָט באַזונגען אונזערע עטישע „רוחניותדיגע" אויפפירונגען, די גייסטיגע קראַפט וואָס באַהערשט אונז וואָס וויל אונז אויפהויבען העכער, איבער דאָס מאַ־טערנאַל חיה'שע און פאַרבינדען מיט דער אינ'סופ'יגקייט, מיט דער אייביגקייט.

דער דאָזיגער עטישער פּרינציפּ ווערט דער ענד־ציל, דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, וועמעס פונדאַמענט איז דאָס דערהאַבענסטע אינם מאָראַלישען זיין און וואָס פירט צו דער אלהעכסטער גייסטיגער אַנטוויקלונג וואָס פאַרוואַנדעלט דעם מענש אין א מלאך און וואָס פאַרבינדט דעם יחיד מיטן כלל און דעם כלל מיט דעם יחיד *).

זייער כאַראַקטעריסטיש איז די סימבאָלישע לעגענדע איבער דעם ערשטען שטרייט וואָס האָט, לויט די חז"ל, אויסגעבראָכען צווישען קין און הבל ביים פאַר־טיילען צווישען זיך די וועלט. קין האָט געזאָגט: איך נעם די קרקעות און דו די מטלטלין, הבל האָט אים אין גאַרנישט ניט חושד געווען און מסכים געווען מיט קינ'ען. דאַן האָט קין געזאָגט: די ערד איז מיינע, טאָרסט אויף איר מער נישט שטיין, נעם דיינע מטלטלין און פלי אין הימל אריין (מדרש רבה, בראשית) די אידישע תורה באַקעמפט קינ'ען אַזוי ווייט אז ער זאָל אליין אויסשרייען „גדול עווני מנשוא".

קין האָט תשובה געטאָן, געלעבט מיטן כח פון תשובה (מדרש רבה בראשית כ"ב; עירובין י"ח); זיין עונש איז אָבער געווען צו זיין נע ונד — צו זען אז די ערד באַלאַנגט ניט צום מענש און איז ניט אין זיין אָבסאָלוטער הערשאַפט . . .

---

*) זע, אברהם ביק: גרונט פּרינציפּען פון רעליגיעזען סאָציאַליזם, לאָדזש 1938.

אין די פארשיידענע ויכוחים מיט חכמי ישראל אין אלע ציטען, פלעגען געלערנטע אידען־פיינט אָנווייזען, אז די חכמי התלמוד באציען זיך זייער שלעכט צום ניט איד, אויסזוכענדיג אלס באווייז עטלעכע ווערטלעך פון תלמוד, אין שייכות מיט דער היידנישער וועלט און באנוצענדיג זיך מיט זיי אלס אנטשפרעכענדע מאַ־טעריאלען און דאָקומענטען. כדי צו באווייזען זייער פאלשקייט און עם הארצות בנוגע דער אויפפאסונג פון אָט די שטעלען, מוזען מיר קודם כל זיך באקע־נען מיט די רייד פון די נביאים, וועמען די חכמי התלמוד האָבען נאָכגעפאָלגט און קאָמענטירט.

ג. — ווי אזוי די נביאים באציען זיך צו אנדערע פעלקער. — די פעלקער אין צייט פון תלמוד און די היינטיקע פעלקער.

די נביאים האָבען געזאָרגט פארן גורל פון די פעלקער ווי פארן גורל פון אידישען פאָלק. א גרויסער טייל פון זייערע נביאות'ן איז אוניווערסאל און איז דעריבער געוואָרען דער דינאמיט פון אלמענשליכער מאָראל. משה רבנו דער גרעס־טער מענש אין דער אידישער געשיכטע האָט באשיצט די בנות מדין, פונקט ווי ער האָט באשיצט דעם עברי, אן אייגענעם ברודער, ווען ער איז געוואָרען געשלאָגען פון א מצרי. אונזער אורפאָטער אברהם ווערט גערופען „אב המון גוים”, א פאָטער פון מאסען פעלקער. ווען שלמה המלך האָט אויפגעבויט דאָס פרעכטיגע בנין פון בית המקדש, דאָס הייליגסטע הויז אין דער הייליגסטער שטאָט, האָט ער ביים חנוכת הבית געבעטען אז אויך דעם פרעמדענס תפלות, זאָלען געהערט ווערען אינ'ם דאָזי־גען הויז: „זאָלען זיי וויסען אז ד י י ן נאָמען ווערט גערופען אויף דעם הויז — כל תפלה, כל תחנה לכל האדם, דאָס געבעט פון יעדען מענש, זאָל דערהערט ווערען (מלכים א' ח' מ"א־מ"ג).

דער נביא באקלאָגט דעם שלעכטען גורל פון פעלקער, ער באדויערט זייער טראגעדיע. ישעיה הנביא זאָגט: „לבי למואב יזעק” (ישעיה ט"ו־ה') „על־כן אבכה בבכי יעזר” (דאָרט ט"י, ט') ירמיה הנביא דריקט זיך אוים מיט די זעלבע געפילען: על כן על מואב איליל ולמואב כלו אזעק . . . מבכי יעזר אבכה לך (ירמיה מ"ח ל"א־ל"ב), אזוי עמוס און אנד. נביאים באקלאָגען דעם מצב פון די פעלקער וועמעס ירידה זיי האָבען פאָראויסגעזען.

אונזערע נביאים האָבען געוואונשען דעם וואוילזיין פון אנדערע פעלקער. ישעיה הנביא'ס „אחרית הימים” איז דאָך די צייט פון לא ישא גוי אל גוי חרב (ישעיה ב' ד') ברוך עמי מצרים ומעשי ידי אשור (דאָרט י"ט כ"ח) כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים (דאָרט נ"ו ז'), ענלעך צו דער פריער דערמאנטער תפלה פון שלמה המלך, „וגם אל הנכרי . . . ובא והתפלל אל הבית הזה, אתה תשמע השמים . . . ועשית ככל אשר יקרא אליך”. ירמיה הנביא פארזיכערט, ושבתי את שבות מואב, אשיב את שבות עילם (ירמיה מח, מ"ז; מ"ט, ל"ט) און צפניה זעט

די צייט: „כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה (צפניה ג׳ ט׳) און אזוי אנד. נביאים האָבען געשטרעבט צו אוניווערסאלען יושר און צדק, צו זען איין מענשהייט, פאראייניגט דורך די געטלעכע הייליגע יושר פרינציפען. דער נביא יחזקאל, וועלכער זעט דעם ווידערגעבורט פון ישראל אין זיין היסטאָריש־בארעכטיגט לאנד, פאָדערט אפילו צו געבען לאנד דעם פרעמדען וואָס וועט זיך וועלען באזעצען און באטייליגען אינם אויפבוי פון לאנד (זע יחזקאל מ״ז כ״א־כ״ב). עס איז דער אלטרואיזם, ברידערליכקייט און ליבשאפט אידעאל באזירט אויפן הערליכען פרינציפ פון „חביב אדם שנברא בצלם״ *). די נביאים האָבען הויכגעשעצט די מענשען בכלל און דער־ריבער געזאָרגט פאר זייער מאָרגען, פאר זייער קיום, דעריבער געפאָדערט פון זיי הייליגע מאָראל, סיי אין פאַמיליען לעבען, סיי אין דער געזעלשאפט און סיי אין אמונה.

דער נביא חבקוק דערציילט וועגען מאָמענט פון מתן־תורה אין פאָרזעצונג צו דעם פסוק „ד׳ מסיני בא וזרח משעיר למו״ (דברים ל״ג ב׳) אז גאָט האָט אויך געוואנדערט מיט דער תורה צו אנדערע פעלקער: אלהי מתימן יבא וקדוש מהר פאָרן . . . (חבקוק ג׳ ג׳) **) אז גאָט האָט ארומגעוואנדערט מיט זיין אייביגע אוני־ווערסאלע תורה צו אנדערע פעלקער, אָבער די פעלקער האָבען אנטזאגט מקבל צו זיין די תורה און ניט געוואָלט וויסען פון איר (ספרי, דברים ל״ג).

אויך דבורה הנביאה דערמאָנט מיט ענליכע ווערטער דעם מאָמענט פון מתן־תורה; ד׳ בצאתך משעיר־בצעדך משדה אדום ארץ רעשה — מפני ד׳ זה סיני (שופטים ד׳ ד׳ זע רש״י דאָרט).

״תאָ חזי — שרייבט דער „זהר״ — קום און זע: ס׳שטייט געשריבען „ה׳ בצאתך משעיר בצעדך משדה אדום, ארץ רעשה״ — גאָט אז דו ביזט ארויסגעגאַנ־גען פון שעיר, אז דו האָסט געטראָטען פון פעלד אדום האָט די ערד געציטערט. וואָ־רום בשעת גאָט האָט געוואָלט געבען די תורה צו די אידען, איז ער געגאנגען צו די בני עשו, צו די איינוואוינער פון שעיר אז זיי זאָלען מקבל זיין די תורה. זיי האָבען ניט געוואָלט מקבל זיין, ווי עס שטייט געשריבען: ה׳ מסיני באָ וזרח משעיר למו — גאָט איז פון סיני געקומען, ער האָט דערשיינט פון שעיר צו זיי. איז ער דעמאָלט געגאנגען צו די בני ישמעאל, און זיי האָבען זי אויך ניט געוואָלט מקבל זיין ווי ס׳איז געשריבען: הופיע מהר פאָרן — ער האָט זיך אנטפלעקט פון בארג פארן.

און אזוי ווי די פעלקער האָבען ניט געוואָלט מקבל זיין די תורה, האָט ער זיך אומגעקערט צו די אידען . . .

וואָרום איידער גאָט האָט געגעבען די תורה צו די אידען, האָט ער גערופען „סמאל׳ן״ דעם שר של עשו און געזאָגט צו אים: ווילסטו די תורה מיינע? האָט גע־זאָגט „סמאל״: וואָס שטייט געשריבען אין איר? האָט קודשא ברוך הוא געזאָגט: לא תרצח . . .

---

*) געליבט און געאכטעט איז ד ע ר מ ע נ ש וואָס איז באשאפען געוואָרען אין געטלעכען געשטאלט, (אבות ג׳ י״ד).

**) גאָט איז פון תימן געקומען פון פאָרן־בארג קומט דער הייליגער — דער הימעל האָט באדעקט זיין גלאנץ, די ערד איז פול זיין רוים. און שטראלען ליכט זיך שפּאלטען וואו ס׳איז זיין מאכט באהאלטען.

האָט ער „סמאַל", געזאָגט: חס ושלום, דיינע איז די דאָזיגע תורה, זאָל זי דיינען בלייבען . . . אויב דו וועסט זי מיר געבען וועט די גאַנצע שליטה מיינע בטל ווערען. ווארום מיין שליטה איז דאָך אויף רציחה. איך האָב די ממשלה איבער דעם „כוכב מאדים". אויב אָבער די תורה וועט זיין מיינע, וועלען דאָך ניט זיין קיין מלחמות, וועל איך דעמאָלט אינגאַנצען בטל ווערען פון דער וועלט. רבונו של עולם נעם דיר צו דיין תורה; איך וויל אין איר קיין חלק ניט האָבען. אויב עס איז ניחא פאַר דיר, אָט איז דאָ דאָס פאָלק ישראל, די קינדער פון יעקב'ן — פאַר זיי פאַסט זי.

און ער „סמאַל" האָט געדעבענט אז דאָ גייט ער זיי טאָן דערמיט אַ רעה. ער האָט זיך געטראַכט, אז אויב יעקב'ס קינדער וועלען מקבל זיין די תורה, וועלען זיי קיין תקומה ניט האָבען, וועלען זיי ווערען פארשוואונדען פון דער וועלט.

נאָכדעם האָט קודשא ברוך הוא גערופען רה"ב דעם שר של ישמעאל און גע־זאָגט צו אים: ווילסטו די תורה מיינע? האָט רה"ב געזאָגט צו אים: וואָס שטייט געשריבען אין איר? האָט קודשא ברוך הוא איבערגעהיפּט און געזאָגט צו אים לא תנאף! האָט ער געזאָגט: אויב די דאָזיגע מתנה וועט מיר גאָט מאַכען ירש'ענען, וועט עס אַ שלעכטע מתנה זיין וואָס דורך איר וועט בטל ווערען די גאַנצע ירושה מיינע פון „והפריתי אותו" . . .

די ערד, דערזעענדיג אז די פעלקער ווילען ניט די תורה, האָט זי אָנגעהויבען ציטערען. זי האָט זיך געזאָלט אומקערען צום מצב פון „תהו ובהו", ווארום אזוי האָט זיך גאָט אויסגענומען אַ תנאי מיט דער וועלט: „אויב מיינע קינדער וועלען מקבל זיין די תורה איז גוט, אויב ניט וועל איך ווידער ברענגען די וועלט צום מצב פון תהו ובהו. און דעריבער איז „ארץ רעשה" — דעריבער האָט זי געציטערט. זי האָט געמיינט, אז אויך די אידען וועלען ניט מקבל זיין די תורה. ווען די אידען האָבען אָבער געזאָגט: „נעשה ונשמע", האָט זי זיך בארוהיגט.

און אָט דאָס איז עס וואָס ס'שטייט געשריבען: ארץ יראה ושקטה. פריער האָט זי זיך געשראָקען און נאָכדעם האָט זי זיך בארואיגט. *)

די אידישע חכמים האָבען דערמיט געוואָלט באווייזען, אז מיר האָבען ניט סתם אזוי צוגעכאַפּט די תורה פאַר זיך, נאָר אז גאָט איז געווען גרייט איר אוועק־צוגעבען צו אַלע פעלקער וואָס וועלען איר נעמען. ס'איז אָבער דאַן ניט געווען קיין איין פאָלק פון די היידנישע פעלקער צו וועלען זיך בינדען דורכן מאָנאָטעאיזם און דאַרפען אויספאָלגען די תרי"ג מצוות. דאָס איינציגע פאָלק וואָס האָט געזאָגט „נעשה"! איז געווען דאָס פאָלק ישראל, דער „עמא פזיזא"!

אזוי איז אויך ניטאָ קיין סימן פון אומטאָלעראַנץ און שנאה צו פעלקער אין דער אנדערער מימרא וועגען „מעמד הר סיני" וואָס דערציילט אז „לעתיד לבא", אין דער קומענדיגער וועלט, ווען מ'וועט זיך נעמען באַשטראָפען די זינדיגע פעל־קער, וועלען די פעלקער טענה'ן „האָסטו דען איבער אונז אריבערגעבויגען דעם בארג, ווי דו האָסט געטאָן צו די אידען"? ווי דער פסוק זאָגט: „ויתיצבו בתחתית ההר"

*) זהר פרשת יתרו.

דרינגט דערפון רב דימי בר חמא אז „כפה עליהם" הר כגגית", אז גאָט האָט איבער־געבויגען דעם בארג ווי א פאס איבער דעם פאָלק ישראל און צו זיי געזאָגט: אויב איר נעמט אָן די תורה איז גוט. — אויב ניט, איז דאָ אייער קבורה. וועט גאָט זיי ענטפערען און די זיבען מצוות *) וואָס איר האָט געדארפט האלטען, האָט איר זיי נעהיט, — „רבונו של עולם — וועלען זיי טענהן, גיב אונז איצט די תורה, וועלען מיר איר מקיים זיין.

נאראָנים! — וועט גאָט זאָגען — דער וואָס גרייט ניט צו ערב שבת וועט ער האָבען עסען אויף שבת? . . . דער סוף וועט זיין ער וועט צו זיי זאָגען: איך האָב א מצוה קלה, א לייכטע מצוה, מען רופט איר סוכה, גייט און זייט איר מקיים.

וועט יעדער אומה זיך אויפשטעלען א סוכה אויפן דאך פון יעדען הויז. וועט גאָט מאַבען א שטארקע היץ. די פעלקער וועלען אין כעס ווערען. אנטלויפען פון דער סוכה. וועט גאָט לאכען פון זיי, ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים (ב' ד') „יושב בשמים ישחק".

איז אויך דאָ, זעען מיר, ווי אונזערע חכמי התלמוד זענען טאָלעראנט צו אנדערע פעלקער. באציען זיך צו זיי מיט גרוים דרך ארץ. דער פאקט איז דאך אז אין סוכות האָבען מיר מקריב געווען ספעציעלע קרבנות פארן וואוילזיין פון די פעלקער. „שבעים פרי החג כנגד שבעים אומות". **) . זיי באמערקען בלויז, אז די פעלקער זענען ניט געוואוינט צו מסירת נפש, צו ליידען און פייניגען זיך לשם אידע־אל, אז צוליב דער שטארקער היץ, ווערען זיי אין כעס און אנטלויפען פון דער מצוה. דאָס אלע איז געזאָגט געוואָרען וועגען די אמאָליגע פעלקער. ס'זענען אָבער געווען פעלקער אין די צייטען פון תלמוד, ספעציעל די, וועלכע זענען געווען טיילווייז גע־צווימט דורך מאָראלישע פליכטען און האָבען מקיים געווען א טייל פון די „שבע מצוות", זענען ניט געווען אין כלל פון די פעלקער וועלכע מ'דארף באקעמפען, דער־ווייטערען און פיינט האָבען, שוין אָפגערעדט פון די היינטיגע קריסטלעכע פעלקער וועמעס הויפט פרינציפען פון יושר זענען באזירט ניט בלויז אויפן „נייעם טעסטאַ־מענט", נאָר דירעקט באאיינפלוסט פון „תורת משה" פון דער זיטליכקייט, עטיק און מענשען־ליבע פון תנ"ך.

האָלענדישע קריסטען וואָס האָבען ארויסגעוויזען אזויפיל סימפאטיע צו אידען בעת'ן גירוש שפאניע און נאָכן גירוש; האָלענדישע גייסטליכע וועלכע האָבען ארויסגעוויזען זאָרג וועגען אידישע ליידען און אויפריכטיגע ליבשאפט צו אידישע איינוואוינער — זיי זענען אונז נאָענט, זיי ווערען באטראכט פאר חסידי אומות

*) ת"ר שבע מצוות, נצטוו בני נח: דינין, ברכת השם, ועבודת כוכבים, גילוי עריות ושפיכות דמים, גזל ואבר מן החי . . . (סנהדרין נ"ו ע"א־ע"ב). זיי זענען גע־באָטען: ניט צו דינען צו אָפגעטער; ניט צו נעמען אן אנדערענס פרוי; ניט צו הרג'ענען קיין מענש; ניט צו עסען קיין שטיק פון א לעבעדיגע בהמה; ניט רויב־בען . . . דער וואָס היט די מצוות איז ער פון די „חסידי אומות העולם" און פאַר־דינט עולם הבא זע רמב"ם, יד החזקה" פרק ח' הלכה ה' מלכים; י"ד, ז' איסורי ביאה; ג' ה' תשובה; ספר יראים.

**) סוכה נ"ה ע"ב מדרש רבה כ"א, כ"ב.

העולם, וואָס האָבען א חלק אין דער צוקונפט־וועלט *). זיי האָבען זיך געשטעלט אויף דער מדרגה פון אמתער קריסטלעכער לערע אין זייער לעבענס אויפפירונג און אין זייערע לעבענס פּראָמען.

אין מכילתא (שמות י"ט ב'), רעדענדיג וועגען מתן תורה, ווערט געזאָגט, אז דעריבער איז די תורה געגעבען געוואָרען אויף א הפקר אָרט, כדי יעדער זאָל קענען קומען און איר מקבל זיין (ניתנה תורה דימוס . . . במקום הפקר, שאלו ניתנה בארץ ישראל, היו אומרים לאומות העולם, אין להם חלק בה, לפיכך ניתנה דימוס, פרהסיא במקום הפקר — וכל הרוצה לקבל יבא ויקבל . . .). דער דאָזיגער געדאנק ווערט פיל מאָל ווידערהאָלט **). א וואונדער אויף דעם כוזרי (א' ק"א), וואָס האלט, אז די תורה איז לכתחילה געגעבען געוואָרען נאָר צו אידען. פון נביאים און חז"ל ווייזט ניט אוים אזוי. די ערשטע מצוה איז דאָך געגעבען געוואָרען צו אדם הראשון . . .

אפילו די געצענדינער פון חוץ לארץ, האלט ר' יוחנן זענען ניט קיין היידען אין שטרענגען זין פון וואָרט. נאָר טוען נאָכפאָלגען „מנהג אבותיהם" די טראַדיציע פון זייערע עלטערען ***). די מערסטע פעלקער אין דער תלמוד עפּאָכע זענען אָבער נאָך געווען אין שטענדיגען פּארדאכט פון שפיכות דמים און גלוי עריות. דעריבער זענען געמאכט געוואָרען פארשיידענע תקנות צו פארהיטען אידען פון אָט די געפאַרען ****). מיר געפינען אין תלמוד אָן א שיער פאסירונגען וועגען אָנפאלן אויף אידען וועלכע האָבען געדייזט אונטערוועגענס פון שטאָט צו שטאָט מיט סחורה. פאראן אפילו איינצעלהייטען ווי אזוי מ'האָט געפונען די הרוגים אויף פעלדער און וועלדער — און טייל איז אפילו שווער געווען צו דערקענען, מ'זאָל קענען באפרייען זייערע פרויען, וועלכע זענען געבליבען אייביגע עגונות. די תנאים און אמוראים האָבען עס באטראכט פאר אן אָנגעוויטאָגט פּראָבלעם. פאנגען אידען און פאָדערען אויסלייז־געלט, איז אויך געווען א טעגלעכע דערשיינונג. ניט אומזיסט האָט זיך רבי פנחס בן יאיר פארנומען אלע זיינע יאָרען מיט דער מצוה פון „פדיון שבויים", און ניט אומזיסט האָט זיך דאָס טייכעל „געשפּאָלטען" פאר אים, ווען ער איז געווען אויפן וועג מקיים צו זיין די דאָזיגע גרויסע מצוה *****).

---

*) זע, עבודה זרה כ"ב ע"א; כ"ה ע"ב; כ"ו־כ"ז; ערובין פ"י, א'). וועגען דער באציאונג פון האָלענדישע קריסטען צו אידען, אין דעם וואונדער־ליך־געשריבענעם בוך פון דעם בארימטען שריפטשט.. אידען־פריינט פיר וואן פאסען: „דער פארגעסענער שותף" ("The Forgotten Ally")

**) זע איכה רבתי פסוק אני הגבר.

***) א"ר יוחנן עכו"ם שבחוץ לארץ לאו עוֹבדי ע"ז הם אלא מנהג אבותיהם בידיהם (חולין י"ג ע"ב).

****) זע יבמות קכ"א ע"ב: ס'איז געווען א געצענדינער וואָס האָט געזאָגט צו א איד נעם דאָס גראָז און גיב עס מיין בהמה אין שבת, אויב ניט וועל איך דיר הרג'ענען ווי איך האָב גע'הרג'עט דעם איד וואָס כ'האָב אים געזאָגט, ער זאָל פאר מיר קאָכען עסען שבת און ער האָט ניט געוואָלט מיך פאָלגען. א צווייטער גוי האָט זיך בארימט אז ער האָט גע'הרג'עט אונטערוועגענס א גרופּע אידען. א דריטער האָט דערציילט אז ער האָט געטויט זעכציג מענשען (אידען) אויפן וועג קיין ביתר. יבמות קכא ע"א־ע"ב.

*****) זע חולין ז' ע"א ע"ב: רבי פינחס בן יאיר, דער שווער פון רבי שמעון בן יוחאי איז געווען בארימט מיט זיין אויסערגעוויינליכער פרומקייט און פאר זיין אָפּגעבען זיך מיט דער מצוה פון „פדיון שבוים" (אויסלייזען געפאנגענע) צוליב

עס זענען געווען תקנות מ׳זאָל ניט גיין צו קיין גוי׳שען דאָקטאָר זיך היילען. מ׳זאָל ניט גיין צו קיין גוי׳שען לערער און מ׳זאָל ניט נעמען קיין גוי׳שע הייבאַם (אקושער) אויסער אז אימיצער וועט זיין מיט איר און איר היטען זי זאָל ניט קענען טאָן קיין שלעכטס צו דער מוטער אָדער צום קינד. איינע, א גוי׳שע הייבאַם, האָט זיך באַרימט פאַר איר פריינדין אז זי האָט געטויט, ביים געבורט, פֿיל אידישע קינ־דערלעך *). פונדעסטוועגען ברענגט די גמרא אן אונטערשייד צווישען די פּער־סיער וואָס זענען אין חשד אויף בלוט־פאַרגיסונג און די גריכען וואָס זענען ניט אין חשד אויף שפיכות דמים **). ווען רב (אבא אריכא געב. ג׳ תתקט״ו־ד״א ג׳ 155-243) האָט פאַרלאָזט ארץ ישראל און צוגעזען, ווי די רוימער טעראָריזירען די דאָרטיגע אידישע באַפעלקערונג, זענען כסדר גוזר גזרות קעגען לערנען און קיום המצוות, האָט ער געזאָגט בעסער צו זיין אונטער ישמעאל איידער אונטער אדום, בעסער צו זיין אונטער אדום און ניט אונטער דער הערשאַפט פון חברים (כּאַבאָרים, פּערסישע סעקטע וואָס האָט געדינט צו פייער און פאַרפאָלגט אידען מיט די ערגסטע אכזריות ***).

אין רב׳ס צייטען, איז פּערסיע פאַרנומען געוואָרען פון א שבט וואָס האָט זיך גערופען „סאַסאַנידען״. זיי האָבען ארויפגעזעצט אויפן טראָן זייער קעניג ארדשיר באַביגאַן אויפן פּלאַץ פון קעניג ארטאַבאַן באַרימטער אידען־פריינט. די אידישע לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. דער דאָזיגער שבט וואָס האָט זיין יחוס גערעכענט פון די אַלטע באַביליאָנער, די, וועלכע האָבען חרוב געמאַכט דאָס ערשטע בית המקדש און ארויסגעטריבען די אידען פון ארץ ישראל, האָבען געהיט די אַלטע שנאה צו אידען און אָנגעטאָן די ערגסטע צרות די בבלישע אידען. די מערסטע אנטי־גוי׳אישע פאַרשריפטען זענען טאַקע געצילט געגען זיי, ווייל אידען

וועלכע ער האָט זוכה געווען צו פיל נסים. איינמאָל, ווערט דערציילט, איז ער געקו־מען צו א טייך און האָט ניט געקענט אריבער. קיין בריק איז אודאי ניט געווען און דאָס וואַסער איז געווען טיף און ער האָט זיך געאיילט צו דער מצוה פון אויס־לייזען געפאַנגענע. זאָגט רבי פּינחס בן יאיר צום טייך: שפּאַלט דיך פאַנאַנדער, ווייל איך דאַרף דורכגיין מקיים צו זיין די מצוה פון פדיון שבויים! ענטפערט אים דער טייך: דו גייסט טאָן דעם ווילען פון באַשעפער און ס׳איז א צווייפעל צי ס׳וועט דיר געלינגען; איך טו אויך דעם ווילען פון באַשעפער וועלכער האָט אָנגעצייכענט מיין גאַנג — פאַרוואָס זאָל איך זיך שפּאַלטען פאַר דיר?

„אויב דו שפּאַלטסט זיך ניט גלייך״, האָט רבי פּינחס בן יאיר געזאָגט, וועל איך גוזר זיין, אז דיין וואַסער זאָל איינגאַנצען אויסטריקענען!״

אויף אים ווערט געזאָגט אז זינט ער האָט שכל געקראָגען, האָט ער ניט געוואָלט געניסען פון קיינעם נאָר פון אייגענעם פאַרדינסט. צווישען אים און רבי יהודה הנשיא, דערציילט די גמרא, איז דורך א צופאַל אויסגעוואַקסען א פייער־באַרג און האָט זיי צעשיידט, דער צופאַל איז געווען, ווען ער האָט אויסגעפינען אז ביי רבי יהודה הנשיא געפינען זיך ווייסע מויל־אייזלען וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר א מלאך המות, ווייל די וואונד פון זייערס א בריק ווערט קיינמאָל ניט פאַרהיילט. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט נעמען קיין מתנות, ליב געהאַט אידען און געהאַלטען אז „ישראל קדושים״, אז אידען זענען א הייליג פאָלק.

*) זע, יבמות דאָרט, עבודה זרה און אנד. מקומות.

אין שפּעטערע צייטען איז אָנגעזאָגט געוואָרען צוליב דער אורזאַך אז א מענש דאַרף שטענדיג ארויסגיין פון זיין הויז, ווען עס איז ליכטיג. רב׳ס מאמר: „לעולם יצא אדם בכי טוב, פסחים ב׳ ע״א״. **) בבא קמא ק״ז ע״א.

***) „תחת ישמעאל ולא תחת אדום (רומי נ.ש.), תחת אדום ולא תחת חבר. שבת י״ז ע״א. זע גרשם באַדער, אונזערע גייסטיגע ריזען, דריטער טייל, ניו יאָרק, תרצ״ח, „פרדס״ ז. 5׳.

האָבען זיי געהאַלטען פאַר איינפאַכע מערדער און גזלנים. רב האָט געהייסען זיך דערוויטערען פון די „חברים" און אמגושים, אפילו קיין גרים ניט נעמען פון זיי, טאָמער וועלען אידען איבערנעמען זייערע שלעכטע זיטען און מנהגים. קעגען זיי איז געזאָגט געוואָרען אז ווער עס וויל בלינד ווערען, זאָל ער זיך לאָזען שמירען די אויגען פון אן ארמעאישען דאָקטאָר *). זיי האָבען געהאַט א מאָדנעם גלויבען און מאָדנע טראַדיציעס און געפּלאַפּלעט סתם אזוי אין דער וועלט אריין ווענען ענינים וואָס זיי האָבען וועגען זיי, אפילו קיין באגריף ניט געהאַט **). זיי האָבען געהאַלטען ניט בלויז פון „השארת הנפש", נאָר אויך פון „השארת הגוף" אז אויף דער צווייטער וועלט ווערען לעבעדיג די מתים, עסען און טרינקען, האָבען חתונה, האָבען קינדער און געניסען פון „תאות עולם הזה". ביי אידען האָט „השארת הנפש" א גאַנץ אנדערען באגריף. רב זאָגט אז אויף דער צווייטער וועלט איז ניטאָ קיין עסען, קיין טרינקען, קיין האנדעל, קיין קנאה־שנאה . . . די צדיקים זיצען מיט קרוינען אויף זייערע קעפּ און זעטיגען זיך מיט דער הערליכקייט פון דער שכינה ***).

די דאָזיגע רעליגיעזע גרופּע „חברים", האָט גערדינט צום פייער און האָט אָנגעטאָן אידען גרויסע צרות. די גמרא דריקט זיך אויס ווענען זיי אז דאָס וואָס עס ווערט געזאָגט אין די קללות יוליך ד' גוי עז פּנים . . . איז געמיינט די „חברים", זיי האָבען געשטערט צינדען חנוכה ליכט ****).

מעגליך, אז דער מאמר אין תלמוד (ברכות ח' ע"ב) אויפן פּסוק אני צויתי למקודשי (ישעיה י"ג ג') „אלו הפרסים המקודשים ומזומנים לגיהנום", איז געמיינט די דאָזיקע סעקטע פּערסיער.

די גריכען און די רוימער אלס א צווייג פון גריכישע פעלקער זענען געווען ווי באַקאַנט די בעסטע צווישען די פעלקער מיט וועלכע די אידען איז אויסגעקומען צו לעבען אין שכנות. די גריכען און די רוימער זענען באַטראַכט געוואָרען פאַר דעם „יפיפותו של יפת", פאַר דאָס שיינע פון יפת'ן וואָס איז דערלויבט געוואָרען אריינצונעמען אין שם'ס געצעלטען.

אינטערעסאַנט איז וואָס דער הויפּט פון די קריסטליכע אַפּאָסטאָלען, זאָגט וועגען די היידנישע רוימער איידער זיי האָבען איבערגענומען די קריסטליכע רעליגיע: „. . . אויך די רוימער, זייערע חכמים און שרייבער, אין דער עפּאָכע פון די דיקטאַטאָרישע צעזאַרען, האָבען באַקעמפט מיט אלע כחות די אידישע תורה און איר אויסגעלאַכט . . . פון אונוויסענקייט האָבען זיי אויף דער אמת'ער און דערהויבענער תורה אויסגעטראַכט כלערליי ליגען און נאַרישקייטען . . . ביז זיי האָבען דערוואַכט פון זייערע נאַרישקייטען, פון זייער נאַרישען שלאָף אין וועלכען די געצענדינער האָבען זיי איינגעשלעפּערט און די בעסערע פון פאָלק האָבען דערזען די נאַרישע טראַדיציעס וואָס זיי האָבען איבערגענומען פון זייערע עלטערען . . . זיי האָבען דערזען אז זייער הויפּט גאָט יופּיטער איז פול מיט זינד, אז זיינע

*) נדה ל"ה ע"ב.

**) שבת קל"ח ע"ב. באדר ז. 63 אין נאָכבאַמערקונג, ברענגט פון ספר דקדוקי סופרים", פון ר' רפאל נטע ראַבינאָוויץ, אז אנשטאָט עכו"ם דאַרף זיין ארמי, לויט תלמוד כתב־יד פון יאָר רס"ג 1502.

***) ברכות י"ז ע"א.

****) זע שבת כ"א ע"ב; מ"ה ע"א; גיטין ט"ז ע"א; יבמות י"ג.

זין און טעכטער זענען פארדארבען, אויסגעלאסען און לערנען אוממאראלישקייטען, לערנען ווי צו באגיין פארברעכענס, מערדערייען, גזלות, קנאה א. א. וו. זיי האבען פארמיאוסט דעם גלויבען אין פאליטעאיזם (פיל געטעריי), און איבערגענומען די לערעס פון תורת חיים פון א תורת אמת . . . די אידישע תורה, און א ניי ליכט האט זיך אנטפלעקט פאר זייערע אויגען *). הונדערטער און טויזענטער האבען דערזען דאס ליכט און געלאפען זיך אנשליסען אינם בונט פון אברהם. פיל רוימישע גענער־ראלען, גראפען און אזוי פון דער עליטע זענען איבערגעגאנגען צום אידענטום און זיך באצויגען מיט גרוים כבוד צו די אידישע הייליגטימער. אזוי האט דער קיסר אוגוסטוס געשיקט מתנות צום בית המקדש און פיל גרים זענען אויפגעגאנגען קיין ירושלים צום בית המקדש **). פארשטייט זיך אז די רוימישע געצענדינערישע פריסטער האבען געקעמפט קעגען דער באוועגונג, געוואלט איר שטערען, ווייל עס איז געווען אין זייערע לעבענס אינטערעסען ניט צו דערלאזען אז דער בארג מוריה זאל באזיגען דעם אלימפוס בארג אבער זייער קאמף איז געווען אומזיסט. דאס קריסטענטום וואס האט איבערגענומען א גרויסען טייל פון אידישען גלויבען און אלס יסוד אנגענומען די מאנאטעאיסטישע קאנצעפציע האט באזיגט דאס היידניש־קייט פון די רוימער. די לעצטע, האבען אבער איבערגעלאזט זייער ירושה פון האס צום איד, צו קינדער און קינדס קינדער פון קריסטלעכען גלויבען. ז י י ע ר ע אייניקלעך האבען שפעטער געזאגט ווי זייערע היידנישע טאטעס פון אמאל: „שחי ונעברה ותשימו בארץ גוך וכחוץ לעוברים, (ישעיה נ"א ב"א־כ"ג) ציי זיך אויס, בויג דיך איין און מיר וועלען טרעטען אויף דיר, שפרייזען איבער דיך. זיי האבען דאס נאכגעפאלגט מיט איינענע אריגינאלע צוגאבען אבער וועגען דעם אין א ווייטער־רען קאפיטעל.

מיר זעען ווי אזוי דאס ציוויליזירטע רוים האט אויסגעזען — קאן מען זיך פארשטעלען ווי אזוי די מאראל איז געווען ביי אנדערע פעלקער ווי די ארמעער, וועגען וועלכע אידישע חכמים האבען געווארענט מ'זאל זיין פונדערווייטענס פון זיי און ניט צופיל פארברענגען מיט זיי. רבי יהודה הנשיא (ג'תתצ"ה־ג'תתק"עט 211-295) האט אנגעזאגט זיינע קינדער: אל תשבו על מטת ארמית ***). אויך רבא (נפטר לערך ד"א קי"א אין עלטער פון 74 יאר) האט אנגעזאגט זיינע זין, זיי זאלען ניט זיצען אויף א בעט פון אן ארמי צוליב דער טראגישער מעשה מיט רב פפא, וועלכער איז אמאל געגאנגען מאנען א חוב ביי אן ארמית, האט זי אים געבעטען זי־צען אויפן בעט, ווי דער שטייגער איז געווען, ביז זי וועט אים אריינברענגען דאס געלט. רב פפא האט זיך אנטשולדיקט און אנטזאגט זיך אוועקזעצען. האט זי אים נאכאמאל געבעטען האט ער געוואלט דערפילען איר פארלאנג, אבער פריער געוואלט אונטערזוכען דאס בעט צו עס געפינט זיך ניט דארט עפעס, וואס קאן העלפען מאכען א בלבול אויף אים. ארויסגעוויזען האט זיך, אז די ארמית, האט געהאט דארט ליגען א טויט קינד און געוואלט מאכען אויף אים א בלוט בלבול ****). ווייל איך זיך דא

**) בריוו פון אפאסטאל פולוס (סט. פאול) צו די רוימער א' ב'.

**) פלאוויוס יוסיפוס מלחמות היהודים ז' ג'.

) איר זאלט זיך ניט אוועקזעצען אויף א בעט וואס שטייט ביי אן ארמעער, פסחים קי"ב ע"ב. *) ברכות ח' ע"ב.

ניט ארײנלאָזען אין חקירה װעגען עלילת־דם װאָס פאָרדינט א באַזונדערער אָפּ־האַנדלונג, איך װיל בלױז אָנװײזען װי געדעכט די חכמי התלמוד זענען געװען אין יענער צײט, מיט זײער פאַרדעכטיגען די װילדע גױם װעלכע זענען עלול געװען צו טאָן אַלץ אין דער װעלט, כּדי זיך צו באַפרידיגען און האָבען ניט קײן מורא געהאַט פאַר קײן משפּט, ניט פאַר קײן ערדישען און ניט פאַר קײן הימלישען משפּט.

ס'װערט דערצײלט פאַרן רבי'ן ר' בונם פון פּשיסכע זצ"ל, *) ער איז אַמאָל געגאַנגען שפּאַצירען, איז פאַר אים פאַרבײגעגאַנגען א גױ, האָט ער א ציטער געטאָן. דער גױ, איז געװען א הולך לדרכו . . . ניט אײנזינען געהאַט עמיצען שלעכטס צו טאָן. דער באַגלײטער האָט דעריבער געפרעגט דעם רבי'ן: „פאַרװאָס האָט איר אײך אַזױ דערשראָקען?" דער רבי ר' בונם האָט אים דערױף געענטפערט: „יעדער גױ, אז ער גײט אין װעג װאו קײנער זעט ניט, װיל ער שלאָגען דעם דורכגײענדיגען איד, און אז עס טרעפט זיך אַמאָל, אז ער שלאָגט אים נישט, איז עס דערפאַר, װײל ער איז בטבע אַן עצל".

דאָס איז געזאָגט געװאָרען אין א מאָמענט, װען אידיש בלוט איז געװען הפקר אונטער דער הערשאַפט פון צאַריסטישען רוסלאַנד, װען דער „בידוע שעשו שונא ליעקב" (בראשית רבה ל"ג) האָט אָנגענומען א כאַראַקטער פון טעגליכע פּאָגראָמען און אָנפאַלען אױף אידען; װען דער איד האָט ניט געהאַט קײן בירגערליכע רעכט און איז געװאָרען אונטערדריקט פון דער פינסטערער רעגירונג פּונקט װי אין אַמאָליגען רױם און אין געצענדינערישען פּערסיע. אין אַזא צײט, װי קען מען האָבען צוטרױ צו רוצחים? װי קען מען האָבען א בעסערע באַציאונג צו די װאָס באַנוצען זיך מיט די ידים קעגען אונז. אין אַזא מאָמענט און אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז געזאָגט געװאָרען: טוב שבגוים הרוג" **) װײל עס איז אסור לרחם אױף אונזער בלוט־צװינגער, אױף הײדנישע מערדער. װעט אימיצען אײנפאַלען צו פאַרלאַנגען פון אונז צוטרױ צו די נאַצים װעלכע האָבען זיך באַנוצט מיט דער ערג־סטער סאַדיסטישער אכזריות קעגען מיליאָנען אומשולדיגע פון אונזער פאָלק? קען מען פאַרלאַנגען פון אונז רחמנות אױף די בעסטיאַלישע חיות װעלכע האָלטען אָן זײער פּלאַן פון אױסמאָרדען ציװילע באַפעלקערונגען, שענדען און מאָרדען אידישע

*) ר' שמחה בונם מפשיסחא (תקכ"ז־תקפ"ז) װערט פאַררעכענט אלס אײנער פון די זײלען פון פּױלישען חסידיזם. ער װערט באַטראַכט אלס פאָטער פון קאָצקער, גערער און איזביצער חסידות. א גרױסער שפּראַכען קענער, גרױסער סוחר איז ער געװען אַן אָריגינעלע פּערזענליכקײט און שאַפער פון אַריסטאָקראַטיש־לומדישען חסידות. אױף זײנע װערטלאַך איז געזאָגט געװאָרען „שיחת הולין של תלמידי חכמים צריכה למוד" . . . ער איז געװען א גרױסער בקי אין די ספרי מחקר אין פילאָזאָפיע, א טיפער דענקער און למדן. א טײל פון זײנע חדושים זענען געדרוקט אין ספר „קול שמחה". ער האָט געהאַט אַן אַפּטײק און אַלײן געמאַכט די מעדיצינען. אין ספר זכרון פון ר' יהודה ליב גראָבאַרט (ז. 175) װערט געבראַכט, אז מ'האָט אַמאָל געריהמט פאַר אים א איד װאָס ענדיגט יעדען טאָג גאַנץ תהלים (א איד װאָס האָט זיך ניט אױפגעפירט װי א תהלים זאָגער), האָט ער באַמערקט: אױב בײם האַלבען ספר פון תהלים װערט געזאָגט ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו (תהלים ע"ח) איז דאָך שױן אָפּגערעדט פון דעם װאָס ענדיגט גאַנץ תהלים. פון אים, װעט'ס אױך דערצײלט, אז ער האָט זיך אַמאָל אַרױסגעשטעלט פאַר א שמש װאָס האָט געגנבעט ליכט פון בית המדרש, באַנוצענדיג זיך מיטן װאָרט „תעותי כשה אובד בקש" . . . דאָס שפּעטעלע װאָס כאַפּט אַביסעל שטרױ באַשטראָפט מען, אָבער דעם לײב װאָס פאַרצוקט אים פאַרשװײגט מען זײנע רױבערײען.

**) מסכת סופרים ט"ו י'. מכילתא פ' בשלח י"ז; ילקוט בשלח.

מענער און פרויען און פראווען מיט זיי פארן טויט, די שוידערליכסטע ארגיעס. קען מען זיי מוחל זיין די מעשים תעתועים הינטער די דיקע געטא־ווענט פון ווארשע, לובלין, קראקע, לעמבערג, פראג, ווילנע א. א. שטעט און שטעטלאך אין די נאצי־אקופירטע לענדער אין אייראפע. געדענקען מיר דאך די מעשה באריסאוו אין ווייס־רוסלאנד, וואס לויטן עדות זאגען פון צוויי סאוועטישע קאמאנדירען, האבען די נאצים דארט דורכגעפירט א שוידערלעכער קאניבאלען ארגיע, אויסהרגענדיג און באגראבענדיג לעבעדיגערהייט פופצען טויזענט אידען אריינגערעכענט פרויען און קליינע קינדער, אז „דאס פעלד האט געאטעמט און זיך געהויבען ווי א ים איבער די לעבעדיגע קברים פון די מארטירער".

מיר וועלען קיינמאל ניט פארגעסען די שוידערליכקייטען פון קיעוו, וואו די חיה־מענשען וואס רופען זיך נאצים האבען אויסגעראטען די גאנצע אידישע באפעלקערונג. פריער דערשאסען און באגראבען אין „באבי יאר", א טאל אזא אין קיעווער פארשטאט, און לויט דעם עדות־זאגען פון א רויט־ארמייער מיטן נאמען יעפים ווילקים, א געפאנגענער ביי די נאציס, האבען די נאצים פארן צוריקציען זיך פון קיעוו אין אויגוסט 1943, אויפגעגראבען די הרוגים נאך צוויי יאר זיין באגראבען אינם טויטען טאל (פון סעפט. 1941), און זיי פארברענט כדי ס'זאל ניט בלייבען קיין עדות פון דער שרעקליכקייט. ווי די עדות גיבען איבער זענען באגראבען און פאר־ברענט געווארען צענדליגע טויזענטער מענטשליכע נפשות . . .

קען מען דאס פארגעסען? קען מען דאס זיי מוחל זיין?

הימעל און ערד זענען עדות אויף זייערע פארברעכערישקייטען אין פוילען, רוסלאנד, פראנקרייך, האלאנד, בעלגיע — און אומעטום וואו זייער מאכט האט דערגרייכט.

פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער הערט זיך דאס בת קול וואס מאנט און פאדערט משפט פאר די אומגעקומענע אינם בלוטיגען נאצי־מבול!

דאס אידישע פאלק וועט קיינמאל ניט פארגעסען די דאזיגע מארטירער. מיר זענען פון לאנג געבאטען געווארען: „לא תשכח!" „זכור את אשר עשה" . . .

אויף זיי, די טרעגער פון קין־צייכען אויף דור־דורות, אויף זיי, מעג מען בעטען ביי גאט די תפלה פון „שפוך חמתך" און זאגען גאנץ ערנסט: „וחרון אפך ישיגם, תרדוף באף ותשמידם מתחת שמי ד'!"

אויב די חכמי התלמוד האבען זיך צייטענווייז, שארף אויסגעדריקט געגען געוויסע פעלקער, איז עס געווען צוליב זייערע פארברעכערישע האנדלונגען לגבי אידען; איז עס געווען צוליב זייער שרעקלעכע פארפאלגונגען לגבי אידען; איז עס געווען צוליב די שרעקלעכע רדיפות, צרות און פיין וואס אידען האבען געהאט אויסצושטיין פון זיי. די חכמי התלמוד, האבען ניט געקענט פארגעסען אזוי שנעל דעם רוימישען באפעל: „כל דלא קטיל ליקטלוהו" — ווער עס הרגעט ניט קיין אידען זאל אליין געטויט ווערען *).

*) גיטין נ"ה ע"ב.

זע באלערענדען ארטיקעל פון הרב פינחס הירשפרונג, אין „קענעדער אדלער" (אקט. 2, 1942), א. ד. ט. „תלמוד ירושלמי, תלמוד בבלי און תלמוד קוויבעק", ענטפערענדיג אויף אן אטאקע פון גלח פיער, באנאוועגטור פעלאקען וועלכער האט אין „ל'אקסיקאן קאטאליק", פארעפענטלעכט אן ארטיקעל, פול מיט זלזולים אויף דעם תלמוד און אויף דער אידישער רעליגיע בכלל.

ס'איז דאָך אוממעגליך אין א באגרעניצטער ארבעט ווי מיין איצטיגע איז, איבערצוגעבן אפילו איין טראָפּען פון ים פון ליידען, וואָס אידען האָבען איבער־געלעבט זינט חורבן בית ראשון אין די גרויזאמע עפּאָכעס פון זייער וואנדערונגס־גאנג אין גלות *). זיי זענען גערודפט געוואָרען אפילו פּאר אויספּאָלגען די רעגירונגס־געזעצען און פארשטייט זיך נאָך מער פאר פארדעכטיגען זיי אין ניט וועלען אויספאָלגען געוויסע „דיני דמלכותא", וואָס אין כלל איז „דינא דמלכותא" גראד אנערקענט געוואָרען פון די חכמי התלמוד.

די שוידערלעכע מעשים פון גרויזאמען צעזאר האדריאן, זענען באקאנט דורך תלמוד און מדרשים. אלס כאראקטער־שטריך פון זיין שנאה צו אידען איז כדאי צו ברענגען דעם מאמר פון מדרש רבה, איכה (ב'), אז א איד איז פארבייגע־גאנגען פאר אדרינוס, האָט ער זיך צו אים באגריסט, געזאָגט „שלום", האָט אדרינוס געזאָגט: א איד באגריסט מיך? זאָל מען אים טויטען. האָט פּאסירט אז א איד וואָס האָט דאָס צוגעזען האָט אים ניט באגריסט, האָט מען אים ווידער געאורטיילט מיט טויט־שטראָף. מיטן אונטערגאנג פון דער אידישער שטאטליכער זעלבסט־שטענדיקייט, האָט זיך אָנגעפאנגען די שרעקליכע אידישע ליידענס געשיכטע און אונטער אזעלכע באדינגונגען איז אנטשטאנען דער תלמוד, די ענציקלאָפּעדיע פון א צענדליג דורות שאפונגען און אונטער אזעלכע אומשטענדען זענען געשאפען געוואָרען די אורשפּרינגלעכע תפלות וואָס האָבען געדארפט דערהויבען דעם איד, געבען אים האָפנונג צו קענען ביישטיין די נסיונות פון דער גרויזאמער ווירקליכקייט.

ניט וועלענדיג ארומרעדען באריכות'דיג די גרוילִיקע געשיכטעס נאָכן חורבן בית שני ווי די גזרות קעגען תורה לערנען, קעגען מילה און שבת און קעגען היטען מצוות בכלל, וויל איך דאָך אין עטלעכע ווערטער איבערגעבען ווי אזוי די הייליגע מארטירער, די בארימטע „עשרה הרוגי מלכות" זענען גע'משפט געוואָרען. ווענען רבי עקיבא'ס משפט ווערט דערציילט אז מען האָט זיין לייב געקעמט מיט אייזערנע קעם, ווען מ'האָט אים געכאפּט לערנען תורה:

„פעם אחת גזרה מלכות רומי שלא יעסקו ישראל בתורה, בא פפוס בן יהודה ומצאו לר' עקיבא שהיה מקהיל קהלות ברבים ועוסק בתורה . . . לא היו ימים מועטים עד שתפסוהו לר' עקיבא וחבשהו בבית האסורים . . . אשריך ר' עקיבא שנתפסת על דברי תורה . . . בשעה שהוציאו את ר' עקיבא להריגה . . . והיו סורקין את בשרו במסרקות של ברזל . . . עד שיצאה נשמתו באחד!" **). כשנתפסו ר' אלעזר בן פרטא ור' חנינא בן תרדיון . . . אתיוה לר' אלעזר בן פרטא אמרו: מאי טעמא תנית? . . . אתיוה לר' חנינא בן תרדיון אמרו ליה: אמאי קא עסקת באורייתא? . . . הביאו לר' חנינא וכרכוהו בספר תורה והקיפוהו בחבילי זמורות והציתו בהם את האור והביאו ספוגין של צמר ושראום במים והניחום על לבו כדי שלא תצא נשמתו מהרה . . . ***).

די גמרא דערציילט ווי דער תליון האָט געהאט רחמנות אויף אים און גע־וואָלט צוזאמען מיט אים אנטלויפען, האָט ר' חנינא געהאלטען אז דאָס איז א גזרה

*) אין א סעריע ארטיקלען וועגען חורבן, האָב איך זיך באמיט איבערצוגעבען טייל וויי ז די אידישע ליידען אין יענע גרוילִיגע טעג.

) ברכות ס"א ע"ב. *) עבודה זרה י"ז ע"א־ע"ב י"ח ע"א.

מן השמים . . . דער סוף איז געווען אז דער תליון האָט ניט געקענט צוזען זיינע לײדען און זיך אויך אריינגעוואָרפען אין פייער. א בת־קול איז ארויס: ר' חנינא בן תרדיון וקסטנירו מזומנים לחיי העולם הבא".

וועגען יהודה בן בבא ווערט דערציילט „פעם אחת גזרה המלכות שכל הסומך יהרג וכל הנסמך יהרג ועיר שסומכים בה תחרב . . . מה עשה יהודה בן בבא? הלך וישב לו בין שני הרים גדולים . . . וסמך שם חמשה זקנים . . . כיון שהכירו אויביהם . . . אמרו: לא זזו משם עד שנעצו בו שלש מאות לונביאות של ברזל ועשאוהו ככברה". *)

די עשרה הרוגי מלכות וועלכע ווערען אויסגערעכענט אין מדרש רבה איכה (ב' ה') און וועגען וועלכער ס'איז פארפאסט געוואָרען די בארימטע פּאָעמע „אלה אזכרה", זענען געמשפט געוואָרען בלויז צוליב דעם וואָס זיי האָבען געקעמפט פאר דער דערהאלטונג פון אידישען גייסט, פאר דער דערהאלטונג פון אידישען דת. דאָס ווערט ארויסגעבראכט ניט בלויז אין דער דערמאנטער „קינה", וועמעס מקור איז צו געפינען אין „מדרש אלה אזכרה", געבויט אויף דער פסוק אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי (תהלים מ"ב ה') נאָר אויך אין תלמוד אין מדרשים. בלויז וועגען רבי עקיבא זענען פאראַן מיינונגען אז זיין משפט איז געקומען צוליב זיין באַטייליגונג אין דעם בר כוכבא אויפשטאנד. פון דעם מאמר אין תלמוד ווייזט אויס אז ער איז פאראורטיילט געוואָרען צוליב תורה לערנען ווי פפוס האָט אים געזאָגט וואויל איז דיר וואָס ביזט געכאפּט געוואָרען צוליב דער זינד פון לערנען תורה **). וועגען ר' עקיבא'ס צדקות ווערט געזאָגט: „אם בזקנותו כך, בילדותו על אחת כמה וכמה" ***) אונטער רוימישער הערשאפט האָבען אידען דורכגעמאכט פארשיידענע גזרות וואָס ווערען אָנגערופען „בשעת הסכנה"; „בשעת גזרת המל־כות"; „דורו של שמד" א.א.וו. געווען א צייט ווען רוים האָט צוגעגרייט פּלאַן אין דרייסיג טעג צו פארניכטען דעם וועלט אידענטום ****).

די רוימער האָבען פיל דיסקוטירט מיט ר' עקיבא'ן אין ענינים פון אמונה. איבערהויפּט האָט טורנוסרופוס אים געפרעגט קשיות ווי פארוואָס ווערען מענשען ניט געבוירען גע'מל'ט אויב דער אויבערשטער וויל מען זאָל זיך מל זיין. אויף דעם האָט ר' עקיבא אים געענטפערט מיט א קשיא: פארוואָס ווערען מענשען געבוירען מיט'ן נאָפּעל צוגעבונדען צו דער מוטער, אויב מען דארף עס אָפּשניידען *****). טורנוסרופוס, האָט אויך געפרעגט ר' עקיבא'ן: אויב גאָט האָט ליב די אָרימעלייט פארוואָס שפּייזט ער זיי ניט. האָט ער אים געענטפערט מ'זאָל געראטעוועט ווערען פון גיהנום ******).

ווען ר' עקיבא בן יוסף, דער הימעל־מענש איז אוועק פון דער וועלט האָט דאָס פאָלק געזאָגט: „כי נשברו זרועות התורה ונסתמו מעינות החכמה".

*) סנהדרין י"ד ע"א.
**) זע „ימין ושמאל" ז. קמ"א; חבלים בנעימים ח"ח. סימן מ"ח ז. 67.
***) עירובין כ"א ע"ב. ר' עקיבא איז געווען דער תנא־העלד, וואָס האָט געזאָגט: כל ימי הייתי מצטער מתי יבא הדבר לידי ואקיימנו.
****) מדרש רבה דברים ב' טו"ע, תנחומא תזריע. זע אויך בראשית רבה ע"ז; איכה רבה פסוק על אלה אני בוכיה; שיר רבה אם אני חומה.
*****) תנחומא תזריע.

אפילו געוויסע פירער פון קריסטענטום, אין אָנפאנגס פון זיין באקומען שטאַטליכע מאכט, האָבען גערודפט אידען. דער רוימישער קיסר קאָנסטאנטין דער גרויסער (272־337), נאָך זיין איבערגיין צום קריסטענטום האָט ער אָנגעווענדט אלערליי פארניכטונגס מיטלען געגען אידענטום און געגען אידען, ווילענדיג ארויפצווינגען אויף אידען די קריסטליכע רעליגיע. אפילו צווישען די פויפסטען געפינען מיר געגענזעצטע מיינונגען אין באצוג צו אידען אין זייער אמונה: ארכיבישאָף אוויטוס קלערמאנט (579) האָט געשריבען וועגען די אידען: „אויב איר ווילט מיך פאָלגען און אָננעמען מיין גלויבען איז גוט, וועל איך אייך פירען, און איר וועט געניסען פון דאָס בעסטע אין לאנד; אויב אָבער איר ווילט ניט נעמען אויף זיך דעם אמתן גלויבען און אייער שלעכטע רעליגיע ווילט איר ניט פארלאָזען, וויל איך אייך ניט צווינגען, נאָר בלויז פארלאנגען פון אייך, איר זאָלט פארלאָזען מיין לאנד". דאגעגען גרעגאָר דער גרויסער (590־604) האָט געשריבען וועגען אידען: „נאָר מיט גוטען ווילען, מיט גוטע הערצער, וועט אונז געלינגען זיי צו ברענגען אונטערן שוץ פון אונזער גלויבען; מיט געוואלט מיטלען, מיט דער פויסט פון רשעות וועלען מיר גאָר ניט דערגרייכען" *) אזעלכע געדאנקען און מיינונגען געפינען מיר אין די ווערק פון אנד. גרויסע פאפסטען. בכלל איז ניט קלאָר געווען פאר הונדערטער יאָרען די שטעלונג פון קריסטליכע פירער צו אידען. אמאָל האָבען זיי געהאט רחמנות אויף אידען, ארויסגעוויזען מיטליידס געפיל, געהאָלפען אידען און זיי געשיצט קעגען די שונאים וואָס האָבען זיי געוואָלט איינשלינגען — און אמאָל זיך באצויגען ברוטאל צו אידען, געהאלטען אידען פאר ווידערשפעניגע און מיט געוואלט געוואָלט ארויפצווינגען אויף זיי דעם קריסטליכען גלויבען. איז דען א וואונדער וואָס אידען האָבען אין תפלה אריינגענומען די ברכה „ולמלשינים", בעטענדיג אז די ג א נ צ ע רשעות זאָל אונטערגיין, אז די „מינים" און מוסרים זאָלען פארלוירען ווערען פון דער וועלט, אין בעסטען פאל, ווערען דערנידעריגט און מאכטלאָז.

מיר ווייסען פון דער אנדערער זייט ווי שיין ערלעך און מענשלעך די חכמי התלמוד, האָבען זיך באצויגען צו פיינערע ניט־אידען.

אין דער תלמודישער ליטעראטור ווערט דערציילט זייער פיל וועגען דער פריינטשאפט צווישען רבי'ן און אנטאָנינוס קיסר.

רבי יהודה הנשיא, דער זאמלער און פארפאסער פון דער משנה, דער רבי פון גאנץ ישראל, האָט א סך טובות געהאט פון אָט דעם אנטונינוס פיאוס, דער שווער פון בארימטען גרויסער אימפעראטאָר מארקוס אריליוס (121־180). ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין דער גמרא, „עבודה זרה", (י'־י"א), האָט דאָס סנהדרין, אין זיין צייט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מאכט און אויטאָריטעט. דער תלמוד דערציילט אונז אויך אז ער איז געווען א גרויסער עושר, רייכער געווען פון פערסישען קעניג **) אין הונגער יאָרען אויסגעהאלטען גרויסע טיילען פון אידען און שטענדיג געשפייזט גדולי הדור און סתם אזוי תלמידי

*) זע, נחום סאָקאָלאָוו: „שנאת עולם לעם עולם" ווארשאָ תרמ"ב, (1882), ז. 19.
**) בבא מציאה פ"ד ע"א; פ"ה ע"א; גיטין נ"ט ע"א; שבת קיג עב.

חכמים *). די פריינטשאפט זיינע מיט אנטונינוס פיאוס געקיניגט (138-161) ווערט צוגעשריבען צום פאקט אז ביידע האָבען געזויגט פון איין ברוסט **), וויל רבי איז געבוירען געוואָרען אין צייט פון גרויזאמען האדריאן. ווען ס'איז אויסגע־פירט געוואָרען די הארבסטע שטראָף פאר מילה, האָט רבי'ס מוטער געבעטען ביי אנ־טונינוס'עס מוטער א אידען־פריינדין, צו טוישען זיך מיט די קינדער, ביז די גזרה וועט אָפּגערופען ווערען. ווען זיי זענען גרויס געוואָרען האָבען זיי צוזאמענפאר־בראכט אויך אין לערנען און איינער דעם אנדערען האָט שטארק רעספעקטירט און געוואונשען פיל גוטס ***). רבי האָט פארזיכערט אנטונינוס'ן אז ער וועט האָ־בען עולם הבא ****). ווענען רבי יהודה הנשיא, ווערט געזאָגט, משמת רבי בטל ענוה ויראת חטא" *****). ער ווערט גערופען רבנו הקדוש, הייליקער רבי ******) דער זיבעטער נשיא פון דער הלל פאמיליע, איז באטראכט געוואָרען פאר אזא הייליגען מענש, אז מ'האָט מתיר געווען די כהנים זיך מתעסק צו זיין מיט זיין קבורה. ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליגער נשמה האָט מען דאָס מודיע געווען אויף אן אייגענהארטיגען אופן: „מלאכים און מענשען האָבען זיך געראנגעלט איבערן ארון הקודש, די מלאכים האָבען באַזיגט די מענשען און געפאנגען דעם ארון . . ."

אין מדרש (תנחומא מקץ) ווערט דערציילט אז דער אנטאָנינוס זאָל געווען האָבען געשטעלט רבי'ן א פראגע פאַרוואָס מ'טאָר מער ניט דאוונען ווי דריי מאָל אין טאָג. דער פשוטער שכל זאָגט וואָס מערער אלץ בעסער. איז רבי געגאַנגען און האָט אים באגעגענט עטלעכע מאָל אין טאָג און ביי יעדעס מאָל נייע קאָמפּלימענ־טען אים געמאכט. אנטאָנינוס'ן איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען און אים איבער־געפרעגט: האָסט גאָר ניט קיין דרך ארץ פאר א קייזערלעכער מאיעסטעט? נו, האָט רבי אים געזאָגט, זעסט שוין ווי עס האָט א זינען צו דאוונען צופיל. אין ירושלמי *) ווערט דערציילט אז אנטאָנינוס האָט געפרעגט רבי'ן צי ער וועט עסען אויף דער קומענדיגער וועלט פון לויתן. האָט אים רבי געענטפערט אז יאָ!

דער אויספיר דאַרט: אנטונינוס האָט זיך מגייר געווען, געוואָרען א גר צדק דורך מילה און אז ער וועט לעתיד לבא שטיין בראש גרי הצדק!

רבא, וועלכער האָט, ווי מיר האָבען פריער געזען אָנגעזאָגט זיינע זין, זיי זאָלען זיך אויסהיטען ניט צו זיצען אויף בעט פון אן ארמית, וועלכער האָט אויך זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען ניט הייראטען קיין גרים **), האָט געשיקט א מתנה צו א גוי מיטן נאָמען בר שישך לכבוד דעם גוי'ס א יום־טוב, באהויפּטעניג אז דער גוי איז ניט קיין געצענדינער ***). אויך רב, דער ערשטער פון די אמוראים, וועלכער האָט זיך באצויגען שטרענג צו די ארמעער אין זיין צייט, האָט געהאט אלס חבר דעם קעניג ארטאבאן (אדרכן) און ווען דער לעצטער איז געשטאָרבען, האָט רב זיך אויסגע־

*) סוף תרומות; ערובין נ"ג ע"ב; בבא בתרא ח' ע"א; רבי פתח אוצרות בשני בצורת . . .

**) קדושין ע"ב; תוספות ע"ז י' ע"ב.

***) סנהדרין צ"א ע"א-ע"ב; בראשית רבה, ט"ו: „רבינו עשה סעודה לאנטו־נינוס בשבת . . .

****) עבודה זרה י"א ע"א. *****) סוטה פרק ט' משנה ו'.

******) שבת קי"ח ע"א. *) מגילה פרק ראשון. **) ברכות ה' ע"ב.

***) עבודה זרה ס"ה ע"א.

דריקט נתפרדה החבילה״ (צעשיידט געוואָרען א פארבונדענקייט *) רב איז דאך געווען דער גרעסטער פון די חכמי בבל און גרינדער פון דער ישיבה אין סורא וואָס האָט אָנגעהאלטען ביי זיבען יאָרהונדערטער. ער ווערט דאך טיטולירט: „רב תנא הוא״, כאָטש ער איז געווען אן אמורא און געלערנט ביי זיין פעטער רבי חייא און ביי רבי יהודה הנשיא. וועגען אים ווערט אויך געזאָגט „גבר בכולא״ א מאן וואָס איז גרויס אין אלע וויסענשאפטען **), באגאבט אין פילזייטיג אין זיין וויסען. אויך זיין בן דור און חבר שמואל ירחינאה פון נהרדעא, האָט געהאט פריינט ניט־אידען. דער קעניג סאפאָר („שבור מלכא״) איז געווען זיינער א פריינט. זיי פלעגען דיסקוטירען צווישען זיך ענינים פון אמונה ***). ער האָט אויך געהאט א פריינט א באוואוסטען אסטראלאג, (שטערנזעער) מיטן נאָמען אבלאט, מיט וועמען ער פלעגט אויך האלטען אָפטע וכוחים ****).

עס ווערט דערציילט אין מדרש (מגלת אסתר פרשה ב׳) אז רב מיט רבי חייא זענען אמאָל אָנגעקומען צו א גוי׳אישען פריינט אין דער שטאָט אשנא, האָט דער לעצטער צוגעגרייט א גרויסע סעודה פאר זיינע דערהויבינע געסט. נאָכן עסען, האָט דער גוי׳שער פריינט געזאָגט צו רבי חייא; וואָס פאר א סעודה קאָן דיר שוין דיין גאָט מאכען אויף דער צווייטער וועלט? האָט ר׳ חייא אים צוריקגעענטפערט: ׳דיין סוף האָט א גרעניץ, אן ענד, אָבער די סעודה וואָס אונזער גאָט וועט פאר אונז מאבען, ווען משיח וועט קומען, האָט ניט קיין סוף, איז ענדלאָז״.

אידען האָבען אויך שטענדיג מתפלל געווען פארן פרידען פון דער מלוכה, געווען געטרייע בירגער אין יעדען לאנד, וואו זיי האָבען געלעבט. „הוי מתפלל בשלמה של מלכות״, איז געוואָרען א פרינציפ אין אידישער עטיק. (אבות ל׳ ב׳) און ערלעכע ניט־אידען זענען אין אלע צייטען רעספעקטירט און געאכטעט געוואָרען. מענשען פון אומות העולם זענען שטענדיג באטראכט געוואָרען ווי ברידער, באשאפענע פון גאָט דער „יציר לכל נוצר, דעריבער זאָגען מיר אין אונזערע תפלות: נשמת כל חי תברך את שמך ד׳ אלקינו . . . כי כל פה לך יודה . . . כל הנשמה תהלל יה . . . דעריבער נעמען מיר צו קרבנות פון ניט־אידען „איש־איש־לרבות שהנכרים מקריבים קרבנות כישראל״ און ס׳זענען געווען צייטען ווען מ׳האָט מקריב געווען קרבנות פון ניט־אידען אויף דעם אידישען מזבח *****). אויך אידען

*) עבודה זרה י׳ ע״ב־י״א ע״א, זע רש״י דאָרט, פונקט ווי די פריינטשאפט צווישען ר׳ יהודה הנשיא און קיסר אנטונינוס. רב׳ס גרויסקייט, זע חולין קל״ז ע״ב, אז ר׳ יוחנן איז געזעסען ביי רבי יהודה הנשיא מיט י״ג שורות ווייטער.

**) חולין נ״ד ע״א.

***) זע, מועד קטן כ״ו ע״א; סנהדרין צ״ח ע״א סוכה נ״ג ע״א.

****) שבת קנ״ו ע״ב.

*****) זע, חולין י״ג ע״ב; זבחים קמ״ז ע״ב; גיטין נ״ו ע״א. דאָס וואָס ער ווערט דערציילט אין פסחים (ג׳ ע״ב) אז אן ארמאי האָט זיך פארשטעלט פאר א אידען און געגעסען פון קרבן פסח אין ירושלים, ביז מען האָט זיך דערוואוסט אז ער האָט זיי גענאַרט האָט מען אים געטויט, זאָגט דערויף ר׳ צבי הירש חיות (אין תשובות מהר״ץ חיות סימן ב׳), אז דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון קיסר יוסטיניאן וועלכער האָט גוזר געווען מבטל צו מאכען די מצוה פון שחט׳ן א קרבן פסח. די אידען האָבען דעריבער חושד געווען דעם גוי אז ער שפּיאָנירט פאר דער מלכות הרשעה און וועט זיי זיכער מסר׳ן. זע אויך „ימין ושמאל״ זייט ק״ל.

האָבען מקריב געווען קרבנות. פאַר דעם וואוילזיין פון די פעלקער ווי די גמרא אין סוכה (נ"ה ע"ב) זאָגט: שבעים פרים כנגד שבעים אומות" און בכלל געבעטען פאַר דעם שלום פון די פעלקער *).

נאָך מער די גמרא (חולין י"ג ע"ב) זאָגט: „אין מינין באומות", פון פעלקער נעמט צו קרבנות אפילו פון „מינין" אָבער פון אידישע מומרים (געטויפטע) אָדער גרויסע רשעים נעמט מען ניט קיין קרבנות. דער ניט־איד, האָט אין דעם זין געהאט מער פּרעוועליגיעס . . .

אין תלמוד ווערט אויך דערציילט, אז צוליב שלום מלכות, האָט רבא צוגענומען א קרבן פון איפרא הורמיז, די מוטער פון פערסישען קעניג „שבור מלכא" (סאַפּאָר), ניט געקוקט דערויף, וואָס דעמאָלט, אין חוץ לארץ, האָט מען ניט געטאָרט מקריב זיין קיין קרבנות.

די דאָזיגע „אמא דמלכא" ווערט שטארק געלויבט פאַר צדקות און אלס גרויסע צדקה־געבערין. זי פלעגט שיקען גרויסע סומעס געלט צו די אמוראים פון בבל רב אמי, רב יוסף און רבא. דעם לעצטען האָט זי אָפּגעראַטעוועט פון א זיכערען טויט וואָס איר זון שבור מלכא האָט אים געוואָלט פאַראורטיילען צוליב דעם וואָס ער האָט באַפוילען שלאָגען מלקות א איד וואָס האָט געזינדיגט מיט א געצענדינערשע פרוי און דער איד איז געשטאָרבען פון די קלעפּ **).

די חכמי התלמוד האָבען שטארק געלויבט דמא בן נתינא'ן, דעם ארנטלעכען גוי פון אשקלון, דערפאַר ווייל ער האָט אָפּגעהיט כבוד אב ואם ווי געהעריג ניט ווייסענדיג אפילו פון די פאָרשריפטען און לערעס פון תלמוד וועגען „כבוד אם ואם". די חכמים האָבען געראַטען זיך אָפּצולערנען פון אָט דעם גוי דמא בן נתינה וואָס שייך רעספּעקטירען עלטערען. ביי דמא בן נתינה'ן, איז כבוד אב, ווערט געווען מער פון ששים רבא פאַרדינסט. ער איז אויך אמאָל געזעסען צווישען רוימישע פּרינצען („גדולי רומי") און איז געווען געקליידט אין טייערע מלבושים, פשוט אין גאָלד, איז זיין מוטער — א צודרייטע נערוועזע פרוי — צוגעלאָפען צו אים, צעריסען זיין מלבוש, געגעבען אים א פּאַטש און אָנגעשפּיגען אין פּנים און ער האָט איר אפילו ניט פאַרשעמט מיט אָנזידלען איר ***). אין מדרש ווערט דערציילט אז ער האָט איר נאָר פאַרבונדען די שיך־בענדלעך ****).

אידען זענען אומצעליגע מאָל אָנגעזאָגט געוואָרען זיך צו דערווייטערען פון גוי'אישע מנהגים ניט אָפּצולערנען פון זייערע מנהגים. דער „לאו" — לא תלכו בחוקות הגוי . . . (ויקרא כ' כ"ג) איז אָנגעזאָגט געוואָרען מיט דער פולער הארב־

---

*) ברכות י"ז ע"א; יומא ע"א ע"ב א. א. מקומות אין תלמוד.

**) זע זבחים קט"ז ע"ב; תענית כ"ד. דער דין צו געבען שמיץ פאַר געשלעכטליכע זינד צווישען איד און ניט־איד איז אָנגעגאַנגען ביז די לעצטע יאָרען פון מיטעלאלטער. אין די „שאלות ותשובות" פון ראַ"ש (1328-12500) ווערט געבראַכט אז ר' יהודה אבן וועקאר האָט געפרעגט אין יאָר 1320 ביים ראַ"ש וועגען א אידישע פרוי אין זיין געגענט וואָס האָט געהאט באַציאונגען מיט א גוי און געהאט א צווילינג פון אים. דער ראַ"ש האָט אים דערלויבט א מאָדנע שטראָף: אָפּצושניידען איר נאָז און מאכען זי מיאוס ווייל זי האָט געזינדיגט דורך איר שיינקייט.
זע הרב שמחה אסף: „העונשין אחר חתימת התלמוד", ירושלים, תרפ"ב.

***) קדושין ל"א ע"א; עבודה זרה כ"ג ע"ב, כ"ד ע"א; ירושלמי פאה א'.

****) בראשית רבה י"א.

קייט און די חכמי התלמוד האָבען אָט דעם פארבאָט א סך אויסגעברייטערט, פונ־דעסטוועגען איז קלאָר פאר יעדען תלמודיסט אז דאָס איז נאָר געמיינט געוואָרען היידנישע חוקים רשעותדיגע אויפפירונגען און אוממאָראַלישע באַנעמונגען. אין ספרי (אחרי ט׳): „יכול לא יבנו בנינים ולא יטעו נטיעות כמותם?" — תלמוד לומר: ובחוקותיהם לא תלכו. לא אמרתי אלא בחוקים החקוקים להם... אויב אָבער מיר זעען ביי זיי פיינע מנהגים אָדער נויטיגע פארבעסערונגען מעגען מיר געווים לער־נען פון זיי *). טייטשט דאָך די גמרא דעם פסוק אין יחזקאל (ה׳ ז׳) „וכמשפטי הגוים אשר סביבותיכם לא עשיתם" — „כמתוקנים שבהם לא עשיתם" **).

פאראַן א מאמר חז"ל וואָס לויטעט אז אויף צו פארשטיין די תועבות הגוים איז אויך דערלויבט: „לא תלמד לעשות כתועבות הגויים ההם — אבל למד אתה להבין ולהורות!" (דו זאָלסט לערנען צו פארשטיין וואָס דאָס איז און צו לערנען אנדערע ווי זיך דערפון צו היטען).

ס׳ווערט דערציילט אין תלמוד: „אמר רבי עקיבא, בשלשה דברים אוהב אני את המדיים: כשחותכים את הבשר אין חותכים אלא על גבי השלחן, כשנושקים אין נושקים אלא על גב היד וכשיועצים אין יועצים אלא בשדה. תניא, אמר ר׳ גמליאל, בשלשה דברים אוהב אני את הפרסיים, הם צנועים באכילתם... ***) אפילו פון די פערסיער און מעדיער, פעלקער וועלכע האָבען אונז אין געוויסע צייטען אָנגעטאָן גרויסע צרות, אפילו פון זיי האָבען די גייסטיגע פירער פון אידענטום געהייסען אָפּלערנען גוטע מדות.

אפילו ביים אמורי פאָלק, האָבען די חכמים געפונען א מעלה — געלאַסענקייט: אין לך בכל העמים מתון יותר מן האמורי (תוספתא שבת כ"ה) ואין לך בכל העממין קשה יותר מן האמורי (דאָרט כ"ג).

פון עגלון, דעם קעניג פון מואב לערנט מען ארויס אז מען דאַרף זיך אויפ־שטעלען ביים דערמאַנען גאָטס נאָמען ****).

און ניט בלויז גוטע מדות האָבען מיר צייטענווייז געלערנט פון אנדערע פעלקער. מיר האָבען בכלל גענומען פון „יפיפותו של יפת" *****) ספעציעל, נאָך דער רייכער אלעקסאַנדריער עפּאָכע, ווען אידען האָבען זיך באַקענט מיט גריכישער וויסענשאַפט און קונסט. מיר האָבען א סך געלערנט פון די גריכען און פון אנדערע ציוויליזירטע פעלקער נאַטור־וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע, מעדיצין, קונסט און ארכי־טעקטור. פארשטייט זיך אז מיר זענען לגמרי ניט געבליבען הינטערשטעליג מיט אונזערע קאָנטריבוציעס און קולטור ווערטען צו דער גרויסער וועלט. מיר האָבען געבראַכט גאָטס וואָרט צו דער מענשהייט און א דאַנק אונזער געטלעכער מאָראַל

---

*) זע באריכות „ימין ישמאל" ז"ז רט"ז — רי"ט וועגען ענין „חוקת הגוי", אין אָכבאַמערקונג דאָרט, אז דאָס וואָס דער רמב"ם (פי"א עבודה זרה הלכה א׳) שרייבט אז א איד דאַרף זיין אָפּגעטיילט פון ניט־איד אויך מיט קליידונג איז געמיינט קליי־דונג וואָס ברענגט צו פארשייטקייט און אויסגעלאַסענקייט. מיין רבי ר׳ יהודה־ליב גרויבאַרט ברענגט דערויף פארשיידענע ראיות פון גדולי הפוסקים ראשונים און אחרונים און ציטירט אויך אין זיין ספר זכרון" פון קאָצקער רבי׳ן (ר׳ מנדיל מאָר־גענשטערען, נפטר תרי"ט) צו דערלויבען מאָדערנער קליידונג, ווען ס׳איז ניטאָ קיין ברירה.

זע נ. סוקולוב ה„אני הקבוצי" (ניו יאָרק, תר"ץ, הוצאת „עוגן") ז. ק"ה.

) סנהדרין ס׳ ע"א. *) סנהדרין ל"ט ע"ב. ****) ברכות ח׳ ע"ב.

*****) זע מגילה ט׳ ע"ב.

איז די וועלט דערהויבען געוואָרען צו א העכערע שטופע ווי מיר וועלען דאָס זען אין א וויטערען קאפיטעל. דאָ איז גענוג צו ברענגען עטלעכע מאמרים פון תלמוד כדי צו באווייזען אז גוטס האָבען זיך די חכמי התלמוד ניט צוריקגעהאלטען פון לערנען ביי אנדערע פעלקער.

ר' יוסי איז אמאָל קראנק געוואָרען אויף דער שרעקלעכער קראנקהייט „צפידנא" (ציין קראנקהייט), האָט אים א גויה געגעבען א מעדיצין און זיך אויס־גענומען מיט אים, ער זאָל דעם סוד קיינעם ניט אויסגעבען, האָט ער איר צוגע־שוואוירען אָבער מיט קלוגשאפט, ער זאָל די מעדיצין קענען איבערגעבען אין דער עפענטליכקייט *).

פארקערט ווידער, האָבען אידישע רופאים געהיילט ניט אידען. אין תלמוד ווערט אומצעליגע מאָל דערציילט ווי אידישע דאָקטוירים זענען גערופען געוואָרען צו היילען רוימישע און פערסישע קעניגע, פרינצען און סתם גרויסע לייט. ס'ווערט דערציילט אן אינטערעסאנטער קוריאָז אז די תנאים רבי שמעון בן יוחאי און רבי אליעזר ב"ר יוסי האָבען געהיילט די טאָכטער פון רוימישען קיסר. אריינקומענדיג אין די קעניגלעכע אוצרות („גינזא דמלכא"), האָבען זיי געפונען די דעקלאראציע קעגען אידען. זיי האָבען איר אויפן אָרט צעריסען און אָפגעראטעוועט די אידען פון א שרעקלעכער גזרה **).

אין איטאליע, זענען דורות לאנג געווען די גרעסטע דאָקטוירים די אידישע וועלכע האָבען גע'שמ'ט און געווען באליבט סיי ביי שררה, סיי ביי די פאָלק מא־סען . . .***).

דער רמב"ם וועלכער ווערט באטראכט ניט בלויז אלס געניע אין הלכה און אין פילאָזאָפיע נאָר אויך אלס מעדיקער; ניט בלויז האָט ער מזכה געווען די וועלט מיט זיינע מאָנומענטאלע ווערק „יד החזקה" (הלכה, ליטורגיע, יוריספרודענץ א.א.וו.), „מורה נבוכים" (פילאָזאָפיע), פירוש המשניות (קאָמענטאטאָר) און אנ־דערע ריזען ספרים אויף די געביטען; ער האָט מזכה געווען די וועלט מיט צ ע ן מעדיצינישע ווערק און ווערט אנערקענט אלס גאון אויך אויף דעם געביט. אראבישע היסטאָריקער פון מיטעלאלטער און פון דער נייער עפּאָכע לויבען שטארק דעם רמב"ם'ס ביישטייער צו מעדיצינישער וויסענשאפט. אלס מעדיקער איז ער אין זיין צייט געווען בארימט אין דער מאכמעדאניש־אראבישער וועלט, געהיילט ניט אידען ווי אידען און לסוף געוואָרען דערהויבען צו זיין דער לייב־דאָקטאָר ביים עגיפּטישען

*) יומא פ"ד ע"א. רש"י דאָרט: „צפידנא־חולי השינים והכניכים ומתחיל בפה וגומר בבני מעים ומסוכן הוא". אנדערע זאָגען אז דאָס איז א קראנק־הייט וואָס קומט דורך הונגער, מן הסתם די קראנקהייט „צינגאָ".

**) מעילה י"ז.

***) וועגען אידען אין מעדיצין זע מ. שטיינשניידער „יודישע ארצטע", רעכענט אויס איבער צוויי טויזענט אידישע דאָקטוירים פון פארשיידענע לענדער און איז פארשיידענע צייטען (2168); י. מינץ „ארצטע אין מיטעלאלטער" (פראנקפאָרט אם מיין (1922); פראָפ. ש. קרויס „געשיכטע דער יודישען ארצטע", ווין, 1930.

סולטאן אין קאירא *). ס'איז כדאי צו ברענגען א ציטאט פון רמבם'ס פירוש אויף דער משנה (פסחים ד' ט'): חזקיה גנז ספר רפואות וואס רש"י און אנד. טייטשען, ווייל זיי האבען זיך צופיל פארלאזט אויף די רפואות און ניט געבעטען גאט ער זאל זיי היילען. דער רמבם, אלס דאקטאר פרעגט אפ דעם טייטש, און זאגט, אז דער „ספר רפואות איז געווען פול מיט אסטראלאגישע צייכענונגען און דאס פאלק האט געקענט פארפירט ווערען.

פון דער פריינטשאפט צווישען אידישע גדולי ישראל און ניט־אידען אין דער ניט ווייטער פארגאנגענהייט, איז כדאי צו ברענגען די מערקווירדיגע פריינטשאפט פון ר' שבתי כהן, דעם בארימטען ש"ך (ה'שפ"ה־תכ"ו) און דעם דייטשען פילאזאף מאגיסטער וואלענטיני ווידריך אין אבריוו צו אים שרייבט דער ש"ך: „היינט האב איך דערהאלטען דיינע ליכטיגע בוכשטאבען. כ'האב זיך זייער געפרייט מיט דיין שיינעם בריוו . . .ווער בין איך עס צו פארדינען דעם גרויסען כבוד פון אייך באגריסט צו ווערען און נאך, ווערען אויפגעפאדערט צו שרייבען . . ."

דער בריוו ענדיגט זיך מיט פאלגענדע ווערטער:

ישמרך ד' מכל צרה וזעם. ותשכון שאנן, כזית רענן, כחפץ איש שלומך הנאמן באהבתך, הדורש טובתך כל הימים. הקי שבתי בן הגאון רבינו מאיר הכהן.

העלישוי, יום ג' פעברואר 1660 (ת"ך).

אין „שם הגדולים" פון חיד"א (ר' חיים דוד אזולאי) ווערט געבראכט אז ר' יוסף סרגוסי (סאראגאסי), דער רבי פון רדב"ז (ר' דוד בן זימרא) האט זוכה געווען צו גלוי אליהו, ווייל ער האט געמאכט שלום, ניט בלויז צווישען אידען, נאר אויך צווישען ניט־אידען.

---

*) ווענען רמב"ם אלס דאקטאר און ווענען זיינע מעדיצינישע בייטראגען קאן מען זיך באקענען דורך די מאנומענטאלע ווערק פון זיסמן מונטנר, „רבנו משה בן מימון, כתבים רפואיים" כרך א', ספר הקצרת; כרך ב': סמי המות והרפואות כנגדם הוצאת ראובן מס, ירושלים ת"ש־תש"ב. רעדאקטירט און צוזאמענגעשטעלט פון כתבי־יד מיט ביבליאגראפיע ארייגפירען און קאמענטארען.

דער דאזיגער דאקטאר האט מיט זיין איבערזעצונג באצאלט א חוב וואס די אידישע וועלט איז שולדיג דעם רמב"ם. קיין איבערזעצונג פון אזא פארנעם איז ביז איצט ניט געמאכט געווארען. דעם רמבם'ס בייטראג איז ניט בלויז צו העגיענע, אלס פארזעצונג צו תורה היגיענע, נאר אין ברייטערען פארנעם פון וויסענשאפטלעכע מעדיצין און חכמת הרפואה.

אין תלמוד ווערט באטאָנט די גרויסע וויכטיגקייט פון רעספעקטירען ניט־אידען. דאָס איז וויכטיג פאר דעם קיום העולם. די משנה אין גיטין (פרק ה' משנה ח') זאָגט: „ושואלין בשלומן מפני דרכי שלום" און די גמרא „דאָרט, ס"ב ע"א) פירט אויס אז אפילו אין טאָג פון זייער פייערונג מעג מען זיי באגריסען. ענליכעס ווערט געזאָגט אין מסכת שביעית (פ"ד מ"ג, פ"ה מ"ט) אז אפילו „בימי חגיהם" מעג מען שואל בשלומם זיין. די משנה אין גיטין פירט אויך אויס אז מ'זאָל ניט שטערען די ניט־אידישער אָרי־מעלייט צו נעמען לקט שכחה און פאה צוזאמען מיט די אידישע אָרימעלייט, און אז מען נעמט פון זיי נדרים און נדבות האָבען מיר שוין פריער דערמאנט *). די גמרא פסק'ענט להלכה אז מ'דארף שפייזען ניט אידישע אָרימעלייט; באזוכען ניט־אידישע קראנקע און זיך מתעסק זיין מיט זייער קבורה **).

ד. — רעספעקט פאר ניט אידען איז וויכטיג פאר וועלטס עקזיסטענץ. — ווי אזוי מ'דארף באהאנדלען ניט - אידישען אָרימאַן. ניט - אידישע אָרימעלייט פלעגען ווערען איינגעלא־דען פסח צום סדר.

דער „והוי מתפלל בשלומה של מלכות (אבות) האָבען אידען פולשטענדיג מקיים געווען. עס איז געווען ניט איין רב ספרא צו בעטען: יהי רצון שתשים שלום בפמליא של מעלה . . . בשרי האומות ***).

רבן יוחנן בן זכאי, דער נשיא ביי אידען באלד נאָכן חורבן פון צווייטען בית המקדש, די געניאלע פערזענליכקייט וואָס האָט דורך דער ישיבה אין יבנה, אָפגעראטעוועט דאָס אידישע פאָלק און מיט זיין תורה־לערנען פארלויכטען די אי־דישע וועלט אויף דורות. רבן יוחנן בן זכאי וואָס איז פון זיין רבי'ן הלל גערופען געוואָרען: „אב לחכמה ואב לדורות", און פון זיינע גרויסע תלמידים: „נר ישראל, עמוד הימיני, פטיש החזק" (ליכט פון ישראל, רעכטע פילאר, שטארקער האמער). דער דאָזיגער רבי יוחנן בן זכאי, אז ער האָט באגעגענט א מענש, סיי א איד, סיי א ניט־איד, האָט ער אים מקדים געווען מיט שלום עליכם ****).

איסי בן יהודה זאָגט אז דער פסוק „מפני שיבה תקום" (ויקרא י"ט ל"ב) מיינט „כל שיבה" אפילו ניט אידישע זקנים. ר' יוחנן, דער בארימטער אמורא, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט רב און שמואל ירחינאה, דער פארפאסער פון תלמוד ירושלמי פסקענט ווי איסי בן יהודה. און די גמרא דערציילט אז ער פלעגט

---

*) זע, זבחים פ"ד מ"ה.

**) גיטין ס"א ע"א.

***) ברכות י"ז ע"א.

****) לעולם יהא אדם מרבה שלום עם כל אדם — ואפילו עם נכרי בשוק־אמרו עליו על רבן יוחנן בן זכאי שלא הקדימו אדם שלום מעולם ואפילו נכרי בשוק. ביאָגראפישע שטריכען פון רבי יוחנן בן זכאי: זע סוכה כ"א; ראש השנה ל"א ע"ב.

ס'ווערט דאָרט געמאכט פאראלעל צווישען אים, זיין רבי'ן הלל, און רבי עקיבא בן יוסף אז זיי אלע האָבען געלעבט הונדערט און צוואנציג יאָר, ווי משה רבנו.

זיך אויפשטעלען פאר די ארמעאישער אלטע לייט *). אויך רבא און אביי האָבען זיי באשיינט און ארויסגעוויזען דרך־ארץ צו די ארמעאישע אלטע לייט **).

אביי פלעגט שטענדיג זאָגען אז א איד דארף שטענדיג זיין אין פריידלעכע באציאונגען מיט זיינע ברידער, נאָענטע, ניט־אידען (אפילו עכו"ם) און מיט יעדען מענש אין אלגעמיין.

די חכמים האָבען געהאלטען אז רעספּעקטירען ניט־אידען איז פון גרויס וויכטיגקייט פארן קיום העולם.

רב חסדא פלעגט זיך שטענדיג פּעדערען מיט „שלום"־זאָגען צו א ניט־איד. און רב כהנא האָט געזאָגט „שלמא למר" ***).

אונזערע חכמים האָבען אויך געלערנט אז מען דארף געבען מעשר עני, צדקה צו ניט־אידען ווי צו אידען; און אז מען דארף געבען דעם פּרעמדען פּונקט ווי דעם אייגענעם מיט צופרידענקייט. דער תלמוד זאָגט: כל הנותן פרוטה לעני . . . מתברך בי"א ברכות ****) ניט זאָגענדיג לעני ישראל, דוקא צו א אידישען אָרימאַן, נאָר צו יעדען אָרימאַן. „די רבנן האָבען געלערנט", מ'דארף שפּייזען „עניי עכו"ם עם עניי ישראל" און אויך ביים באזובען קראנקע דארף מען ניט מאכען קיין אונטער־שייד און להלכה ווערט געפּסקענט „בשוה להם, ואין צריכים לאקדומי", גלייך אויף גלייך דארפען זיי באהאנדלט ווערען *****). ס'זענען געווען ערטער וואו מ'האָט זיך נוהג געווען איינצולאַדען אָרעמע גוים פּסח ביינאכט צום סדר, דער „כל דכפין ייתי ויכול", זאָל מיינען אויך ניט אידישע הונגעריקע. מ'האָט אָבער געמוזט באוואָרע־נען אז „עניי עירך קודמין", אז דער אידישער אָרימאַן איז פריער, ווייל ער קען דאָך ניט גיין צום גוי בעטען נדבות ******).

„פּורים געלט". האלט רש"י, אין זיינע תשובות אז דאָס געהערט בלויז צו אידישע אָרימעלייט, אז דער מתנות לאביונים מיינט נאָר „אביוני ישראל".

אין תשובת הרמ"א (סימן י' ג'): „אפילו דער גוי פארקויפט ביליגער, זאָל מען קויפען ביים איד, ווייל „עמי ונכרי עמי קודם" (בבא מציעא ע"א ע"א), וואָס מיינט דאָרט אפילו ער קאָן פון גוי קריגען פּראָצענט, זאָל ער באָרגען צום איד אומזיסט. אין „חבלים בנעימים" (חלק ה', סימן מ"ז) ווייזט דער מחבר מיט געניי־גענדע ראיות אז דאָס מיינט בלויז, אויב דער היזק איז א קליינער, א דבר מועט, אויב דער היזק איז א גרויסער, איז דער איד ניט מחויב דאָס צו טאָן. עס איז דאָך א פאקט, אז מ'טאָר גישט נעמען קיין רבית פון א ניט־אידען, נאָר „כדי חייו", אויב דער איד דארף עס צוליב פּרנסה, איז ווי קען מען אים זאָגען אז ער זאָל האָבען פאר־

רבן יוחנן בן זכאי האָט געלעבט פערציג יאָר נאָכן חורבן. דער קבר פון רבי יוחנן בן זכאי, געפינט זיך אין דער אלטער היסטאָרישער שטאָט טבריא.

*) „רבי יוחנן הוי קאי מקמי סבא דארמאי, אמר כמה הרפתקי עדו עליהן דהני" — קדושין ל"ג ע"א.

) דאָרט, דאָרט. *) גיטין ס"ב ע"א. ****) בבא בתרא ט' ע"ב.

*****) גיטין ס"א יורה דעה קנ"א. ******) בבא מציעא ל"א ע"ב.

או"ח תרצ"ד; יעב"ץ (תנ"ו־תקל"ו 1696 1776) אין זיין בארימטען סדור „בית יעקב", שרייבט אז דער „כל דכפין" איז געווען א רוף צו גוי'אישע אָרימעלייט, ווי די גמרא אין גיטין (ס"א ע"א) זאָגט: „מפרנסין עניי עכו"ם עם עניי ישראל" און דער „כל דצריך", וואָס רעדט וועגען דער מצוה פון קרבן פּסח איז געמיינט די עניי ישראל. מפני דרכי שלום, האָט מען פריער גערופען ניט־אידישע אָרימעלייט. ער ברענגט דאָס פון די גאונים און אין נאָמען פון „אבודרהם".

לוסט ווען די גמרא זאָגט דאָס פאַרקערטע לא יהי' בך אביון — שלך קודם (ב"מ ל' ע"א).

א פאָלק וואָס גלויבט אין איין גאָט, אין איין מענשהייט — „אדם יחידי נברא בעולם" — אזא פאָלק קען קיין אנדערער באציאונג ניט האָבען ווי די וואָס קומט צום אויסדרוק אין תלמוד און מדרשים דורך די געטלעך־הייליגע פרינציפּען וועלכע צוימען אונזערע אינסטינקטען און פאַרוואַנדלען אונז אין גאָטס־קנעכט צו דערהויבען זיך פון ערדישע שוואַכקייטען און פאַרשטיין דעם באַטייט פון קיום המצוות אז דאָס איז צוליב „וחי בהם!"

א מערקווירדיגער מאמר געפינט זיך אין „ילקוט שמעוני" (ישעיה ס"ג) וואָס ווייזט אויף דער עטישער הויכקייט וואָס אידיש פאָלק איז געשטעלט געוואָרען.

אויף דעם פסוק: „ונשא השעיר עליו את כל עונותם . . ." (ויקרא ט"ז כ"ב) ווערט געזאָגט: באותה שעה (יום־כפור בייטאָג) נוטל הקב"ה עונותיהם של ישראל ונותנם על עשו (אָדער שר של עשו) . . . זאָגט עשו פאר גאָט: ווי האָב איך אזויפיל כח צו קענען טראָגען אלע יעקב'ם זינד? נעמט באלד גאָט די זינד און וואַרפט זיי אויף זיינע קליידער וועלכע ווערען רויט ווי „תולעת שני" און זיי ווערען געוואַשען ווייס ווי שניי ווי עס ווערט געזאָגט אין ספר דניאל (ז' ט') „לבושי כתלג חור".

דער אידישער מזבח האָט אויך מכפר געווען אויף די זינד פון די פעלקער „אמר ר' יוחנן: אוי להם לעובדי כוכבים שאבדו ואין יודעים מה שאבדו — בזמן שבית המקדש קיים מזבח מכפר עליהם ועכשיו מי מכפר עליהם" (סוכה נ"ה ע"ב).

דאָס גרויסקייט פון אידישען פאָלק, באשטייט אין דעם וואָס עס טאָלערירט און רעספּעקטירט אנדערע און פרייט זיך קיינמאָל ניט מיטן שונא'ס מפּלה, שטיצענדיג זיך אויפן פסוק „בנפול איבך אל תשמח" (משלי כ"ד י"ז) און די חכמים זאָגען אין הקב"ה שמח במפלתן של רשעים. דער חתם סופר (ר' משה סופר געב. ז' תשרי ת"ק־כ"ב־1762; נפטר כ"ה תשרי ת"ר־1839) זאָגט ערגעץ אין זיינע תשובות אז דער „לא תקום ולא תטור" איז געמיינט אפילו קעגען אנדערע פעלקער. דעריבער זאָגט ניט די תורה לאחיך . . .

מיר פארגעסען עוולות פון פעלקער, אויב זיי ווערען בעסער צו אונז. ניטאָ, דאכט זיך קיין העכערער אויסדרוק פון געטליכער עטיק ווי דאָס וואָס ס'ווערט געזאָגט אין מדרש (שמות רבה כ"ג), אז, ווען די אידען זענען אריבער דעם ים, און די מצרים זענען דערטרונקען געוואָרען אין זיינע טיפעניש‏ען, האָבען די מלאכים אין הימעל געוואָלט זינגען א לויב־געזאנג צו השם יתברך, האָט גאָט זיי געזאָגט: מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה? מיינע באשעפענישען טרינקען זיך אין ים, ווילט איר שירה זאָגען? . . . *)

אז מען רעדט שוין וועגען אייגענשאַפט פון אידישען פאָלק איז כדאי צו דערמאנען אז דאָס אידישע פאָלק איז ניט קיין נקמה פאָלק, ווייס ניט דעם סוד פון רע־

*) אויפן פסוק „בצאת לפני החלוץ ואומרים הודו לד'" (דברי הימים ב' כ') זאָגט ר' יוחנן פאַרוואָס ווערט דאָ ניט געזאָגט „כי טוב"? — ווייל גאָט פרייט זיך ניט מיט דער מפּלה פון רשעים. ר' יוחנן זאָגט אויך: די מלאכי השרת האָבען געוואָלט שירה זינגען, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: מיינע ווערק טרינקען זיך אין ים און איר וועט שירה זאָגען? — (מגילה י' ע"ב).

וואנזש, און ווײל קײנמאָל ניט דערמאנען יענעמס חטאים. דאָס אידישע פאָלק האלט ווי די גרויסע אידישע טאָכטער ברוריא, ר' מאיר'ס ווייב, פונם „יתמו חטאים", די זינד זאָלען אָפּגעשאפט ווערען, און במילא וועלען ניט זיין קיין חוטאים.

אונזער מארטיראָלאָגיע איז רייך מיט אומצעליגע ברוטאלע אטענטאטען אויף אונזער גייסט און קערפּער, איז רייך מיט אומאויפהערלעכע און אומזיסטע נגישות און רדיפות און דאָך שטרעבען מיר ניט צו נקמה, צו „זען שלעכטס אין אונזערע שונאים".

„דעם אידישען גייסט — זאָגט דובנאָוו — איז פרעמד דער געדאנק פון אל־טען רוימישען פּאָעט: „פון אונזערע ביינער וועט אפשר אמאָל אויפשטיין א נקמה נעמער. אונזער נקמה איז בלויז, פאראייביגען די רציחות און זיי פארשרייבען אויף דעם שווארצען לוח פון דער אידישע געשיכטע".

אפילו אין קריגס־צייט האָבען אידען זיך באצויגען מענשליך צום שונא. זאָגט דאָך אונז אָן די תורה: „כי תקרב אל עיר להלחם — לא תשחית את עצה". (דברים כ' י') און דער ספרי (שופטים קט"ז־קכ"ו) לערנט דערפון אז אפילו ווען מען גייט מלחמה האלטען טאָר מען די שטאָט ניט אויסהונגערען, ניט אוועקנעמען פון איר דאָס וואסער. אין מדרש (איכה, פתיחה י"ד) ווערט געזאָגט אויפן פסוק „ועשרת אלפים חיים שבו, בני יהודה ויביאום לראש הסלע וישליכום מראש הסלע וכולם נבקעו" (דברי הימים ב', כ"ה, ע"ב) אז אין יענעם מאָמענט האָט גאָט גע־זאָגט: איך האָב ניט גוזר געווען קיין מיתה צו א בן־נח נאָר דורך שווערד (לייכטע־רער טויט) און זיי זענען באגאנגען אזא ברוטאלען טאָט? וואָס טוען זיי דאָ? — זאָ־לען זיי פארטריבען ווערען!

ווען מען שעלט אמאָל די היידען, איז נאָר, וועלכע טוען אונז אָן צרות „לא יהיה שריד לבית עשו" — בעושה מעשה עשו" *). די יעניגע אידען־פיינט וועלכע האָבען זיך געבאָדען אין אונזער בלוט, ארויסגעגעבען גזרות קעגען לערנען תורה, קעגען היטען שבת, קעגען מילה און יעדער גזרה איז ארויסגעגעבען געוואָרען מיט דער הארבקייט פון טויט־שטראָף — די פעלקער און די מענשען דארפען זיין פארשאָלטען און אָפּגעמעקט פון מענשלעכער געשיכטע.

די תורה, שפּעטער די נביאים און זייערע נאָכפאָלגער די כנסת הגדולה, די תנאים, אמוראים א. א. וו. האָבען אויך געטאָן אלץ וואָס איז מעגליך צו דערוויי־טערען אידען פון די פארדאָרבענע פעלקער און זיי פארהיטען איבערצונעמען די פארדאָרבענע מעשים פון געצענדינערישער זנות, פאררעט און אויסגעלאסענקייט. ניט דאָ איז דער פּלאץ צו באשרייבען די פארדאָרבענע מעשים פון אלט מצרים, די טומאה פונם דאָזיגען לאנד, וואו אפילו אידען זענען אָנגעשטעקט געווען אזויפיל אז דריי חלקים זאָלען דארפען אויסשטארבען אין די דריי־פינסטערע־טעג ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין תלמוד און אין מדרשים. ניט אויף קיין העכערער מדרגה אויף דעם געביט זענען געשטאנען די אנדערע מזרח פעלקער ווי בבל, כנען־פעלקער און שפּעטער די פערסיער. אפילו דאָס קלאסישע גריכענלאנד און רוים זענען געווען

*) עבודה זרה י' ע"ב.

איבערגעפולט מיט אומריינקייט, באקכוס שברות און עפענטלעכע אוממאָראַלישע אויפפירונגען.

אודאי קאָן קיין רייד ניט זיין וועגען רחמנות־געפיל צו דעם חיה׳שען נאצי. צו אים דארף מען רעדען מיט דער שפראך פון שטראָף וועלכער די בעסטיע וועט פארשטיין. דער „ובערת הרע" איז זיכער געמיינט אזעלכע דעגענעראטען, מערדער, תלינים, וועלכע האָבען א וועלט צעריסען און חרוב געמאכט און ארויסגעוויזען דעם ערגסטען סאדיזם צו יונג און אלט, צו שוואכע זקנים און קליינע עופה׳לעך. די מאַסען רציחות איבער דעם איירָאָפּיאישען אידענטום; די פיזישע און גייסטיגע אויסראָטונג פון פוילישען אידענטום דורך די נאצים — דאָס קאָן בשום אופן ניט געשענקט ווערען.

אין טאָג, ווען די נאצים וועלען געשטעלט ווערען פאר דעם טריבונאל פון די אליאירטע פעלקער וועלען מיר פאָדערען גערעכטיגקייט פאר אונזערע ליידען. מיר וועלען פאָדערען דעם געהעריגען אורטייל קעגען די פארברעכער, מיר וועלען ארויסטראָגען דעם שארפסטען און שרעקלעכסטען באשולדיקונגס־אקט קעגען די נאצי־פארברעכער ווייל אונזער פיין און לייד דורך די נאצים איז געווען דאָס גרויזאמסטע קאפיטעל אין דעם קריג און האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער מענשליכער געשיכטע. פון אלע אונזערע דורות׳דיגע פארפאָלגונגען פייניגונגען אין דער לאנגער מארטיראָלאָגיע זענען די פיר יאָר נאצי הערשאפט אין פוילן געווען מאָוימדיגער, גרויזאמער, שרעקלעכער.

אין גאנצען משך פון אונזער גלות, אפילו אין די אלטע שטאָק פינסטערע עפּאָכעס פון חורבנות רשעות און אכזריות, האָט מען אלץ ניט אזוי געליטען ווי אונטער דער גרויל הערשאפט פון דעם חיה׳שען נאצי. דאָס קאָנען מיר זיי ניט מוחל זיין. דאָס קאָנען מיר ניט פארגעסען. דאָס „שווארצע בוך פון פוילישען אידענטום" ארויסגעגעבען פון דער „אמ. פעדעראציע פון פוילישע אידען" *) וועט בלייבען אן אייביגער עדות פון די נאצי־מעשי־תעתועים און פאָדערען נקמה פאר זייער פארברעכערישקייט קעגען אונזער פאָלק.

אויף זייער סוף דארפען מיר זיך פרייען: „ובאבוד רשעים רנה" (משלי י״א י׳) מען מעג זיך פרייען מיט דער פארניכטונג פון אזעלכע רשעים וואָס האָבען אויף אונז געבראכט אזויפיל צרות און לייד, טויט און פארניכטונג.

---

*) *THE BLACK BOOK OF POLISH JEWRY an account of the martyrdom of Polish Jewry under the Nazi Occupation Edtior Jacob Apenszlak; Co-Editors: Jacob Kenner, Dr. Isaac Lewin, Dr. Moses Polakowicz. Published by the American Federation for Polish Jews, in cooperation with the Association of Jewish Refugees and Immigrants from Poland* 1943.

ה. — א גוי וואָס לערנט תורה און האלט שבת. — אוניווערסאלע לערע פאר גאנצער מענשהייט. — שבת דער הייליגער טאָג, ווי ניט-אידען האָבען אים אויסגעלאכט.

דער תלמוד וואָס דרינגט אריין אין די טיפענישען פון דער תורה שבכתב, שעפּט ארויס פון איר ליכטיגקייט און קאָמענטירט אויף אלע תרי"ג מצוות, איז ווי מיר האָבען ביז איצט געזען, מער ווי טאָלעראנט צו אנדערע פעלקער. דער תלמוד ווייזט ארויס אויפ־ריכטיגע ליבשאפט צו מענשען־קינדער. ר' יוחנן, וואָס האָט געלעבט אין דריטען יאָרהונדערט, זאָגט אָפען און קלאָר, אז די פרעמדע פעלקער, וואָס וואוינען אין אנדערע לענדער אויסער ארץ־ישראל, זענען ניט קיין געצענדינער; זיי האלטען בלויז אָן די טראדיציע פון זייערע עלטערען *). און „תוס־פות" באמערקט דערביי אז אפילו אין ארץ ישראל זענען זיי ניט אזוי צוגעבונדען צו דער עבודה זרה.

ס'זענען פאראנען אין תלמוד און מדרשים דיסקוסיעס וועגען אורטיילען קעגען בני־נח, וועגען אונטערשיידען צווישען איד און גוי **). האָט דאָס אָבער צו טאָן בלויז מיט יורידישע ענינים וועלכע קענען געענדערט ווערען אין בעסערע אומ־שטענדען און באציען זיך מערסטענס אין אורטייל קעגען היידען. דאָס האָט אָבער לגמרי ניט צו טאָן מיט וועלכער עס איז סופּעריאָריטעט אָדער אינפעריאָריטעט קאָמ־פּלעקס.

אויפן פסוק נביא מקרבך מאחיך כמני יקים ל ך ד' אלהיך ווערט גע־דרש'ענט אין „ספרי" צ ו ד י ר א ו ן נ י ט צ ו ד י פ ע ל ק ע ר. אויפן פסוק החדש הזה ל כ ם ווערט געטייטשט אין מדרש (שמות רבה) ל כ ם ולא לזרים, צו אייך און ניט צו אנדערע. דער מדרש זאָגט אויך אויפן פסוק אלה הדברים (דברים רבה): אלה הדברים לייען דבורים, ב י נ ע ן, אזוי ווי די בין גיט האָניג צו איר אייגענטימער און גיפט צו פרעמדע, אזוי זענען אויך דברי תורה „סם חיים לישראל וסם מות לאחרים . . . ס'איז אוך פאראן א מיינונג אז „עכו"ם ששבת חייב מיתה" ***) דאָס האָט אָבער גאָרניט צו טאָן ווי מיר וועלען באלד זען מיט שאָ־וויניזם אָדער נאציאָנאלען עגאָאיזם.

ר' עקיבא בן יוסף, דער געניאלער פירער און נאציאָנאלער העלד, איינער פון די ליכטיגסטע געשטאלטען ביים אידישען פאָלק זאָגט אין אבות (פרק ג' י"ז):

---

*) „כי הא דאמר ר' חייא בר אבא א"ר יוחנן נכרים שבחוץ לארץ לאו עובדי עבודת כוכבים הן אלא מנהג אבותיהן בידיהן", חולין י"ג ע"ב. און תוספות דאָרט, אָנהייב־וואָרט „נכרים" באמערקט: „הלכך בארץ ישראל נמי אין אדוקין כל כך שיהא מעשיהם לשם עבודת כוכבים".

**) סנהדרין נ"ט.

***) דאָרט נ"ח ע"ב־נ"ט ע"א.

חביב א ד ם שנברא בצלם, געליבט איז דער מענש וואָס איז באשאפען געוואָרען „בצלם אלקים", לויטן געטליכען בילד. א באזונדערע ליבשאפט, ווייזט ער ארויס צו די אידען, אָנרופענדיג זיי בנים אתם לד' אלקיכם (דברים י"ד ד'), איז עס דער־פאר ווייל זיי האָבען גענומען אויף זיך די תורה, אנערקענט גאָט, און זיי זענען גע־וואָרען די טרעגער פון דער אמונה אין איינציגען גאָט, מאָנאָטעאיזם.

רבי מאיר (וואָס פלעגט א סך מאָל פארברענגען צווישען גוים *) פלעגט זאָגען: פונוואנען ווייסען מיר אז א גוי וואָס לערנט תורה, איז אזוי חשוב ווי א „כהן גדול", פון דעם, וואָס דער פסוק זאָגט: אשר יעשה אותם האדם וחי בהם (ויקרא י"ח ה') כהנים, לויים און ישראלים, זאָגט ניט דער פסוק, נאָר האדם: ד ע ר מ ע נ ש ! פון דאנען לערנסטו: אז א גוי, וואָס איז עוסק אין תורה, איז ער ווי א כהן גדול. דער תלמוד באמערקט אז זיין קיום התורה, מיינט בלויז די זיבען מצוות פון די בני נח **).

רבי ירמיה האָט געזאָגט דאָס זעלביגע ווי רבי מאיר און נאָך צוגעגעבען דעם פסוק זאת תורת האדם (שמואל ב' ז' ט') שטייט ניט זאת תורת הכהנים, והלויים והישראלים, נאָר זאת ת ו ר ת ה א ד ם, בלויז דער מענש איז וויכ־טיג! ***). ישעיה הנביא זאָגט: פתחו שערים ויבא גוי צדיק (ישעיה כ"ו כ') און אין תהלים (קי"ח כ'): „זה השער לד' צדיקים יבאו בו" גערעכטע, סיי אידען, סיי ניט אידען.

און די וואָס האלטען אז עכו"ם שעוסק בתורה חייב מיתה ****) מיינען בלויז ג ע צ ע נ ד י נ ע ר און ס'רעדט זיך בלויז וועגען תורה שבעל פה, דערפאר, וואָס זיי איז פרעמד די אידישע מסורה, די אידישע מיסטיק און כוונה *****).

רבי יהודה זאָגט אין נאָמען פון זיין רבין רב: „שטענדיג זאָל א מענש לער־נען תורה אפילו ניט לשמה־וועגען, ווייל פון „שלא לשמה" קומט מען צו „לשמה". צוליבן שכר פון צוויי און פערציג קרבנות וואָס בלק האָט מקריב געווען, האָט ער זוכה געווען, עס זאָל ארויסקומען פון אים ר ו ת די טאָכטער פון עגלון, דאָס

*) זע, עבודה זרה י"ח. מדרש רבה, רות, פסוק ותאמר נעמי, ר' מאיר האָט מנחם אבל געווען א גוי אבנימוס הגרדי; ער האָט אויך אָפגעענטפערט קלעאָפאטרא'ן, אז תחית המתים, לערנט מען ארויס פון חטה (ווייץ).

**) סנהדרין נ"ט ע"א; פסחים מ"ט ע"ב; ברכות נ"ז ע"א; ע"ז ג' ע"א און אין פיל מקומות.

***) ספרא י"ח ה'.

****) סנהדרין דאָרט.

*****) זע: תנחומה סוף פרשה תשא; אדמו"ר הגאון ר' צדוק הכהן (ראבינאָוויץ) מלובלין „ישראל קדושים", לובלין תרפ"ח ז"ז כ"ב־כ"ג. דער מדרש רבה און מדרש תנחומא ווערען באטראכט פאר די מאָנומענטאלע ווערק ביים אידישען פאָלק. דער מדרש תנחומא, געשריבען פון תנחומא בן אבא איז פון די עלטסטע מדרשים און צייכענט זיך אוים מיט זיין סטיל, שפראך פאָרמען און סימבאָליק און פאנגט אָן מערסטענס זיינע פאראגראפען מיט „ילמדנו רבנו" (זאָל אונזער רבי אונז לערנען). די פראגעס און ענטפערס זענען אינטערעסאנט און צוציענד. מדרש תנחומא איז צונויפגעשטעלט געוואָרען נאָך פריער פארן תלמוד.

אייניקעל פון בלקן, דער קעניג פון מואב *) וואָס האָט זוכה געווען אז א ספר פון תנ"ך זאָל גערופען ווערען אויף איר נאָמען, „מגלת רות"; און צו דער קעניגליכער דינאַסטיע פון מלכות בית דוד, וואָס איז פאַרגעזעצט געוואָרען אפילו נאָכן חורבן, דורך די נשיאים אין ארץ ישראל (פון מוטערלעכער זייט אן אָפּשטאַם פון מלכות בית דוד) און די ריש גלותא'ס אין בבל (פון פאָטערלעכער זייט אן אָפּשטאַם פון דוד).

אין דער גמרא מגילה (ט"ז ע"א) ווערט געזאָגט אז דער וואָס זאָגט א דבר חכמה, אפילו ביי די פעלקער, ווערט ער גערופען מיטן נאָמען חכם און אין ברכות (נ"ח ע"א, רעכענט מען אויס צווישען די ברכות א ברכה פאַר חכמי אומות העולם און אין סוטה (ל"ה ע"ב, רש"י און תוספות דאָרט) אז חכמי אומות העולם מעגען לערנען תורה און קענען זיך אויסלערנען תורה שבכתב **).

רבנו בחיי אין זיין הקדמה צום ספר חובת־הלבבות שרייבט, אז „כל האומר דבר חכמה, אפילו באומות העולם נקרא חכם".

דערציילט אונז די גמרא ***), ווענען א דיסקוסיע אויפן טייטש פון פסוק „צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת" (משלי י"ד ל"ד) וואָס רבן יוחנן בן זכאי האָט געפרעגט זיינע תלמידים און יעדער האָט געענטפערט נעגאַטיוו ווענען „חסד לאומים", באַזירענדיג מסתמא אויף פאַקטען און אייגענע דערפאַרונגען אָבער רבי יוחנן בן זכאי, זייער רבי, האָט געטייטשט דעם פסוק אזוי אז עס זאָל אויסקומען אז צדקה איז מכפר אויף די פעלקער: „כשם שהחטאת מכפרת על ישראל, כך צדקה מכפרת על אומות העולם„.

דער ענין עבו"ם ששבת חייב מיתה, ווי טייל חכמי התלמוד האָבען זיך אויסגעדריקט, וואָלט איך געוואָגט צו זאָגען: „לולי דמיסתפינא", אז דאָס איז געשאַפען געוואָרען, אויס מורא פאַר די רוימער און גריכען, וועלכע האָבען אויסגעלאַכט און באַקעמפט דעם אידישען שבת ביי אידען; וואָס וואָלט נאָך געווען ווען דער שבת ווערט פארשפרייט צווישען דער ניט־אידישער וועלט? מוסרים וואָלטען זיך דאך

*) סנהדרין ק"ה ע"א; הוריות י"א ע"ב; נזיר כ"ג ע"א; סוטה מ"ז ע"א.

**) תנו רבנן: הרואה חכמי ישראל, אומר: ברוך שחלק מחכמתו ליראיו; חכמי אומות העולם, אומר: ברוך שנתן מחכמתו לבריותיו.

כדי צו פארשטיין און משיג זיין די אמת'ן פון דער תורה מוז מען פריער געטובלט ווערען אין קדושה, ראַפינירט דורך אידעאַליזם און עטיש־קייט און נאָר אזעלכער איז געגליכען צום כהן גדול. דערמיט דערקלערט זיך דער מד־רש איכה רבתי פ' טבעו: „אם יאמר לך אדם יש חכמה בגוים, תאמין: יש תורה בגוים אל תאמין". פעלקער פארמאָגען געווּנג חכמה, אפילו אין אוראַלטער צייט, זיי באַווייזען וואונדער אין מענשלעכער שאַפונג. די חכמה קען זיי אָבער ניט באַ־הערשען. די חכמה וואָס איז די שאַפונג פון טרוקענעם מח איז אָפּגעטיילט פון מענשען גופא, ווי דער ניט לאַנג פארשטאָרבענער בארימטער אינדישער דיכטער ראַבינדראַנאַט טאַגאָר האָט אזוי קלאָר דעפינירט דעם ענין, באַהויפּטענדיג אז אינ־טעלעקט איז אומפּערזענליך, געדאַנק איז פריי פון פערזענליכקייט פון מענש . . . אונזער תורה באַהערשט דאָס לעבען פונם יחיד ווי פונם כלל, באַהערשט דעם מח און דאָס הארץ — „רחמנא לבא בעי!" דעריבער האָט זי אלס הייליגע לערע באַווי־זען דאָס וואָס חכמה אליין האָט ניט געקענט באַווייזען: צו באַאיינפלוסען דעם מענש און קאָנטראָלירען אלע זיינע שוואַכקייטען און אינסטינקטען. ניט אריסטאָטעל מיט זיין פילאָזאָפיע און ניט פלאַטאָ מיט זיין „רעפּובליקא"־פרייהייט און פילאָזאָ־פיעס ווענען די עטיש־מאָראַלישע פרינציפּען, האָבען אזוי געקענט באַהערשען די מענשהייט, ווי די ביבעל וואָס דרינגט אריין אין היכל פון מענשליכע געפילען, אין דער מענשליכער נשמה.

***) בבא בתרא י' ע"ב; זע „כתבי מיכה יוסף בן גוריון ברדיצבסקי", חלק ג' ס"ס"א, הוצאת שטיבל, תרפ"ט.

געמערט אויף טריט און שריט און דער שבת וואָלט געשטעלט געוואָרען אין דער גרעסטער סכנה *) אָבער דער גאנצער ענין עכום ששבת", איז נאָר געמיינט גע־צענדיגער, היידען, פונקט ווי דער „לעולם בהם תעבודו". (ויקרא כ"ה מ"י), וואָס רעדט וועגען קויפען אייביגע שקלאפען פון כנענים און אנדערע היידנישע פעל־קער. **).

די גריכען און די רוימער האָבען געלאַכט און געשפעט פון אידישען רו־טאָג, געהאלטען אז דערמיט ווייזען אידען אז זיי זענען פוילענצעס, מעגלעך צוליב דער מורא אז דער געדאנק פון א רו־טאָג זאָל ניט אריינדרינגען אין זייערע לענדער און זייערע שקלאפען זאָל עס פאָדערען. שרייבט דען ניט דער בארימטער פראנצוי־זישער אנארכיסטישער דיינקער פרודאָן אז דער נייער גייסט אין אונז, די נייע שיטות אין אלע אירע אנטוויקלונגען פאר דער געזעלשאפטלעכע לערע . . . האָט אפילו ניט געבראכט איין זאך וואָס זאָל זיין ענליך צו דעם אויפטו פון שבת. דער איינציגער געזעץ וואָס משה האָט געבראכט צו דער געזעלשאפט איז מער ווערט פון אלע מאָדערנע געזעצען . . . באַזאָרגענדיג אפילו די בהמות . . ."

דער רוימישער פילאָזאָף סענעקא (4 פ. ק.־65 נ. ק.) האָט, דערוויסענדיג זיך פון אידישען שבת, באשולדיגט די אידען אין פוילקייט. שבת אלס רו־טאָג פון דער וואָך איז געווען פרעמדט צו אנדערע פעלקער און מערסטע האָבען ארויסגעגע־בען גזירות קעגען היטען שבת. אין תלמוד ווערט דערציילט פון פארשיידענע גרוי־זאמע גזרות קעגען לערנען תורה, מילה און שבת־היטען ***). אידען האָבען זיך געמוזט היטען פון די מוסרים וועלכע היטען לפנים די מצוות און ווילען נושא חן זיין ביי אידען כדי אויסצונעפינען די סודות און איבערגעבען צו דער מלוכה. אויף א גוי וואָס האָט געהיטען שבת און האָט זיך ניט מגייר געווען האָט מען געקוקט מיט גרויס פארדאכט און מ'האָט מורא געהאט פאר זיינע מסירות.

ביי אידען געוויינלעך איז דער שבת דער הייליגסטער טאָג, וועמעס הייליג־קייט דרינגט אריין אין די זעקס וואָכען טעג ווי דער „חיי אדם" (ר' אברהם דאנציג) דריקט זיך אויס: „קדושת השבת נמשכת לכל יום. כי היא המרכז האמצעי, שכל ימי השבוע יונקים ממנו . . ." ווילענדיג באקעמפען דעם אידישען עקזיסטענץ, האָבען זיי געמוזט זיך נעמען צום שבת פריער.

דער רמב"ם באַרירענדיג דעם ענין „עכו"ם ששבת" שרייבט צווישען אנ־דערעס: „כללו של דבר אין מניחים אותם לחדש דת . . . אלא או יהיה גר צדק ויקבל המצוות או יעמוד בתורתו . . ." און ער פירט אויס אז סוף כל סוף „אין ממיתין אותו בידי אדם" ****).

---

*) זע „ימין ושמאל" (ז' ר'): „פעמים רבות גזרו גזרות על התורה, והיו כמה נכרים אשר התחפשו והתערבו עם היהודים לשמור את השבת כמנהג היהודים למען תפוש אותם בלבם . . . ולמסרם למלכות . . . ולכן אמרו חכמים שהייבים מיתה על־פי הכלל: הבא להרגך השכם להרגו". האָט איר דעם זעלבען געדאנק.

**) זע אבן עזרא דאָרט: לעולם בהם תעבודו־מותרים; רק כאשר מצאנו חז"ל שאמרו: כי היא מצוה קבלנוה . . . שתעשה הפרש בין אחיך (המוכר עצמו) ובין הנכרי.

***) זע ראש השנה י"ט ע"א א. א. מקומות אין תלמוד און מדרש.

****) יד החזקה הלכות מלכים פרק י' הלכה ט'.

דאָס קאָן זיין איז געווען די אורזאַך פון דער באהויפּטונג אז גוי העוסק בתורה חייב מיתה און בכלל דאָס ניט וועלען לערנען צו קיין היידען קיין תורה *).

הרב יעקב מזא"ה אין זיין ארויסטריט ביים באַרימטען ביילים פּראָצעס אין די יאָרען פון 1911-1913 תר"ע-תרע"ג (טרויעריגער בלוט-בלבול אין קיעוו) האָט אויפן מאָמענט דערקלערט אז דאָס איז א דעת יחיד. ביי דער דאָזיגער אויפפאַסונג האָט ער זיך שטאַרק געהאַלטען. דער אמת איז, אז מען מוז ניט אָנקומען צו דער באהויפּטונג, נאָר פּשוט, א געצענדינער וואָס וויים פון דער תורה אז מען טאָר ניט דינען די אָפּגעטער און פאָלגט ניט אוים דעם באַפעל, קומט אים טויט-שטראָף. דער אָביעקט פון חיוב מיתה איז ניט דאָס לערנען נאָר דאָס דינען אָפּגעטער. ביי א בן נח איז דאך דער דין אזהרתן זו היה מיתתן, זייער וואָרנונג איז זייער טויט **).

מ'האָט אויך מורא געהאַט גוים זאָלען וויסען וואָס עס טוט זיך אין דער איד. מחנה . . . מ'האָט געוואָלט פאַרהיטען די אידישע קהלה פון מסירות און אפשר טאַקע ווי דער רמב"ם באהויפּטעט: צוליב די מורא פון „חידוש דת", פון שאַפען א נייע רעליגיע ביי די פעלקער וואָס קאָן ארויסרופען זייער צאָרען. האָבען דאָך אידען געגוג זיך אָנגעליטען זינט דעם חורבן פון ערשטען בית המקדש פון די שטרענגע גזרות קעגען תורה לערנען. די „עשרה הרוגי מלכות" האָבען דאָך מיט זייער לעבען באַצאָלט, אויף קידוש השם געגאַנגען פאַר לערנען תורה. אזוי רבי עקיבא דער גרויסער תנא-העלד וועמעס לייב איז געקעמט געוואָרען מיט אייזערנע קאַמען ***) אזוי רבי אלעזר בן פרטא, אזוי רבי חנינא בן תרדיון, וועלכער איז פאַרברענט געוואָרען איינגעוויקעלט אין א ספר תורה ****) און אזוי די אנדערע וועמעס נעמען זענען געוואָרען סימבאָלען פון גרוים געשיכטלעכען באַדייט וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געווען פאַר דער תורה און פאַר דער הייליגקייט פון מענשלעכען לעבען.

אינטערעסאַנט איז די מיינונג פון תוספות (חגיגה דאָרט) אז דער וואָס לערנט תורה צו א געצענדינער איז ער עובר אויף דעם לאו פון „לפני עור לא תתן מכשול", דער איסור איז, לויט דער מיינונג, וואָס מען לערנט מיט דעם גוי פאַרשיידענע מצוות, און אז ער איז זיי ניט מקיים, איז דאָך דער לערער עובר אויף דעם געבאָט, מ'זאָל פאַר א בלינדען ניט אונטערלייגן קיין שטרויכלונגען. צו לערנען מיט א גוי וואָס וועט מקיים זיין די מצוות איז ניט נאָר קיין פאַרראַט ניטאָ; עס איז אפשר א מצוה צו לערנען מיט אים.

ווי מיר האָבען פריער געזאָגט איז בכלל דער איסור נאָר געווען אויף צו לערנען תורה-שבעל-פה. תנ"ך איז קיינמאָל ניט געווען פאַרבאָטען צו לערנען מיט

---

*) זע סנהדרין נ"ט ע"א; חגיגה י"ג ע"א.
וועגען דעם ענין איז זייער פיל פאַראַן אין דער פלפול-ליטעראַטור. ניט דאָ איז דער פלאַץ מאריך צו זיין. אין ספר „קהלת דוד" חלק ב' סימן ל"ד, ווערט געזאָגט אז די בני יעקב האָבען גע'הרג'עט די בני שכם, צוליב גזל. די פראַגע איז, ווי האָבען זיי געמעגט פאַרלאַנגען פון זיי מילה. דער ענטפער איז ווייל די בני יעקב זענען געווען געבאָטען אויף מילה . . .

**) ר' נחמן אין סנהדרין נ"ז ע"א.

***) ברכות ס"א ע"ב. ראש השנה לא ע"ב. און אין פיל אנד. מאמרים אים ים התלמוד.

****) עבודה זרה י"ז-י"ח; מדרש איכה ב' ה'.

ניט־אידען. אין גענענטייל, אין געוויסע עפּאָכעס ווי די, ווען די אידען זיינען אריין אין ארץ ישראל האָבען זיי געשריבען טיילען פון דער תורה אין אנדערע שפּראַכען ווי די משנה (סוטה פרק ז׳ משנה ה׳) זאָגט, זענען אויף די שטיינער פון הר גריזים און הר עבל אויפגעשריבען געוואָרען די תורה אין זיבעציג לשונות און ווי די גמרא סוטה (ל״ה ע״ב) פירט אויס זענען טאקע די כנענים געשטראָפט געוואָרען, ווייל זיי האָבען ניט געלערנט פון דער תורה און ניט חוזר בתשובה געווען.

ר׳ אמי׳ס מאמר: „אין מוסרין דבר תורה לכותי״ און די ראיה פון „מגיד דבריו ליעקב . . . לא עשה כן לכל גוי״ . . . (תהלים קמ״ז י״ט־כ׳) *) ווייזט אויס אפילו תורה שבכתב טאָר מען ניט לערנען צו ניט־אידען. דער בארימטער גאון און פאָרשער ר׳ צבי הירש חיות (תקס״ז־תרט״ו) אין זיינע הגהות באמערקט אז אלע פרעגען, פאַרוואָס דער רמב״ם האָט דעם דין דורכגעלאָזט, און האָבען פארזען אז דער רמב״ם ברענגט דעם דין אין מוסרים אין הלכות עבדים. ברענגט אויך פון תוספות בבא קמא ל״ח ע״א אָנהייב־וואָרט „קראו״ א נייע גירסא המלמד . . . דער מהרש״א האלט אז דער איסור איז בלויז אויף סודות התורה. יעדענפאלס איז ווענען דעם א גרויסע פּאָלעמיק.

אין תלמוד ווערט דערמאָנט פון תנאים, וואָס האָבען געלערנט תורה מיט ניט־אידען. אין זהר ווערט דערציילט פון ר׳ זמירא וואָס האָט געלערנט צו א „בן נכר״.

נאָך דער תלמודישער עפּאָכע האָט זיך געשאפען א געגענזעצטע מיינונג ווענען לערנען תורה צו ניט־אידען, בעיקר תורה שבעל־פה. אָבער דאָס האָט שוין געהאט צו טאָן מיט א גאנץ אנדער פּראָבלעם, מיט די רעליגיעזע וויכוחים וואָס די קריסטען האָבען ארויפגעצוואונגען אויף די אידען **). ס׳זענען דעריבער געווען פיל פון די אידישע חכמים וועלכע האָבען געקוקט קרום אויף די וועלכע לערנען תורה צו גוים ***). ניט בלויז איז געזאָגט געוואָרען: „אין מוסרים תורה לבן אומות העולם״ אז מען טאָר ניט איבערגעבען די תורה צו א זון פון די פעלקער פון דער וועלט, נאָר מען טאָר אפילו ניט איבערזעצען די תורה אין אן אנדער שפּראַך. ווען ס׳איז דערשינען די תורה איבערזעצונג פון די זיבציג חכמים, די אזוי גערופענע „סעפּטואגינטא״ וואָס האָט פאַרגעשטעלט די אידישע תורה צו דער וועלט איז דאָס באטראַכט געוואָרען פאר א גרויסער זינד. אין תלמוד ווערט געזאָגט: יענער טאָג אין וועלכען די תורה איז איבערגעזעצט געוואָרען אויף גריכיש, אין די צייטען פון תלמי המלך (פטאלמוס פילאדעלפוס דער צווייטער, 247־285 פאר דער קריסטלע־כער ערא) איז שווער געווען פאר די אידען ווי דער טאָג אין וועלכען דער עגל איז געמאכט געוואָרען ***).

*) חגיגה י״א.

**) וואָס אן אמת, זענען אזעלכע ויכוחים שוין געפירט געוואָרען אין דער צייט פון די חכמי התלמוד, ווען אידישע חכמים זענען גערופען געוואָרען צום „בי אבידן״ (שבת קט״ז ע״א). די דאָזיגע ויכוחים האָבען אָנגענומען א זייער ערנסטען כאראַק־טער אין מיטעלאלטער. זע, „ימין ושמאל״, ר״א.

***) מסכת סופרים פרק א׳ הלכה ז׳. זע, מנחם ג. גלען: רש״י — דער פאָלק לערער, ניו יאָרק ת״ש, ז. 42־43.

אין קאפיטעל ח׳ באהאנדלען מיר מער באדיכות׳דיג דאָס ענין איבערזע־צונגען פון תנ״ך און תלמוד.

ניט אומזיסט זאָגט ר׳ אלעזר (אבות ב׳ י״ט) „ודע מה שתשיב לאפיקורוס״. (ווייס, וואָס אָפּצוענטפערען דעם פריי גייסטיגען) מ׳דאַרף זיין גרייט צו פּאַרטיי־דיקען די אידישע אמונה דורך וואָרט און שריפט. פיל פון די אידישע חכמים ווערען דערמאַנט אלס גרויסע אַפּאָלאָגעטיקער. רבי יהושע בן חנניה איז געווען באַרימט אלס גרויסער פּאָלעמיקער ווען ער איז נפטר געוואָרען האָט מען אין גרויס פאַרצוויי־פלונג געזאָגט: ווער וועט אונז פאַרטיידיגען פון די אפיקורסים *).

אויך רבי שמלאי האָט אָפּגעענטפערט די אפּקורסים א סך פראגען, פאַר־טיידיגענדיג דעם אידישען גלויבען **).

ס׳איז געווען א צייט, ווען אידען האָבען געדופט די יעניגע וואָס האָבען מוותר געווען אויף דעם מאמר אין תלמוד. ווי אונזער היסטאָריקער גרעץ גיט אי־בער האָט הירמָנימוס (340־420 נ. ק.) איינער פון די ערשטע קריסטלעכע געלערנטע וועלכער האָט געשעפּט זיינע העברעאישע ידיעות פון די ערשטע קוואַלען האָט פאַר א צייט געוואוינט אין ארץ ישראל און דאָרט געהאט צוויי אידישע לערער נקדימון און בר חנניא. דער לעצטער פלעגט קומען צו אים „באהאלטענערהייט״, ווייל ער האָט מורא געהאט פאַר דעם צאָרן פון די אידען ***).

דער רמב״ם אָבער אין זיינע תשובות (סימן נ׳) שרייבט אז מען מעג יאָ לערנען תורה צו קריסטען און אז אָפּטמאָל ברענגט עס גוטס, דאָס באַקענען זיי מיט אונזערע מצוות: „יכול אדם ללמד המצות לנוצרים והשכר והעונש כי יש שיחזרו מהם למוטב והם מודים כי תורתנו זאת היא מן השמים והיא כתובה אצלם בשלימתה אך לפעמים יגלו פנים שלא כהלכה וכמה מהם חוזרים למוטב, ואין בזה מכשול לישראל״.

דער רמב״ם שרייבט אויך אין „יד החזקה״ (קדוש החדש, פרק י״ז הלכה כ״ה): „ומאחר שכל אלו הדברים בראיות ברורות הם . . . אין חוששים למחבר בין שחברו נביאים, בין שחברו אותם נכרים״.

אין ספר „ימין ושמאל״ (ז. ר״ב) און אין ספר „חבלים בנעימים״ (חלק ב׳ סימן סג, ס״ד) פירט אוים מיין רבי ר׳ יהודה־ליב גרויבארט להלכה אז תורה שבכתב מעג מען געווים לערנען צו ניט אידען. ער באזירט זיין מיינונג אויך, אויף די ספרים „באר שבע״ (שרייבט: „מותר ללמד לנכרי תורה״), שדי חמד (פון ר׳ חיים־חזקיהו מדיני), „תשובות מהר״ץ חיות״, „דברי ישכר״ פון באַרימטען גאון ר׳ ישכר דוב גרויבארט א. א.

מיר ווייסען פון פיל גדולי ישראל, פוסקים, רבנים, און מקובלים וועלכע האָבען געלערנט תורה צו ניט אידען. גענוג צו דערמאַנען דעם מקובל ר׳ מ ש ה ב ו ט ר י ל מחבר פון ספר יצירה; ר׳ א ל י ה ב ח ו ר (נעב. 1468) וועמעס אמת׳ער נאָמען איז געווען אליהו לעוויטא, (באַקאַנט צווישען קריסטען מיטן נאָמען עליאס לעוויטא (הלוי).

---

*) חגיגה ה׳; שבת קנ״ב ע״א; סוף קהלת רבה.
אפיקורוס־ניט גלויביגער, וואָס לייקענט אין בורא עולם און פאָלגט נאָך די לערע פון גריכישען פילאָזאָף עפיקור פון אטען (אתונא).

**) ירושלמי ברכות ט׳ ט״ו.

***) זע, „אידישע פאָלקס געשיכטע״ פון גרעץ, באנד.

ער האָט געלערנט מיטן קאַרדינאַל אינידיז און געהאַט פיל קריסטלעכע תלמידים וועלכע ער לויבט *); ר׳ יעקב לאָאַנס וועלכער האָט געלערנט תורה מיטן בארימטען קריסטליכען געלערנטער און אידען־פריינט יאָהאַן ר י י כ ל י ן, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט דעם תלמוד פון שרפה לויט דער גזרה פון קייזער מאַקסימיליאַן וועלכער האָט זיך געלאָזען איבעררעדען פון דעם משומד און פאַר־רעטער פפעפערקאָרן. רייכלין האָט אויך געלערנט ביי ר׳ ע ו ב ד י ה ס פ ו ר נ ו, פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען אין רוים **).

ניט איינמאָל האָט געטראָפען אַז אידישע חכמים האָבען געלערנט פון ניט אידען, אפילו אין אויסטייטשען געוויסע שווערע פסוקים פון תנ״ך. ר׳ שמואל הנגיד, דער באַרימטער פייטן פון מיטעלאַלטער ברענגט איינצע אויסטייטשען פון פסוקים וואָס קריסטלעכע געלערנטע האָבען ריכטיג אויסגעטייטשט. ער ציטירט א בריוו פון ר׳ מ צ ל י ח ב ן א ל ב ז ק, דיין אין סיציליע וואָס שרייבט אַז די תלמידים פון ר׳ האי גאונס ישיבה איז שווער געווען דער טייטש פון פסוק „שמן ראש אל יניא ראשי (תהלים קמ״א ה׳), האָט רב האי גאון אים אָנגעוויזען אויף דעם דאָרטיגען קאַטויליקוס (גלח) וואָס איז געווען באַוואוסט אלס תנ״ך קענער. אין אָנפאַנגס האָט ר׳ מצליח ניט געהאַט קיין חשק דאָס צו טאָן, צו לערנען פון א גוי . . . אָבער נאָכדעם ווי דער גאון האָט אים באַרואיגט איז ער געגאַנגען צו דעם כומר און דער לעצטער האָט אים געגעבען די סורישע איבערזעצונג פון פסוק און אַלץ איז אים קלאָר געוואָרען ***).

ביים באַרימטען אידישען געלערנטען ר׳ אליהו דע מדיגו, וועלכער איז אין זיין צייט באַטראַכט געוואָרען אלס גרעסטער קאָפּ האָבען געלערנט פיל קריסטלעכע געלערנטע, צווישען זיי דער באַרימטער איטאַליענישער געלערנטער גראַף דזשיאָוואני פיקאָ די מיראַנדאָלאָ.

ר׳ אליהו מעדינא, איז געווען איינער פון די גרעסטע פּראָפעסאָרען אין אי־טאַליע, געלערנט מיט זיינע קריסטלעכע תלמידים ניט בלויז אַראַביש און העברעאיש נאָר אויך פילאָזאָפיע.

פיל קריסטלעכע געלערנטע און גייסטלעכע האָבען אין צייט פון דער רעפאָר־מאַציע (1500-1530 נ.ק.) געלערנט דעם תנ״ך אין אָריגינאַל, מיט דער הילף פון אידישע לערער.

אזוי אין דער אַראַבישער עפּאָכע און אזוי שפּעטער אין צייט פון רענע־סאַנס, האָבען פיל אידישע געלערנטע זיך באַמיט, צו באַקענען די קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע וועלט, מיט אונזער תנ״ך, תלמוד און בכלל אידישע וויסענשאַפט.

---

*) דער באַרימטער געלערנטער, פאָרשער גראַמאַטיקאָלאָג, דיכטער און מקובל איז אַנטלאָפען פון פאַדואַ, זיין געבורט־שטאָט, קיין װענעציע און פון דאָרט קיין רוים. ער האָט געהאַט אלס תלמידים דעם באַרימטען קאַרדינאַל עגיציאָ דע וויטער־באָ, פאַרוועמען ער האָט איבערזעצט קבלה ספרים און דעם באַרימטען איטאַליענישען פילאָזאָף גראַף מיראַנדאָלאָ א. אנד.

ער ווערט אויך באַטראַכט אלס גרינדער פון דער אידישער ליטעראַטור א דאַנק זיין „בבא בוך״ — א ראָמאַן פון פּרינץ בבא, (איבערזעצט אין יאָר 1507).

**) זע, ה. גרעץ: די אידישע פאָלקס געשיכטע, דריטער באַנד, ז״ז 99-117.

***) די דאָזיגע אינטערעסאַנטע מעשה ווערט געבראַכט כמעט ביי אלע היסטאָריקער.

ז. — וועגען גזיאישע קברים. — אתם קרוים אדם. — די כותים. — דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט באגרעניצען זייער רעכט. חסידי אומות העולם קאָנען זיך דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה.

פריער, במקום אריינפיר. עטלעבע ווערטער וועגען דעם דין פון טומאה און טהרה ביי אידען. דער דין איז ביי אידן, אז א קערפער פון א טויטן מענש איז מטמא, מאכט אומריין „במגע, במשא ובאהל", (אז מען רירט אים אָן, אז מען טראָגט אים, אָדער מען האלט אים אין געצעלט). אלע ביבעל קריטיקער און פאָרשער פארנעמען זיך מיט דעם ענין און זוכען א ראציאָנאלע דערקלערונג וועגען דין פון טומאה. ש. בערנפעלד אין זיין „מבוא ספרותי הסטורי לכתבי הקדש" *) באהויפטעט אז דאָס זאָל קומען דורך דער פערסישער השפעה און איז אויסגעברייטערט געוואָרען אין צייט פון תלמוד. איז די מיינונג א צו ראדיקאלע און ניט אנערקענט ביי אידען מאמינים אין תורה שבכתב און אין תורה שבעל פה. מיר זעען דאך אין דער תורה דעם אורשפרונג פון די דינים וועגען טומאה, וועגען היגיענע און טומאת אדם מת איבערהויפט. די פרשה „חקת", דער דין פון „פרה אדומה", איז דאך אלץ צו פארהיטען פון דער הארבער אבי־אבות הטומאה. קאָן דעריבער קיין רייד ניט זיין אָנצונעמען בערנפעלד'ס השערות. ער איז בלויז גערעכט אין זיין אנאליזירען דאָס וואָרט נפש און זייגע גלגולים אין אויסטייטש און מיין.

צום ערשט האָט „נפש" געמיינט פשוט לעבען, דער כח פון לעבען. אלס באוויז ברענגט ער די פסוקים: „ויהי האדם לנפש חיה" (בראשית ב' ז') „כי נפש הוא חובל" (דברים כ"ד י') „אשר בידו נפש כל חי" (איוב י"ב י'). א מערדער רופט די תורה „מכה נפש (במדבר ל"ה לי) וואָס מיינט, הרג'עט א לעבען. אזוי געפינען מיר דעם אויסדרוק ויבקשו את נפשי לקחתה (מלכים א' י"ט י' און י"ד), און ווידערהאלט זיך אפילו בנוגע דאָס לעבען פון א חיה: „נפש חיה היא שמו (בראשית א' כ') נאָכדעם איז צו נפש צוגעגעבען געוואָרען נאָך א באדייטונג, א פסיכישער לעבעדיגען ווילען, געפיל א.א.וו. „ואתם ידעתם את נפש הגר" (שמות כ"ג מ"ט) „ואליו הוא נושא את נפשו" (דברים כ"ד ט"ו) „מה תשתוחחי נפשי" (תהלים מ"ב) א.א.וו.

דעם דאָזיגען זין פון נפש געפינט מען אויך ביי חיות און בהמות „יודע צדיק נפש בהמתו!" (משלי י„ב י') „והכלבים עזי נפש" (ישעיה נ"ו א). א.א.וו.

דאָס וואָרט „נפש" מיינט אויך פשוט פערזאָן ווי למשל: „ונפש כי תקריב" (ויקרא ב' י'); „ונפש כי תחטא" (דאָרט ה' א') ערשט שפעטער איז צוגעגעבען געוואָרען צום וואָרט נפש א באזונדערען באגריף און באדייט, ווי נשמה, גייסט א. א. וו.

ס,'זענען פאראן געוויסע אונטערשיידען צווישען איד און גוי. פאראן חלוקי דעות וועגען „קברי עכום" צו זיי זענען מטמא אָדער ניט. ר' שמעון בן יוחאי

*) חלק א' תי"ז־תי"ח.

האלט, אז קברים פון עכו"ם (ניט אידען) זענען ניט מטמא *) מאָטיווירענדיג זיין מיינונג אז דער „אדם כי ימות באהל (במדבר י"ט, י"ד) זאָל ניט מיינען אלע מענשען נאָר בלויז אידען, באזירענדיג דאָס אויפן פסוק אין יחזקאל (ל"ד ל"א). ואתן צאני צאן מרעיתי, אדם אתם. ד.מ. איר ווערט גערופען אדם - מענש אָבער ניט עכו"ם. איז, ראשית, ר' גמליאל מיט נאָך אנדערע תנאים מחולק אויף ר' שמעון בן יוחאי און האלטען אז גוי'שע קברים זענען מטמא פונקט ווי אידישע, ווייל זיי געהערען יאָ צום מין אדם. צווייטענס איז עס אלץ געמיינט געוואָרען די היידניש־פארדאָרבענע פעלקער און דריטענס רירט דאָך דאָס ניט אָן קיין רעכטען פון די אנדערע פעלקער. ס'רעדט זיך בלויז וועגען נזהר זיין אין דינים טומאה־טהרה זענען בלויז אידען. דער אויסדרוק „ואין עכו"ם קרוים אדם" איז, ווי מיין רבי ר' יהודה ליב באוויזט, אזא תלמודיש־אידאָמאטישער אויסדרוק ווי „כל אדם שאין לו קרקע אינו אדם (יבמות ס"ג ע"א) כל אדם! שאין לו אשה אינו אדם (דאָרט) **) און נאָך אזעלכע ווערטלעך.

ניט וועלענדיג זיך ארײנלאָזען אין פלפול, ווייל דאָס איז ניט מיין אויפגאבע, לוינט זיך דאך צו ברענגען די מיינונג פון רש"י אז רבי מאיר וואָס האלט אין דער גמרא סנהדרין (נ"ט ע"א) אז א גוי וואָס לערנט תורה איז גלייך צו א כהן־גדול און לערנט עס ארויס פון פסוק זאת תורת האדם וואָס שליסט איין אפילו עכו"ם האלט ער געוויס ניט פון דעם געדאנק וואָס ר' שמעון בן יוחאי האָט ארויס־געבראכט. תוספות (דאָרט) זאָגט אז ר' שמעון בן יוחאי איז ניט מחולק אויף ר' מאיר'ן נאָר דער חילוק איז צווישען „אדם" און „האדם": אָדם שליסט אויס עכו"ם און האָדם איז מרבה אלעמען. ס'איז אויך דאָ א מיינונג אז דאָס, וואָס אין דער גמרא בבא מציעא (קי"ד ע"ב) ווערט דערציילט אז אליהו הנביא האָט געענטפערט צו רבה בר אבוה אז דעריבער מעג ער שטיין אויף קברי עכו"ם כאָטש ער איז א כהן, צוליב דעם מאמר פון רבי שמעון בן יוחאי: „קברי עכום אין מטמאין באהל" איז בלויז א „דחוי", אן אָפּוועדונג און די הלכה איז באמת ניט ווי ר' שמעון וואָס שייך דעם געדאנק פון „אדם אתם" ***).

פיל אנטיסעמיטישע געלערנטע האָבען זיך אָנגעכאַפּט אין דעם מאמר „טוב שבגוים הרוג" ****). איז קיין פראגע ניט אז דאָרט רעדט זיך עגען גוים עובדי כוכבים ומזלות, געצענדינער און אזוי ווי א בן־נח איז געוואָרענט אויף עבודה זרה, און ער דינט די אָפּגעטער קומט אים א הארבע שטראָף. נאָר דער אמת איז, אז דער

*) יבמות ס"א ע"ב; בבא מציעא קי"ד ע"ב; כריתות ו' ע"ב און אין אנד. מקומות. אין „שבט יהודה" פון ר' שלמה אבן ווירגא, געלעבט ביים ענדע פון פופ־צענטען און אָנהויב פון זעכצענטען יאָרהונדערט (גזרה ארבעים ואחת), ברענגט ער די קריטיק פון פאפסט מארקוס פלאָראנטין קעגען תלמוד וואָס זאָגט אז די פעלקער ווערען ניט גערופען מענש. דער חכם דון שלמה הלוי האָט געוואָלט פארענטפערען דעם דאָזיגען מאמר, אָבער עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבען. זיינע ענטפערס זע־נען ניט געווען אויסגעהאלטען דעם פאפסט טייטש פון דעם פסוק אין יחזקאל איז באמת א לאָגישער. ער האָט געטייטשט: „כאָטש איר ווערט אָנגערופען שאָף, זאָלט איר ניט מיינען אז איר וועט ניט געשטראָפט ווערען — ווייל באמת זענט איר מענ־שען, האָט שכל . . . זע אויך „ימין ושמאל" ז. כ"ד.

**) אין טייל נוסחאות, כל יהודי שאין לו אשה, אורזאך פון ענדערען אפאָריזם איז פארשטענדלעך.

***) זע באריכות, ספר פרדס דוד, פון ר' דוד דישבעק, פרשה ויקרא און פרשה בהר.

****) מסכת סופרים ט"ו י'.

ענין איז ניט אזוי פשוט. עס זענען דאָ עטלעכע נסחאות אין דער מסכת סופרים. איין נוסח: טוב שבגוים בשעת מלחמה הרוג, אז אין מלחמה־צייט מעגן מען זיי טויטען כדי זיך צו פארטיידיגען *). א צווייטער נוסח: טוב שבכותים הרוג, דאָס זאָל בלויז מיינען די כותים־סעקטע פון שומרון וועלכע האָט אַנגעטאָן אַן א שיר צרות. א דריטער נוסח: טוב שבמצרים הרוג **).

און מערקווירדיג ווי אין מסכת סופרים אין איין מאמר ווערט געזאָגט: טוב שברופאים לגיהנום . . . טוב שבגוים . . . הרוג, הכשרה שבנשים בעלת כשפים. וועט אימיצען איינפאלען אז אזעלכע רופאים ווי ר' שמעון בן יוחאי, אָדער שמואל ירחינאַ, זענען געמיינט געוואָרען אין דעם מאמר? קען מען זאָגען אז אונזערע נשים צדקניות, אונזערע אמהות, די גרויסע איד. פרויען ווי דבורה, חנה, רות, חולדה אָדער ברוריא ילתא א. א. — קען מען זיי רופען כשוף־מאכער? די אידישע פרוי איז דאָך אזוי געשעצט און געאכטעט אין תלמוד. די „אשת חיל" ווערט דאָך אזוי הערליך באַזונגען אין דער אידישער ליטעראטור ***). ס'איז קיין ספק ניט אז דאָס האָט צו טאָן מיט א מליצה'דיגען אויסדרוק און איז געצילט געוואָרען קעגען געוויסע רופאים, קעגען געוויסע פרויען ווי די „מטרנותא" אין יענע צייטען וועלכע האָבען געמאכט פרומען אָנשטעל אָבער געווען דורכגעפוילט פאלש און פאררעטעריש . . .

אין תלמוד ווערט געזאָגט: דער, וואָס זעט דורכגיין א סך גוים זאָל ער זאָגען: „בושה אמכם" (ירמיה נ' י"ב) און די גמרא זאָגט אויך דאָרט אז דער וואָס זעט באזעסענע אידישע הייזער אין ארץ ישראל דארף ער מאכען די ברכה: ברוך מציב גבול אלמנה; דער וואָס זעט חרוב'ע אידישע הייזער דארף ער זאָגען: ברוך דיין האמת. דער וואָס זעט אָבער באזעסענע הייזער פון עובדי כוכבים אין ארץ ישראל דארף זאָגען „בית גאים יסח ד'" (משלי ט"ו כ"ה) און חרובע הייזער זאָל ער זאָגען:

---

*) תוספות עבודה זרה כ"ו ע"ב אָנהייב־וואָרט „ולא".

**) מדרש תנחומה און מכילתא בשלח; רש"י און רבנו בחיי דאָרט. ירושלמי קדושין (סוף מסכת) אויפן פסוק „ויקח שש מאות רכב בחור (שמות י"ד ז') פונוואנען האָבען זיי גענומען פי? . . . מוז דאָך זיין פון די וואָס האָבען מורא געהאט פאר גאָט, „משל הירא את דבר ד' מעבדי פרעה". פונדאנען האָט רבי שמעון געלערנט: „טוב שבמצרים בשעת מלחמה הרוג". זע אויך אין שבט יהודה (גזרה ל"א) א זייער לאַגישען ענטפער וואָס האָט צופרידענגעשטעלט דעם בישאָף אין זיין פּאָלעמיק מיטן אידישען חכם, ווילענדיג באאיינפלוסען דעם פאפסט מארקוס פלאראנטין. דער חכם האָט אים אזוי געענטפערט:

לויט דעם אידישען דין איז כמעט געווען אויסגעשלאָסען דורכצופירען א טויט־אורטייל. מ'האָט געדארפט האָבען עדות און התראה און ז' חקירות א. א. וו. א בית־דין וואָס האָט גע'פסק'ענט טויט־שטראָף איין מאָל אין זיבעציג יאָר, איז עס גערופען געוואָרען א „בית־דין קטלנית". אין אומרואיקע צייטען, האָט דאָס גורם געווען פארברעכענס און רציחות „אם כן אתה מרבה שופכי דמים בישראל" (מכות ז'), אויף דער צייט האָט מען געזאָגט: טוב שבגוים הרוג", דאָס בעסטע פון דער ניט־אידישער אָרדנונג איז דער הרוג, צו הרגענען פארברעכער. זע אויך סמ"ע, חו"מ סימן תכ"ה. „מסכת סופרים" על־פי כתבי־יד . . . באארבעט פון ד"ר מיכאל היגער, ניו יאָרק תרצ"ז, ז"ז 82־281.

***) זע, ש. ניגער, „די אידישע ליטעראטור און די לעזערין" ווילנע 1919; יצחק ריבקינד די אידישע פרוי אין אמאָליגען אידישען ווירטשאפטלעכען לעבען" — „די צוקונפט", פעברואר 1933, ז"ז 110־115; שרייבער פון די שורות, „די אידישע פרוי און איר ראָלע אינם אידישען לעבען" — „יובליי־בוך ת"ת עץ חיים", טאָראָנטאָ תש"ג ז"ז 374־374; „ימין ושמאל ז"ז מ"ד־מ"ז; ר"ה.
Jewish Women Through the Ages by Trude-Weis-Rosmarin.

„אל נקמות ד׳ (תהלים צ״ד א׳) איז געמיינט געוואָרען הייזער פון היידען און פון דעראָבערער אין ארץ ישראל *).

דער דין „כותי ורועי בהמה דקה לא מעלין ולא מורידין”, ד״ה אז מען נעמט זיי ניט ארויס פון גרוב זיי צו ראטעווען אויב זיי זענען דאָרט אריינגעפאלען און מ׳וואַרפט זיי ניט אריין צום טויטען איז פארשטענדלעך פאר די וואָס זענען באקאנט מיט דער געשיכטע פון דער כתים־סעקטע און די צרות וואָס אידען האָבען געהאט אויסצושטיין פון זיי. די רועי בהמה דקה זענען געווען דער נידריגסטער שיכט אינם אידיש־געזעלשאפטלעכען לעבען; אין זייער נאטור איז געווען איינגעוואָרצעלט די נייגונג צו פארדאָרבענקייט, צו גנבה און גזלה וואָס האָט אָפט מאָל געבראכט אויך רציחה. דער דאָזיגער דין איז אָבער נאָר אָנגעגאנגען אין דער צייט ווען עס איז געווען א אידישע מלוכה און די סנהדרין האָבען געוואָלט היטען דאָס לאנד פון פאר־ברעכערישקייט **) היינטיגע צייטען, זאָגט רש״י איז דער דין ניט נוהג, ווייל מיר האָבען ניט קיין סנהדרין און מיר האָבען ניט קיין רעכט אויף דיני נפשות.

אין צייט פון תלמוד האָבען די חכמים דערוויטערט די אסקעטען בפרט גוי׳אישע נזירים, באהויפטענדיג אז עס איז ביי זיי ניט חל קיין נזירות (זע נזיר ס״א ע״א) מעגליך, אז די חכמים האָבען ניט געזען קיין גויאישע נזירים וועלכע זאָלען דאָס טאָן לשם שמים; און בכלל געקוקט קרום אויף נזירות, וויסענדיג אז די אסיים, די אסקעטען אין צייט פון צווייטען בית המקדש האָבען געבראכט צרות און זיי האָבען בכלל געהאלטען אז בלויז יחידי סגולה זענען ראוי צו זיין נזירים. (זע נדרים ו׳ ע״א און נזיר ד׳ ע״א).

אין אלגעמיין באמיט זיך דער תלמוד, צו דערהויבען די חשיבות פון יעדען מענש, צו צוימען און קאָנטראָלירען די מענשלעכע נאטור, צו געבען יעדען מענש, די מעגליכקייט זיך צו אנטוויקלען פיזיש, אינטעלעקטועל און מאָראליש. די חכמי התלמוד, ווייזען כסדר ארויס ליבשאפט און סימפאטיע צו אנדערע פעלקער און שטרעבען מתקן צו זיין די וועלט מיט מלכות שדי ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין תפלת „עלנו” ***׳ ולא שמנו במשפחות האדמה . . . ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים לפני מלך מלכי המלכים . . . והאלילים כרות יכרתון לתקן עולם במלכות שדי! די אידישע רעליגיע פאָדערט ליבע צו יעדען פאָלק און ראסע.

*) זע ברכות נ״ח ע״ב, אויך מפרשים דאָרט.
וועגען טומאת־מת זע אויך רמב״ם פ״א מהלכות טומאה און אבן עזרא במדבר י״ט י״א.

**) סנהדרין נ״ז ע״א, זע רש״י דאָרט; זע אויך קדושין פ״ב ע״א; ע״ז כ״ו ע״א; מסכת סופרים ט״ו י׳. די כותים ווערען טיילוויז באטראכט ווי אידען און טיילוויז ווי היידען. מ׳האָט מיט זיי געהאנדעלט, גענומען פון זיי פראָ־צענט אויב מ׳האָט זיי געבאָרגט געלט און פארקערט זיי געמעגט געבען פראָצענט און מ׳האָט זיי געגעבען לקט, שכחה און פאה פון אידישע פעלדער. מ׳האָט זיך אָבער אויסגעהיטען פון געמישטער הייראט מיט זיי. א אידישע טאָכטער איז פארבאָטען געווען צו זיין ביי זיי א הייבאם אָדער זויגערין, מסתמא צוליב מורא, טאָמער וועלען זיי האָבען חשד, אויב עס וועט ניט גיין אין אָרדנונג. רבי ישמעאל האלט אז זיי זענען אין אָנפאנגס געווען גרי צדק נאָר האָבען דערנאָך אָנגעהויבען דינען צו אן אָפּגאָט אויפן בארג גריזים. ווען וועט מען זיי געבען די פולע רעכט ווי אידען, ווען זיי וועלען לייקענען אין „הר גריזים”, גלויבען אין ירושלים, (געמיינט בית המקדש און דאָרטיגע גאָטעסדינסטען) און אין תחית המתים . . . זע מסכת כותים א׳ און ב׳.

***) אין א באזונדערער ארבעט וועגען אידישע ימים טובים באהאנדעל איך תפלת „עלנו” באריכותדיג.

דאָס אידישע פאָלק, האַלט זיך ניט פאַר דעם „אתה בחרתנו"־פאָלק, געש־טיצט אויף פוסטער גאווה און נאַציאָנאַלער שטאָלץ. אין געגנטייל, דער אידישער „אתה בחרתנו" ליגט נאָך ארויף מערערע פליכטען, מערערע התחייבותן צו זיך און צום כלל, צו דער מענשהייט. דער אידישער אתה בחרתנו פאָדערט פונם איד, ער זאָל זיין איינער וואָס זאָל צוזאמענשטעלען דעם „עם קדוש", ער זאָל זיך באהעפ־טען מיט גאָטס מדות: „הדבק במדותיו, מה הוא רחום אף אתה רחום . . ." דאָס איז די פאָדערונג פון אידישער עטיק, פון אידישען מאָראַל־אידעאַליזם. אזוי ווי גאָט האָט רחמנות אויף אלע זיינע באשעפענישען, שפייזט אלץ און אלעמען אזוי־דאַרף דער איד זיך באציען צו אלע מענשען, צו אלע ברואים.

די תורה, וואָס פאָדערט פונם איד א הייליג לעבען: „קדושים תהיו!" (ויקרא י״ט ב׳), קען דאָך ניט פאַרטראָגען קיין שלעכטע באציאונג צו א מענשען, אפילו ווען ער איז ניט פון אידישען אָפּשטאַם. די אידישע קולטור־אנטוויקלונג וואָס נעמט אריין קונסט, וויסענשאַפט, געזעץ און טראַדיציע און וואָס זוכט צו שאַפען דעם סינטעז צווישען דעם טעזיס און אנטי־טעזיס צווישען מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם, דער מאַטעריאַליזם זאָל זיך אונטערגעבען צום שעפערישען אידעאַליזם, וואָס וויל די פאַר־איייניגונג פון דער גאַנצער מענשהייט, די גרויסע און ברייטע סינטעזע צווישען די פאַרשיידענע שטאַרק־ווירקענדיגע כחות אין דער מענשהייט, אין מענשלעכען גייסט און אין מענשלעכען לעבען. דאָס איז דער באַזיס פאַר מענשלעכער אנטוויקלונג אין זיין פיזישען מאַטעריאַליסטישען־זין וואָס איז באהויכט פון אידעאַליסטישען סאָ־ציאַל־עטישען און טעאָרעטישען באַדענקען. „כי לי כל הארץ!" — איז דער דעוויז, געצייכענט מיט די מעכטיגסטע אותיות אין די הייליגסטע שריפטען פון אונזער אמונה.

די ערד באַלאַנגט צו גאָט. די וועלט איז פול מיט זיין כבוד און ער גיט אבסאָלוטע גלייכהייט און פרייהייט צו אלעמען: „וחיי עולם נטע בתוכנו", באזירט אויף תורת אמת וואָס לערנט אונז מענשען־ליבע „ואהבת לרעך כמוך"! (ויקרא י״ט, י״ח); דער גרויסער כלל אין דער תורה לויט דער מיינונג פון ר׳ עקיבא אין תורת כהנים (דאָרט); דער הויפּט יסוד פון די עשרת הדברות, ווי הלל הזקן האָט עס געלערנט מיט דעם גר וואָס האָט שנעל געוואָלט וויסען די גאַנצע תורה — א פרינ־ציפּ וואָס קוועלט ארויס פון דעם אייביגען עטישען קוואַל פון סאָציאַלער גערעכ־טיגקייט און הומאַניטעט.

די תורה זאָגט ניט ואהבת לאחיך, זאָלסט ליב האָבען בלויז דיין ברודער־איד נאָר ואהבת לרעך — צו דיין פריינד, אפילו דעם ניט־איד. די תורה זאָגט אויך ניט ואהבת לעמך זאָלסט ליבען דיין פאָלק, נאָר צו יעדען וואָס איז דיין פריינט, צו אלע מענשען־קינדער. מיר ווייסען דאָך אז אפילו מצרים ווערען גערופען רעים, ווי דער פּסוק זאָגט וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה (שמות י״א ב׳) און אין מדרשים ווערט געזאָגט אז אין יענעם מאָמענט האָבען אידען באקומען ליב־שאַפט אין די אויגען פון די מצרים און די באציאונג צו זיי איז דאַן געוואָרען א גאָר פריינטלעכע. אין שמואל ב׳ (ט״ז) ווערט דערמאָנט דוד המלך׳ס פריינט וואָס האָט אים געהאָלפען אין עת צרה, אין קאַמף קעגען זיין זון אבשלום, דער גוי (לויט די

חז"ל) חושי הארכי, וועלכער ווערט גערופען רעה דוד.

רב חיים וויטאל אין זיין ספר „שער הקדושה" שרייבט אז א איד זאָל ליב האָבען דעם ניט־איד, ווייל אויך ער איז דאָך די באשאפונג פון גאָט. אין די חסידישע ספרים ווערט דער געדאנק ווידערהאלט, אז רעך מיינט אפילו א ניט איד, אז אויך אים דארף מען ליבען, אז אויך אים טאָר מען ניט בארויבען א. א. וו. (זע „ספר הברית" ז. ז. 147־148).

דער בארימטער מקובל און תלמיד האר"י ז"ל, זאָגט אויך אין זיין ספר „שער הקדושה": מעיד אני עלי שמים וארץ, אפילו גוי ועבד ושפחה שכינה שרויה בניהם (איך מאך עדות הימעל און ערד אז אפילו אויף א גוי, אויף א גוי'שען קנעכט אויף א גוישער דינסט קאָן רוען די שכינה).

אויב די תורה באציט זיך שטרענג צו פעלקער איז נאָר צו פארדאָרבענע ווי די כנענישע, וועלכע האָבען פאראומרייניגט מיט זייערע געמיינקייטען דאָס לאנד, אָדער צו פעלקער וועלכע פירען זיך אויף ווי סדום און עמורה מיט זייערע סאָציאלע אכזריותדיגע געזעצען.

דער תורה אלס גאנצע, וואָס צעמענירט דאָס לעבען און שאפונג פון מענ־שען, איז געלונגען דורך הלכה און אגדה אויפצוהאלטען אירע נאָכפאָלגער, דאָס אי־דענטום, אויף אָט די עטישע פרינציפען און יורידישע פליכטען וואָס גייען האנט אין האנט סיי אין תורה שבכתב און סיי אין תורה שבעל־פה. דערמיט איז די אידישע רעליגיע אנדערש פון אנדערע רעליגיעס וואָס טיילען אָפּ דאָס וואָכעדיגע, דאָס „חלונית", פון דאָס הייליגע, געטלעכע. די פרשה פון „קדושים" תהיו (הייליג זאָלט איר זיין) איז געזאָגען געוואָרען „בהקהל", דערפאר, ווייל די מערסטע „גופי תורה" געפינען זיך אין איר — דארפען אלע אידען קענען די פרשה.

ווי ווייט די חכמי התלמוד זענען געווען פון פלאכען שאָוויניזם און נישטיגען נאציאָנאליזם, ניט האָבענדיג אין זיך אפילו קיין שמינית שבשמינית, איז צו זען דערפון וואָס דער תלמוד דערציילט אונז אז משה רבנו האָט געבעטען ביי גאָט, עס זאָל ניט רוען די שכינה אויף די אומות העולם, האָט מען אים דאָס נאָכגעגעב־בען *). פרעגען אָבער אנדערע פון דער לעצטער משנה אין סוטה **) אז חסידות ברענגט צו רוח הקדש, ווייזט אוים אז אפילו חסידי אומות העולם קענען דערגרייכען צו דער מדרגה פון נבואה און אז אויך אויף זיי רוט דער רוח הקדש. די גמרא זאָגט אין סנהדרין אין נאָמען פון ר' יהושע אז חסידי אומות העולם, האָבען א חלק עולם הבא ***) משה רבנו'ס פארלאנג איז דעריבער געווען בלויז אז מען זאָל זייער נבואה

*) ברכות ז' ע"א. זע, בבא בתרא, ט"ו, ע"א־ע"ב.

**) דער תוספות יום־טוב (ר' יום־טוב ליפמאן העלער) זאָגט, אז דאָס איז ניט משנה ,נאָר געהערט צו דער ברייתא פון עבודה זרה כ' עב" און ירושלמי שקלים פ"ג.

***) סנהדרין ק"ה ע"א; רש"י ק"י אָנהייב־וואָרט „אבל"; רמב"ם הלכות תשובה הלכה ה': חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא; ר' שלמה בן ווירגא: „שבט יהודה", מאמר מ"א בשם משה די אגיטו; „תפארת ישראל" סנהדרין פרק י' משנה א': אפילו בינונים שבהם (כשרים שבאומות) יש להם חלק בעולם הבא . . . ווייל די משנה רעכענט בלויז בלעם הרשע צווישען די פיר בארימטע פערזענלעכקייטען וואָס האָבען ניט קיין חלק עולם הבא. (ר"ע מבטנורה דאָרט משנה ב' באמערקט, אז בלעם איז ניט פון די חסידי אומות העולם).

ניט אריינגעמען אין די כתבי הקודש, אין די הייליגע שריפטען ווי מ׳האָט געטאָן מיט די נבואות פון בלעם און איוב. אין תלמוד ווערט אויך געזאָגט אז עס זענען פאראן „שלשים צדיקים אומות העולם, שאומות העולם מתקיימים עליהם״ (דרייסיג צדיקים ביי דער וועלט, אויף וועלכע די פעלקער האלטען זיך *). אויף דעם פסוק: „היש בה „עץ״ (במדבר י״ג כ׳), טייטשט רש״י: „אם יש בהם אדם כשר, שיגין עליהם בזכותו״. איין אָרנטלאכער מענש, איין צדיק וואָלט געקענט מגין זיין, שי־צען אפילו כנענים פעלקער **).

אויף מענשען פון פרעמדע פעלקער קאָן רוען די שכינה ווי עס ווערט גע־בראכט אין „סדר עולם רבה״ (א), אז די שכינה האָט גערוט אויף עבר׳ן, וועלכער האָט געלעבט א סך פריער, איידער עס איז געווען א אידיש פאָלק ***) תשובה פון פעלקער איז ליב ביי גאָט ווי דער פאקט פון שטאָט נינוה וואָס איז געווען איינגע־טונקט אין זינד און ווען זי האָט מורא געקראָגען און תשובה געטאָן האָט גאָט איר מוחל געווען די חטאים ****).

די תורה וואָס לערנט ווי אזוי צו פירען א קהליש סאָציאל־געזעלשאפט־לע־בען אין ארץ ישראל און אין גלות, וואָס דערציט אידיש פאָלק צו לעבען עמפיריש פראקטיש (ניט אוטאָפיש אָדער סתם אזוי לויט אילוזיעס) לויט אירע אידעאַליס־טישע געזעצען פון געזעלשאפט און אמונה, איז ניט נאציאָנאל אין זין פון סעקטאנ־טישקייט אָדער שאָוויניזם. די תורה ליכט זענען פאר דער גאנצער מענשהייט און פון איר האָבען די חכמי התלמוד געלערנט טאָלעראנץ. מיר זעען עס פון דעם פריינט־לעכען און ערלאכען אופן ווי אזוי זיי האָבען געפירט זייערע דעבאטען מיט פאָרשטעהער פון אנד. אמונות און פילאָזאָפיעס. זיי זענען ניט געווען געגען דעם אז איטלעך פאָלק זאָל דינען גאָט אויף זיין אייגענעם שטייגער. זיי האָבען אָבער ניט געוואָלט מ׳זאָל אים לעסטערען, וואָס דאָס קאָנען זיי טאָן אלע גלייך.

דאָס, וואָס די משנה זאָגט „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״, אז, אלע אידן האָבען א חלק אין דער צוקונפטיגער וועלט און די משנה לערנט עס ארויס פון ישעיה (ס׳ כ״א) אז „דאָס פאָלק פון ירושלים איז אינגאנצען פון צדיקים און אז זיי וועלען ירשענען די אייביגע וועלט ווייל זיי זענען א צווייג פון מיינע פלאנצונגען מיט וועל־כע דער וועלט־גערטנער קאָן זיך באמיען״.

ענטפערט דער „תפארת ישראל״ (ר׳ ישראל ליפשיץ, דאנציג, רב הכולל, נפטר ה׳ תרכ״א) אז אידען זענען פון דער נאטור ניט קיין זינדיגע. אויב זיי זינדי־גען, טוען זיי תשובה, דעריבער וועלען זיי אויף דער צוקונפט־וועלט „שאין בו לא אכילה ולא שתיה . . . (ברכות י״ז) באפרייט ווערען פון דאָס קערפער־

*) חולין צ״ב ע״א.

**) בבא בתרא דאָרט.

***) „נביא גדול היה עבר״ . . .

****) ירושלמי סנהדרין י״א ה׳; תנחומא, ויקרא ח׳ י״ד. זע חיים רמבני, „דת ומדינה״ (ירושלים תש״ג). חלק ג׳ אמת ואמונה, פרק ז׳ ז״ז קנ־סס״ב; פרק ח׳ סס״ג־סס״ז.

לעבע און ווערען דערהויבען זוכה צו זיין צו גייסטיג לעבען. רשעים אָבער פון אומות העולם טוען ניט קיין תשובה, ווייל זייער רשעות באשטייט דאָך אין דעם וואָס זיי האָבען ניט קיין עטישע פאראנטוואָרטלעכקייט און ניט קיין גלויבען. זע אויך אין זיין ספר „דרו״ש אור החיים״ (ביים ענדע פון משניות מאמר ב׳) אז דעריבער ווערט געזאָגט „ישראל אעפ״י שחטא ישראל הוא״, ווייל דער איד איז אין אים, גאַנץ ליכט אין זיין נשמה בלייבט נאָך אלץ איבער און ווערט דערוועקט נאָכדעם ווען דער אידישער חוטא באקומט זיין שטראָף. מיטן זעלבען געדאנק קען מען אויך פארשטיין דעם אויסדרוק „פושעי ישראל מלאים מצוות כרמון״ — עס איז זייער נאטור צו טאָן מצוות, אמווייניגסטענס די בין אדם לחברו׳דיגע.

דער אמת איז דאָך אז ישעיה הנביא פונקט ווי אלע אנדערע נביאים נאָכדעם, ווי זיי האָבען געשטראָפט ירושלים און ישראל פאר די זינד וואָס זיי טוען אָפּ, האָבען זיי געטרייסט סיי די שטאָט און סיי אירע איינוואוינער מיט די בעסטע טרייסט ווערטער. אזוי ירמיה, יחזקאל עמוס הושע און די אנדערע. ווי נאָר זיי האָבען די שטראָף פון גאָט דערזען, זענען זיי פארציטערט געוואָרען, מורא געהאט טאָמער וועלען אידען קיין תקומה ניט האָבען — זיי האָבען אָבער דעם יאוש, ליידענשאפט־ליך באקעמפט, געטרייסט פון דער שווערער פארצווייפלונג, זיך און דאָס פאָלק און ביי די לעצטע געוועקט ליכטיגע האָפנונגען וואָס זאָל זיי שטארקען און באקרעפ־טיגען פאר זייער ווייטערדיגען עקזיסטענץ־קאמף. אלע, האָבען געזען דעם מאָ־מענט פון ליכטיקע דערהויבונג און דערלייזונג פון אידישען פאָלק; אלע האָבען זיי געבענשט און מקרב געווען. אלע האָבען געזען זייער ליכטיגע צוקונפט ווי דער נביא ישעיה זאָגט פריער פאר דעם „ועמך כלם צדיקים״: „לא יבא עוד שמשך וירחך לא יאסף״ דיין זון וועט שוין קיינמאָל ניט פארגיין! . . .

ירמיה הנביא אין זיינע „קינות״ רופט אויס: חסדי ד׳ כי לא תמנו, כי לא כלו רחמיו חדשים לבקרים רבה אמונתך. (איכה ג׳ כ״ב־כ״ג) און ר׳ שמעון בר אבא טייטשט דעם פסוק אזוי, על שאתה מחדשנו בבקרן של מלכיות — אנו יודעים שאמונתך רבה לגאולתנו. פון דעם, וואָס דו באנייסט אונז, ווען עס גייט אויף דער נייער מאָרגן פון די פעלקער, זעען מיר דיין שטארקייט (אמונה גלויבען־שטארקייט) אונז אויסצולייזען. דער פעלקער מאָרגען הייסט עס, באטייט אויך, אונזער באניי־אונג און ווידערגעבורט, אין א ברייטערען זין באדייט עס פארברידערטער מענש־הייט פון אלע פעלקער, אונזער פאָלק איינגעשלאָסען. (מדרש רבה איכה).

אויף דעם פסוק: „לא יהיה שריד לבית עשו״ באמערקט די גמרא בעושה מעשי עשו! *) נאָר שלעכטע פעלקער דארפען ווערען פארניכטעט אָבער ניט די פעלקער, וואָס פירען זיך אויף מענשליך לויט עטישע מאָראלישע פרינציפען. ישיבו רשעים לשאולה — וועלכע פעלקער וועלען גיין אין גיהנום? די פעלקער וואָס האָבען פארגעסען אין גאָט — כל גוים שכחי אלקים אָבער גוים צדיקים האָבען יאָ חלק עולם הבא **). און רעדענדיג וועגען ל״ו צדיקים אויף וועלכע די וועלט האלט זיך, זאָגט רבי יהודה „שלשים צדיקים אומות העולם שמתקיימים עליהם״ ***)

*) עבודה זרה י׳ ע״ב.
**) סנהדרין ק״ה ע״א.
***) חולין צ״ב ע״א.

די עקזיסטענץ פון די פעלקער איז א דאנק די דרייסיג צדיקים וואָס געפונען זיך צווישען זיי.

די גמרא (יומא פ"ז ע"ב) דערציילט אונז אז עולא בר רב האָט גענידערט צום עמוד פאר רבא'ן, האָט ער אָנגעהויבען מיט דער תפלה „אתה בחרתנו!"... און פארענדיגט מיט „מה אני ומה חיינו!"... און רבא, דער פארפאסער פון א סך תפלות האָט אים געלויבט *). רבא פלעגט ענדיגען זיין טעגליך דאווגען מיט דער תפלה: „אלקי עד שלא נוצרתי איני כדאי... עפר אני בחיי... (איידער איך בין באשאפען געוואָרען בין איך גאָרנישט ניט ווערט געווען... שטויב בין איך ביים לעבען...).

די תורה, לויטן אויסטייש פון תלמוד, וואָרצעלט איין אין יעדען איד עטישע אויפפירונג וואָס שייך צדקה און הילף צו יעדען מענש. די חכמים האָבען אונז געלער־רנט: „יהי ביתך פתוח לרוחה..." (זאָל דיין הויז ברייט אָפען זיין פאר אָרימעלייט — אבות פ"א מ"ה). די מדה פון צדקה לערנען מיר פון אברהם אבינו ביי וועמען עס ווערט געזאָגט אז ער וועט באפעלען זיינע קינדער „זיי זאָלען היטען גאָטס וועג צו טאָן צדקה" (בראשית י"ח, י"ט). דערפאר זאָגען טאקע די חכמים: כל המרחם על הבריות בידוע שהוא מזרעו של אברהם אבינו **). די מדה פון רחמנות איז די געט־לעכע מדה לויטן כלל: „מה הוא חנון ורחום אף אתה..." ***) און גאָט נעמט דאָך צו דאָס גוטסקייט פון אלע מענשען ווי דער פסוק זאָגט: „הטיבו ד' לטובים" — צו אלע גוטע לויטן טייטש פון די חז"ל. נאָך מער גאָט האָט ליב צדיקים, טאקע דערפאר ווייל זיי קומען ניט בירושה. יעדער מענש קאָן זיין א צדיק, איטלעכער מענש קאָן זיין א „ירא ד'" ווי דער פסוק זאָגט יראי ד' ברכו את ד'—און עס שטייט ניט געשריבען בית יראי ד'... (ספרא און במדבר רבה).

דער „עם הנבחר", איז קיינמאָל ניט געווען אין צאַם פון אן עגאָאיסטישען נאציאָנאלען ראַם, שטענדיג געווען אינטערנאציאָנאליסטיש געגנ אויסצודריקען מאָראלישען פראָטעסט קעגען פעלקער אונטערדריקונג און געפאָדערט ליבע צו יעדען פאָלק ****).

דער מהר"ל מפראג (הרע"ה־שס"ט — 1515־1609) דער בארימטער גרוי־סער פילאָזאָף און מיסטיקער, בויער פון יהדות אין ברייטסטען זין פון וואָרט שרייבט וועגען דעם: שעבוד אומה באומה אין זה לפי סדר המציאות אשר ראוי שתהיה כל אומה בת חורין (די פארשקלאפונג פון פאָלק אין פאָלק איז ניט נאָך דעם סדר פון דער ווירקלעכקייט, וואָס איז רעכט פאר יעדער נאציע אויף איר פריי־

---

*) זע רש"י דאָרט אז דאָס איז געווען ביי נעילה. זע אויך ברכות י"ז ע"א.

**) ביצה ל"ב ע"ב.

***) שבת קל"ג ע"ב.

****) זע, במדבר רבה...

****) וועגען די אינטערנאציאָנאלע אספיראציער ביים אידישען פאָלק נאָכצוקו־קען: א ביק: „גרונט־פרינציפען פון רעליגיעזען סאָציאליזם", לאָדזש 1938.

הייט). אזוי האָבען געדענקט און געשריבען אין זייערע ספרים אלע זיינע נאָכפאָל־גער סיי אין תורת הנגלה און סיי אין תורת הנסתר (קבלה); אלע ווידערהאָלען דעם דאָזיגען ליבעראלען טיפען געדאנק וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אומגעהויערער טאָלעראנץ צו אלע מענשען קינדער, צו אלע פעלקער.

ר׳ משה איסרל׳ס (רמ״א, נ׳ בל״ג בעומר של״ג) שרייבט (או״ח סימן קנ״ו ס׳): די קריסטען זענען אונזערע ברידער, מיט וועלכע מיר דארפען לעבען בשלום, ווי קינדער וואָס זענען באשאפען געוואָרען פון איין גאָט . . .״

אידענטום לערנט די אייניגקייט פון מענשלעכער ראסע, מיר האָבען איין פאָטער, איין גאָט האָט אונז באשאפען. אין אידענטום געפינען מיר דרך ארץ פאר אנדערע אמונות, דערצו נאָך צום אמת׳ען קריסטענטום וואָס האָט אָנגענומען די „עשרת הדברות״, *) די אייביגע ווערטען פון אידישען פאָלק. דאָס אידענטום, מיט אָט דעם אורשפרינגלעכען כח פון עקשנות׳דיג־העראָאישען קאמף פאר דער־האלטונג פון קערפער אין גייסט פון דער תורה מלכות׳דיגער גדולה, האָט פאר דורות לאנג געפירט דעם עקשנות׳דיגען קאמף פאר תורה־אידישקייט אין איר פולען מהות. דורות לאנג באקעמפט די נעגאטיווע דערשיינונגען אין אידישען לעבען. פון יענעם חשמונאים קאמף קעגען די העלעניסטען ביזן היינטיגען טאָג באקעמפט דאָס אידענטום די מאטעריעלע וואָכעדיגע באגריפען פון מענשלעך לע־בען בכלל, ווייל דאָס איז געגען דעם דעוויז פון „קדושים תהיו״ וואָס פאָדערט א הייליגע געשטאלטונג פון אידישען פאָלקס לעבען, פארוואָרצעלט אין תורה אידע־אליזם.

אין א תורה שטאָט איז ניטאָ קיין פלאץ, פאר וועלכע עס איז פריווילעגירטע שיכטען אָדער קלאסען. אויף פארשיידענע אופנים קאָנטראָלירט די תורה דאָס יחידישע און צבור׳שע לעבען, אז עס בלייבט מער ניט איבער קיין פלאץ פאר קלאַ־סען־דיפערענצירונגען לויט סאָציאלען שטאנד. די תורה טוט דאָס אויף לייכטע אומקאָמפּליצירטע רעגלאמענטאציעס.

דער תלמוד וואָס האָט יאָ געזען קלאסען אינטערשיידען, האָט געטאָן דאָס בעסטע צו באשיצען דעם אָרימאן, צו באשיצען דעם שוואכען קעגען שטארקען, צו באשיצען דעם ארבעטער קעגען בעל הבית, קעגען דעם ארבעטסגעבער. דער תלמוד, האָט אָן צווייפעל געזוכט דערמיט צו דערגרייכען צו דער הויך פון אבסאָ־לוטער גערעכטיגקייט לויט דעם תורה ווגו. אָבער ניט דאָ איז דאָס פלאץ זיך אָפּ־צושטעלען באריכותדיג וועגען סאָציאלער גערעכטיגקייט על־פי התורה.

---

*) מתי, י״ט, 22־16.
זע, באזונדערען קאפיטאל ט׳ וועגען באציאונג פון אידען צום קריסטענטום.

ז. — דאָס פאָלק וואָס באַזיצט „עזות" און בושה. — די וויכטיגקייט פון עזות. — די אידישע רעליגיע אלס נאציאָנאלע.

אין דער תורה ווערען אידען, אומצעליגע מאָל גערופען מיטן נאָמען „עם קשה עורף", א נאָמען וואָס זיי האָבען באקומען ביים זינדיגען מיט דעם עגל הזהב (שמות ל"ג) וואָס איז אין פלוג א זידעל־וואָרט. אין תלמוד ווערען אויסגערעכענט די דריי עזין, חוצפה'ניקעס און ישראל ווערט באטראכט אלס „עז שבאומות *). דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס פיל שונאי־ישראל באַהויפטען אז אידען זענען מחוצפים; „אידישע חוצפה" איז געוואָרען א סינאָנים. צעקלאפּט אָבער, דער תלמוד און מדרש אָט די באהויפטונג, זאָגענדיג, אז דריי סימנים זענען פאראן אין דער אידישער אומה. זיי זענען: ר ח מ נ י ם, ב י י ש נ י ם, ג ו מ ל י ח ס ד י ם (האָבען רחמנות אויף אנדערע; זענען שעמעוודיגע, באשיידענע; און גוטס־טוער) און נאָך מער, דער וואָס האָט ניט די דריי סימנים איז זיכער אז ער איז ניט פון פאָלק ישראל, איז ניט קיין אָפּשטאַם פון אברהם אָבינו **). אברהם אָבינו, איז אונזער פאטריאַבאַלער אור פוטער און ער האָט באזעסען אָט די דריי מדות פון גוטסקייט און האָט זיי ארייַנגעפלאנצט אין זיינע קינדער און קינדס קינדער. ווי קענען אידען זיין סתם אזוי פוסטע בעלי גאוה און חוצפה'ניקעס? גאות און חוצפה איז אין תלמוד באטראכט געוואָרען פאר מיאוסע מדות, וועלכע א אידיש־עטישער מענש מוז באקעמפען אין זיך ***) זיי זענען גורם צו הסתלקות הנבואה והחכמה ****), גורם די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן פון אונז.

דער זהר לויבט שטארק די מדה פון האלטען זיך באשיידען *****), ניט ווייניגער ווערט אין תלמוד און מדרשים גערעדט וועגען דער מעלה פון עניוות.

עניוות, מיינט אָבער ניט מ'זאָל זיין דערשלאָגען. ווייל דאָס קאָן ווירקען צום שלעכטען. דאָס קאָן ווירקען, דער מענש זאָל ווערען פארצווייפעלט און טראַכטען אז זיין מקיים זיין מצוות, וועט אים סיי־ווי גאָר ניט אויפטאָן און אָנשטאָט דערהויבונג, קאָן עס גורם זיין עקסטרעמער פארצייפלונג, וואָס גרעניצט זיך מיט מעלאנכאָליע.

---

*) ביצה כ"ה ע"ב.

**) יבמות ע"ט ע"א; מסכת סופרים ט"ו, י'; ענליכעס אין מדרש רבה וירא. זע במדבר רבה, פרשה ח': „אמר דוד, ג' מתנות נתן הקב"ה לישראל: רחמנין, ביישנין וגומלי חסדים . . . וכל מי שאין לו בושת פנים דבר ברי שלא עמדו אבותיו על הר סיני".

***) תלמידיו של אברהם אבינו: עין טובה, רוח נמוכה ונפש שפלה (אבות ה' י"ט).

****) זע „ראשית חכמה", פון בארימטען מקובל ר' אליהו די ווידאש, וואַרשאַ תרע"ז, „שער הענוה" פרק ב', קפ"ג.

*****) זהר, פקודי ר"ל: ודוד מלכא, איהו שפול גרמיה לגבי קב"ה דכל מאן דמאיך גרמי' קמי' קוב"ה איהו זקיף לי' על כלא ובגין כך אתרעי בי' קב"ה בהאי עלמא ובעלמא דאתי. בעלמא דין וגנותי על העיר הזאת למעני ולמען דוד עבדי (מלכים ב' י"ט); בעלמא דאתי דכתיב (הושע ג') ובקשו את ד' אלקיהם ואת דוד מלכם . . . דוד איהו מלכא בהאי עלמא ודוד יהי' מלכא לזמנא דאתי . . . זע אויך זהר ויקרא.

דער באריםמטער קאצקער רבי ר' מענדעל זצ"ל, גרינדער פון דער קאצקער דינאס־טיע, דערציילען חסידים, פלעגט זאגען אז א איד דארף תמיד טראגען ביי זיך צוויי קעשענעס: איין קעשענע מיט „אנכי עפר ואפר", און א צווייטע — מיט „בשבילי נברא העולם"! . . . א איד, הייסט עס דארף זיין דערהויבען צו קדושה און דארף וויסען ווי אזוי זיך צו פירען הייליג און דאך בלייבען אן „ענו", ווייל צוליב דעם איז ער דאך באשאפען געווארען צו לערנען תורה, צו לעבען עטיש און הייליג לויט דער קדושה פון תנ"ך.

עניות לערנט מען ארויס פון גאט, וועלכער פירט די וועלט מיט דער דאזי־גער מדה און איז דער אבי יתומים ודיין אלמנות. ר' יוחנן זאגט: כל מקום שאתה מוצא גבורתו של הקב"ה, שם אתה מוצא ענותנותו *) און אין מדרש רבה **) ווערט געבראכט פאר ר' אלכסנדרי, אז נאר א הדיוט שעמט זיך צו באנוצען מיט צע־בראכענע כלים אבער השם יתברך האט ליב די צובראכענע און באזירט עס אויף די פסוקים: „קרוב ד' לנשברי לב" (תהלים ל"ד); הרופא לשבורי לב (דארט קמ"ז); „זבחי אלקים רוח נשברה" (דארט נ"א); „ואת דכא ושפל רוח" (ישעיה נ"ז) א.א.וו. וועגען דער געמיינער מדה פון האלטען זיך גרויס, איז דאך אפגערעדט. ווי אין תלמוד און מדרש ווערט איבערגעגעבען, זענען דאך די גרויס האלטער, די גסי הרוח, אן אומגליק פאר דער וועלט. זיי האלטען אויף די גאולה יהודה בן תימא הייסט זיין עז כנמר צו טאן דעם רצון פון גאט . . . אבער סתם אן עז פנים געהערט צום גיהנם. לויבענדיג דעם בשת פנים, זאגען די חכמי התלמוד, אז אזא מענש וואס האט בושה, וועט אזוי לייכט ניט זינדיגען.

די תורה, רעדענדיג וועגען משה רבנו'ס גרויסקייט, זאגט אונז „והאיש משה ענו מאד מכל האדם" (במדבר י"ב, ג'). דער „מובחר האנושי", דער גרעסטער מענש פון דער גאנצער מענשהייט, דער גרעסטער נביא, דער גרעסטער שרייבער און געזעץ־געבער מיט וועמען די שכינה האט גערעדט „פה אל פה" — ער איז געווען דער גרויסער ענו . . . דוד המלך, דער שאפער פון תהלים־קאפיטלעך, דער „נעים זמירות ישראל". האט זיך געהאלטען באשיידען „והיית שפל בעיני" (שמואל ב' ו' כב). רבי לויטס איש יבנה זאגט אונז אן: מאד, מאד, הוי שפל רוח ***). רבי יהודה הנשיא ווערט געלויבט פאר זיין עניוות, רב נחמן דער איידים פון ריש גלותא איז געווען א גרויסער ענו ****). אויב אין אנדערע מדות, האט מען אידען געהייסען גיין אין מיטעל־וועג, אינם „שביל הזהב", האבען די חכמים געמאכט אן אויסנאם וועגען דער מדה פון עניוות, זיך צו האלטען ביים לעצטען עקסטרעם, און אז קדושה ברענגט צו עניוות.

די גמרא (חגיגה ז' ע"א) זאגט אז גאט האט נאכגעזוכט נאך אלע גוטע מדות צו באשאנקען דאס אידישע פאלק און האט ניט געפונען קיין בעסערע מדה

---

*) מגילה ל"א ע"א.

**) ויקרא רבה פ"ז.

***) אבות ד' ד'; דארט י'.

****) סוף מסכת סוטה.

ווי עניות ווי שמואל האָט געזאָגט „יאה עניותא לישראל כברוא סומקא לסוסיא חיורא".

דער אמתער טייטש פון „עם קשה ערף" אָדער די דעפיניציע „עז שבאומות", איז, שטאָלץ און מוטיגקייט, קוראזש, פעסטקייט און כאראקטער־שטארקייט. דאָס באַזיצען מיר. מיר זענען דערמיט געבענשט. א דאנק דער דאָזיקער מדה עקזיסטירען מיר צווישען פעלקער וועלכע ווילען אונז איינ־שלינגען, זינט די סיני'דיגע שנאה *). עס איז דער סינטעז פון פערזאָניפיצירטען אינדיווידואליזם און ברייטען אוניווערסאליזם וואָס איז דער גרונט־כאראקטער פון אונזערע אור־פאָטער און פון אונזער רעליגיע און אלס אזעלכע, פארנעמען מיר די פאָזיציע אלס גייסטיגע מאכט אין דער וועלט געשיכטע.

פרעמד איז אונז, דער פּאָלאטעאיזם אָדער פאגאניזם פון די היידען. פרעמד איז אונז דאָס אינדיווידואליזם פון גריכענטום. מיר זענען באהויכט פון מאָנאָטע־איסטישען גלויבען וואָס איז איינגענטלעך די פארבינדונג פון אונווערסאליזם און אינדיווידואליזם: „ד' אחד" איז אונזער גאָט, גאָט פון ישראל; מיר זענען אפילו זיינע איינציגע קינדער בנים אתם לד' אלקיכם (דברים י"ד א') אתה אחד ושמך אחד — „ומי כעמך ישראל גוי אחד" (שמואל ב' ז' כ"ג) ער איז אָבער דער „אהיה אשר אהיה" דער גאָט פון אלע פעלקער; דער גאָט פון דער גאנצער מענשהייט! געטליכער באגריף וואָס איז העכער פון רוים און צייט און מיט אומגעהויערע אוני־ווערסאלע אטריבוטען און דאָס אלץ הארמאָנירט אזוי אין תנ"ך, אין גאנץ תנ"ך, פון תורת משה ביז נביאים אחרונים; פון תורה שבכתב, ביז תורה שבעל פה און אין אלץ וואָס קומט נאָך תורה שבעל פה: מדרש, קבלה, פילאָזאָפיע, הלכה חסידות מאָדערנע ליטעראטור און חכמת ישראל. אין דער גאנצער אידישער לי־טעראטור אלס ביבלישער המשך קומט אָט די אידייע און באגריף צום פולשטענ־דיגען אויסדרוק.

מיר זענען אן „עם לבדד ישכון", דער באשאפער פארלאנגט פון אונז צו זיין א „גוי קדוש"; פריער זיך צו הייליגען, זיך צו קענען, צו קענען דעם אייגע־נעם אָפּשטאם, „שאל אביך . . ." „זכור מקור מחצבך" פארלאנגען פון אונז, אונ־זערע רביים און פּאָלקס לערער, ווייל דורך אייגענער דערקענטניש דערקענט מען די געטליכקייט, דערקענט מען דעם אייגענעם מקור, די אייגענע נשמה, דעם „חלק אלקי" וואָס איז אין מענש און דורך אָט די הכרה קומט מען צו דער מדרגה פון „דע את אלקי אביך". *) מ'פאנגט אָן מיט אייגענער הכרה מיט דעם „דע עת עצמך" וואָס

*) „מאי סיני שירדה שנאה לעכום עלינו" שבת פ"ט ע"ב. עס איז אונזער גליק וואָס מיר זענען אזעלכע „עזים" צו קענען פירען א שטענדיג הערּאָאיש לעבען פון מסירת נפש; עס פאָדערט זיך גייסטיגע גבורה און פעסטקייט צו קענען קעמפען פאר קיום אין א וועלט פון שנאה און רשעות.

*) זע, ש. ז. שרגאי: „במשנת ישראל ואמונתו", אין דער זאמלונג „פרקי אמונה", ארויסגעגעבען דורך הברית העולמית לתנועת תורה ועבודה — מזכירות הנוער, בסיוע „מוסד הרב קוק", תל־אביב תשג ז"ז פ"־פ"ה. זע אויך מאמר: „גע־דענק דעם נעכטען", פון שרייבער פון די שורות אין „רעליגיעזע ארבעטער שטימע", טאָראָנטאָ סיון תש"ד.

חסידישע ספרים באַטאַנען אַזוי שטאַרק — און אַט דורך דער אייגענער הכרה, קומט מען צו דעם אייגענעם ביטול, צו דער דערקענטניש אַז מען איז „כאַין", אַז מ'איז בלויז אַ ט י י ל פונם אוניווערז און אַז מען דאַרף פונקט ווי די גאַנצע נאַטור זיך איבערגעבען צו דער געטליכער השגחה.

דער מענש, דער „עולם קטן", איז ניט מער ווי אַ טייל פון דער גאַנצער בריאה פונם גרויסען „עולם" אָבער זיין „מותרות" פון דער בהמה „ומותר האדם מן הבהמה", — פאַדערט פון אים מ ע ר ע ר פ ל י כ ט ע ן, צוליב דעם געטלעכען חלק אין אים, צוליב דעם דעת אין אים — פון אים פאַדערט די תורת חיים, די תורה פון לעבען — ובחרת בחיים! . .

די אידען האָבען אין זיך עזות (ווי רש"י לערנט אויפן אָרט: קשים להנצח, שווער צו באַזיגען) אָבער די תורה האָט אָפגעשוואַכט זייער עזות, נעמענדיג אויף זיך די תורה האָבען זיי אויפגעגעבען, מבטל געווען זייער עגאָאיסטישען עזות'דיגען פייער און זיך גענומען טובלען אינם הייליגען פייער פונם „אש־דת". דאָס איז דער מיין פון רבי מאיר אַז דעריבער האָט גאָט געגעבען די תורה צו די אידען, ווייל זיי זענען עזין, פייערדיג, און קיין אומה ולשון וואָלט מיט זיי ניט געקענט אויסקומען צוליב זייער געהאַרטעוועטקייט און איינגעשפּאַרטקייט *) האָט מען זיי געגעבען אַ תורה, וואָס איז מתיש כח, וואָס שוואַכט אָפּ דעם עגאָאיזם ביים מענש און גיט אים אַ גייסטיגע שטאַרקייט, אַ ליבענסווירדיגע שטאַרקייט ווי די תורה ווערט גערופען „עזי וזמרת יה, אָדער „ד'עוז לעמו יתן" (תהלים ב"ט י"א) אַ גבורה ניט קיין ווילדע. ניט קיין גאוה'דיגע ווי דעם ה אַ נ ' ס ע ז ו ת, נאָר אַ גבורה פון קאָנסעקווענט־קייט, פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ און קאַמף פאַר פּרינציפּען.

דורך דער תורה זענען אידען געוואָרען אַ נאַציאָנאַל און רעליגיעז פאָלק. רעליגיע געוויינלעך. ווייס ניט פון קיין נאַציעס, רעליגיע איז אוניווערסאַל; זי ווענדט זיך צום מענש אַלס איינצעלנעם, דערמאָנט אים, דערקלערט אים זיינע באַציאונגען צום באַשעפער. די רעליגיעזע עטיק איז מערסטענס באַזירט אויף די באַשטרעבונ־גען צו פאַרבינדען מענש מיט זיין באַשעפער. די אידישע רעליגיע ווענדט זיך אָבער צום מענש, צום איד אַלס טייל פון פאָלק, אַלס טייל פון עם ישראל, אַלס אַ מיטגליד פון דאָס אויסדערוויילטע פאָלק צוליב אירע לײדען.

משה רבנו, וואָס האָט געבראַכט די געטליכע רעליגיע צום פאַרשקלאַפטען פאָלק אין מצרים, האָט ער זיי פאַרזיכערט צו מאַכען פון זיי אַ גרויסע נאַציע: „איך וועל

*) תניא משמי' דרבי מאיר, מפני מה נתנה תורה לישראל, מפני שהן עזין . . . דתיהן של אלו אש, שאלמלא לא נתנה תורה לישראל אין כל אומה ולשון יכולין לעמוד בפניהם . . . זע מהרש"א דאָרט: וא'ת האָ אמרינן פ"ק דע"ז שהחזירה הקב"ה על כל האומות ולא קבלוה? ויל דהי"ל להקב"ה לכפות עליהם הר כגיגית כדי שיקבלוה, דכה"ג אמרינן שם דבדין לעתיד יאמרו האומות כלום כפית עלינו הר כגיגת ולא קבלנוה . . . התורה מתיש (מתשת) עוזן של ישראל (זבחים פרק חטאת) . . . בשביל שאני עז נתנה לי הזמירות זו התורה שנקראת זמירות היו לי חקיך. זע וויכטיגע באַמערקונג פון מהרם שיף (1608־1644 נפטר אין עלטער פון 36 יאָר הת"ה, און לויט ר' יוסף לעווינשטיין נפטר ה"א שצ"ג), אַז אידען האָבען געמוזט האָבען די תורה, זיי זאָלען קענען לעבען צווישען די פעלקער. דורך דעם תורה־לערנען בייטאָג און ביינאַכט, לויטן באַפעל: „והגית בו יומם ולילה" ווערען זיי דערהויבען און געצאַמט דורך אירע מצוות.

דיך מאכען פאר א גרויס פאָלק", און זיי צוגעזאָגט א באשטימט לאנד פון „זבת חלב ודבש!" זיין שליחות צו פרעה איז געווען: שלח עמי ויעבדוני (שיק ארויס מ י י ז פ אָ ל ק, זיי זאָלען מיך דינען). די תורה האָט געזוכט א פאָלק! — ניט בלויז א מענש — דאָס פאָלק ישראל מיט זיין שטארקען כאראקטער וואָס האָט אזוי פיל געליטען און איז רייך מיט זכות אבות. די תורה דארף זיי און זיי דארפען די תורה וואָס איז געגעבען געוואָרען פון גאָט.

די אידישע רעליגיע (און נאָך מער די טראדיציע) נעמט ארויס ניט בלויז דאָס אינדיווידועלע לעבען פונם מענש, נאָר דאָס אלגעמיינע, טאָטאלע לעבען פונם גאנצען קאָלעקטיוו און נאָך מער, ציון און ירושלים זענען געשטעלט געוואָרען אין מיטעלפונקט פון אונזער דענקען, טראכטען און שטרעבען.

יצב גבולות עמים (דברים ל"ב ח') ער האָט געשטעלט תחומים פאר יעדען פאָלק, עס זאָל אין אייגענע גרעניצען אנטוויקלען אייגענעם טאלאנט, געזיכערט פון אסימילאציע און פון פארלירען ווערען אינם געווירבעל פון מאסען פעלקער, יעדער אויף זיין אויפן זאָל האָבען די מעגליכקייט צו לעבען און צו עקזיסטירען און ביי־טראָגען ז י י ן טייל צו דער בריאה, צום אלוועלטלעכען וויסען. צו אלגעמיינער דערקענטניש, צו דער דערקענטניש פון ד' אחד ושמו אחד צו דער גאנצער וועלט. נעמט מען אוועק די רעכט פון יעדען פאָלק צו עקזיסטירען אלס פאָלק, וויל מען אונטערדריקען פעלקערליכע אנטוויקלונג, דאן הערשט באלד צעמישונג; די וועלט ווערט תהו ובהו'דיג; געצענדינעריש ווערט די מענשהייט. פארשוועגקט ווערען ענער־גישע אקטיווע כחות וואָס יעדער פאָלק פארמאָגט.

נאציאָנאלע עקזיסטענץ איז וויכטיג פאר דעם מענשענס רעאלער עקזיס־טענץ, פאר זיין פסיכיק, שטימונג און אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג.

נאציאָנאלע עקזיסטענץ קאָן ברענגען מער ברכה ווי קאָסמאָפּאָליטישער נאציאָנאלער פארלייקענונג. זי קאָן ברענגען מער ברכה פאר דער אלגעמיינער ליבע צו דער גאנצער מענשהייט, פאר דער וועלטלעכער פארברידערונג און פאר דער לייטע־רונג פון מענשלעכען גייסט און פאר דער קרעאציע פון אידעען און קונסט ווערק. נאָך מער איז נאציאָנאלע עקזיסטענץ וויכטיג פאר דער זיכערונג פון א געזונטער און פרידענס־ליבענדער געזעלשאפטליכער אָרדנונג אויף יסודות פון קאָאָפּעראציע און אינטערנאציאָנאלע פארשטענדניש.

סיי טעאָלאָגען און סיי סאָציאָלאָגען אנערקענען דעם ווערט פון נאציאָנאלע אינדיווידואליטעט. באקעמפענדיג יעדען סאָרט שאָוויניזם אָדער נאציאָנאליסטישע עקסטרעמיטעט, זענען זיי געקומען צו דער איבערצייגענדער דערקענטניש אז נאָ־ציאָנאליזם, וואָס שטייט ניט אין סתירה צו דער שטרעבונג פון א צוקונפטיגע וועלט־בירגערטום איז וויכטיג אלס ווירקונגס כח אין דער מענשלעכער געשיכטע. זיי אלע אנערקענען די סאָציאל־פסיכאָלאָגישע טענדענצן ביי דער מענשהייט זיך אויסצולעבן נאציאָנאל, קרובהשאפט מיט שכנותדיגע משפחות וואָס ווערען צונויפגעמישט און צוזאמענגעבראכט דורך בשותפותדיגער איניציאטיוו און אימפולס. עס זענען די ספאָנטאלע געפילן פון אחדות אין געזעלשאפט וועלכע קומען צום אויסדרוק נאָר דורך נאציאָנאלען באוואוסטזיין און זענען אין א געוויסען זין אלטערנאטיוו ווי די

מאָראַל און דיסציפּלין. א פאָלק איז מסוגל צו גרויסעס, נאָר, ווען עס ליידט ניט און פילט ניט דעם מינדערהייט (אינפעריאָריטעט)־קאָמפּלעקס.

די אידישע תורה צום אידישען פאָלק, איז די תורה פון אחדות: מאָנאָטע־איזם, יחוד הבורא, געטלעכע איינהייט, איינינקייט אינם וועלט באַשאַף רעדט צו פאראייננגט פאָלק וואָס ווערט פאַרזיכערט מיט לאַנד און אָנזען אלס טייל פון דער פאראייניגטער מענשהייט. וואָס איז א טייל פונם גאַנצען קאָסמאָס, פון גאַנצען אוניווערס. די פליכטען פון יעדען איד זענען דעריבער פליכטען צו זיך, פליכטען צו גאָט, פליכטען צו זיין פאָלק. פליכטען צו דער גאַנצער מענשהייט — צו אלע פעלקער *).

דאָס אידישע פאָלק, אין געגענזאַץ צו די אַלטע פעלקער, האָט געגלויבט אין אחדות האל, אז י. ה. איז דער באַשעפער פון אלץ און געוועלטיגט איבער אלץ. א דאַנק זייער געהייליגטקייט—דורך תורה־עזות—זענען זיי געבליבען ביים גלויבן אינם „אל שדי" ווי ער אנטפּלעקט זיך צום אידישען פאָלק אין זיין אמת'ן נאָמען פון די פיר אותיות: י' ה' ו' ה' דורך דעם שם „הויה" וואָס באַדייט דעם העכסט באַגריף פון געטלעכער פאָרשטעלונג — דער גאָט וואָס איז שטענדיג, וואָס פירט די וועלט, וואָס איז מקיים זיינע צוזאָגען און וואָס שאַפט די איביגקייט **).

אזוי ארום איז אידישקייט געוואָרען א לעבענס פאָרם וואָס שטעלט דעם כלל ווי דעם יחיד אין א דיסציפּלין, אין א קאָנטראָל פון שלימות פון איביגקייטס־געפיל און פון דער פאַרבינדונג מיטן אין סוף וואָס די אידישע רעליגיע האָט באַוויזען צוגויפצושמעלצען די באַגריפען פון גאָט און פאָלק זיי זאָלען ווערען איינס — נאַציע און רעליגיע איז לויט דער אידישער תורה געוואָרען פאראיינהייטלעכט און האַרמאָ־ניש אין זייערע באַגריפען. ערד און הימעל זענען געוואָרען דערנענטערט און דאָס וואָכעדיגע פון די „ששת ימי המעשה", האָט באַקומען אין תוך, טיילען פון דאָס שבת'דיגע, אריינברענגענדיג אינם וואָכעדיגען לעבען, דאָס קדושה־געפיל פון אידיש־קייט, אין שוץ געגען אָפּטריניגקייט, פאַרלוירענקייט, אסימילאַציע.

אין דעם איז באַשטאַנען און באַשטייט אידישער עזות — די באַפעסטיגונג פון אידישען וועלט־באַנעם וואָס דאַרף בייקומען אלע קריזיסען, אלע געפאַרען, אלע שטרויכלונגען. נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אין ברייטערען און אמת'ן זין, מיינט ניט סעפּאַראַציע אָדער איזאָלאַציע פון וועלט־ציוויליזאַציע. ס'מיינט אָנהאַלטען איינענער קולטור־סואווערניטעט אלס בייטראַג צום קאָלירפולען פאַרשיידענאַרטיגען פעלקער־קאָלעקטיוו. פונקט ווי מ'קען ניט פאַרלייקענען די ספּעציפישע פיזאָנאָמיעס פון

*) ישראל ואלקיו הם אחד; אי אפשר לצייר זה בלא זה. אין הצורה של כל אחד לבדו שלמה ומתקנת כל צרכה כאב בנו שמחבבים זה את זה ויש להם געגועים זה אל זה . . . ושניהם ביחד תורה שלמה — „אור תורה", בהעלותך.

**) עס איז כדאי צו ברענגען א חסידיש וואָרט פון גערער רבי'ן אדמו"ר ר' אברהם מרדכי אלטער שליט"א, וואָס כ'האָב ערגעץ־וואו געזען:

דער חותם פון גאָט איז אמת. ווען משה רבנו האָט געפרעגט ביי גאָט מיט וואָס ער קען פאַרזיכערען די אידען אז זיי וועלען אויסגעלייזט ווערען, זאָגט אים גאָט אז די גאַראַנטיע איז „אהיה אשר אהיה" וואָס באַטרעפט אמת. אהיה באַטרעפט 21. 21 ביי 21 איז 441. אמת באַטרעפט אויך 441. דאָס זאָל אויך זיין די כוונה פון פיטן: וכל מאמינים שהוא דיין אמת ההגוי־באהיה אשר אהיה.

איטלעך פּאָלק באזונדער, אזוי קען מען ניט פארלייקענען די מאניפעסטירטע סימנים פון יעדער נאציע ווי שפּראך, קולטור טראדיציע, געשיכטע און עטנישע סימנים־מובהקים. די עקזיסטענץ פון א זעלבסטשטענדיגער אידישער נאציע מיינט אָבער בשום אופן ניט א וועלכער עס איז אנטאגאניזם צו אנדערע פעלקער און אודאי ניט צו דער מענשהייט בכלל. אידישע רעליגיע פארפאָלקאָמט דער אידישער נאציע מיט אוניווערסאלע אידעאלען, מיט אספּיראציעס פאר אוניווערסאליזם אין מענשלעכער אחדות אין זין פון „ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך! . . .״ א פאראייניגטער מענשהייט איז דער אידעאל פון די נביאים — אַן איינהייטלעכקייט, וואָס זאָל אָפּשאפען די סאָציאלע, רעליגיעזע און נאציאָנאלע קאָנפליקטען; א געזעלשאפט אָן ווידערשפּרוכען און קעגענזאצען צווישען פעלקער און קלאסען.

דעם נביא׳ס אידעאל פון אייביגען שלום, איז געוואָרען דער אידעאל פון גאנצען אידישען פאָלק. עס איז געוואָרען א טרוים, א שטרעבונג ביי אידען דער אידעאל פון „וגר זאב עם כבש״, די אָפּשאפונג פון קלאסען־קאמפען *) און דער „ולא ישא גוי אל גוי חרב — ולא ילמדו עוד מלחמה״. די אָפּשאפונג פון קריג צווישען פעלקער וואָס מיינט די זיכערונג פון גלייכע רעכט צו אלע פעלקער צו מינאָריטעט־פעלקער ווי צו מאיאָריטעט־פעלקער, צו שוואכע ווי צו מעכטיגע — אלע זאָלען האָבען א מעגליכקייט צו געניסען פון גאָטס וועלט וואָס איז באשאפען געוואָרען פאר דער גאנצער מענשהייט.

דאָס איז געוועזן דער אידעאל פון אידישען פאָלק, אין פרילינגס־צייט, אין צייט פון זיין געבורט, און ביז היינט צו טאָג ניט פארלאָזען דעם דאָזיגען אידעאל וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אידישער גרויסקייט, ברייטהארציגקייט און מענשען־ליבע.

---

*) דאכט זיך אז ספארגא, דער קריסטלעכער מארקסיסט, האָט דאָס אין זיין ביאָגראפיע איבער קארל מארקס באמערקט, אז מארקס האָט אייגענטליך פאָרגעזעצט דעם נביאישען אידעאל פון „וגר זאב עם כבש״, אפילו, ווען ער איז געגאנגען ווייטער א טריט, ווילענדיג מאכען פון זאב־אכבש! אז פונם וואָלף זאָל ווערען א לעמעלע.

ח. — ליבעראליזם און אוניווערסאליזם אין אידענטום. באציאונג צום גריכענטום און גריכיש לשון, און צו פרעמדע שפראכען בכלל.

באטראכט מען דאָס אידענטום עטנאָגראפיש און עטנאלאָגיש פון זיין אנטשטייאונג ביז'ן היינטיגען טאָג, קומט מען צום באשלוס אז דער איד איז קיינמאָל ניט געווען איזאָלירט, אָפגעזונדערט פון דער ארומיגער וועלט. דער איד איז געווען דער וועלטס־מענש, דער אינטערנאציאָנאלער פּאָליטיקער. ער איז געווען דער קענער פון געאָגראפיע און פון פעלקער. *) דער איד איז כמעט אנטוויקעלט געוואָרען אין דער דיאספּאָרא. פון זיין אורשפּרונג אָן, וואנדערט ער דורך ימים און מדבריות'ן, ביז ער קומט אין זיין לאנג־דערווארטעטען לאנד „כנען", (שפּעטער „ארץ ישראל"), אין דעם לאנד אויף וועלכען ער האָט געהאט פיל פארשפּרעכונגען און לסוף פון דאָרט פארטריבען געוואָרען, צוריק אין גלות אריין. דער איד איז געוואָרען דער אקטיווסטער, אין דער געמיינזאמער ארבעט פאר'ן וואוילזיין פון דער גאנצער מענשהייט . . .

די אידישע ליטעראטור ווי געזאָגט פריער, דער „תנ"ך" איז אוניווערסאל; די ביבעל איז פארהייליגט געוואָרען ביי ניט אידען ווי ביי אידען; און די נביאים, דער זעלבער ישעיה, וועלכער קומט מיט גאָטס וואָרט צו זיין פאָלק ישראל, באטראכט ער די ארומיגע שכנים די אדומים און אשורים, עמונים און מואבים. ער זעהט די אויפלעבונג, דעם רענעסאנס פון זיין פאָלק, גלייכצייטיק מיט דער „עליה און ירידה" פון אנדערע פעלקער. ער איז ניט בלויז דער נאציאָנאלער

---

*) עס איז דאָך א היסטאָרישער פאקט אז אידען האָבען געהאָלפען קריסטאָפער קאָלאָמבוס'ן אנטדעקען די נייע וועלט, דעם אמעריקאנעם קאָנטינענט, וואָס דאָס האָט פיל געהאָלפען צו וועלטס פּראָגרעס און ציוויליזאציע. אידישע געלערנטע און פינאנסיסטען האָבען אים אין אָנהויב ארויסגעהאָלפען אין זיינע צוגרייטונגען צו מאכען די געוואגטע נסיעה, נאָך איידער די שפּאנישע קעניגין איזאבעלא מיט איר מאן פערדינאנד האָבען עס איינגעשטימט אויסצושטאטען זיין רייזע.

אויף דער שיף אויף וועלכע ס'איז געפאָרען קאָלאמבוס אנטדעקען דעם נייעם וועג צום אלטען לאנד אינדיע און אנטדעקט א ניי לאנד האָבען זיך געפונען א גרויסע צאָל מאראַנען (אידישע אנוסים פון שפּאניע) טייל היסטאָריקער שרייבען אז דער ערשטער צו דערזען צום ערשטען מאָל אמעריקאנער לאנד, (הושענא רבה הרנ"ג, איז געווען דער מאראן ראָדעריגא טריאנא.

דער אידישער מאטעמאטיקער און אסטראָנאָם ר' אברהם זכותא, (זאקוטאָ, מחבר פון „ספר־יוחסין") דער דעמאָלטדיגער פּראָפעסאָר אין סאלאמענקא אוניווערזיטעט, האָט אויף דעם וויסענשאפטליבען געביט אים אסך געהאָלפען, אויך אין אויסארבייטען פאר אים די מאפּעס און פּלענער פון דער געוואגטער ריזיקאלישע נסיעה. ס'איז דאָ א סברה, און געוויסע קאָלאָמבוס־פאָרשער האלטען זיך ביי אָט דער סברה, אז קאָלאָמבוס אליין האָט געשטאמט פון א מאראנען פאמיליע, און אז אויך ער האָט געהאט אין זיך אידיש בלוט, און אז ער האָט דערפון געוואוסט. זיי האָבען דערויף פּעק מיט באווייזען. אזוי, אז עס קאָן זיין אז דער אנטדעקער פון אמעריקא איז געווען א איד.

נביא, נאָר דער אוניווערסאַלער נביא און גאון . . . און אזוי אַלע נביאים ירמיה, יחזקאל בן בוזי, דער גלות נביא, עמוס, א.א., וועלכע האָבען גאָטס ווערטער אויף דער ערד געבראַכט, ווערטער וואָס לייכטען שוין טויזענטער יאָרען און זיינען די נאציאָנאַלסטע און אוניווערסאַלסטע שאפונג אין דער וועלט; דער תנ"ך ווערט פאַר־רעכענט פאַר'ן גרעסטען בוך ביי אַלע פעלקער . . . *)

דער איד איז, ווי מיר האָבען ביז איצט געזען, קיינמאָל ניט געווען עגאָאיסטיש געשטימט. דער יידישער אתה־באחרתנו'איזם איז ניט גדלות־קאָמפּלעקס, איז ניט אגרעסיוו; ער פאָדערט ניט פאַר זיך קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס; אין געגענטייל ער האָט נאָך גענומען אויף זיך מער פליכטען און מצוות. אנשטאָט וואָס צו דעם „בן נח" איז גענוג זיבען מצוות, דאַרף דער איד היטען זעקס הונדערט און דרייצען (תרי"ג).

בלעם הרשע, דער, וואָס האָט געוואָלט שילטען און פליכטען דאָס אידישע פאָלק, דער גרעסטער נביא ביי די אומות העולם, לבן הרשע'ס אייניקעל, וועלכער האָט געוואָלט אומברענגען דאָס אידישע פאָלק, ווען גאָט לאָזט אים און שיקט ניט קיין מלאך אים אָנזאָגען וואָס צו רעדען, פאַרנעמען זיינע מאיעסטעטישע פּאָעמעס און וויזיעס וועגען אידישען פאָלק און וועגען דעם גורל פון די אנדערע פעלקער, א בכבוד'יגען אָרט אין דער תורה. מיט זיינס א פערז פאנגען מיר אָן דאָס דאַווענען.

גרויסע טיילען פון „דניאל" און „עזרא" זיינען געשריבען אין אַראַ־מיש, אזוי ווייט אוניווערסאל זיינען זיי געווען צו שרייבען אפילו ניט אין דער נאַציאָנאַלער העברייאישער שפּראַך. און וואו דער איד זאָל ניט זיין און וואָס פאַר א לאַנד עס זאָל ניט זיין, נעמט ער אָן אקטיוועל טייל אין די לאַנד פּראָבלעמען. צום ביישפּיל: די ביבעל שילדערט אונז ווי יוסף ווערט פאַרקויפט קיין מצרים אלס שקלאַפען־קנעכט, און שפּעטער ווערט ער דער פינאַנץ מיניסטער, דערגרייכט די העכסטע שטופע וואָס מ'האָט דאַן געקאָנט דערגרייכען, און ווערט דער אויפזעער און באַזאָרגער פון לאַנד, באַזאָרגט זיי מיט עסען, א.אז.וו. אין וועלכען לאַנד עס זאָל ניט זיין, געפינט מען דעם איד אלס „יועץ", ראַטגעבער ביי די פאַרשיידענע פרימיטיווע און ציוויליזירטע פעלקער. דער באַוואוסטער אנטראָפּאָלאָגיסט ריכאַרד אנדריי דערקלערט: „די אידען זיינען די אינטערעסאַנטסטע ראַסע, ווייל קיין שום אנדער ראַסע אָדער פאָלק וואָלט ניט דורכגעמאכט צען יאָרהונדערטער מיט דער זעלבער זיכערקייט ווי דער איד, און קיין שום אנדערע מענשען האָבען ניט אזא גרויסען איינפלוס".

אידען האָבען פיל בייגעטראָגען אלס אידען צו וועלטס קולטור און ליטע־ראַטור, צו וועלטס פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. אפילו אין דער גריכישער פּעריאָדע. האָבען מיר דעם איד פילאָן היהודי (אָדער ידידיה האלכסנדרוני) א זייל אין דער דעמאָלטדיגער קלאַסיש גריכישע פילאָזאָפיע, וואָס האָט געהאַט דורכגעמאכט א גע־שיכטלעכען פּעריאָד פון עטלעכע יאָרהונדערטער זינט פּיטאַגאָראַס, סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אריסטאָטעל און פיל אנדערע גרונטלייגער פון דער „אפּאָלאָנישער" קול־טור, ווי אָסוואַלד שפּענגלער רופט אָן די קלאַסיש־גריכישע קולטור.

---

*) וועגען תנ"ך אלס ספר הספרים, דאָס אוניווערסאַלע הייליקע ווערק — אין א באַזונדערער ארבעט.

די וועלט האט געגומען פון אונז דעם „ספר־הספרים“, — דעם תנ״ך, וואס איז, זינט דער גריכישער איבערזעצונג, איבערגעזעצט געווארען אין אלע לשונות און גענעפענט די אויגען פון די פעלקער זיך צוריקצוציען פון זייער פארדארבענקייט, זיך צו צוימען מיט הויכער מאראל און עטיק און אויפצוגעבען געצנדינסט, אויסגע־לאסנקייט און בלוט פארגיסונג.

די וועלט האט א סך מרוויח געווען פון אונזער ליטעראַרישען בייטראג. מ׳קאן זיך דאך ניט פארשטעלען ווי ארים און נישטיג די וועלט וואלט אויסגעזען אן דעם תנ״ך און אן די שפעטערע אידישע ליטעראַרישע שאפונגען. די וועלט־ליטעראטור איז ניט בלויז באאיינפלוסט פון תנ״ך, זי האט דירעקט געשעפט פון די תנ״כי׳שע קוואלען. און ניט בלויז דער תנ״ך האט געדינט פאר א קוואל פון ליטע־ראַרישען שאפען פאר די וועלט־קלאסיקער, פאר די בויער פון דער וועלט־ליטעראטור. אויך דער תלמוד און באזונדערס די אגדה־ליטעראטור האט משפיע געווען אויף די שאפער פון דער וועלט ליטעראטור. מיר ווייסען דאך ווי אין דער אראבישער אויפ־לעבונגס־עפאכע, האבען אידישע געלערנטע געארבעט צוזאמען מיט אראבישע גע־לערנטע אויפן געביט פון פילאזאפיע און וויסענשאפט. די ווערק פון יענער עפאכע האבען געהאט אן אומגעהויערער השפעה אויף דער שפעטערער רענעסאנס עפאכע אין די לענדער פון דער מערב־ציוויליזאציע.

ניט בלויז האבען אידישע געלערנטע אין מיטלאלטער זיך פארנומען מיט איבערזעצען ווערק פון העברעאיש אין אראביש, גריכיש, לאטיין און אין אנדערע שפראכען און פארקערט איבערזעצט פון די שפראכען אין העברעאיש. אידישע געלערנטע האבען דאן געשאפען אריגינעלע ווערק אין די דערמאנטע שפראכען. ניט אומזיסט ווערט ביי א טייל, די אראבישע עפאכע גערופען „די אידיש־אראבישע עפאָ־כע“. עס איז אונמעגליך אויסצורעכענען אפילו א טייל פון די שאפענדע כחות אין לאנגען מיטעלאלטער און מיר מוזען זיך באגנוגענען מיט דערמאנען בלויז עט־ליכע, די וויכטיגסטע פארשטייער פון יענער עפאכע. די וואס ווילען זיך באקענען מיט דעם אידישען שאפען אין מיטעלאלטער דארפען בלויז א בליק טאן אין די היסטארישע ווערק פון לעאפאלד צונץ, אברהם גייגער, מ. שטיינשניידער („אידישע ליטעראטור און מיטעלאלטער“), פראפ. ה. גרעץ, פראפ. שמעון דובנאוו און אנד. ווערק אויף דעם געביט.

אויך אין קונסט, מאלערישע און פלאסטישע, האבען אידען פיל בייגעטראָ־גען, אנהאלטענדיג דערביי דעם געבאט „לא יהי׳ לך אלקים אחרים“ . . . („די זאלסט ניט האבען קיין אנדערע געטער פאר מיין פנים. די זאלסט דיר ניט מאכען א געשניץ, אדער א געשטאלט פון וואס אין הימעל אויבען, אדער וואס אויף דער ערד אונטען, אדער, וואס אין וואסער אונטער דער ערד“ . . . — (שמות כ׳ ג׳־ה׳; דברים ה׳ ז׳־ט׳). דער צווייטער געבאט פון די עשרת הדברות, איז שטרענג אפגעהיט געווארען, פונדעסטוועגען, האבען אידען, ווי די ארכעאלאגיע באווייזט, באצירט זייערע בתי מדרשים, שולען און סתם בתי תפלה מיט פארשיידענע בילדער, ארנאמענטען, רייך־אויסגעהאפטענע פרוכת׳ן און „שלחן“־טישטוכער.

און מ׳דארף ניט אָנקומען דוקא צו דער ארכעאָלאָגיע. מיר זעען דאָך אין היינטיגע סינאַגאָגעס און בתי־כנסיות, וואונדערליכע קינסטלערישע בילדער און אָרנאמענטאציעס, סימבאָלישע צייכנונגען אויף די מענטעלאך און פרוכת׳ן, די עץ חיים הענטלעך, די „עטרות״ קרוינען און אנדערע באפוצונגען — דאָס אַלץ ווייזט אז אידען פארמאָגען קינסטלערישען טאלאנט.

מיר זעען אויך ווי אַלטע חומשים, סדורים, מחזורים, „הגדות״, מגלות, כתובות א. א. וו. זענען וואונדערליך־שיין אילוסטרירט, האָבען וואונדערלעכע שער־בלעטער. עס איז ניט קיין ספק, אז אידען זענען אין אַלע צייטען געווען קינסטלעריש רייף, שוין אָפגערעדט פון היינטיגע צייט ווען מיר האָבען אידישע קינסטלער, אי־דישע מאָלער וואָס פארנעמען דעם אויבנאָן אין דער וועלט פון קונסט.

וואָס דארפען מיר מער קונסט, ווי אין משכן די אויסגעוועבטע „יריעות״ מיט פארשיידענע פייגעל און אנדערע „מעשה חושב״; דער ארון קודש, דער שולחן, די מנורה, וואָס איז אזוי רייך באפוצט, די „כרובים״ איבער דעם ארון קודש און שוין אָפגערעדט פון דער בית המקדש קאָנסטרוקציע און אירע דעקאָראציעס. די פארשיידענע עמבלעמען און סימבאָלישע צייכענונגען ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין מלכים א׳. אויך די כסא־המלוכה מיט אירע צוועלף לייבען און בכלל אַלע שלמה המלך׳ס בננים זענען געווען פראכטפול ארכיטעקטאָריש און מאָלעריש און אידען, צוזאמען מיט פענעציאַנער, האָבען דאָך דאָס אַלץ געבויט. דערציילט דאָך אונז די תורה, אז די הויפט בויער פון משכן זענען געווען בצלאל פון שבט יהודה און אהליאב פון שבט דן (שמות ל״א), און איינער פון די הויפט בויער פון קעניג שלמה׳ס בנינים איז געווען חירם פון שבט נפתלי. דאָס בית המקדש וואָס איז איבערגעבויט גע־וואָרען פון הורדוס׳ן איז געווען אזוי שיין געבויט, אז עס ווערט געזאָגט אין תלמוד: „מי שלא ראה בנין הורדוס, לא ראה בנין נאה מימיו״.

דער אידישער בייטראג צו קונסט־אנטוויקלונג איז זיכער א וויכטיגער, א קאָלאָסאַלער. *)

דעם מיטעלאַלטער, וואָס מען פלעגט אמאָל — אין די אַלטע לערען־ביכער — (און אויך אין די נייע), אָנרופען די טונקעלע צייט, אז מען באטראכט אים גוט, זעט מען אז ער איז ליכטיג געווען מיט אידישען גייסט. וואָס מער מען קוקט אריין אין דעם אידישען מיטעלאַלטער, זעט מען, אז ניט געקוקט אויף אַלע רדיפות און מאָוים׳דיגע אונטערדריקונגען, אינקוויזיציעס און אויטא־דא־פע׳ס, האָט דאָס אי־דישע פאָלק ארויסגעגעבען מענשען, וועלכע פארנעמען דעם ערשטען פלאַץ אין דער אידישער וויסענשאפט און אן אויבנאָן אין דעם וועלטליכען שאפען. דער מיטעל־אַלטער איז געווען א בליענד־פעריאָד. עס זיינען דאן געשריבען געוואָרען ריזען ווערק! פון 8־טען ביז דעם 16־טען יאָרהונדערט, זענען אידען און אראבער געווען די איינציגע וואָס האָבען פארשפרייט ליכט.

אין פראנקרייך האָבען דאן געלעבט און געשאפען רבנו גרשם מאור הגולה (960-1040); ר׳ יעקב ב״ר יקיר; ר׳ יצחק ב״ר יהודה; ר׳ יצחק מגרמיזה (פון וואָרמס); ר׳ שמעון בן יצחק, רש״י׳ס פעטער, ווערט גערופען „הגדול״ אָדער „הזקן״ און זייער תלמיד, דער בארימטער רבי פון אידישען פאָלק, קאָמענטאטאָר

*) זע „פסל ומסכה״, מאת ד״ר שלמה גולדמאן, „ספר השנה תש״ה, ניו־יאָרק.

פון גאנץ תנ״ך און תלמוד און פוסק, ר׳ שלמה בן יצחק באקאנט אלס רש״י, (ר׳ שלמה יצחקי, געב. ד״א ת״ת־נ׳ תתס״ה 1040־1105). רשי״ס ליכט, האט באלויכטען יענער פינסטערניש פון די קרייצצוגען, און לייכט פאר אונז אין דער איצטיגער פינסטערניש און וועט לייכטען אייביג, אפילו נאכדעם ווי די פינסטערניש וועט פארשווינדען.

עס קומען נאכדעם די „חכמי לותיר״ (לאטרינגען) און די „חכמי צרפת״, וועמענס הויפט פארשטעהער עס זענען ר׳ יעקב תם (מרומריג, ראש הרבנים); ריב״ם; ר׳ יצחק הזקן (ר״י בעל התוספות); רשב״ם (1085־1174) און פיל אנד.

דער מיטעלאלטער, וואס איז געווען פארזינקען אין חשכות, איז געווען די גאלדענע עפאכע פאר דער אידישער פאעזיע וועמעס פארשטעהער זענען געווען אזעלכע דיכטער ווי ר׳ שמואל הנגיד (ארום יאר תת״י), שלמה אבן גבירול (ד״א תשפ״ב־ד״א תת״ב, 1022־1058) ר׳ אברהם אבן עזרא (1092־1167) משה אבן עזרא (1070־1138) ר׳ יהודה הלוי (1085־1140), און פיל אנדערע גדולי הפייטנים.

שלמה אבן גבירול — געהאט א קורץ לעבען. געשטארבען צו דרייסיג יאר. א מענש מיט אוניווערסאלער קולטור, א טיפער דיינקער. געטראכט און געשריבען אראביש, און גאר, א גרויסער העברעאישער פאעט. ר׳ יהודה הלוי, דער גרעסטער משורר פון מיטעלאלטער, האט געשריבען דעם „כוזרי״. דער רמב״ם, ר׳ משה בן מימון (געב. 1135, געשט. 1205), וועט אייביג פארבלייבען דער געניאלסטער מענש פון יענער עפאכע. ער איז געווען דער גרעסטער תלמודיסט און אויך פון די גרעסטע פילאזאפען. זיין ווערק „מורה נבוכים״ האט דעם גרעסטען איינדרוק געמאכט

אויף דעם אידישען האריזאנט האט געלויכטען, דארט איז קיין פינסטערניש ניט געווען. דער אידישער מיטעלאלטער, וועלכער האט ארויסגעגעבען מענשען וואס האבען דערגרייכט צו די העכסטע שטופען פון גייסטיגקייט איז קיין אומעטיגקייט ניט געווען, עס איז ווי דער אנטראפאלאג זאגט: „נויט איז די מוטער פון דערפינדונג״ און ניט בלויז אינם מאטעריעלען זין, נאר בעיקר אין דער גייסטיגער אנטוויקלונג. אויב מען האט ניט דעם קערפערליכען גענוס, וויל מען כאטש האבען א גייסטיגען פארגעניגען. א רוחניותדיגען גענוס.

און דאס האבען די דעמאלטדיגע דערגרייכט גאנצע הונדערט פראצענט. טיף רעליגיעזע נאטורען ווי זיי זענען עס געווען, האבען זיי פיל בייגעטראגען צו דער אנטוויקלונג פון מענשלעכען געדאנק און וויסען. אינדיווידואליסטען, נאציאנאליסטען אין זין פון ליבשאפט צום אייגענעם פאלק. ווי גריבלער און דיינקער, מאראליסטען און פאעטען, האבען זיי געשאפען פאר דער גאנצער מענשהייט, באזונגען און באטראכט גאטס וועלט, די גרויסקייט און שיינקייט פון זיין אוניווערס, שטרעבענדיג צו דינען גאט לויט די הערלעכע אייביג געדעבטע אידעאלען, האבען זיי דירעקט אדער אומדירעקט משפיע געווען אויף זייער עפאכע און אויף שפעטערע עפאכעס, ניט בלויז צווישען אידען נאר אויף דער גאנצער מענשהייט.

אין דער עפאכע פון פאר און אין דעם רענעסאנס, האבען אידען פיל געשאפען אין העברעאיש און אין אנדערע שפראכען אלס בייטראג צו וועלטס וויסענשאפט און מאטעמאטיק, אסטראנאמיע, געאגראפיע און מעדיצין

אין די שפעטערע, נאָך רענעסאנס עפּאָכעס, מערקען מיר כסדר ווי דער איד, א דאנק זיינע גרויסע פאַרדינסטען, און פעהיגקייטען, פאַרנעמט אַן אויבנאָן אין דער גרויסער וועלט, ניט בלויז ווי פינאַנסיסטען, נאָר ווי שטאַאַטסלייט, פירער, וויסענשאַפטלער, מעדיקער, פּאָעטען, ליטעראַטען און פילאַנטראָפּען.

דער באַרימטער ענגלישער אָראַטאָר סטאַדארד, שרייבט אין זיינע ביכער וועגן אידען: „זיי האָבען פּראָדוצירט גרויסע שטאַאַטסלייט. גאַמבעטטא פון פראַנקרייך איז געווען א איד, בנימין דיזראַעלי, (לאָרד ביקאָנספילד), דער גרעסטער אָראַטאָר און בריליאַנטענער שרייבער איז געווען א איד *). אין שפּאַניע — עמילאָ קאַסטעלאר איז געווען א איד; היינע, אורבאך, ספּינאָזא, אַלע אידען . . .״

דער איד האָט שטענדיג געהאַט א טענדענץ, א נטיה, צו האַרציגע פּריינטליכע באַנעמונגען צו אַלע מענשען, אָן אויסנאַם פון ראַסע און נאַציע. עס איז א שטענדיגע אַנטוויקלונג פון דעם אידען וועלכע ענדערט זיך ניט; עס איז אַן אינסטינקט, וואָס ער האָט גע'ירשנ'ט פון זיינע עלטערען. א מערקווירדיגע ביאָלאָגישע ערשיינונג דאָס געטריי־בלייבען פון א פאָלק צו זיך און צו דער וועלט. דער איד איז קיינמאָל ניט געווען קיין שאָוויניסט. ער איז פון אייביג אָן דער געטרייער צו דער מענשהייט, אָפט צופיל געטריי און אוניווערסאַל, ער גייט איבער די מאָס, און פיל מאָל גייט ער אריבער דעם „שביל הזהב״ (גאָלדענער רעגעל).

„צופיל״ אוניווערסאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם האָט געבראַכט אסימילאַציע אין די אידישע רייהען, האָט פאַרנאַכלעסיגט דעם אידישען באוואוסטזיין, די אידישע וויסענשאַפט, און געבליבען פרעמד צום אידישען פּאָלק, שפּראַך און ליטעראַטור, ווי למשל ברוך ספּינאָזא, (1632־1677) דער גרינדער און פּאָטער פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע; קאַרל מאַרקס, (1818־1883) דער פּאָטער פון סאָציאַליזם; היינריך היינע, (1799־1856) דער גרויסער דייטשער דיכטער און פילאָזאָף; פערדינאַנד לאַסאַל, (1825־1856) און אזוי אנדערע צענדליגע, די, וועלכע האָבען באַדאַרפט שטייען נאָענט צום אידענטום, זיין די נאָכפאָלגער פון די נביאים, ניט אריבערצוגיין די „מאָס״, זיינען געבליבען פרעמד און פיל מאָל אומטריי דעם אידישען פּאָלק. זיי האָבען געקעמפט פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט פאַר אַלע נאַציעס, און פון זייער פּאָלק גאָר ווייניג דערמאָנט, פאַר זייער פּאָלק גאָרנישט געטראַכט. אמת, זיי האָבען רייכער געמאַכט קולטורען און ליטעראַטורען, זיי האָבען רייכער געמאַכט אנדערע שפּראַכען, אָבער פון זייער שפּראַך און פּאָלק האָבען זיי אינגאַנצען פאַרגעסען.

צו וואָס אסימילאַציע קאָן דערפירען, איז גענוג צו ברענגען דעם פאַקט, סטעפאַן צווייגס זעלבסטמאָרד אין פעברואַר 1942, א פאַקט וואָס וואָלט געדאַרפט עפענען, פּשוט אויפרייסען די פאַרמאַכטע אויגען פון די אסימילאַטאָרען מכל

*) בנימין דיזראַעלי לאָרד בעקאָנספילד (געב. 21־טען דעצ. 1804, געשט. 19־טען אפּריל 1881), האָט זיך אויסגעצייכענט סיי אויפן ליטעראַרישען געביט און סיי אויפן פּאָליטישען געביט, א קינד פון ספּרדישע פליכטלינגע וואָס האָבען געמאַכט קאַריערע אין ווענעציע און נאָכדעם אין ענגלאַנד, האָט דיזראַעלי דערגרייכט די העכסטע שטופע אלס וועלט־באַרימטער שטאַאַטסמאַן, גערעטעוועט די ענגלישע אימפּעריע, געשיצט די וועלט פון מלחמות און געטרוימט פון א גליקלעכער צוקונפט פאַר זיין אייגען פּאָלק אויף די בערג פון יהודה און גליל.

המינים. דער זעלבסטמאָרד פון סטעפאן צווייג באַווייזט, ווי אנטווישט'אן אסימילאַ־טאָר קאָן ווערען, אפילו ווען ער איז אַ גרויסער קינסטלער און אַ דאַנק זיין קינסט־לערישע דערהויבונג אַ גייסטיגער פירער פון דער מענשהייט. עס ווייזט אויך ווי אַלס מענש, איז אַן אסימילאַטאָר אַ שוואַכע בלאָנדזשענדיגע באַשעפעניש, וואָס יע־דער פאַרצווייפלונג אָדער דערשיטערונג קאָן אים פירען צו דעם בייזען פאַטאַלען טאַט פון אייגענעם און פרוי'ס מאָרד, וואווינענדיג אין אַ ווילאַ, איינע פון די שענ־סטע ווילעס אין בראַזיל און געניסענדיג פון אַמעריקאַנער־בראַזיליאַנישע פרייהייט. דער דייטש אין אים, דער דייטשער ענגאַיזם האָט פאַר'סמט דאָס שריפטשטעלערישע קינסטלערישע אין אים. איז במילא פאַר אים קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען ווי: טויט, זעלבסטמאָרד. ער, דער קינסטלער וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין דראַמע „ירמיהו", באַנומען אידישע צרות און פיינען פון אַלע צייטען, אַליין אַ פאַריאָגטער און פאַרטריבענער פון נאַצי דייטשלאַנד האָט דאָך ניט געפילט אידיש געמוט, ניט געפילט דעם אידישען „לא אמות כי אחי' " . . . ניט געפילט אַז „עם ישראל חי", אַז „דוד מלך ישראל חי וקים„! שאָפּענהויער'ס פעסימיזם האָט אויפגע־עסען דאָס האַרץ און אויסגעטרוקענט דעם מוח פון גרויסען וועלט־קינסטלער — און אין גרויס טרויער, אויסגעטרונקען דעם כוס מיט סם.

זייענדיג אַ דערצויגענער צווישען ווינער און בערלינער אריסטאָקראַטישע אסימילאַציע, געלעבט רייך און געהאַט די מעגליכקייט צו געניסען פון דייטשער קול־טור, האָט ער זיך איינגאַנצען איבערגעגעבען צו איר, ניט געקוקט דערויף וואָס ווען ער איז געוואָרען רייף און דערפאַרען האָט ער דערזען די העסליכקייט פון איר דראָה־ענדיגע צירליך־מאַנירלעכקייט און אינווייניגסטער צעפוילקייט ווי ער באַ־שרייבט עס אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „דהי וואָירלד אָוו יעסטערדעי" *).

אין זיין הויז, זיין יוגענט היים, איז דאָך ניט געווען קיין שפּור פון נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניגקייט אָדער פון טראַדיציאָנעלען אידענטום. דאָרט האָט מען געהאַלטען אַז מען דאַרף לעבען אַ גוט רייך און קולטורעל דייטשיש לעבען. ער האָט זיך דעריבער געהאַלטען פאַר ק אָ ס מ אָ פּ אָ לי ט. ווען ער האָט די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען דערפילט דעם גורל פון אידענטום און זיין אייגענעם גורל, האָט ער שוין קיין אַנדערען אויסוועג ניט געקענט געפינען ווי זעלבסטמאָרד אַלס רעזולטאַט פון רעגאַציע, פאַרצווייפלונג און סענסיטיווער פאַטאַליזם.

אַנדערע אַזעלכע ווי בערגסאָן, דער גרעסטער פילאָזאָף פון אונזער צייט, האָט עס געפירט צו שמד. אָפּשטאַמענדיג פון גרויסען פּויליש־אידישען יחוס, פון אידישער אריסטאָקראַטיע, פון אַ משפחה חסידים און שיינע אידען, האָט בערג־סאָנען זיין פילאָזאָפיע און קאָסמאָפּאָליטיזם געפירט צום קאַטוליציזם.

דאָס אידישע פאָלק באַציט זיך שטענדיג מיט גרויס דרך ארץ, צו פעלקער, וואָס האָבען בייגעטראָגען צו דעם פּראָגרעס פון דער וועלט. דער גייסט פון טאָלע־ראַנץ איז איינגעוואָרצעלט ביי אידען זינט תורת משה און נביאים.

מיר ווייסען, ווי ביטער אידען האָבען געדאַרפט קעמפען קעגען דאָס טיראַ־נישע סיריש־גריכענלאַנד, קעגען דער סיריש־גריכישער פּאָליטישער הערשאַפט און קעגען דער סיריש־גריכישער קולטור. עס איז געווען אַ פּאָליטישער קאַמף, אַ רע־

*) *The World of Yesterday, by Stefan Zweig. The Viking Press, New York.*

ליגיעזער קאמף און א נאציאָנאלער קאמף. עס איז געווען א קאמף פון גלויבען אין „אחדות האל״ קעגען דעם גלויבען אין פיל געטערקייט, פּאָלאָטעאיזם, פון גריכענטום. א קאמף פון גייסט קעגען מאטעריאליזם. א קאמף פון צוויי קולטורען — די קולטור פון א פאָלק וואָס האָט געגלויבט אין דער געטליכער השגחה, אין דער פירערשאפט פון איינ־איינציגען גאָט וואָס האָט באשאפען און וואָס געוועלטיגט איבער דעם קאָסמאָס און אלע דערשיינונגען אין אים און די קולטור פון יופּיטער, צעאוס, אפּאָלאָ, דיונוס, באקכוס, ווענוס. גאָט פון ליבע, גאָט פון קריג, גאָט פון פרידען א. א. וו.

דער קאמף איז געווען ניט בלויז אן אויסערלעבער נאָר טאקע אן אינווענינסטער — אן אינערליכער קאמף קעגען די העלעניסטען־אסימילאטאָרען וועלכע האָבען שוין דעמאָלט געזאָגט „נהיה ככל הגוים!״ (לאָמיר זיין ווי אלע פעלקער!) קעגען זיי, איז געפירט געוואָרען דער קאמף אין די חשמונאים צייטען, אָפּצוראטעווען דאָס אידישקייט, אָפּצוראטעווען דאָס אידישע פאָלק, און ניט ווייניגער: **אָפּצוראטעווען דעם אידישען גלויבען.**

די מאקאבעער האָבען געקעמפט קעגען דער סירישער העגעמאָניע, וואָס האָט געצילט צו פארוואנדלען ארץ ישראל אין א סיריש־גריכישע פּראָווינץ און קעגען די אידישע העלעניסטען וואָס האָבען געצילט, זיך צו באפרייען פון אידישען גלויבען, איבערצונעמען דעם גריכישען קולט פון מאטעריעלע באפרידיגונג און קערפּערליכע תענוגים, וואָס האָט אויך געמיינט ווילדער הפקרות און אויסגעלאסענקייט.

אידען האָבען זיך געגעבען אָנגעליטען פון די גריכען, וואָס האָבען פארכאפּט ארץ ישראל און פארפינסטערט דעם אידישען האריזאָנט, און נאָך מער פון די רוימער. זיי זענען דאָך פאראנטוואָרטלעך פאר דעם צווייטען חורבן און פאר דעם לאנגען גלות *).

ניט אומזיסט דריקט זיך אוים ר׳ חייא: „ידע הקב״ה בישראל שאין יכולין לקבל גזירות רומיים עמד והגלה אותם לבבל״ **).

לויט דער מיינונג פון דער גמרא דאָרט, איז בבל, איידער די חברים זענען געקומען, געווען בעסער ווי רוים. ווער די חברים זענען געווען, איז ניט קלאָר, לויט דער מיינונג פון רש״י ***), זענען זיי געווען פּערסער וועלכע האָבען פארכאפּט רוים, לויט דער מיינונג פון תוספות ****) זענען זיי געווען א פאָלק וואָס האָט פארכאפּט בבל פון די פּערסער אין דער צייט פון ר׳ יוחנן. די חברים זענען געווען א נידריג פאָלק, זייער גלויבען איז געווען דער צאָראָאיסטער גלויבען . . .

---

*) והארץ היתה תהו — זה גלות בבל . . . וחשך — זה גלות יון שהחשיכה עיניהם של ישראל בגזירותיהן, שהיתה אומרת להם: כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל. על פני תהום — זה גלות ממלכת הרשעה (רומי) — בראשית רבה ב׳.

**) דער רבונו של עולם האָט געוואוסט אז אידען וועלען ניט קענען אויסהאלטען די גזרות פון די רוימער, האָט ער זיי פארטריבען קיין בבל (גיטין י״ז ע״א).

***) דאָרט, אָנהייב־וואָרט „הא״ און אָנהייב־וואָרט „לבתר״.

****) דאָרט אָנהייב־וואָרט „הא״. זע אויך בבא קמא קי״ז ע״א. זע פריער ז״ז 37-38. מערער וועגען רוים, זע פריער קאפּ ג׳ ז. 44 און וועגען קרים. רוים קאפּ. ט׳ ז׳ 114. און אויך ווייטער ביים ענדע פון קאפּיטעל.

אלעקסאנדער דער גרויסער (אלקסנדר מוקדון), וועלכער איז נאך זיין באַקאנטשאפט מיט שמעון הצדיק, געוואָרען אן אוהב ישראל, איז פריער געווען א שונא צו אידען. דערציילט דאך אונז דער תלמוד, אז ער האָט אוים׳געהרג׳עט הונדערטער טויזענטער אידען אין מצרים וועלכע האָבען זיך דאָרט געהאט באזעצט נאָכן ערשטען חורבן, צוזאמען מיט יוחנן קרח און אנדערע אידישע פירער, וועלכע האָבען ניט אויסגעפאָלגט דעם נביא ירמיה, און עובר געווען אויף דעם פארבאָט אין דער תורה, קיינמאָל ניט אומצוקערען זיך קיין מצרים *).

די בני ישמעאל, די כנענים און די מצרים וועלכע זענען געקומען צו אלכסנדר מוקדון מיט קלאגעס געגען אידען און געוואָלט, ער זאָל זיי איבערגעבען ארץ ישראל, האָבען געווים געוואוסט צו וועמען זיי ווענדען זיך, אז ער איז זייער פריינט. זיי האָבען אויך געוואוסט אז זיינע מיניסטאָרען און גענעראלען זענען אידען־פיינט און געוואָלט אויסנוצען די גוטע געלעגענהייט. אידישע חכמה און דיפלאָמאטיע האָט אים אָבער באוואויגען אויף דער אידישער זייט **).

פון די שפעטערע קאמפען מיט די סירישע גריכען איז דאך איבריג צו דערציילען. די לעצטע, ווילענדיג באקעמפען און באהערשען די אידען פיזיש און גייסטיג, צווינגענדיג אידישע טעבטער צו אויסגעלאסענקייט און אידישע מענער צו דינען גריכישע אָפגעטער, האָבען ארויסגערופען גרעסטע פארביטערונג צווישען אידען. ניט האָבענדיג קיין אנדערען אויסוועג האָבען אידען העראָאיש געקעמפט געגען די סירישע גריכען און זייערע נאָכפאָלגער, ביז זיי האָבען באזיגט דאָס העלעניזם און די העליניסטען אין ארץ ישראל.

אָבער חוץ דעם אלעמען איז די שנאה ניט געווען קעגען גריכיש לשון, קעגען גריכישער קולטור, קעגען די אמתע גריכישע פילאָזאָפען. אין תלמוד ווערט גריכיש גערופען „יפיפותו של יפת" וואָס מעג רוען אין די געצעלטען פון שם, ביי אידען: אף בספרים לא התירו שיכתבו אלא יוונית ***).

אין תלמוד ירושלמי מגלה (פרק א׳ הלכה ט׳) ווערט געזאָגט אז די תורה האָט אין קיין אנדערער שפראך ניט געקענט ווערען איבערזעצט, אויסער אין דער רייכער גריכישער שפראך. (א פולשטענדיגע ארמעאישע איבערזעצונג, איז שפעטער געמאכט געוואָרען פון אונקלוס הגר). די איבערזעצונג אין גריכיש, ווי מיר וועלען באלד זען איז געווען מיט דער הסכמה פון די חכמים, אויפ׳ן פארלאנג פון תלמי

*) תניא רבי יהודה אומר מי שלא ראה דיו פלוסטון של אלכסנדריה של מצרים לא ראה בכבודן של ישראל... כפלים כיוצאי מצרים... אמר אביי וכולהו קטלינהו אלסנדרוס מוקדון — מ"ט איענשי משום דעברו אהאי קרא: לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד ואינהו אתו — סוכה נ"ו ע"ב.

ערשט נאָך דעם גרויסען קבלת־פנים פון שמעון הצדיק, האָט ער אָנגעהויבען ארויסווייזען פריינטליכקייט צו אידען, ניט פאָלגענדיג זיינע ראטגעבער, אידען־פיינט און נאָך דערלויבט די אידען צו נעמען נקמה פון די שומרונים די פארעטער, שפּיאָנען אין ארץ ישראל וועלכע האָבען אָפגעטאָן גרויסע צרות. זע יומא ס"ט ע"א.

**) זע מדרש רבה, בראשית ס"א. זע אויך סנהדרין צ"א ע"א.

***) מגילה פרק א׳ משנה ה׳. זע ר"ע מברטנורה: „ואין לך לשון יפה בכל בני יפת כלשון יוני. מיהו בזמן הזה כבר אבד אותו לשון יוני ונשתבש. לפיכך אין כותבין ספרים בזמן הזה אלא בכתב הקדש ובלשון הקדש". גמרא דאָרט אז אזוי בלייבט דער דין אז גריכיש איז דערלויבט געוואָרען צוליב דעם יפיפותו של יפת, מגילה ט"ב און רש"י באמערקט: „הוא לשון יפת, לשונו יפה משל כל בני קדם".

המלך, פארערער פון קולטור און ליבהאָבער פון ליטעראַטור און וויסענשאַפט וועל־כער האָט געשאַפען אין אלכסנדריה די גרעסטע ביבליאָטעק אין אלטערטום, און געשיקט צו אלעזר כהן־גדול קיין ירושלים, ער זאָל אים שיקען חכמים־איבערזעצער וועלכע זאָלען איבערזעצען די תורה אין גריכיש.

די גמרא אין מגילה (ט׳ ע״א) דערציילט אויך וועגען אופן ווי אזוי דער „תרגום השבעים" (סעפּטואַגינטאַ) איז געשאַפען געוואָרען, אז תלמי (פּטאָלמוס פי־לאַדעלפוס, געשט. 247 פ. ק. ע.) האָט פארזאַמעלט צוויי און זיבעציג זקנים, זיי גע־האַלטען אין צוויי און זיבעציג באַזונדערע צימערן . . . *) און יעדען איינעם געהייסען איבערזעצען תורת משה און רבי (ר׳ יהודה הנשיא) האָט געזאָגט: „אין ארץ ישראל, צו וואָס דאַרף מען דאָס סורסי־לשון? אָדער מ׳זאָל רעדען און שרייבען לשון־קודש אָדער גריכיש" **).

אפילו וועגען קריאת שמע איז א מחלוקת אין סוטה (ל״ב ע״ב) און אין ברכות (י״ג ע״א). צי מען מוז זאָגען שמע אין העברעאיש, אָדער מען איז יוצא אפילו אין אן אנדערער שפראך. רבי יהודה הנשיא האַלט אז קריאת־שמע ככתבה און די חכמים האַלטען אז שמע — בכל לשון שאתה שומע ***).

אין מדרש רבה (בראשית ט״ז) ווערט געזאָגט אז מיט דריי זאכען איז מלכות יון פריער ווי „מלכות הרשעה" (געמיינט רוים): „בנמוסין, בפנקסין ובלשון" (אין געזעץ; בוך־פירונג, שטרות; און מיט איר שריפט. גריכיש לשון און שריפט איז שע־נער פון רוימישער, געמיינט אלט רוימיש, ווייל לאַטיין האָבען די רוימער איבערגע־נומען פון אן אנדער פאָלק ****).

דעם טאָג פון תורה־איבערזעצענדיג אין גריכיש איז דערקלערט געוואָרען אלס פאַסט־טאָג, ווייל אידען האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועלען אידען אָנהויבען לערנען די תורה פון איבערזעצונג און ניט פון אָריגינאַל. זיי האָבען דאך געוואוסט פון דערפאַרונג ווי שנעל אידען האָבען אויפגעהערט רעדען העברעאיש אין בבל און אראַמעאיש איז געוואָרען זייער מוטער שפּראַך ווי עס ווערט געזאָגט אין דניאל (א׳ ד׳). נחמיה און עזרא, די פירער פון די „עולי בבל" אין יענעם שיבת ציון, האָבען גע־שטראָפט די אידען פאר זייער פארגעסן דעם לשון יהודית (נחמיה י״ג כ״ד) און עזרא איז געווען געצוואונגען איבערצוזעצען פאר זיי די תורה אין ארמית *****).

עס איז דאך א פאַקט אז דער אידישער ישוב אין מצרים נאָך דעם חורבן פון ערשטען בית המקדש איז באאיינפלוסט געוואָרען פון דער העלעניסטישער קולטור

*) מעשה בתלמי המלך, שכינס שבעים ושנים זקנים, והכניסן בשבעים ושנים בתים, ולא גילה להם על מה כינסן, ונכנס אצל כל אחד ואחד ואמר להם: כתבו לי תורת משה רבכם. נתן הקב״ה בלב כל אחד ואחד עצה, והסכימו כולן לדעת אחת. דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר ג׳ אלפים תמ״ט.

**) בארץ ישראל לשון סורסי למה? או לשון הקודש און לשון יוני — סוטה מ״ט ע״ב. לשון סורסי געמיינט אַרמית. זע רש״י פסחים ס״א ע״א און תוספות ב״ק פ״ג ע״א וואָס איז שטאַרק געקליבט געוואָרען פון די חכמים, ווייל ס׳איז „קרוב לשונה ללשון תורה" — פסחים פ״ז ע״ב.

***) זע אויך מדרש רבה דברים ה׳, דעם חילוק פון ספרים צו תפלין ומזוזות אין שייכות מיט שרייבען אין אנדערע שפּראַכען.

****) זע קאָמענטאַרען אויף מדרש רבה.

*****) זע, מגילה ג׳ ע״א; סנהדרין כ״א ע״ב.

און איז געוואָרען אן אסימילירטער צווייג פון אידישען פאָלק. די העברעאישע שפּראך, דאָס לשון־קודש פון תורה און נביאים איז פארגעסען געוואָרען און גריכיש איז געוואָרען די אומגאנגס־שפּראך אפילו פון די געלערנטע און נאציאָנאַל־געטרייע אידען. דער גרויסער געלערנטער פילון היהודי (גערופען ידידיה האלכסנדרוני) האָט פארפאסט 43 ווערק אריינגערעכענט א באשרייבונג פון משה רבנו'ס לעבען און א פירוש אויף תורת משה — און אלץ אין גריכיש.

דאָס אלכסנדריער אידענטום האָט ווייניג־וואָס געוואוסט פון תורה שבעל־פה, געוואָרען אָפּגעפרעמדט פון מקור און געשעפּט פון תרגום. דער רעזולטאַט איז געווען אז דאָס תרגום־אידענטום איז געוואָרען א פארגרייזט אידענטום, באאיינפלוסט פון פרעמדע פילאָזאָפיעס און לעבענס־גאנג. זייער פּאָזיטיווען ביטראג באשטייט בלויז אין דעם וואָס זיי האָבען אויפגעהאלטען די אפּאָקריפישע ליטעראַטור, די ווערק וואָס ווערען באטיטעלט אלס „ספרים חצונים" און זענען ניט אריינגענומען געוואָרען אין די „כתבי הקודש", אין דער זאמלונג פון די הייליגע קאָנאָניזירטע ספרים.

די אלכסנדרינישע אידען, האָבען אין זייער גריכישער ביבעל אויך אריינגענומען די אפּאָקריפישע ביכער וואָס זענען דעמאָלט געשאַפען געוואָרען אויף העברעאיש, גריכיש און אראמיש. די דאָזיגע ווערק זענען וויכטיג פאר אונז ניט אזוי פון ליטעראַרישען ווי פון קולטור געשיכטלעכען באדייט. זיי האָבען געהיט די ווערק פון דערמאנטען פילון (פילאָ), וויכטיגער ביטראג צום אידישען שאפען, דעם „בריוו פון אריסטעאַס", א גריכישער בוך פון די אלכסנדרינישע אידען וואָס דערציילט וועגען דעם „תרגום השבעים" (דאָס בוך איז איבערזעצט געוואָרען אין אָנהויב פון 16־טען י"ה פון עזריה דע־ראָסי אין זיין ספר „מאור עינים". און נאָך פיל ווערק זענען א דאנק זיי געהיט געוואָרען.

ניט אומזיסט דריקען זיך אוים די חז"ל אז דער טאָג ווען די גריכישע איבערזעצונג איז פארטיג געוואָרען „היה קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל *) והחשך בא לעולם שלשת ימים **), לערנענדיג די תורה אין גריכישע איבערזעצונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א גרוים געפאר פאר דער אידישער אמונה און פאר לשון קודש וואָס איז אזוי געליבט געווען ביי די חז"ל. די חכמים ווילענדיג זיכערען דאָס קענען העברעאיש, האָבען זיי געזאָגט: „כשהתנוק מתחיל לדבר, אביו מדבר עמו לשון הקודש ומלמדו תורה ***).

ר' לוי האָט געהערט אין קיסרין זאָגען קריאת־שמע אויף גריכיש, האָט עס אים אויפגערעגט און געהייסען אויפהערען.

*) מסכת סופרים פרק א' הלכה ז'. יענער טאָג איז שווער געווען פאר די אידען ווי דער טאָג אין וועלכען דער עגל איז געמאכט געוואָרען. זע חבלים בנעימים חלק שני ס"ג, ימין ושמאל ז' רכ"ד אז מסכת סופרים איז ניט מסכים מיט ר"ש בן גמליאל און ירושלמי וועגען לויב פון גריכיש לשון. ס'ווייזט זיך אָבער גיכער אוסי, אז דאָרט רעדט זיך ניט וועגען לויב אָדער אומגליק פון גריכיש, ס'רעדט זיך בלויז וועגען געפאר פון גריכיש לשון פאר קיום פון העברעאיש.

) מגלת תענית. *) ספרי פרשת עקב.

אינם ספר „אהבת ציון" פון ר' יחזקאל לאנדאָ איז פאראן א דרוש (שנים עשר) פון זיין זון ר' שמואל לאנדא, רעדט ער דאָרט וועגען העברעאיש און דייטש אין די אידישע חנוך־אנשטאלטען, שרייבט ער צווישען אנדערעס: „חזקו ואמצו למען תורתנו הקדושה... שלא תשתכח ח"ו לשון הקודש ושלא להשתמש בלימוד התורה

אין א שפּעטערער עפּאָכע, ביים חורבן בית שני אין צייט פון טיטוס (געקיניגט 79־81 נ.ק.ע.) האָט מען גוזר געווען, ניט צו לערנען מיט קיין זון, יונית *). אין ירו־שלמי (פאה פרק ראשון) ווערט דערציילט אז מ'האָט געפרעגט ר' יהושע'ן צי מען מעג לערנען מיטן זון חכמה יונית, האָט ער געזאָגט מ'זאָל אים לערנען אין דער צייט ווען ס'איז ניט טאָג און ניט נאכט („בשעה שאינה לא יום ולא לילה") ווייל סיי בייטאָג און סיי ביינאכט מוז מען לערנען תורה ווי ס'ווערט געשריבען „והגית בו יומם ולילה (יהושע א' ח'). און די גמרא **) דערציילט ווי אזוי דורך „חכמת יונית" האָט אן אלטער שפּיאָן געבראכט צו חלול השם און חלול הקודש ביים ברודער־קאמף צווישען הורקנוס און אריסטובלוס וואָס האָט געבראכט צו רוימישער אינטערווענץ און געעפענט דעם וועג פאר די רוימישע לעגיאָנען וואָס האָבען חרוב געמאכט ירושלים און אפּגעווישט די לעצטע שפּורען פון אידישער אומהאָפּהענגיגקייט. די השמונאים דינאסטיע, ווי באקאנט, איז אין די לעצטע יאָרען פארן חורבן געווען ארומגערינגעלט מיט קליקעס וואָס האָבען דערפירט צו אינערליכער צעפוילטקייט און אונטערגאנג.

ובתפלה בשום לשון כי־אם בלשון הקודש. וכך תדריכו את בניכם בענין הלימוד א־ב, כדי שילמוד ליקרות בלשון ובכתב עברי. ואח"כ כשיודע לקרות ירגילו אותו בק"ש ובתפלות של שחרית ומנחה וערבית וילמדו עמו פירוש המלות בלשון דייטש כדי שידע כוונת המלה אשר מתפלל הקודש, ודבר זה קל הוא לחנך את הנערים בזה מתוך סדרי התפלות שנדפסו בברלין ואח"כ נדפסו פה ק"ק פראג וגם בעיר מלוכה וויען, אשר מצד אחד הוא התפלה בלשון הקודש כאשר סדרו לנו אנשי כנסת הגדולה ומצד השני הוא פירוש המלות בלשון דייטש ובלתי ידיעת לשון דייטש וכתיבתו אי אפשר לעמוד במדינות האלו בזמן הזה . . . וחיוב מוטל על כל איש ואיש ללמד את בנו הלשון ונימוסי המדינה . . .

. . . „והדרך הנכון לזה הוא אם ישריש בלב הנער הלשון הקודש ומודיעים לו . . . כי בלשון הזה דבר הקב"ה עם משה רבנו ועם עבדיו הנביאים . . . וחלילה לנו לשנות מנהגי ישראל אשר לא לחנם התקינו חכמינו ז"ל להתפלל בלשון הקודש וללמוד מקרא בלשון הקודש . . ."

*) בפולמוס (באלאגערונג) של אספסינוס (וועספּאסיאן — געקיניגט 69־79 נ.ק.ע.) גזרו על עטרות חתנים ועל האירוס (מוזיק אינסטרומענט). בפולמוס של טיטוס גזרו על עטרות כלות ושלא ילמד אדם את בנו יונית . . . סוטה פ"ט מ"ו.

**) סוטה מ"ט ע"ב: ת"ר כשצרו מלכי בית השמונאי זה על זה, היה הורקנוס מבחוץ וארסטובלוס מבפנים. בכל יום ויום היו משלשלין דינרים בקופה ומעלין להן תמידין. היה שם זקן אחד (טייל זאָגען אז דאָס איז געווען הורדוס'עס פּאָטער וואָס האָט אוועקגערויבט דעם טראָן פון די חשמונאים) שהיה מכיר בחכמת יוונית. אמר להם כל זמן שעוסקים בעבודה אין נמסרין בידכם. למחר שלשלו להם דינרים בקופה והעלו להם חזיר. כיוו שהגיע לחצי חומה, נעץ צפורניו בחומה, נזדעזעה ארץ ישראל ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה. אותה שעה אמרו: ארור שיגדל חזירים וארור אדם שילמד לבנו חכמת יוונית. ועל אותה שעה שנינו, מעשה ובא עומר מגגות צריפים ושתי הלחם מבקעת עין סוכר.

זע רש"י דאָרט, חכמת יונית, מיינט „לשון חכמה שמדברים בו בני פלטון . . ." דאָס מיינט רש"י צו זאָגען אז דעם געוועגליכען גריכיש, האָבען די אידישע מאסען געקענט, זיי האָבען אָבער ניט פארשטאנען דעם דיפּלאָמאטישען אריסטאָקראטישען גריכיש. דער דאָזיגער זקן, איז געווען א שפּיאָן צו הרקנוס וועלכער האָט אין זיין באלאגערונג געבראכט אן ארמיי פון רוים און ער האָט דאָס געגעבען די שווידערליכע עצה וואָס האָט אויפגעציטערט גאנץ ארץ ישראל. דער ברודער קאמף איז געווען אזוי מורא'דיג אז די ארמייען האָבען חרוב געמאכט די פעלדער ארום ירושלים. דער הונגער איז געווען זייער גרויס און מ'האָט געמוזט ברענגען דעם עומר פון וויטע פלעצער און די מצוה איז דאָך געווען צו ברענגען פון די פעלדער ארום ירושלים.

דער מהרש"א דאָרט, ציטירט פון יוסיפון (יאָזעפוס פלאוויוס), אז דער ברודער קריג, האָט געפירט צום חורבן פון ירושלים און אונטערגאנג פון יהודה.

די גמרא מאכט אָבער דאָרט א חלוק, „חכמה יונית", וואָס מען זאָל ניט לערנען און לשון יונית וואָס מען מעג יאָ לערנען. לערנען „חכמה יונית", גריכישע דיפּלאָמאטיע, פאלשקייטען, גריכישען גלויבען, און גריכישע פיזי־שע קולטור, זייערע מנהגים פון פארוויילונגען און פארשייטע שמחות — דאָס איז פארבאָטען געוואָרען מיטן שארפסטען אויסדרוק פון „ארור", אָבער לערנען גריכיש ווי א קולטור שפראך, דאָס איז לכתחלה ניט געמיינט געוואָרען אינם „ארור", די חכמי התלמוד, די שטארקע נאציאָנאלע קעמפער האָבען דאָך געקענט גריכיש, ווי עס באווייזען זייערע דעבאטען מיט גריכישע געלערנטע און זיי זענען דאָך זיכער ניט געווען „בארור". ר' יוחנן, איינער פון די אָנגעזעענסטע אמוראים, געוואוינט אין ארץ ישראל, האָט געהאלטען אז מיידלעך זאָלען יאָ לערנען גריכישע שפראך און ליטעראטור. זיינע אייגענע טעכטער האָבען געקענט גריכיש *).

אינטערעסאנט איז די ליבעראלע באציאונג צו פרעמדע שפראכען. ניט געקוקט דערויף וואָס העברעאיש רעדען איז באטראכט געוואָרען פאר א גרויסע מצוה **), און העברייאיש איז באטראכט געוואָרען פאר די הייליגע געטלעכע שפראך ***), האָבען די חכמי התלמוד און זייערע נאָכפאָלגער דאָך מער אכט געלייגט אויף דעם אינהאלט און גאָר זיך באצויגען זייער מילד צו אנדערע שפראכען, אויב זיי האָבען ניט געשטעלט אין געפאר דעם אידישען קיום, אלס „עם הספר", ווי מ'האָט אונז באטיטעלט אין דער אראבישער עפּאָכע אין מיטעלאלטער.

אין תנ"ך געפינען מיר אראמייאישע טיילען, ניט בלויז איינצעלנע ווערטער ווי „יגר שהדותא" (בראשית ל"א מ"ז) „ונשמע פתגם המלך" (אסתר א' כ') אָדער כדנא תומרון להון (ירמיה י' י"א) נאָר גאנצער ערשטער טייל פון דניאל און פּרקים אין ספר עזרא זענען אין אראמייאיש. אין דער משנה, אין דעם מוסטערהאפטן מצומ־צמדיגען „לשון חכמים", געפינען מיר פיל אראמייאישע אויסדרוקען און אידיאָמען. תלמוד ירושלמי און תלמוד בבלי זענען געשריבען אין אראמייאיש־סוריש געמישט מיט העברעאיש און גריכיש. די אמוראים פון בבל און ארץ ישראל האָבען זיך באנוצט מיט ארמית אָדער אן איינענעם זשארגאָן פון אן אראמייאיזירטען העברעאיש. די משנה זאָגט אז א „לועז" (פרעמדשפּראכיגער) קאָן יוצא זיין דעם חוב פון לייענען די מגילה, אויב ער האָט געלייענט אין זיין שפראך ****). די משנה (סוטה ז' א')

*) ירושלמי פאה פּרק א' בבא מציאה כ"א ע"ב; רש"י דאָרט. זע
Greek in Jewish Palestine by Saul Liberman New York, 1942

**) זע, בראשית רבה, פּרשה י"ח, אז די וועלט איז באשאפען געוואָרען מיט לשון קודש.

***) בראשית רבה ל"א; ויקרא רבה ל"ב; ירושלמי מגילה א' ט' און אנד. מקומות.

****) מגילה פּרק ב' משנה ב'. גמרא י"ח ע"א, באמערקט אין נאָמען פון רב ושמואל, אז בלויז לעז יווני איז דערלויבט געוואָרען.

אויך אז מ׳קאָן דאַוונען אויף פרעמדע שפּראַכען. פיל פון די חכמי התלמוד, האָבען אפילו דערלויבט לייענען „שמע" אין אנד. שפּראַכען, דרש׳ענדיג „שמע־בכל לשון שאתה שומע" *). מיר ווייסען אויך ווי „תרגום" איז געהייליגט געוואָרען דורך דעם, וואָס ער איז גענוצט געוואָרען צוזאמען מיט תורה אָריגינאַל, און דורך דעם וואָס תורה שבעל־פּה איז באשאפען געוואָרען אין תרגום לשון.

דאָס לשון ארמית וואָס אידען האָבען נאָכ׳ן גלות עשרת השבטים געלערנט פון די כותים, וועלכע האָבען זיך דאָרט באזעצט און נאָך מער אין גלות בבל, ווערט געלויבט אין תלמוד און מדרשים. אין סנהדרין (ל"ח ע"ב) זאָגט רב, אז אדם הראשון האָט געקענט אויסער לשון קודש, אויך ארמית. תרגום אונקלוס ווערט געזאָגט אין תלמוד, איז „מסיני", געגעבען פון בארג סיני, און איז פאַרגעסען געוואָרען, ביז אונקלוס האָט עס אויפגעלעבט *). צווישען די פ י ר שיינע שפּראַכען ווערט גע־רעכענט ארמית **) און דער רמ"א האלט אז העברעאיש, ארמית, אראַביש זענען שטאַרק ענליך איין שפּראַך צו דער אנדערער ***). אין מדרש (ב"ר פע"ד י"ב) ווערט שטאַרק געלויבט ארמיאיש: „אל יהי לשון סורסי. (אראַמייאיש — רש"י פסחים ס"א ע"א; תוספות ב"ק פ"א ע"ב) קלה בעיניך, שבתורה ונביאים וכתובים היא אמור. בלויז די מלאכים ווילען ניט הערען און ניט רעדען ארמית וואָס איז אין זייערע אויגען א מיאוסע שפּראַך אין פאַרגלייך מיט העברעאיש ****).

דאָס מיינט ניט צו זאָגען אז די מלאכים קענען ניט ארמית, נאָר זיי ווילען ניט זיך צו הערען צו דער שפּראַך. דער פאַקט איז דאָך אז די „פּס־יד" וואָס האָט געשריבען אויף דער וואַנט פון קעניג בלשאצר דעם באַרימטען פערז: „מנא, מנא תקל ופרסין" (דניאל ה׳ ה׳) איז געווען די האַנט פון מלאך גבריאל.

דער מלאך גבריאל קאָן בכלל די זיבעציג לשונות, לויט דעם מאמר אין סוטה (ל"ג ע"א) יוחנן כהן גדול שמע בת־קול מבית קדש הקדשים שהוא אומר: נצחו טליא דאזלו לאגחא קרבא לאנטוכיא . . . און דער אויספיר איז אז דאָס בת קול איז געווען אין ארמית און דער מלאך גבריאל, האָט אים געלערנט די זיבעציג לשונות. אין דער זעלביגער גמרא (ל"ו ע"ב) ווערט געזאָגט אז דער מלאך גבריאל האָט גע־לערנט יוסף׳ן אין מצרים די ע׳ לשונות.

קדיש און פיל אנדערע ברכות זאָגען מיר אין אראַמייאיש, די גערעדטע שפּראַך אין דער תלמודישער עפּאָכע *****). און ניט בלויז ברכות וואָס רבנן האָבען מתקן געווען. דאָס נעמען דעם לולב סוכות, איז א מצות עשה פון דער תורה. מ׳מאַכט

---

*) דאָרט י"ז ע"ב.
מגילה ג׳ ע"א; רש"י קדושין מ"ט ע"א; תשובות רמ"א סימן קכ"ו־קכ"ל; זע אויך מדרש בראשית און אין אנד. ספרים.

) ירושלמי מגילה פרק א׳ הלכה ט׳. *) תשובות רמ"א סימן קכ"ז.

****) ראַ"ש ברכות פ"ב סימן ב׳; זוהר לך פ"ט ע"א. זע חבלים בנעימים חלק ד׳ סימן ס"ו, וויכטיגע תשובה וועגען ארמית צום באַרימטען קענער פון אָריענט. שפּראַכען ד"ר דניאל פינק פון בערלין, פריער געווען ראַבינער אין ווין.

*****) זע תוספות ברכות ג׳ און רש"י דאָרט: ווייל די אומגאַנגס שפּראַך, אין יענער צייט איז געווען אראַמייאיש; צוואת ר׳ נפתלי כ"ץ; וו. ש. יאַקאָבזאָן: „דער קדיש" (וואַרשא תרצ"ב) א׳ ז׳.

זע אויך, ש. ניגער, „די צוויי שפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור", ארויס־געגעבען פון לואיס לאַמעד פאָנד, פאַר אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכען, דעטראָיט, מישיגען 1941, די ערשטע פיר קאַפּיטלען.

אָבער ניט קיין ברכה על לקיחת כפות תמרים ווי אין דער תורה, נאָר על נטילת לולב זאָגט (נטילה און לולב זענען ביידע אראמייאיש) ווייל מ'האָט מתקן געווען די ברכה לויטן לשון פון פאָלק *). בריך שמי', יקום פורקן, תפלות בהוצאת ספר תורה, פאַר־שיידענע פיוטים, ספּעציעל די באריממטע פּאָעמע אקדמות אין ארמית.

אויך אין דער גאָלדענער אראבישער עפּאָכע האָבען אידען געשאפען אויף אראביש. יהודה הלוי האָט זיין פילאָזאָפיש ווערק, „כוזרי", געשאפען אין אראביש; דער רמב"ם האָט זיין „מורה נבוכים" („דער וועג ווייזער פאר די פארבלאָנדזשעטע"). דאָס וויכטיגסטע פילאָזאָפיש ווערק ביי אידען געשריבען אין אראביש און אזוי פיל אנדערע, נאָכפאָלגענדיג די עיקרים פון סעדיה גאונ'ס. „האמונות והדעות", רבנו בחיי'ס „חובות הלבבות", שלמה אבן גבירול'ס „מקור חיים" „תקון מדת הנפש" א.א.וו. די משפחה אבן תבון, ספּעציעל ר' יהודה אבן תבון 1190-11200 אידישע צייט רעכענונג. ד' אלפים תת"פ — ד' אלפים תתק"נ) האָט דאך מיט דער איבער־זעצונג פון אראביש צו העברעאיש פשוט אָפּגעראטעוועט די קלאסישע ווערק פון יענער צייט.

אידען האָבען געקעמפט פאר דער דערהאלטונג פון זייער שפראך און קול־טור, קענען זעלבסט פארלייקענונג — אָבער ניט איגנאָרירט די שאפונגען פון אנ־דערע פעלקער אין א סך זאכען גענומען פון שכנישע פעלקער ווי „שמות חדשים", און „שמות מלאכים" **). און דאך וועט קיינער ניט לייקענען אונזער קאָנטריבוציע צו וועלט קולטור און ליטעראטור אלס אייגענארטיגע אָריגינעלע שאפונגען.

די חכמי התלמוד דריקען זיך אויס מיט די גרעסטע ליוב געזאנגען פאר העברעאיש, אז די וועלט איז באשאפען געוואָרען נאָר דורך העברעאיש. דער איינ־האלט איז אָבער דאך געווען ביי זיי וויכטיגער ווי די שפּראך. עס ווערט גע'פסקע'נט אז דברים של חול מותרים לאומרם בבית המרחץ גם בלשון הקודש און דאגעגען הייליגע געדאנקען טאָר מען דאָרט ניט רעדען אפילו אין אנדערע שפּראכען ***).

דער „טורי זהב" באמערקט דערביי „ווייל שפראך אליין, האָט ניט קיין קדושה". א בפירוש'ע משנה אין שבת (פט"ז א') אז אלע הייליגע שריפטען דארף מען ראטעווען פון פייער אום שבת, אפילו זיי זענען געשריבען אין אנדערע שפּראַ־כען . . .

דאָ איז ניט דער פּלאַץ, מאריך צו זיין וועגען עניין שפּראכען ביי אידען ****). דער אינהאלט. די תורה איז געשטעלט געוואָרען פיל העכער ווי די שפּראך, וואָס איז דאך באטראכט געוואָרען, ניט מער ווי א לבוש צו די געדאנקען וואָס ווערען אין איר ארויסגעזאָגט.

אין שפּעטערע צייטען איז שפּראך באטראכט געוואָרען פאר דעם שטארק־סטען כח אינם קאמף קעגען אסימילאציע.

א מערקווירדיגע דערשיינונג זעען מיר אין דער אראבישער עפּאָכע, ווען כמעט אלע אידישע פילאָזאָפען האָבען געשאפען אין אראביש. און די גרעסטע רע־טעניש שיינט צו זיין דער רמב"ם. ווייל אויב די ערשטע האָבען זייער פילאָזאָפישע

*) זע, יצחק ניסענבוים „עלי חלדי", ווארשה תרפ"ט, נאָכבאמערקונג, ז"ז 98-99.
). בראשית רבה, פרשה מ"ח. *) שבת מ"א ע"א; או"ח ש"ז, ג'.
****) דאָס איז געטאָן געוואָרען אין א צווייטער ארבעט א. נ. „שפּראך אָדער אינהאלט".

ווערק געשריבען ניט ספעציעל פאַר אידען. האָט דאָך דער רמב"ם זיין „מורה" געשריבען ספעציעל פאר יחידים און ניט געוואָלט מען זאָל זיין ספר איבערשרייבען אין אראבישע אותיות, טאָ צו וואָס האָט ער עס געשריבען אין אראביש.

אמת, זיי האָבען געהאלטען אז די סעמיטישע שפּראכען זענען פארדאָרבענע וואריאנטען פון ריינעם העברייאיש: „לשון ערבית — ודאי־לשון עברית שנשתבשה מעט" *). אויך ר' יהודה הלוי אין „כוזרי", האלט אז די דריי־שפּראכען העברעאיש, אראביש און אראמייאיש קומען פון איין אָפּשטאם און מקור. דאָס איז אָבער דאָך ניט גענוג תירוץ פארוואָס דער רמב"ם, דער מייסטער פון הלכה־וואָרט און פיינסטער סטיליסט, זאָל זיין „מורה נבוכים" שרייבען אין א פרעמדער שפּראך.

אין א בריוו צו דער קהלה פון לינעל (דרום פראנקרייך) באדויערט ער פארוואָס ער שאפט ניט בלויז אין העברעאיש. צווישען אנדערעס שרייבט ער: הלואי וואָלט איך געווען ווי אין אמאָליגע טעג, כדי איך זאָל קענען צופרידענשטעלען אייער פארלאנג בנוגע דעם מורה נבוכים און אנד. מיינע ספרים, וואָס איך האָב פארפאסט אין שפּראך פון די טונקעל־הויטיגע, וואָס עס האָט פארטונקעלט מיינע הימלען. וויל אין די געצעלטען פון חם האָב איך געוואוינט און איך וואָלט געהאט א גרויסע שמחה, ווען איך, וואָלט געקענט אומקערען די גזלה צו די אמת'ע בעלי בתים, אָבער די צייט, די צייט . . ."

דער רמב"ם, האלטענדיג אז דער והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה, מיינט לערנען און רעדען לשון קודש, האלט דאָך אז דער אינהאלט איז וויכטיגער פון שפּראך. רעדענדיג, וועגען דער הויכקייט פון שפּראך, וואָס דארף גערייניגט, געשליפען און איבערגעארבעט ווערען, זאָגט אין זיין פירוש אויף אבות (פרק א') אָט וואָס:

„. . . און זאָלסט וויסען, אז די לידער וואָס ווערען פארפאסט אין וועלכער עס איז שפּראך, דארפען אונטערשיידט ווערען לויט זייער אינהאלט, צי זיי גייען אויפן וועג ווי מיר האָבען אנאליזירט. איך האָב באמערקט, אז זקנים און חסידים פון אונזערע תורה־מענשען, ווען זיי געפינען זיך ביי א חתונה אָדער סעודה און אימיצער וויל זינגען אן אראביש ליד, אפילו א ליד וועגען קוראזש, ברייטהארציגקייט . . . לאָזען זיי עס ניט בשום אופן . . . זינגט מען אָבער א העברעאיש־ליד, מעג עס זיין פון ערגסטען סאָרט, נאריש און אינהאלטסלאָז וועלען זיי זיין צופרידען. עס איז אָבער נאריש אזוי צו דיינקען.

די שפּראך קאָן ניט הייליגען דעם אינהאלט. נארישקייטען דארף מען אין קיין לשון ניט הערען און קלוגע זאכען מעג מען הערען אין אלע שפּראכען . . . איך האלט, אז פאר אן אומווירדיגען אינהאלט איז נאָך ערגער ווען מען באנוצט די

---

*) דער רמב"ם אין א בריוו צו שמואל אבן תבון.

זע, מ. גליקסון, „הרמב"ם והלשון העברית", קובץ רבנו משה בן מימון, „הארץ", גליון 4/99, חוברת ב' ערב פסח תרצ"ה.

הייליגע נבואה שפראך, וועלכע דארף זיין הייליג און ווערען באנוצט כדי צו הייליגען דעם מענשלעכען געדאנק און די מענשליכע מדות. די תורה האט געאסרט צו פאר־וואנדלען די נבואה־רייד אין געמיינעם געזאנג און אין מיאוסע רייד . . ."

דער רמבם האלט אבער שטארק פון העברעאיש אלס לשון קודש, ווי ער דריקט זיך אויס אין מורה נבוכים ג' ח'; אבות פרק ב'.

אונזער בייטראג צו דער וועלטס ליטעראטור איז מיט דער צייט געווארען א פיל־שפראכיגע. אונזער ליטעראטור אלס גאנצע, האט אין זיך צווייגען פון די וויכטיגע וועלט־לשונות ווי גריכיש, לאטיין, אראמייאיש און אראביש און אין די סאמע מאדערנסטע אייראפייאישע שפראכען. מיר שעמען זיך גארניט מיט די גרויסע אידישע שאפונגען אין אנדערע שפראכען אויב זיי זענען אינהאלטליך אידיש און האבען געהאט השפעה אויף אידיש־שאפען און אויף אי־דישע לייענער.

אזוי איז ד'ער „מורה נבוכים" (געשריבען אריגינעל אין אראביש) וואס צו אונז געקומען אין העברעאיש דורך אבן תבון און אלחריזי, געבליבען דאס מאנו־מענטאלע ווערק אין אידישער ליטעראטור; אזוי יוסיפוס פלאוויוס'עס גריכישער ווערק וועגען אונזער „אלטערטימער", „אידישע מלחמות", „אנטי־אפיאן" א.א. און אזוי פילא פון אלעקסאנדריע און פיל אנדערע וואס האבען געשריבען אין גריכיש אדער העברעאיש *).

אין אונזער ליטעראטור פארנעמען אויך א באדייטענדיג ארט, די ווערק אין לאטיין, געשאפען פון אידען אין איטאליע, אן אונטערשיידט צי דאס איז פילא־זאפיע, פאלעמיק־ליטעראטור, ספרי דקדוק אדער פאעזיע. עמנואל הרומי'ס אדער יהודה אברבנאל'ס שאפונגען אין לאטיין געהערען צו אונז, ווייל אידישער געניוס האט זיי געשאפען. אויך די ווערק פון ר' יהודה ארי' ממודינה (דע מאדענא, 1648־1571), דעם גרויסן תלמודיסט און קענער פון אנדערע ליטעראטורען, ספעציעל לאטיין געהערען אונז.

אויך ווערק פון היינטיגע גרויסע אידישע קינסטלער, מאכט ניט אויס, אין וועלכער שפראך זיי זענען געשאפען, אויב זיי זענען אין אידישען גייסט און מיט אידישען סטיל און פארנעם, וועלען זיי זיכער בלייבען אין אונזער ליטעראטור. ווי ליב מיר האבען העברייאיש, ווי טייער ס'איז אונז אידיש פאסען מיר זיך דאך ניט אריין אין ראם פון שפראכיגקייט. מיר נעמען אריין אין אונזער ליטעראטור אלץ וואס האט א אידישען אינהאלט און איז געשריבען אין אידישען גייסט.

*) שפראכליכער אסימילאציע אין מצרים, ווי מיר האבען פריער דערמאנט האט זיך אנגעפאנגען אין דער העלעניסטישער עפאכע. די העברייאישע שפראך די שפראך פון דער תורה און נביאים איז דארט פארגעסען געווארען און די גערעדטע שפראך ביי די דארטיגע אידישע איינוואוינער איז געווען גריכיש. פילא, דער גרעס־טער פילאזאף פון דארטיגען ישוב, פארפאסער פון א פיר צענדליג ספרים, צווישען זיי, א פירוש אויף תורה און א באשרייבונג פון משה רבנו'ס לעבען, האט געשריבען אין גריכיש און געלערנט דעם תנ"ך אין דער גריכישער איבערזעצונג.

אידען האָבען אנערקענט גריכישען בייטראַג צו וועלט קולטור און ציוויליזאציע. זיי האָבען אָפטמאָל, ביי געלעגענהייטען, אויסגעדריקט באגייסטערונג פאר גריכישער קולטור־רייכקייט, פאר זייער פילאָזאָפיע און שאפען. א גרויסער טייל פון אידישער ליטעראטור, ספּעציעל די אפּאָקריפישע איז א סך באאיינפלוסט פון גריכישען געדאנק, ניט רעכענדיג זיך דערמיט וואָס זיי האָבען באקעמפט דאָס גריכישע היידענטום און גריכישען מאטעריאליזם.

מיר האָבען א סך געלערנט פון די גריכען, פּערסער, ארמעער, רוימער און אפילו פון די אראבער. מיר האָבען געלערנט פון די גריכען מעדיצין, אינזשעניערונג, געאָגראפיע, מאטעמאטיק און אנדערע וויסענשאפטען. אין תלמוד ווערט געזאָגט: די נעמען פון די חדשים און די מלאכים האָבען אידען מיטגעבראכט מיט זיך פון בבל *). ס'איז דאָ א מיינונג אז פון די פּערסישע טעאָלאָגען האָבען אידען געלערנט וועגען צוויי מלאכים וואָס באגלייטען דעם מענש, מלאכי השלום און מלאכי חבלה **) דער נאָמען מטטרון ***) זאָגען זיי זאָל קומען פון Methra דומה, דער מלאך איבער די גייסטער ****) זאָל קומען פון פּערסישען Dahriman הדרניאל, פון וועמעס מויל ס'גיין ארוים צוויי בליצען בשעת ער רעדט ארויס א וואָרט (פּסיקתא) קומט פון פּערסישען האדאר Hadar א.א.וו. א.וו.

פיל גריכישע ווערטער זענען אריינגענומען געוואָרען אין דער העברעאישער שפּראך און ווערען גענוצט אין דער משנה און שוין אָפּגערעדט פון דער גמרא וואָס איז געשריבען אין אראמיש־סיריש־העברעאיש און אנדערע שפּראכען. אזעלכע ווערטער ווי זוטו של ים *****) זענען גענוצט געוואָרען אין דער טעגלאכער אומגאנגס שפּראך.

מיר געפינען אויך אין דער משנה דעם נאָמען „פּילאַ" ר' אליעזר בן פּילאַ (טהרות פּרק ז' משנה ט') און נאָמען פון אמורא ר' יודן בן פּילא (ויקרא רבה כ"ד) און פּילאַ זאָגען מערסטע פילאָלאָגען איז א גריכיש וואָרט וואָס מיינט ליבשאפט, ניט ווי פיל אין פּערסיש וואָס מיינט גרויסקייט ******).

מיר געפינען נאָך פארשיידענע אידיש נעמען, וועמענס מקור איז צו געפינען אין פרעמדע שפּראכען, ווי „בר דרומא" (גיטין נ"ז ע"א), פון גריכיש דראָמאָס, וואָס מיינט שנעלקייט, ווייל ער האָט געקענט שפּרינגען און לויפען און זיך גוט שלאָגען מיט די שונאים; „כלבא שבוע" סימבאָליש: „ער האָט אָנגעזעטיגט דעם וואָס איז געווען הונגעריג ווי א הונט" (דאָרט נ"ו ע"א), ס'קאָן אָבער זיין אָן אָפּשטאם פון גריכישען וואָרט קאליוב וואָס מיינט געצעלט (קלוב), ווייל ער האָט געהאט „א כלבי דהיטי" ר' רומנוס (שבת); (מ"ז ע"א): „לי התיר רבי לטלטל

*) ירושלמי ראש השנה פּרק א' הלכה ב'; בראשית רבה פמ"ח ט'.

**) תענית י"א; מדרש תהלים.

***) עבודה זרה ב'.

****) סנהדרין צ"ד.

*****) בבא מציעא כ"א ע"ב; רש"י דאָרט.

******) זע, א. וואָהל, „לא השם היא העיקר", „גן פּרחים", תרמ"ב, ז. 66, איז העברעאיש „פלוא" בן ראובן, אויך „פּליה" פון זרבבל'ס קינדער (דברי הימים א' ג' כ"ד) און „פּלאיה" אין נחמיה (ח' ז', י', י"א).

בשבת מחתה באפרה״ (אש פון פארברענטע בשמים־רש״י); בן פטורא״ (בבא מציעא ס״ב ע״א) מיט זיין מערקווירדיגען מאמר: שנים מהלכים בדרך וביד אחד מהם קיתון של מים, אם שותים שניהם מתים, ואם שותה אחד מהם מגיע לישוב, דרש בן פטורא: מוטב שישתו שיהם וימותו ואל יראה אחד מהם במיתתו של חברו. (צוויי מענשען גייען אונטערוועגענס, ווייט פון ישוב און האָבען בלויז איין קריגעל וואסער. אויב זיי וועלען ביידע טרינקען וועלען זיי ביידע שטארבען, ווייל ס'איז דאָ גענוג פאר ביידע. אויב אָבער איינער וועט בלויז טרינקען, וועט ער בלייבען לעבען אָבער דער צווייטער וועט אומקומען — האָט בן פטורא געדרשענט, גלייכער ביידע זאָלען טרינקען, וואָס מיינט ביידעס טויט און איינער זאָל ניט צוקוקען דעם צוויי־טענס טויט). און אזוי פיל־פיל נעמען פון אידישע חכמים האָבען געהאט זייער מקור אין די פרעמד־שפּראכיגע ווערטער.

אין מדרש געפינט מען פיל גריכישע ווערטער. פיל נעמען פון תנאים און אמוראים זענען געווען אשורישע, פערסישע, גריכישע און רוימישע. אין גיטין (מ״ד ע״ב) ווערען דערמאָנט פיר מערקווירדיגע נעמען: ארדא, ארטא, פילי, בריש **).

פילאָזאָפיע האָבען מיר פיל געלערנט פון אנדערע, ספּעציעל פון די גריכען און די אראבער. ר' סעדיה גאון, דער רמב״ם, ר' שלמה אבן גבירול א. א. האָבען געלערנט די פילאָזאָפיעס פון פלאטאָן, אריסטאָטעל און די אראבישע פילאָ־זאָפיעס **). ס'זענען פארשטייט זיך, געווען גרויסע פילאָזאָפען וועלכע האָבען באַ־קעמפט ביי אידען פרעמדע פילאָזאָפיעס.

פיל פון אונזערע חכמים האָבען שטארק געהאלטען פון דעם „מדרש חזית״, וואָס לויטעט „מנשיקות פי ד' — ולא מפי הפילוסופיא״.

דער גרעסטער קעגנער פון גריכישער פילאָזאָפיע, איז געווען ר' יהודה הלוי, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט: ואל תשיאך חכמה יונית שאין לה פרי כי־אם פרחים (לאָז דיך ניט פארפירען פון דער גריכישער פילאָזאָפיע; זי פארמאָגט בלויז בלומען אָבער ניט קיין פרוכט). ר' יהודה הלוי איז געווען קעגען דער גריכישער פילאָזאָפיע וואָס שטיצט זיך אינגאנצען אויף געדאנק, אויף מחשבה און איגנאָרירט דאָס געפיל. ביי אים איז אויסגעקומען דאָס פארקערטע, אז גאָט קען מען מיט דעם שכל ניט דערגרייכען, ניט באגרייפען; — מ'קען אים אָבער דערגרייכען דורך גע־פילען: לבי וקרבי ימצאוך, אך לא מחשבי ישאוך . . . נגלה ללבב ולא לעין (מיין הארץ און מיינע געפילען קענען דיר געפינען אָבער מיין געדאנק קען דיך ניט דער־גרייכען . . . ער אנטפּלעקט זיך צום הארץ, ניט צו די אויגען).

דער דאָזיגער געדאנק ווערט ברייטער און טיפער באהאנדעלט אין זיין ספר „הכוזרי״, וואו ער קומט אָפען ארויס און אטאקירט די פילאָזאָפען וואָס פארלאָזען זיך אליץ אויפן שכל אָדער אויפן שכל פון זייערע רביים. עס איז זיין לייט־מאָטיוו אָט די פילאָזאָפיע, אז מענש קען ניט אליץ משיג זיין מיט זיין שכל אָדער מיט די

*) ר' ש״י ראפאפארט אין זיין „ערך מלין״ אז דאָס זענען בלויז דריי נעמען. אויך ר' י. מ. זאקס איז מיט דער מיינונג.

**) מ'קאָן דורכלאָזען דעם געדאנק, אז פיטאגאָרעס האָט געלערנט פון שלמה אָדער יחזקאל, אריסטאָטעל פון אסף א.א.וו.

רמ״א אין ספר „תורת העולה״ (חלק א' פרק י״א) שרייבט אז פלאטא האָט גענומען זיין חכמה פון די נביאים און סאָקראָטעס פון אחיתופל'ן און אסף הקרחי

געוויינליכע חושים. ער האלט אז עס איז דאָ א ספּעציעלער „חוש־רוחני", גייסטיגער חוש (ער באצייכענט אים אלם זעקסטער חוש) דורך וועלכען מיר קענען באגרייפען די גייסטיגע וועלט און די גייסטיגע זאכען. דעם דאָזיגען חוש באקומט דער מענש פּלוצלינג, דורך א ליכט, אָדער באליי כטונג, פון הימעל. מיט די געוויינליכע פינף חושים קען דער מענש בלויז באטראכטען און באגרייפען די געוויינלעכע רעאלע, קערפּערלעכע זאכען *).

ער האָט געהאלטען, אז די גריכישע געלערנטע, גרייכען ניט צו אונזערע גרויסע געלערנטע, פילאָזאָפען און דיינקער. ר' יהודה הלוי האלט פון אינטואיציע — ווי מען רופט עס אין היינטיגער שפראך, — פון הייליגער הימלישער אינטואיציע וואָס נאָר דער נביא ווערט באהויכט; א רוח הקודש, וואָס נאָר א מענש מיט גייסטיגע פאַרבערייטונגען באקומט עס במתנה פון הימעל. האָט דאָך אונז ר' פּנחס בן יאיר אין דער לעצטער משנה פון סוטה **) אָנגעדייטעט אויף די פאַרבאדינגונגען וועלכע זענען נויטיג אויף צו ארייננעמען אין זיך די געטלעכע שטראַלען, אויף צו באקומען דעם רוח הקודש. די גמרא זאָגט אויך: משמתו חגי זכריה ומלאכי נסתלקה רוח הקודש . . . מ'באנוצט זיך בלויז מיט א בת־קול ***). דעם „חוש הרוחני" באזיצען בלויז מענטשען מיט גייסטיגע פאַרבאריטונגען, מיט די הויך עטישע מעלות, מיט פּאָעטישע געפילען און די וואָס באזיצען אמת'ע ליבע צו גאָטס באשאף און זענען גערייניגט און געלייטערט מיט הארץ, מוח און נשמה.

די מקובלים זענען נאָך מער געווען קעגען לערנען פרעמדע שפּראכען און פילאָזאָפיעס.

ר' עובדיה ירא מברטנורא (פון בערטינארא) שרייבט שארפע ווערטער קעגען די וואָס פארטיפען זיך אין גריכישער פילאָזאָפיע, אז דער מאמר הקורא בספרים החיצונים אין לו חלק לעולם הבא איז געמיינט די ספרים פון אריסטאָטעל און זיינע נאָכפאָלגער.

ר' מנחם עזריה די לונזאני ****), אין זיין ספר „שתי ידות", זאָגט זיך ארויס אין פערזען:

„ולו משנה ולא רק מלבבי, אבל נמצא בכל ספרי כשרים לבל תחמוד יפי חכמת יונית בלבך ולא תחון מבארם לאמרי דת בדרכי היונים אשר חלק אלקיך

*) זע, כוזרי, מאמרים ג' ד' און ה'.

**) דאָרט ל"ג.

***) סוטה מ"ח ע"ב.

****) בארימטער פּייטן און מחבר, נפטר געוואָרען אין ירושלים אין יאָר 1608. זיין ספר „שתי ידות" איז געטיילט אין צען טיילען. זע „לב העברי" חלק שני ז"ז 170־172.

ר' משה חגיז ברענגט דאָס אין זיין ספר „משנת חכמים". ער דערציילט דאָרט, זייט פ"ה, מעלה י"ז, אז דער בארימטער לעמבערגער רב, ר' חיים זייצילס ז"ל, וועלכער האָט מקדש געווען שם שמים און גענומען אויף זיך דעם עונש פון אויסשניידען זיין צונג, ווייל ער האָט געלערנט לאטיין. ער האָט מקבל געווען באהבה די גזרה צו לעכערען זיין מוח ווייל ער האָט געטראכט אין פרעמדע חכמות.

להגרים הכי שוגים באהבתה נבוכים ובהתט אמריה כופרים וממרים". און אזוי פיל פון יענער עפּאָכע האָבען באקעמפט דאָס לערנען גריכישע פילאָזאָפיע.

דער גאון ר' משה זכות, האָט געפאסט פיל תעניתים, ער זאָל פארגעסען לאטיין, וואָס ער האָט געלערנט אין זיין יוגענט, ווייל דאָס שטערט אים אין משיג זיין העכערע תורה־געדאנקען.

פון דעם כהן פון לובלין (ר' צדוק — געב. תקפ"ג־1823; נפטר תר"ס 1900) ווערט דערציילט אז ווען מען האָט אים פאָרגעשלאָגען דעם אמט פון לובלינער רבנות, זענען אויך די משכילים געווען צווישען די וועלכע האָבען מסכים געווען אים צו האָבען אלס הויפט רב. די לעצטע האָבען אָבער פון אים פארלאנגט, ער זאָל זיך פארפאָלקאָמען אין דער לאנד־שפּראך דורך רעדען אין איר, האָט ער זיי געענט־פערט, אז ער וויל ניט פאראומרייניגען זיין מויל. דער „כהן" ווי באקאנט, איז געווען באהאוועגט אין דער קלאסישער און מאָדערנער פילאָזאָפיע און וויסענשאפט . . .

פון דער אנדערער זייט, געפינען מיר ביי פיל גריכישע פילאָזאָפען ענליכע געדאנקען ווי אין אונזער תורה. ביים גריכישען פילאָזאָף אנאקסימאנדראָס, גע־לעבט אין זעקסטען י"ה (פ.ק.ע.), געפינען מיר דעם געדאנק אז די פיש זענען געווען די ערשטע לעבעדיגע וועזענס. אויך אין דער תורה ווערט געזאָגט אז דעם פינפטען טאָג זענען באשאפען געוואָרען די באשעפענישען אין וואסער און דעם זעקסטען טאָג די חיות, בהמות און מענש (בראשית א' כ'־כ"ז). דער גריכישער פילאָזאָף פיטאָגארס, געלעבט אין זעקסטען יאָרהונדערט פאר דער קריסטלעכער צייט רעכע־נונג, האָט שוין געטראכט וועגען איינהייט־גאָט וואָס באשאפט די וועלטס רעאַליטעטען. ער איז געוויינליך ניט דערגאנגען אזוי ווייט צום אמת'ן גלויבען פון מאָנאָטעאיזם אין אחדות האל, ווי מיר אידען, דורך דעם מבחר האנושי משה רבנו. (אינטערעסאנט איז אז דער דאָזיגער פילאָזאָף האָט געגלויבט אין גלגול הנפש, אז מענשען ווערען מגולגל אין אנדערע קערפּערס לויט זייערע מעשים. טוט ער גוטס, ווערט ער מגולגל אין א קערפּער פון א גייסטיג־העכערען מענש; טוט ער שלעכטס ווערט ער מגולגל אין א בהמה אָדער חיה. די דאָזיגע לערע וואָס האָט אין אלטערטום געשפּילט א גרויסע ראָל, פארנעמט א באדייטענדיג אָרט אין דער אידי־שער קבלה).

קסענאָפאנעס, געלעבט אין זעקסטען יאָרהונדערט (פ.ק.ע.) איז געווען א שטרענגער איינהייטסגלויביגער, און אים האָבען נאָכגעפאָלגט אלע זיינע תלמידים. ער איז געווען א גרויסער קעגנער פון דעם גלויבען אין פיל געטריי (פּאָליטעאיזם) פון דער גריכישער מיטאלאגיע וואָס מאָלט גאָט אין מענשלעכע געשטאלטען (אנט־ראָפּאָמאָרפיש). ער האָט געגלויבט אז עס עקזיסטירט איין־איינציגער גאָט, אן איי־ביגער, וואָס איז דאָ אומעטום און רעגירט איבער דער גאנצער וועלט, אזוי ווי ישעיה הנביא דריקט זיך אויס „מלא כל הארץ כבודו" (ישעיה ו' ג'). ער, פארשטייט זיך האָט פון ישעיה הנביא ניט געוואוסט און ניט געהערט זיין וואָרט, נאָר אליין דאָס באגריפען אלס פעסטגעשטעלטע אקסיאָמע.

פון פארשיידענע שטעלען אין תלמוד און מדרשים איז צו זען אז די חכמי התלמוד זענען געווען גוט באקאנט מיט די לערעס פון די סאָפיסטען אָנהייבענדיג

מיט זענאָן, *) גאָרגיאַס, פּראָטאַגאָרים און אנד. (דער לעצטער איז אָנקעקלאָגט גע־וואָרען אין גאָטלאָזיגקייט און זיינע ביכער האָט מען פאַרברענט. ער אליין האָט זיך געוואָלט ראַטעווען דורך אנטלויפען קיין סיציליע און איז אויפן וועג דערטרונקען געוואָרען, געב. 480 פאַר ק. ע. געשט. 410 פּ.ק.ע.).

די חכמי התלמוד האָבען זיך באמיט, צו באווייזען די פאַלשקייטען פון די סאָפיסטישע חקירות וועגען גאָטהייט, פונדעסטוועגען, אנערקענט די טיילען פון זייערע וויסענשאַפטלעכע, טעאָרעטישע דערקענטנישען און אנאַליזען און אָנגענומען געוויסע מאָראַלישע לערעס. זיי האָבען זיך בכלל באַצויגען פּאָזיטיוו צו די פאָרשונ־גען וואָס האָבען געהאָלפען דער אנטוויקלונג פון מענשליכען שכל און באוואוסט־זיין. פּראָטאַגאָרעס ,למשל, האָט געלערנט אז א מענש דאַרף זיך אָנשטרענגען צו רעגירען איבער זיך זעלבסט, צו נוצען זיין אינטעלעקטואַלען כח זיך צו קאָנטראָ־לירען. די משנה אין אבות (פרק ד׳ א׳) לערנט אונז: איזהו גבור? — הכובש את יצרו (ווער איז א שטאַרקער? — דער וואָס באהערשט זיינע ליידענשאַפטען).

צו די חכמי התלמוד זענען ניט פרעמד געווען די געדאַנקען פון סאָקראַטעס (געב. אין אַטען אין יאָר 469 פּ.ק.ע. און געשט. אין יאָר 399); פון דעמאָקריטעס (357-460); פון דיאָגאַנעס (פינפטען יאָרהונדערט פּ.ק.ע.); פון אַרעסטיפּוס (גע־לעבט 380 פּ.ק.ע.) גרינדער פון קיראָנאַיקע שול; די ווערק פון פּלאַטאָ (427-347) און אַרעסטאָטעל (322-384) און פון די אומצעליגע באַדייטענדיגע גריכישע פי־לאָזאָפען.

מיר ווייסען דאָך, ווי גריכישע פילאָזאָפען האָבען געזוכט צו פאַרבעסערען דאָס פאָלק, אויפצוהייבען זיי פון מאָראַלישען זומפּ, זיי צו דערהויבען צו א העכע־רען גלויבען. ביי פיל פון זיי געפינען מיר טענדענצען פון מאָנאָטעאיזם צו גלויבען אין „אחדות האל״ און געגנערשאַפט צו דעם צופיל געטעריי גלויבען. ווייסען מיר דאָך אז פיל פון זיי האָבען אפילו באצאָלט מיט זייערע לעבענס פאַר אָט די נייע געדאַנקען.

די חכמי התלמוד, די נאָכפאָלגער פון די נביאים, האָבען אָבער, כדי אויפ־צוהאַלטען דעם ריינעם אידישען גלויבען, געקעמפט ניט בלויז געגען דאָס פיל געטער־דיגקייט וואָס האָט זיך געריסען אין דער אידישער מחנה, נאָר בכלל געגען וועלט־ליכע פילאָזאָפיעס און לעבענס שטייגערס פון די פרעמדע שכנישע פעלקער וואָס האָבען געשטעלט אין געפאַר דאָס קליינע ארץ ישראל און אין גלות געשטעלט אין געפאַר אידישען קיום אלס וועלט־באַנעם. זיי האָבען זיך דעריבער געמוזט פאַרמעס־טען געגען די גריכישע און רוימישע קולטורען, כדי צו פאַרהיטען אידיש פאָלק פון שפּראַך און קולטור פאַרשמעלצונג וואָס וואָלט געפירט צו בוכשטעבלעכע אסימי־לאַציע.

זיי האָבען אויך מיט אַלע כחות באַקעמפט די שיטה פון אפּיקורסות, די טעאָריעס פון דעם באַרימטען גריכישען פילאָזאָף עפּיקור (270-342) וואָס לייקענט

*) ס׳איז דאָ א מיינונג אז זענאָן איז געווען פון אידישען אָפּשטאַם און זיין פאָטערס נאָמען איז געווען מנשה פון וועמען ער האָט איבערגענומען דעם געדאַנק פון מאָנאָטעאיזם און אחדות אלקות און אריינגעבראַכט דעם געדאַנק פון אוניווער־סאַלען גאָט אין דער גריכישער פילאָזאָפיע.

אין גאָטהייט בכלל, וועמעס געדאנקען האָבען איבערגעלאָזט א גרויסען איינפלוס אין דער אלטער גריכיש־רוימישער וועלט און ניט ווייניגער אויף פיל פון די נאָך רענעסאנס פילאָזאָפען. „ודע מה שתשוב לאפיקורוס" אבות ב׳ י"ט). פיל פון די חכמי התלמוד זענען געווען גוטע קענער פון „אפּאָלאָגעטיקא", שארפע פארטיידיגער פון זייער גלויבען דורך וואָרט און שריפט. ר׳ יהושע בן חנניה איז געווען בארימט אויף דעם געביט. ווען ער איז געשטאָרבען האָט מען אין פארצווייפלונג געזאָגט: „ווער וועט אונז פארטיידיגען פון די אפיקורסים!" *). די אפיקורסים האָבען אויך ניט קיין חלק אויף דער צוקונפט־וועלט, ווייל זיי פארלייקענען דאָך איר עקזיסטענץ.

אויך רבן גמליאל דיבנה (דער צווייטער ר׳ גמליאל) דער נשיא נאָך ר׳ יוחנן בן זכאי, האָט פארטיידיגט די אידישע אמונה קעגען די אפיקורסים און פילאָזאָפען און סתם קעגען רוימישע רעגירונגס באאמטע וועלכע האָבען געשטעלט פראגען די אידישע חכמים. ער האָט אויך דיסקוטירט מיט די קריסטען פון זיין צייט און אור־מעטום ארום דער זיגער. ער, צוזאמען מיט ר׳ יהושע בן חנניה האָבען געפירט אָפטע דיסקוסיעס מיט די געלערנטע פון אטען, גריבענלאנד, באקאנט אלס „סבי דבי אתונא" (אָדער „אתינם" אין מדרש), און מיט די רוימער. דער לעצטער האָט אויך דיסקוטירט מיט די רוימישע צעזארען **).

פיל מאָל האָט געטראָפען אז ר׳ יהושע בן חנניה, האָט ארויסגעהאָלפען ר׳ גמליאל׳ן. ר׳ יהושע, ווייזט אוים איז געווען פיל שארפער אין פירען פּאָלעמיק ***).

ר׳ יהושע בן חנניה, האָט אויך באוויזען דעם גרויזאמען האדריאן אז דער אידישער עקזיסטענץ איז אן אייביגער, דאָסביינדל לוז פון דער שדרה, האָט ער אים געוויזען קען ניט פארניכטעט ווערען: „טחנו ברחיים ולא נטחן; שרפו באש ולא נשרף; נחנו במים ולא נמחה; נתנו על הסדן והתחיל מכה עליו בפטיש, נחלק הסדן ונבקע הפטיש ולא חסר ****).

אויך די קלוגע פון אלכסנדריה, עגיפּטען האָבען געפירט דיסקוסיעס מיט ר׳ יהושע בן חנניה, ווי די גמרא (נדה ס"ט ע"ב) דערציילט: „י"ב דברים שאלו אנשי אלכסנדריה את ר׳ יהושע בן חנניה . . .

ניט דאָ איז דער פּלאַץ אויסצורעכענען די פארשיידענע דעבאטעס צווישען די אידישע געלערנטע מיט אנדערע. די דאָזיגע ויכוחים האָבען פשוט פארמאטערט אונזערע תנאים, ספּעציעל די זקנים פון ר׳ גמליאל׳ס דור: ר׳ אלעזר בן עזריה, ר׳ יהושע בן חנניה, ר׳ עקיבא און נאָך איניגע. די דערמאנטע גרופּע האָט צוזאמען דורכגעמאכט א נסיעה קיין רוים און דאָרט איז זיי געשטעלט געוואָרען פארשידענע פראגען. די משנה (עבודה זרה ד׳ ז׳) דערציילט אז מ׳האָט געפרעגט די זקנים אין רוים: אויב גאָט וויל ניט קיין עבודה זרה זאָל ער איר פארניכטען פון דער וועלט? זייער ענטפער איז געווען אז אויב ס׳געפינען זיך שוטים וואָס דינען די זון און לבנה

---

*) זע, אויך בבא בתרא ס׳ ע"א בראשית רבה ס"ד, זיין צוריקהאלטען אידען פון אסקעטיזם און זיין נעבען צו פארשטיין אז „אין גוזרין גזרה על הצבור אלא־אם־כן רוב הצבור יכולים לעמוד בה.

**) מדרש רבה איכה.

***) בראשית רבה כ"ח. סוף קהלת רבה.

****) זע בראשית רבה כ׳; ברכות ה׳ ע"א א. א. מקומות אין דער אגדה־ליטע־ראטור.

זאָל דער אויבערשטער זיי פאַרניכטען צוליב די שוטים? *).

ר׳ סעדיה גאון (ד׳תרנ״ב 892-942 — ד׳תש״ב) דער ערשטער אידישער פילאָזאָף אויף וועלט שטייגער, גרונטלייגער פון מאָדערנעם אידישען געדאנק;

ר׳ יהודה הלוי אלס מחבר פון „כוזרי", דעם טעאָלאָגיש-פילאָזאָפישען ווערק דורך וועלכען עס קומט צום אויסדרוק זיין וועלט-באנעם; דער רמב״ם אין „מורה נבוכים" און פיל אנדערע פון נאָך דער ספרדישער „גאָלדענער עפּאָכע" — זענען אלע געווען גוטע אפּאָלאָגעטיקער, פאַרטיידיגענדיג די אידישע אמונה קעגען אירע היידנישע באַקעמפער און ניט וועניגער קעגען אריסטאָטעלען און קעגען שפּעטערע פריידיינקערישע פילאָזאָפען אָדער טעאָלאָגען פון אנד. אמונות.

דער רמב״ן, האָט, צוליב געצוואונגענעם ויכוח מיט משומדים און גלחים, געמוזט פאַרלאָזען זיין געבורט-לאַנד שפּאַניע און אין יאָר 1267 אויסגעוואנדערט קיין ארץ-ישראל.

ר׳ יהודה הלוי דער אומפאַרגלייכלעכער דיכטער אין מיטעלאלטער מיט זיינע פיל-פאַרביגע פאָרמען און נאַציאָנאַלען פּאַטאָס, דער פּאָעט מיט שטאַרקען רגש און אומבאַגרייפליכע עמאָציעס, איז אויך געווען א ראַציאָנאַליסט, א דענקער מיט ריינער פאַרנונפט און לאָגיק. ווי ר׳ משה חיים לוצאטו (התס״ב-תק״ו) כאַראַקטערי-זירט אים אין „כרם חמד". אלס דער גרויסער קענער פון דער גריכישע און אראַ-בישע פילאָזאָפיעס, וועלכע האָט טיף און ערנסט געפאָרשט זייערע ווערק און גערעדט מיט סימפּאַטיע איז ניט פאַרבלענדט געוואָרען פון זייערע אויספירען און נאָך געוואָרענט אנדערע, זיי זאָלען ניט פאַרפירט ווערען פון זייער אויסערלאַכע שיינקייט.

די גריכישע פילאָזאָפיע, ספּעציעל די פּלאַטאָניש-אריסטאָטעלשע, האָט זיך איינגאַנצען געשטיצט אויפן מענשלעכען שכל און מבטל געווען אלצדינג וואָס מען קען ניט משיג זיין מיטן שכל. ר׳ יהודה הלוי אין „כוזרי" און דער רמב״ם אין זיינע פילאָזאָפישע ספרים, טרעטען ארויס שאַרף קעגען אזא באַהויפּטונג און דיאַלעקטיק, באַווייזענדיג די באַגרעניצונג פון דער ווירקונגס ספערע פון מענטשלעכען שכל. דעם רמבם׳ס קלאַסישען אויסדרוק איז דאָך דער „תכלית הידיעה שלא נדע", אז מיטן אויסשליסלעכען ראַציאָנאַלען דענקען, קען מען בשום אופן ניט דערגרייכען צו דער פולשטענדיגער דערקענטניש אין באַגריף. הלוי׳ס פילאָזאָפיע איז, אז מ׳קען ניט משיג זיין דעם אידישען גאָט מיטן אקטיווען אינטעליגענט („שכל הפועל"). מ׳קאָן דאָס נאָר דערגרייכען דורך אינטואַציע וואָס פאַרייניגט טאַט מיט כוונה, געפיל מיט געדאנק און דערהייבט דעם מענש צו א שלמותדיגקייט, צו א פּאָל-

***) זע, ד״ר ר׳ בנימין זאב בכר, אגדות התנאים, כרך ראשון, חלק ראשון (מתרגם מגרמנית ע״י א. ז. רבינוביץ, יפו א״י תר״פ ז. 58. דאָרט רעדט ער אַרום וועגען דער היסטאָרישער נסיעה פון די פירער וואָס ווערט דערמאַנט אין דער משנה (מעשר שני ה׳ ט׳ און ערובין ד׳ ב׳) און אין דער גמרא מכות כ״ד ע״ב און אין פיל שטעלען אין מדרש און ירושלמי.

ר׳ יהושע בן חנניה אלס תלמיד פון ר׳ יוחנן בן זכאי, האָט זיך באַמיט צוריק-צוהאַלטען פון אומזיסט פאַרגיסען בלוט, ווען ער האָט געזען אז די רוימער זענען מעכטיג און עס איז אוממעגליך אויפצוהייבען א רעוואָלט. ער האָט איינגעשטעלט די פאַרביטערטע און ליידענדע נשמות, טענה׳דיג: „גענוג וואָס זיי טוען אונז ניט קיין רעות, זאָל מען נאָך פאַרלאַנגען פון זיי טובות"?

קאַמענהייט וואָס פאַרבינדט אים מיט דאָס רוחניות'דיגע, אייביגע, לייטערונג פון נשמה פון אקטיווען שכל וואָס פירט צו גייסטיגער דערהייבונג פון באַקומען א רוח נבואה — גאָט זאָל פאַר אים אנטפּלעקען די צוקונפט אין אמתיע חלומות און ריכ־טיגע זעהונגען.

ר' יהודה הלוי, טרעט אויך שאַרף ארויס קעגען דער אַרעסטאָטעלישער לערע אַז אַלץ שטאַמט פון חומר היולי (עלעמענטאַר אור שטאָף) וואָס פון אים קומען די פיר יסודות (עלעמענטען): פייער, וואַסער, לופט און ערד און אַז אין די פיר געפינט זיך א כח, א פעאיגקייט אויסצונעמען די השפּעה פון אקטיווען שכל. ער לייקענט דאָס אָפּ און האַלט אַז אויף דעם פאָלקאָמענעם מענש איז משפּיע דאָס געטליכע ליכט, וואָס ווערט אָנגערופען אקטיווער שכל מיט וועלכען עס ווערט פעסט באהאַפּ־טען זיין אייגענער פאַסיווער שכל. ער האַלט אַז דער שכל איז ניט דער הויפּט קוואַל פון מענשענ'ס דערקענטניש, ס'איז דאָ אַן אנדער מקור — די נבואה וואָס קומט פון גאָט. ער האַלט אויך אַז דאָס אָפּשטאַמונג פון דער ערשטער סיבה איז ניט ווי א פּועל יוצא נאָר ווי אַן אויסשטראַלונג פון איר — די גייסטיגע שפע ווערט איבער־געטראָגען פון איין זאַך אויף אַן אנדערער, ווי דער פּסוק זאָגט: „ויאצל מן הרוח" (במדבר י"א).

ר' יהודה הלוי, איבערגעבענדיג די הויפּט יסודות פון דער דעמאָלטדיגער אַראַבישער פילאָזאָפיע וועלכע איז געווען א סינטעז פון די פילאָזאָפישע שיטות פון פּלאַטאָ און אריסטאָטעל, האָט ניט געוואָלט מינערען דעם באַדייט פון די דאָזיגע צוויי גריכישע פילאָזאָפען וועלכע האָבען, אין געגענזאַץ צו דער אמונה פון זייער פאָלק, וואָס האָט געשטעקט אין די מ"ט שערי טומאה פון געצענדינערייע זיך דער־הויבען צו דעם געדאַנק פון „אחדות הבורא", און געלערנט דעם פאָלק צו דענקען און צו ליבען זייערע באַגריפען וועגען דעם מהות פון דער געטלעכקייט, אַנטהאַלטען אָבער אין זיך פיל טעותים און פאַלשע מיינונגען וועלכע ר' יהודה הלוי באַווייזט אין זיין „כוזרי". פּונקט ווי דער רמב"ם באַנוגענט ער זיך ניט בלויז מיט דאָס נעג־אַטיווע צו באַווייזען אַז האָבען בלויז טיילווייז דערגרייכט דעם אמת, ער באַווייזט די העכערקייט פון דער אידישער אמונה אין דעם אַלמעכטיגען בורא און אַז אָט די פילאָזאָפיש־טיפע אמונה האָט די מענשהייט ניט געקענט באַקומען אויף קיין אנדע־רען אופן, ווי נאָר דורך איבערנאַטירליכער התגלות, ווייל אויף א נאַטירליכען וועג מיט דער הילף בלויז פון דעם מענשליכען שכל וואָלט מען קיינמאָל צו אַזא ריינעם און טיפען אמת נישט צוגעקומען *).

*) „ספר הכוזרי", מאמר א', סימן א' און ב'; זע אויך: ספר הכוזרי אין אידיש איבערזעצט פון יעקב לאַנדאַ, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. מ. ראָזנער, פאַרלאַג, ברייזבלאַט, וואַרשע תרצ"ב.

זע דאָרט באַמערקונג פון רעדאַקטאָר צו ז. 13: כמעט די זעלביגע שטעלונג צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, ספּעציעל צו דער פילאָזאָפיע פון פּלאַטאָן און אריסטאָטעל, האָבען ארויסגעוויזען די צוויי ריזען אין דער אידיש־רעליגיעזער פילאָזאָפיע ר' סעדיה גאון און דער רמב"ם, וועלכע האָבען אין זייערע טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע ווערק (דער ערשטער אין „אמונות והדעות" און דער צווייטער אין „מורה נבוכים") באַוויזען די גרויסקייט פון אונזער תורה און די יסודות פון אונזער אמונה.

אויב אידען האָבען זיך אויסגעדריקט שארף קעגען רוים, רופענדיג מלכות רומי, „מלכות הרשעה", איז עס געווען דערפאר, ווייל רוימישע צעזארען האָבען אָפּגעטאָן די אידען די אכזריותדיגע מעשים. ניט אומזיסט רופען זיי אָן מלכות רוים די פארצוקענדע חיה („חיה הטורפת"). ניט בלויז האָט פּאָמפּעאוס (48־106 פּ.ק.ע.) מיט זיינע נאָכפאָלגער פארצוקט דאָס שוואכע יהודה, נאָר אויך חרוב געמאכט אירע הייליגטימער און געוואָלט אָפּמעקען אידישען זכר, אידישע תורה, אידישע געשיכטע. ניט אומזיסט האָבען פיל אידען נאָך חורבן בית שני אויף זיך גענומען מאָדנעם אסקעטיזם: ניט צו עסען קיין פלייש, ניט צו טרינקען קיין וויין און ניט צו הייראַטען . . . שמד גזרות זענען געווען אָפטע דערשיינונגען. גזרות קעגען מילה, שמירת שבת א.א.וו. האָבען זיך געמערט. די יאָרען פון טריאנוס־אנדריאנוס האדריאן, האָבען איבערגעלאָזט א רויטען צייכען — פון בלוט און פייער — אין דער אידישער געשיכטע. ירושלים איז פאראקערט געוואָרען דורך דעם רשע טורנוסופוס (רוימישער גובערנאטאָר אין יהודה) און אויף איר אָרט איז אויפגעבויט געוואָרען א רוימישע שטאָט מיטן נאָמען „איליא קאפּיטאלינא". די גרעסטע אידישע פירער, די גרעסטע אידישע געלערנטע זענען אומגעקומען מיט מיתות משונות ווי די צען מארטירער באקאנט אלס „עשרה הרוגי מלכות". ניט דאָ איז דאָס פלאץ אויסצורעכענען רוים'ס ברוטאליטעט אין פארנעמען ארץ ישראל.

גענוג די באשרייבונגען אין מדרש רבה איכה, גיטין (נ"ז־נ"ח) תענית (כ"ט) סנהדרין (י"ד; צ"ז) מעילה (י"ז) קהלת רבה, בראשית רבה (פרשה י') און אין פיל אנדערע שטעלען אין תלמוד און מדרשים און ניט וועניגער אין „מלחמות היהודים" פון יאָזעפוס פלאוויוס, וועלכער האָט ווי ווייט מעגלעך זיך באצויגען סימפּאטיש צו די רוימער און ברענגט דאָך ארוים זייערע אכזריות'ן. *).

רוים'ס אנטשטייאונג, האָבען זיי געהאלטען האָט געבראכט יהודה'ס אונטערגאנג. איז דאָך אונז באקאנט דער מאמר פון ר' יצחק אז ווען שלמה המלך, האָט גענומען די „בת פרעה", האָט גבריאל המלאך ארונטערגענידערט פון הימעל, אריינגעזעצט א שטעקען אין ים, געמאכט אויף אים וואקסען גראָז און אויף דעם אינזעל איז געבויט געוואָרען די שטאָט רוים **).

די גזרות פון די רוימישע צעזארען דומיטיאן, טראַיאנוס, אדריאנעס, האָבען ארויסגערופען די גרעסטע שנאה צו רוים מצד די פארביטערטע און פארפּייניגטע אידען . . .

אָבער אויך צו רוים האָבען זיך די חכמים באצויגען מיט גרויס דרך ארץ און אנערקענט אירע מעלות. נאָכדעם ווי אין רוים האָט זיך אנטוויקעלט א גרויסער

*) אין א באזונדערער ארבעט וועגען רוים און די אידען, באשרייב איך די באציאונג צווישען די אידען און די רוימער. זע אויך „יביע אומר" (לודז תרצ"ו, ז"ז 159־165) א זייער אינטערעסאנטען מאמר א. נ. „אדום ורומי" וואו עס ווערט אומדירעקט ארויסגעבראכט געוויסע קלארקייטען אויף דעם געגענשטאנד, באזירט אויף מקורותדיגע קוואלען.

**) סנהדרין כ"א ע"ב. שיר השירים רבה, פסוק בני אמי נחרו בי, אן אנדערע ווערסיע: מיכאל, דער מלאך פון רחמים האָט זיך באנוצט מיט מידת הדין און געקומען אויפשטעלען רוים.

אידישער ישוב, האָבען די חכמים אויך געהאַלטען אז די שכינה רוט דאָרט צוזאַמען מיטן דאָרטיגען אידישען ישוב: „גלו לרומי וגלתה השכינה עמהם" *).

רוים'ס אכזריות איז אָבער געווען שרעקלעך. אנדריאנוס (גרויזאַמער האדרי־אן) האָט אמאָל געהייסען ארויסלאָזען רוף צו אלע באהאַלטענע, אז ער באַפרייט זיי. אָבער נאָכדעם, ווי זיי זענען ארויס פון ד באהאַלטענישען, באַפוילען דעם תליון, זיי צו הרגענען איבער דער צייט וואָס ער וועט אויפעסען „קרן גלוסקא וירך דתרנגול" (א שטיק בילקע מיט א פאָלקע פון א האָן), זיינע גזרות זענען באַגלייט געוואָרען מיט די הארבסטע שטראָפען **).

די רוימער, וועלכע האָבען איבערגענומען פון די גריכען אלע זייערע מנהגים און גלויבענס, אלע זייערע געטער (בלויז געענדערט זייערע נעמען) זענען אויך מאַ־ראליש, קולטורעל און געזעלשאַפטלעך ניט געשטאַנען העכער פון די ערשטע. ווי טעאָלאָגען, קולטור־פאָרשער באהויפּטען האָבען די מערב־פעלקער געהאט איבער־גענומען אלע ערגסטע מנהגים פון די כנענ'ישע פעלקער. די געמיינקייטען פון מזרח האָבען באהערשט דעם מערב מיט מער ברייטקייט און ברוטאַלקייט און הפקרדיגקייט. די ערגסטע סאָרטען פון אויסגעלאַסענקייט, האָט געהערשט אין אלטען רוים.

פאר קלענערע חטאים האָט רוים פארשיקט. ר' יוסי איז פארשיקט געוואָרען קיין צפורי ***) פאר גרעסערע חטאים, ווי היטען מצוות איז שוין געקומען טויט שטראָף.

עס איז נאָך ניט געקומען דער גרויסער אידישער היסטאָריקער וואָס זאָל באשרייבען די לאַנגע לעבענס געשיכטע פון די אידען אין רוים, די שווערע גזרות און פארפאָלגונגען און אויך דעם גייסטיגען פיין דורך די אנטי־רעליגיעזע באפעלען און שטענדיגע דיסקוסיעס, געצילט מערסטענס אָפּצושפּאָטען פון אידישען גלויבען, ווי די פראגעס פון טורנורופעס און אנד. אויף וועלכער ר' עקיבא און אנד. תנאים האָבען געענטפערט. (זע סנהדרין מ"ח ע"א; ס"ה ע"ב).

צו דעם „בית אבידן" האָבען אלע חכמים געמוזט קומען און זיי זענען געווען געצוואונגען זיך צו באטייליגען אין די דיסקוסיעס. אז ר' יהושע בן חנניה איז איינ־מאָל ניט געקומען, האָט אים דער קיסר פאָרגעהאַלטען. ער האָט זיך פארענט־פערט אז ער איז אלט און האָט שוין מער ניט קיין כח: „טור תלג, סחרוני גלידין, כלבוהו לא נבחין . . . (שבת קנ"ב ע"א.

---

*) ירושלמי תענית פרק א' הלכה א'; ספרי עקב י"ט; שקלים סוף פרק ג'.

אין רוים האָט זיך געשאַפען א גרויסער און רייכער אידישער ישוב וואָס איז פאר א צייט געווען פריי און נאָך געשיקט געלט קיין ירושלים. אין 3־טען יאָר־הונדערט האָבען זיך געפונען אידישע קהילות כמעט אין אלע רוימישע פראָווינצען.

**) זע תענית כ"ט; מעילה י"ז; סנהדרין י"ד.

***) זע, שבת ל"ג ע"ב. אין בבא מציעא פ"ד ע"א ווערט דערציילט אז אליהו הנביא האָט געטראָפען זיין זון ר' ישמעאל, און אָנגעשטעלטער ביי דער רוימישער רע־גירונג, האָט ער אים געראַטען צו אנטלויפען ווי זיין פאָטער וואָס איז אנטלאָפען קיין אזיע. זע חידושי מהר"ץ חיות, דאָרט.

ר' אליעזר, דער זון פון ר' יוס, איז אויך געווען אין רוים, זע שבת ס"ג; סוכה ה'; און אין אנד. מקומות אין דער תלמודישער ליטעראטור.

דער תנא ר׳ אלעזר בן פרטא, האָט זיך אמאָל פאַרענטפערט, פאַרוואָס ער איז ניט געקומען צום „בי־אבידן״, ווייל ער איז שוין אלט און האָט מורא, זיי זאָלען אים ניט צוטרעטען . . . *)

רב, פלעגט זיך באמיען אויסצובאהאלטען זיך פון גיין צום „בי אבידן״ צו די וכוחים, דאגעגען שמואל רב׳ס חבר, באריממער אמורא און אסטראָנאָם, פלעגט אָפט זיך באטייליגען אין די דיסקוסיעס וואָס פלעגען פאָרקומען אין דעם „בי אבידן״ און האָט אויך דיסקוטירט פראגען פון אמונה מיט דעם קעניג סאפאָר („שבור מלכא״, גערופען אין דער גמרא) און אים באוויזען די אמת׳ן פון אונזער גלויבען *). רב יוסף האָט ניט קיין מורא געהאט זיך צו באטייליגען אין די וכוחים **). אינם „בי אבידן״ האָט זיך געפונען א גרויסע ביבליאָטעק, אויך אידישע ספרים און רב יוסף בר חנין האָט געפרעגט רבי אבהו׳ן צי זיי זענען הייליג, מ׳זאָל זיי דארפען ראטעווען פון פייער ***).

אויך ר׳ אבוהו איז אין זיין צייט, אין צייט פון די אמוראים, געווען באריממט אלס מתוכח, פאָלעמיקער און איז שטענדיג געשיקט געוואָרען פארטיידיגען די אי־דישע אמונה. וועגען אים ווערט געזאָגט „„דהוי משתעי בלשון חכמה״. ער האָט גערעדט שיין און באזיגט זיינע קעגנער אויך מיט שיין־רעדעריי ****).

פון צייט צו צייט פלעגען דאָרט קומען תנאים און שפעטער אמוראים פון ארץ ישראל און בבל באזאָרגען זיי מיט אידישע געלערנטע און אָנהאלטען מיט זיי דעם קאָנטאקט. ר׳ מתיא בן הרש איז געווען אן אָפטער באזוכער אין רוים *****) און ער האָט געהאט א זייער גוטער, סימפאטישע באציאונג, באהויפטענדיג: „הוי מקדם בשלום כל אדם״ — (אבות ד׳ ט׳), ווי דער ברטנורא באמערקט: „אפילו לנכרי בשוק״. ר׳ אלעזר ברבי יוסי פלעגט קומען אין רוים דאָרט געזען דעם ציץ פון כהן גדול ******).

קיין רוים זענען אויך געקומען צווישען אנדערע די אמוראים ר׳ חייא בר אבא און ר׳ אבא בר סמינא.

מיט׳ן זיג פון קריסטענטום האָט זיך די לאגע פון אידען פארערגערט. די קריסטלעכע מאכט, האָבען געוואָלט אָפשמד׳ן אלע אידען וואָס ווילען בלייבען אין רוים — אָבער וועגען דעם אין א ווייטערען קאפיטעל.

---

*) עבודה זרה י״ז ע״א.

*) סנהדרין צ״ח ע״א.

**) שבת קט״ז ע״א.

***) דאָרט.

****) זע ערובין נ״ג ע״ב; ברכות י״ד ע״א; סוכה מ״ח ע״ב; סנהדרין ל״ט און צ״א ע״א; עבודה זרה ז׳ ד׳ ע״א א. א. מקומות.

וועגען נאָמען „אבידן״, זאָגט דער רמב״ם (ידים ד׳ ו׳) אז די חכמים האָבען עס גערופען דאָס הויז וואָס זאָל פארלוירען ווערען (אבידן פון אבדה). פאַראַן אנ־דערע מיינונגען. ש. י. ראפאפאָרט האלט אז דאָס איז א פערסיש וואָרט „אבאדיאן״ וואָס מיינט מאַרק וואו מ׳פארזאמעלט זיך, „יריד״ אין אונזער אידיש.

*****) זע יומא נ״ד ע״ב; שאל ר׳ מתנא בן הרש את ר׳ שמעון ברומי; יומא פ״י ע״א: שאל ר׳ מתיא ב׳ חרש את ר׳ אלעזר בו עזריה ברומי״ . . .

******) זע שבת ס״ג, סוכה ה׳.

ט. באציאונג צו קריסטען — די ערשטע עפּאָכע פון קריסטענטום. — אידישע קריסטען און היידנישע.

מיר געפינען אין תלמוד, זייער ווייניג וועגען קריסטענטום. אויב יאָ, איז עס, מערסטענס אין א פארשטעלט לשון. מיר ווייסען אָבער פון פארשיידענע היסטאָרישע קוואלען, אז די באציאונג איז געווען א שטארק געגנערישע צו די ערשטע אידישע קריסטען אין די לעצטע יאָרען פאר'ן חורבן פון צווייטען בית המקדש, ווען די קריסטלעכע באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען ארויסשיילען פון דער אסיים סעקטע, די אזוי גערופענע אוטאָפּישע אסקעטען־קאָמונארען פון גליל. די שנאה איז געוואָרען זייער גרויס נאָכ'ן חורבן, ווען די קריסטוס־פּרעדיגער און נאָכפאָלגער האָבען געשטעלט אין סכנה די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. אין יענער צייט איז פארשארפט געוואָרען די שנאה צווישען אידען און דער קריסטלעכער סעקטע. די לעצטע האָבען דאָך געשטערט די אינערלעכער איינהייטלעכקייט וואָס די פירער פון אידענטום, האָבען זיך אָנגעשטרענגט מיט אלע כחות אָנצוהאַלטען. אין יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען שארפע וכוחים צווישען די תנאים און די פירער פון דער קריסטלעכער סעקטע, וועלכע האָבען זיך ארומגעטראָגען מיט א געפיל פון פראָווידענציעלער שליחות, די לעצטע האָבען אויך געוואָלט ענדערען מצוות פון דער תורה און פארלייקענען די עיקרים פון תורה שבעל פה, די אידישע מסורה, וואָס איז מיטגעגאנגען מיט דער געשריבענער תורה.

רבן גמליאל דיבנה (ווערט אויך גערופען דער צווייטער ר' גמליאל), דער פירער פון אידענטום, האָט דאן מיט דער הילף פון שמואל הקטן *), און מיט דער צושטימונג פון שמעון הפקולי **) מתקן געווען צו זאָגען די „ברכת המינים" אין דער שמונה עשרה. לויט דעם רמבם'ס מיינונג איז „מינים" געמיינט די דעמאָלטדיגע אידישע קריסטען ***). „מינים" קאָן זיין געמיינט אויך און אפשר בעיקר די ניט גלויביגע. מיט דער ברכה, איז מען אויסען געווען צו זען, ווער איז פאר און ווער עס איז געגען דער אידישער אמונה. ווער עס האָט ניט געזאָגט די ברכה האָט מען אים אוועקגענומען פון עמוד און אים ניט דערלויבט צו דאווענען פאר'ן פאָלק ****).

*) שמואל הקטן ווערט שטארק געלויבט אין תלמוד אלס מאן וואָס האָט געהאט רוח הקודש. זע, סנהדרין י"א ע"א; ירושלמי סוטה כ"ד ע"ב, מ"ח ע"ב; שיר רבה ח' ט' און אנד. מקומות. ווען ער איז נפטר געוואָרען האָט מען אים מספיד געווען „הי חסיד, הי ענו, תלמידו של הלל" (סנהדרין י"ז). ער האָט דאָס פאָראויס געזאָגט פאר'ן טויט: שמעון (ר' שמעון בן גמליאל) וישמעאל (בן אלישע) לחרבא (וועלען שטארבען דורך שווערד) וחברוהו לקטלא (און זייערע חברים וועלען געטויט ווערען) ושאר עמא לביזא ועקן סגיאין עתידין למיתי על עלמא (פיל צרות וועלען קומען אויף דער וועלט). ער איז געשטט. ניט איבערלאָזענדיג קיין קינדער. ער ווערט גערופען „קטן" — ווייל ער האָט זיך געהאלטען קליין און טייל זאָגען ווייל ער איז גאָרניט קלענער געווען אין נבואה, פון שמואל הרמתי — דאָרט, און אין ירושלמי סוטה ט' י"ג. אין אבות (פרק ד' משנה י"ט) ווערט דערמאנט זיין מאמר: בנפול אויבך אל תשמח . . . וואָס איז א פסוק אין משלי כ"ד.

**) זע ברכות כ"ח ע"ב און מגילה י"ז ע"ב.

***) פיל פאָרשער זענען מחולק אויפ'ן רמב"ם און האלטען אז מינים מיינט ניט קריסטען, נאָר די היידען וואָס האָבען גע'מס'רט און געפייניגט אידען.

****) ברכות פרק ב' משנה ז'. זע, ד"ר ר' בנימין זאב בכר, אגדות התנאים, כרך ראשון, חלק ראשון, יפו תר"פ, ז"ז 63־64.

אָבער דערזעלביגער ר׳ גמליאל וואָס האָט איינגעפירט די ברכת המינים איז געווען זייער פריינטלעך צו ניט־אידען *) און זיך אפילו געוואשען אין ניט אידישע בעדער **). ר׳ גמליאל אָן אור־איניקעל צו הלל הזקן, האָט געווים, ווי זיין זיידע, געהאלטען, אז דער „ואהבת לרעך כמוך" איז ניט געמיינט בלויז אידען, נאָר אויך ניט אידען, ווי ער האָט אין זיין בארימט ווערט צום גר געזאָגט: „כל מה דעלך סני לחבריך לא תעביד", וואָס דיר איז ניט ליב זאָלסטו ניט נאָן צו אנדערע אָדער זיין אויסדרוק אין אבות (פרק א׳ י״ב): „אוהב שלום . . . אוהב את הבריות . . . ." (האָב ליב שלום, האָב ליב מענשען). ר׳ עקיבא, זייער תלמיד, האָט טאקע פראָקלאַמירט ואהבת לרעך כמוך — זי כלל גדול בתורה ***).

אין יענעם ערשטען יאָרהונדערט נאָך דעם חורבן פון צווייטען בית המקדש, ווען די תלמודישע ליטעראטור איז געווען אין איר פולען אויפבלי, ווען עס האָבען געלעבט און געווירקט די וויכטיגסטע כחות פון אירע שאפער, די ראשי המדברים פון דער תורה שבעל פה און פארטיידיגער פון אידענטום קעגען די היידען און קעגען דער קריסטלעכער באוועגונג, וואָס האָט פארכאפט גרויסע פאָזיציעס אין דער ציווילי־זירטער וועלט — אין יענער צייט זענען דערשינען פארשיידענע ספרים געגען אידען און אידענטום פון היידען־שרייבער אנטיסעמיטען, אידען־פיינט וואָס האָבען אויסגעטראכט אויף אידען כל־דאָס בייז און אויך פון קריסטלעכע אַפּאָסטאָלען וועלכע האָבען געזאָגט אז זיי זענען די איינציגע יורשים פון אמת׳ן אידענטום און טיילוויז זיך אידענטיפיצירט מיט די פריערדיגע, וואָס שייך די אידען וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט די פרושים.

מתי המוכס (מאטאי דער אקציזניק) ווי ער ווערט ביי פיל גערופען, א תלמיד פון ישו הנוצרי, איינער פון די צוועלף אפּאָסטאָלען אויף וועמענס נאָמען עס גייט דאָס ערשטע עוואנגעליום, „די הייליגע בשורה פון מתי" האָט געטראָגען אין זיך א טיפע שנאה צו דער אידישער געזעלשאפט. אין ערגעץ ניט אין „נייעם טעסטאַמענט" איז אויסגעגאָסען אזויפיל תוכחה, אזויפיל גיפט אויף די פרושים, ווי אין מתי׳ס בשורה. אין זיין שילדערען די קרייציגונג פון דעם נוצרי מאכט ער ריין דעם רוימישען פּראָקוראטאָר פילאטוס און ווארפט די שולד אויף די פרושים, די אידישע פאָלקס־פירער: „און ווען פילאט האָט געזען, אז ער וועט גאָרניט העלפען . . . האָט ער גענומען וואסער און אָפּגעוואשען די הענט פאר די אויגען פון פאָלק און ער האָט געזאָגט: ריין בין איך פון בלוט פון דעם צדיק, ווי איר זעט. און דאָס גאנצע פאָלק האָט געענטפערט און געזאָגט: זאָל זיין בלוט זיין אויף אונז און אויף אנזוערע קינדער" ****).

*) זע ערובין ס״ד ע״א; תוספתא מועד קטן ב׳ ט״ו — אין פסחים נ״א ע״ב — די גירסא ר׳ שמעון בן גמליאל.

) עבודה זרה, פרק ג׳ משנה ד׳. *) ספרא דארט; בראשית רבה כ״ד.

****) זע מתי, 25, 27. אויף דער טעמע, מתי און די ערשטע העצע קעגען אידען פון די קריסטלעכע אפּאָסטאָלען, האָט א. ליעסין א וואונדערלעכע פּאָעמע א. ג. „מתי המוכס". מתי׳ס שנאה צו אידען, האָט זיך מן הסתם גענומען דערפון וואָס זיי האָבען אים, אלס רוימישער אקציזניק, געהאסט און פאראכטעט, און אין נוצרי׳ס קרייז, האָט מען אים מקרב געווען און געהאלטען פאר א תלמיד. מער, ווי וועלכער ס׳איז פון די אפּאָסטאָלען, האָט ער געוואָלט ארויפליינען די שולד פון קרייציגונג אויף די אידען פאר דורות און דורות. זע אויך מתי ב״א 42-43.

אין יענער צייט, האָבען די אידישע קריסטען זיך באנוצט מיט אלע קאמפס מעטאָדען קעגען די פרושים, די אידישע פאָלקס־פירער וועלכע האָבען געטאָן אלע מעגלעכעס פאר דער עקזיסטענץ פון פאָלק און פאר דער פרייהייט פון אידישען לאנד. די פרושים זענען אין זייערע אויגען פארמיאוסט געוואָרען, אנגערופען מיט ערגסטע נעמען — ווייל אין די פרושים האָבען זיי געזען זייער שטארקען שונא.

די קריסטלעכע וועלט גייענדיג אין זייערע פוס־טריט האָבען אָט די שנאה ארויסגעוויזען אויף שוידערלעכע אופנים פארגיסענדיג דערביי ימים אידיש בלוט. די קריסטלעכע מאכט־האָבער און קריסטלעכע געלערנטע האָבען ארויסגעוויזען שנאה ניט בלויז צום לעבעדיגען איד, נאָר בעיקר צום אידענטום וואָס האָט נאָכ־געפאָלגט די לערעס פון די פרושים. גענוג א בליק צו טאָן אין שאפען פון די רוי־מישע געלערנטע, די קענער פון רוימישער היסטאָגראפיע פון אלטערטום ביז אין די לעצטע צייטען פון אונזער עפּאָכע און זען ווי זיי האָבען זיך ניט באפרייט פון יענעם פאראורטייל קעגען די פרושים און קעגען אידענטום לויטן מאָדעל פון תורה שבעל־פה.

וועגען יענער עפּאָכע, איז אין די לעצטע צייטען פיל געשריבען געוואָרען און אין די ראמען פון מיין איצטיגער ארבעט איז מער ניט מעגלעך ווי ארייננבליקען דורך א פענסטער און דערזען די אמת'ע ליכט, וואָס שייך די באציאונג צום קריס־טענטום *).

---

*) די עפּאָכע פון בית שני, די אנטשטייאונג פון קריסטענטום די ערשטע קאמפען צווישען אידענטום און קריסטענטום, האָט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון היסטאָריקער, קולטור־פאָרשער קינסטלער און סאָציאָלאָגען פון די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער.

די דעמאָלטדיקע עפּאָכע איז איינגעהילט אין א געדיכטען טומאן. זי איז ניט בלויז פארפלאָנטערט, קאָמפּליצירט. זי איז ארומגערינגעלט מיט לעגענדעס אויף וועלכע קיין וויסענשאפטסמאן קען זיך ניט שטיצען.

גענוג צו דערמאנען די פיל ווערק פון אברהם גייגער און מאָריץ (משה) גידעמאן, ספּעציעל דעם לעצטענס ווערק: דאָס יודענטהום אינם נייע־טעסטאמענט־ליכען צייטאלטער אין קריסטלעכער פארשטעלונג (1893) און „יודישע אפּאָלאָגע־טיק" (1906).

באזונדערס איז פון גרוים וויכטיגקייט דער בייטראג פון פּראָפ. יוסף קלויז־נער, א מומחה אויף דעם געביט.

איינס פון זיינע ווערק, „מישו עד פאולוס" (הוצאת „מדע" תל־אביב 1940) האָט ארויסגערופען גרוים קריטיק אין דער איד. וועלט. ער פארלאָזט זיך צופיל אויף די עוואנגעליעס פון נייעם „טעסטאמענט" און בכלל איז מען ניט מסכים מיט זיין געדאנקען־גאנג. די היסטאָרישע פאקטען וואָס געפינען זיך אין בוך זענען אָבער אינטערעסאנט און ביז גאָר וויכטיג פאר דעם וואָס וויל זיך באקענען מיט יענער עפּאָכע.

קלויזנערס ווערק, „ישו הנוצרי, זמנו, חייו ותורתו", האָט זוכה געווען צו פיל אויפלאגעס און איבערזעצט געוואָרען אין אנד. שפראכען.

לעצטענס זענען דערשינען נאָך ווערק, צווישען זיי, דאָס ווערק פון א. צ. מארקוס: „לתולדות דת נצרת", הוצאת, ספרים דרום, ירושלים תרצ"ו. חיים בלאָך, „ודע מה שתשיב", ניו יאָרק תש"ג. דער שרייבער פון די שורות, האָט פארעפענט־לעכט א צאָל מאמרים וועגען אנטיסעמיטיזם און אלטערטום, אין וועלכע דאָס אלט־קריסטענטום ווערט דערמאנט אין זעלביגען צוזאמענהאנג.

די רוימער פון זייער זייט, האָבען אָבער געדודפט סיי די אידען און סיי די קריסטען. ס'ווערט דערציילט אז ר' אליעזר בן הורקנוס איז אמאָל געכאַפּט און פראָ־צעסירט געוואָרען פאר מינות־(נוצרות?) ווען ער איז באַפרייט געוואָרען, האָט ער זיך מצער געווען פאר וואָס מ'האָט אים פאַרדעכטיגט אין מינות. זענען די תלמידים געקומען אים טרייסטען, האָט ער ניט געוואָלט צונעמען קיין טרייסט. איז ר' עקיבא געקומען צו אים און אים געפרעגט: רבי, אפשר האָסטו געהערט א וואָרט פון א מין וואָס ס'איז דיר געפעלען? האָט ער אים געענטפערט יאָ! איך שוועד דו האָסט מיך דערמאָנט. כ'בין אמאָל געגאַנגען אויף די גאַסען פון צפורי, איז געקומען צו מיר א מענש מיטן נאָמען יעקב פון דאָרף סכני און האָט מיר געזאָגט א וואָרט פון דעם דאָ־זיגען („פלוני") און ס'איז מיר געפעלען. דאָס וואָרט איז געווען: ס'שטייט געשריבען אין אייער תורה: „לא תביא אתנן זונה ומחיר כלב (דברים כ"ג י"ט)—וואָס איז מיט זיי? האָב איך אים געענטפערט: אסור. האָט ער ווידער געפרעגט: צו א קרבן זענען זיי אסור, זאָל מען זיי פאַרלירען? האָב איך אים געפרעגט וואָס דען זאָל מען טאָן מיט זיי, האָט ער מיר געזאָגט: מאכען בעדער און בתי־כסאות (קלאָזעטס)... האָב איך אים געזאָגט ביזט גערעכט... האָט ער מיר געזאָגט אזוי האָט דער „פלוני" געזאָגט: כי מאתנן זונה קבצה ועד אתנן .זונה ישובו (מיכה א' ז') צוליב דעם איז מיין עונש געקומען, מ'זאָל מיך פאַרדעכטיגען אין מינות. איך האָב עובר געווען אויף דעם פסוק: „הרחק מעליה דרכך" (משלי ה' ח'): זו המינות... *).

די אידען האָבען געגוג זיך אָנגעליטען ווען ארץ ישראל איז געווען אונטער דער היידנישער רוימישער הערשאַפט (73־315) פאר דער קריסטלעכער הערשאַפט. ערגער אין פיל הינזיכטען איז זיי געווען אונטער דער קריסטלעכער־רוימישער הער־שאַפט וואָס האָט געוואָלט באַהערשען ניט בלויז דעם גוף נאָר אויך די נשמה פון פאָלק ישראל. אונטער דער קריסטלעכער רוים האָבען אידען פאַרלוירען זייער אויטאָנאָמיע אין ארץ ישראל.

און ניט נאָר אין קריסטלעכען רוים, האָבען אידען געליטען אויך אין קריסטלעכען גריכענלאַנד האָבען אידען זיך געגוג אָנגעליטען. אין דער שטאָט קאָנסטאַנטינאָ האָבען די גריכען אין יאָר 502, נאָך דער קריסטלעכער צייט רעכע־נונג, אויסגעהרגעט אלע אידען, מענער, פרויען און קינדער, באַשולדיגענדיג די אידן אין פאַראַט.

די אידען האָבען געהאַט געגוג אויסצושטיין פון די קריסטען, נאָכדעם ווי זיי זענען געוואָרען א מאכט און פאַרכאַפּט די רוימישע געזעלשאַפט. אין תענית (פרק ד' משנה ג') ווערט געזאָגט, אז די „אנשי מעמד" האָבען ניט געפאַסט זונטאָג. ווערט דערויף געזאָגט א טעם אין מסכת סופרים (פרק י"ז הלכה ה') צוליב די

*) זע עבודה זרה ט"ז ע"ב; קהלת רבה א' ח'; תוספתא חולין ב' כ"ד ירושלמי. סנהדרין כ"ה ווערט אויך דערציילט אז אליעזר און ר' יהושע האָבען באַזיגט א נוצרישען כשוף־מאַכער אין טבריה. זע בכר, דאָרט ז. 82.

„נוצרים", זיי זאָלען ניט זאָגען אז אין טאָג ווען זיי פרייען זיך, פאסטען מיר *). מיט די „נוצרים" איז פארבאַטען געוואָרען צו האנדלען זונטאָג, זייער רו־טאָג און דער רמב"ם זאָגט אז זייער זונטאָג איז יום אידם" **).

ווען מען רעדט וועגען די ערשטע נוצרים (קריסטען) דארף מען אונטער־שיידען צווישען די ניט־אידישע קריסטען און די אידישע קריסטען. די ערשטע זע־נען נאָך געווען געגוג אָנגעשטעקט פון היידנישקייט און אלע זייערע מנהגים זענען געווען היידניש.

עס האָט געדארפט נעמען א לאנגען פראָצעס פון אנטוויקלונג, דורכגייענדיג פארשיידענע סטאַדיעס פון פראָגרעס, די פעלקער זאָלען באגרייפען אפילו די יעזוס־מיסיע און אודאי האָבען זיי ניט באנומען די אידישע מיסיע פון הויכע מאָראלישע און עטישע באגריפען. ווען די אפאָסטאָלען זאָלען געווען ברענגען די יעזוס רעליגיע צו די פעלקער אין איר אָריגינאַל, וואלט די וועלט אפשר געהאט א בעסערען אויסזען. זיי האָבען איר אָבער געזוכט צו צופאסען צו די פעלקער פון יענער צייט און צו זייערע גלויבענס . . .

די ערשטע אפאָסטאָלען ***) פון קריסטענטום האָבען זיך ניט פארנומען מיט צוימען די נייע נוצרים מיט צו שטארקע פאר זיי — עטישע גדרים. זיי האָבע זיך בלויז באמיט איבערצוגעבען דעם עיקר־יסוד פון זייער גלויבען, אין קאמף קעגען פּאָליטעאיזם וואָס איז געווען דער גורם צו דעם טומאה'דיגען לעבען פון פארצייטיקע פעלקער.

די אפאָסטאָלען, די שליחים און פארשפרייטער פון קריסטלעכען גלויבען, די פרייהיגער פון יעזוס אמונה, באמיענדיג זיך ארויסצוברענגען פאר די פעלקער פון דער וועלט דאָס ליכט פון זייער אמונה, אז דער „משיח" איז שוין געקומען אויף דער וועלט, אז ער האָט מיט זיין קערפער וואָס איז געקרייציגט געוואָרען אויסגעלייזט די וועלט, האָבען זיך וויניג־וואָס פאראינטערעסירט מיט'ן פראקטישען לעבען פון די נייע נאָכפאָלגער, אזוי, אז אפילו נאָכדעם ווי די באפעלקערונג האָט אָנגע־הויבען איבערנעמען טיילען פון נייעם גלויבען, האָט זיך וועניג־וואָס געפילט ביי זיי א מאָראלישע ענדערונג. דאָס היידנישקייט איז ביי זיי ניט אויסגעוואָרצעלט געוואָ־רען. סימנים פון געצענדינערײ", איז ביי זיי געבליבען.

שאול פון תרשיש, וואָס איז געוואָרען דער פאולוס (סט. פאאול) האָט אָפגע־זונדערט די נייע סעקטע פון אידענטום און זיך באמיט איר צו צופאסען צום היי־דענטום. אלס קלוגע פאָליטיקער און רעליגיע פרעדיגער, האָט ער אָן צווייפעל פאר־שטאנען אז די געצענדינער וועלען ניט אָננעמען יעזוס'עם לערע איינגאנצען צוליב איר צופיל אידישקייט, האָט ער איר געענדערט אויף אן אופן, אז זי זאָל זיין אָננעמ־

*) זע ימין ושמאל ז. ר"ז, „באַטש דאָס באשטימען זונטאָג פאר רו־טאָג, איז פאָרגעקומען ארום צוואנציג יאָר נאָכ'ן חורבן פון צווייטען בית המקדש, ווען דער מנהג פון „מעמדות" האָט שוין ניט עקזיסטירט, איז אָבער מעגלעך אז די תעניתים זענען אָנגעגאנגען. זע אויך דר. א. אלבוגן, „תולדות התפלה" חלק ז.

**) זע עבודה זרה ו' ע"א; רמב"ם פירוש המשנה דאָרט און יד החזקה פרק ט' הלכות עבודה זרה הלכה ד'.

***) אפאָסטאָל, וועמען מען טרויט א רעליגיעזע מיסיע. צוועלף אפאָסטאָלען האָבען פארשפרייט דאָס קריסטענטום.

באר צו די היידען. ער האָט למשל מבטל געמאַכט די מצוה פון מילה, כדי לייכטער צו מאַכען פאַר א מאַן איבערצוגיין צום נייעם גלויבען.

אין זיין בוך „מישו עד פּאולס״, באהאַנדעלט דר. יוסף קלויזנער אויספירלעך — די דאָזיקע עפּאָכע, באווייזענדיג ווי די רעליגיע פון די געצענדינער איז דאַן שוין געווען אויסגעליידינט פון אינהאַלט און ווען פּאולוס האָט פאַר זיי לייכטער געמאַכט דעם נייעם גלויבען האָבען זיי זיך אין דעם אָנגעכאַפּט. ער ברענגט אויך פאַקטען אַז פּאולוס האָט אַגיטירט זיין קריסטענטום צווישען די אידען פון אויסלאַנד, צווישען די אידען פון חוץ לארץ. זיי, וועלכע זענען שוין געווען אָפּגעריסען פון אידישען פּאָליטישען און רעליגיעזען צענטער, האָבען געקענט באַאיינפלוסט ווערען פון דער נייער לערע מער, איידער די אידען פון ארץ ישראל אונטער דער פולער פּרושים השפּעה.

נאָכמער, דאָס קריסטלעכע רוים, ווי מיר האָבען אין פריערדיגע קאַפּיטלען באַמערקט האָט זיך באַציוגען צו אידען ערגער ווי דאָס היידנישע. אידען־פיינטשאַפט האָט זיך דאָרט געשטאַרקט (זאָל עס קלינגען פּאַראַדאָקסאַל) און ווען די קריסטלעכע רעליגיע איז געוואָרען די שטאַאַט־רעליגיע, נאָכדעם ווי דער רוימישער קיסר קאָנסטאַנטין (312־337) איז איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום, האָט זי אָנגעהויבען אָנווענדען אַלערליי פאַרניכטונגס־מיטלען געגען אידענטום און אידען. דאָס יונגע קריסטענטום אין רוים האָט אָנגעהויבען איר מאַכט מיט אויסנאַמס־געזעצען געגען אידען און זיך ניט צוריקגעהאַלטען אפילו פון מאַסען־מאָרדען.

דער פּויפּסט אינאָסענט, דער דריטער איז דער שאַפער פון דער געלער לאַטע.

דאָס איז געווען אין אַלטערטום, אין מיטעלאַלטער און אין דער נייער צייט איז דאָך אָפּגערעדט אומאויפהערלעכע גזרות, גירושים, שחיטות — אידישע געשיכטע אין מיטעל־אַלטער איז דורכגעוועיקט מיט בלוט און טרערען. איצט, גזרת ד׳ תתנ׳ו; גזרת ת״ח ות״ט א. א. וו. ניט איינמאָל איז דער תלמוד פאַרברענט געוואָרען אויף אויטאָדאַ־פעס שריפת התלמוד אין רוים (10 אויגוסט 1553); שריפת התלמוד אין פּאַריז א.א.וו.

זיי די קריסטען וועלכע האָבען געדאַרפט זיין דאַנקבאַר דעם אידישען פאָלק, וואָס האָט זיי געגעבען א יעזוס, (משיח אין גריכיש), האָבען זיך נאָר באַנוצט מיט די בלבולים פון די היידנישע אידען־פיינט. זיי האָבען זיך באַנוצט מיט די פאַלשקייטען פון אַפּיאָן, טאַציטוס און אַנדערע. די סדרה פאַראַכטונג און בלבולים מצד געוויסע פירער פון דער קריסטלעכער רעליגיע ציט זיך ווי איין שניר פון אַלטערטום, מיטעלאַלטער און נייער צייט.

אונז זענען גוט באַקאַנט די טרויעריגע קאַפּיטלען אין דער מענשלעכער געשיכטע. די עפּאָכעס פון קרייצצוגען, ווען הונדערטער טויזנטער אידען זענען אויסגעהרג׳עט געוואָרען, פאַרברענט געוואָרען פאַר זייער טריהייט צו זייער פאָלק און זייער אמונה. די יאָרהונדערטער פון גירושים און מאַסען מאָרדען וואָס זענען געפירט געוואָרען אין נאָמען פון קריסטוס. דער גירוש פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אָן אַרויסטרייבונג, וועמעס נאָכווייען מיר פילען נאָך היינט נאָך פיר הונדערט יאָר. עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבען א טראָפּען פון ליידענטום.

פיל קריסטליכע גייסטליכע האָבען געהאָלפען פארשפרייטען די גיפטיגע אנ־טיסעמיטישע פראָפּאגאנדע, געמיינע, דעמאגאָגישע ליטעראטור. און אָפּט מאָל גע־האָלפען פארשפרייטען די ראסען־טעאָריע, וואָס איז דורכאויס פאלש לויט דער קריסטליכער לערע פון מענשען־ליבע און מענשען דערלייזונג, וואָס איז פּראָקלא־מירט געוואָרען פון די שליחים ווען זיי האָבען איר פארוואנדעלט אין אן אוניווער־סאלע לערע *).

די חכמי התלמוד, פון דער משנה און גמרא, די פּוסקים און פילאָזאָפען אין מיטעלאלטער און די רבנים אין דער נייער צייט, האָבען זיך באמיט מיט אלע כחות פארטיידיגען דאָס אידענטום און ניט בלויז אויסערליך, אינם קאמף קעגען אנטי־סעמיטיזם, נאָר בעיקר אינערליך, געשטארקט דעם אידישען מוט, געהויבען דעם כבוד פון אידישען פאָלק און דאָס חשיבות פון יעדען איד באזונדער און דערמיט ניט געלאָזט אונטערגראָבען דעם אידישען עקזיסטענץ.

די חכמי התלמוד און זייערע נאָכפאָלגער, האָבען אויך געהאלטען אז דער עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק קאָן נאָר זיין געזיכערט דורך דער תורה, וואָס איז א נצחיותדיגע, אן אייביקע. זיי האָבען געהאלטען אז נאָר דורך אן אָפּגעשלאָסען אידיש־לעבען, איז דאָס אידענטום געזיכערט געגען אלע סכנות און געפארען. האָבען זיי דעריבער אויך געמוזט קעמפען קעגען די נוצרים, וועלכע זענען ארויסגעקומען מיט א נייער לערע אז זינט יעזוס'ן זענען די פּראקטישע מצוות און געזעצען בטל. מ'דארף בלויז גלויבען אין זייער משיח'ן און אין די מצוות וואָס ער האָט געהייסען אָפּהיטען. אין אָנהויב איז עס געווען דורכאויסדיגער א י ד י ש ע ר ק א מ ף, ווייל די ערשטע נוצרים זענען דאך געווען אידען און זייערע ניט־אידישע נאָכפאָלגער האָבען זיך אויך באטראכט פאר אידען מן הסתם אלס גרים, ווילענדיג פארהיטען דעם צוזאמענמיש זייערען מיט אמת'ע אידען־גלויביגע און פארהיטען פון זייער איינדרינגונג און השפעה, האָבען די חכמים פארבאָטען זייער שחיטה, זייערע ספרים, זייער וויין און ברויט א. א. און גע'פּסק'ענט: „ספר תורה שכתבו מין ישרף **).

טייל פון די חכמי התלמוד, האָבען זיך באצויגען נאָך שטרענגער צו זיי, אז זיי זענען שעדלעכער ווי עובדי אלילים פון וועלכע מ'וועט זיך ניט אָנלערנען: הגליונים וספרי המינים אין מצילים אותם מפני הדליקה. ר' יוסי אומר בחול קודר את האז־כרות שבהם והשאר שורפם. אמר ר' טרפון: אקפח את בני, שאם יבאו לידי אשרוף אותם ואת האזכרות שבהם, שאפילו אדם רודף אחריו להורגו ונחש רץ להכישו נכנס לבית אלילים ואינו נכנס לבתיהם של אלו, שהללו מכירים וכופרים ***). דער חטא זייער איז גרעסער, ווייל זיי ווייסען פון גאָט, פון אחדות אלקות און לייקע־נען . . .

די אידישע אמונה, האָט געשטעלט אלס איינע פון אירע עיקרים: „שזאת התורה לא תהא מחולפת" — אז די תורה וועט ניט פארביטען ווערען אויף קיין

*) פריער, איידער זי איז ארויס פון ישוס ווינקעל הערען מיר פון אים גאָר אנדערע ווערטער: „איך בין געשיקט געוואָרען נאָר צו די פארבלאָנדזשעטע שאָף פונם בית ישראל"; אויף דעם וועג צו די ג ו י ם זאָלט איר ניט גיין" און אז. וו.
**) גיטין מ"ה ע"ב. מ'איז אָבער ניט זיכער צו „מינים" מיינט קריסטען.
***) שבת קט"ז ע"א.

אנדערע, אז די תורה איז אן אייביגע. „ואלה המצוות—שאין נביא רשאי לחדש״ *) אָדער ווי עס ווערט געזאָגט אין ירושלמי: (מגילה פרק ג׳ הלכה ה׳) „אין התורה עתידה שתבטל״. די תורה איז ניט געגעבען אויף אומשטענדען און באדינגונגען. מיר ווייסען ניט גענוי די טעמים פון די מצוות, אז מיר זאָלען האָבען די רעכט זיי צו ענדערען, ווען די אורזאכען ווערען ניהילירט.

די אידישע חכמים, די גערופענע פרושים, האָבען ניט מסכים געווען מיט ישו׳ס געדאנקען ווענען שאפען א נייעם הימעל איבער דער ערד מיט א נייע תורה פון מענשלעכע סימפאטיע. די חכמים האָבען געלערנט אז א מענש קאָן מוחל זיין בלויז עברות צווישען מענש און מענש אָבער ניט עברות צווישען מענש קעגען גאָט.

מ׳קען ניט באהאנדלען אזא קאָמפליצירט און דעליקאַט ענין ווי אידענטום און קריסטענטום אין עטלעכע זייטלעך. עס איז אפילו אונמעגליך צו בארירען ברייטער און טיפער דעם היסטאָרישען מאָמענט ווען די וועגען פון אידישקייט און קריסטענטום זענען צעשיידט געוואָרען. מיר ווילען בלויז אָנווייזען אז קריסטען האָבען ניט קיין רעכט צו קומען און אורטיילען אויף א קאמף אין ארץ ישראל צווישען אידען און דערפאר פיינט צו האָבען די, וועלכע פאָלגען נאָך די געגנער פון דער ערשטער אידישער קריסטלעכער סעקטע.

פיל קריסטען טראָגען זיך ארום מיט דעם געדאנק אז אידען האָבען גע׳פסק׳ענט דעם טויט ישו׳ן. פארשטייט זיך, אז ווען זיי ווילען זיט עטוואָס באמיען נאָכצוזוכען היסטאָרישע שריפטען, וואָלטען זיי באלד אויסגעפינען אז ניט אידען האָבען אים געטויט און ניט זיי האָבען געהאט א רעכט אין יענער צייט ארויסצוגעבען טויט־אורטיילען. יעזוס איז געקרייציגט געוואָרען אויפן באפעל פון גענעראל פאָנטיוס פילאטוס, דעם רוימישען גובערנאטאָר איבער ארץ ישראל אין 29־טען יאָר פון דער קריסטלעכער ערא ערב פסח **). רוים האָט אין אים געזען א געפאר, דערמיט, וואָס ער האָט זיך דערקלערט אלס משיח. קריסטלעכע אידען־פיינט, האָבען דאָס אויסגעטראכט, אז די סנהדרין האָבען אים פאראורטיילט דעם טויט־שטראָף. מיר ווייסען אז אידען האָבען ניט געקרייצט.

קרייציגען אין פאָרם פון „צלם״, האָט דאָס געצענדינערישע רוים, ווי עס ווערט דערמאנט אזא סאָרט טויט אין יבמות (פרק ט״ז משנה ג׳): ראיהו מגליד ו צ ל ו ב. די סנהדרין האָבען אויך קיינמאָל ניט גע׳משפט אָדער דורכגעפירט א וועלכען עס איז טויט שטראָף אין יום־טוב אָדער ערב יום־טוב ***).

די שנאה צום איד מצד די קריסטען האָט מיט קיין לאָגיק ניט צו טאָן. די שנאה ביי זיי, איז א טיף־איינגעוואָרצעלטע פון די היידען. קריסטלעכער אנטיסעמיטיזם איז באזירט אויף עמאָציע פון „שנאת עולם לעם עולם״ וואָס די געצענדינערישע פעלקער האָבען זיי איבערגעגעבען. אין תוך איז קריסטענטום באזירט אויף מענשען־ליבע אויף גייסט און געדאנק, אָבער ניט אלע קריסטען זענען באַהויכט פון די עיקרים פון קריסטענטום.

*) ברכות כ״ח ע״ב.
**) סנהדרין מ״ג ע״ב; מתי כ״י ס״ג־ס״ה; מרקוס י״ד, נ״ח; לוקוס כ„ב ט׳.
***) סנהדרין ל״ב ע״א.

מיר געפינען דעריבער געגענזעצטע היפּוכדיג־קאָנטראַסטישע מיינונגען וועגען באַציאונג צו די אידען אפילו ביי די פּויפּסטען. אין יאָר 633 נ.ק.ע. איז אין טאָלעדאָ, שפּאַניע פאַרגעקומען א קאָנפערענץ פון גייסטלעכע און טעאָלאָגען, איז דאַן באַשלאָסען געוואָרען אז עס איז אן אומרעכט און אן אומזין צו ווע̄לען דריקען א מענש צוליב זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען. דאָס איז א זאך וואָס איז איבערגעגעבען צו גאָט, וועמען ער וויל, עפענט ער די אויגען . . . ביי אן אנדערען ענלעכען צוזאַמענפאָר אין 638־טען יאָר, איז אָנגענומען געוואָרען א באַשלוס אז „די אידען וואָס ווילען זיך ניט שמד'ן, זאָל מען ארויסטרייבען פון לאַנד, און אז יעדער קעניג זאָל פאַרן באַשטיגען דעם טראָן צו שווערען אז ער וועט ניט רחמנות האָבען אויף די וואָס ווילען ניט אָננעמען דאָס קריסטענטום" *).

אין פּוילען, האָט ביז גאָר לעצטענס פאַר דער קריג אָנגעפירט מיטן אנטי־סעמיטיזם, דער גלח יוזעף קרושינסקי, וועלכער האָט פאַרעפענטלעכט איבער א צענדליג ביכער און בראָשורען געגען אידען, באַנוצענדיג זיך מיט פאַלשע ציטאַטען פון תלמוד, שלחן ערוך און פוסקים בכלל. דער דאָזיגער גלח, האָט אויסגענוצט דאָס גאַנצע ביסעל גיפט קעגען אידען און דערמיט געשפּייזט זיינע קריסטלעך־קאַטוילישע צוהערער און געהאַט א געוואַלטיגע נאָכפאָלגערשאַפט אין די אוניווער־זיטעטען און ספּעציעל אין די רייען פון די ענדעקעס, וועלכע האָבען פּראָפּאַגאַנדירט קרושינסקיס געדאַנקען און פאַלשע באַהויפּטונגען צווישען דער פּוילישער אינ־טעליגענץ.

דאָ אין אמעריקא, האָט פּאַטער קאָגלין פאַרגיפטעט גרויסע טיילען פון קריסטלעכע מאַסען.

דאָס קריסטענטום, האָט אויף איר פאַן דעם דעוויז פון שלום. מיר זעען אָבער ווי, אין יעדען מענשלעכען קריזיס אָדער געראַנגל טריאומפירט די פאַרלענ־דענדיגע שווערד און מיט איר, דער שטרעבען צום מאַטעריעלען וואוילזיין וואָס איז גאָר אָפּט ווייט פון רעליגיעז־גייסטיגען דראַנג וואָס קומט פון נביאים און פון מענ־שען מיט הויכע מאָראַלישע התחייבות'ן, און די קריסטלעכע פירער זענען ניט בכוח זיך שטעלען קעגען א שטראָם.

אין דער איצטיגער ארבעט, ווי באַמערקט זענען מיר ניט פאַראינטערעסירט צו באַהאַנדלען דאָס קריסטענטום ניט פון טעאָלאָגישען שטאַנדפּונקט און ניט פון סאָציאַלען הומאַנישען **). דאָס געהערט צו אן אנדערער ארבעט. ס'לוינט זיך אָבער צו באַמערקען, אז אפילו צווישען די אבות פון קריסטענטום האָבען זיך געפי־נען אזעלכע וואָס האָבען געלאָזט פאַרשפּרייטען קעגען אידען פאַרשיידענע בלבולים, אויך דעם בלבול, אז אידען האָבען געטויט יעזוס'ן, וואָס כמעט אלע היסטאָריקער פון קריסטענטום, ערנסט רענאַן אריינגערעכענט האָבען פאַרגעוואָרפען.

דער רוסישער רייזענדער ניקאָלאַי נאָטאָוויטש, ברענגט א מאַנוסקריפּט וואָס ער האָט געפונען אין טיבעט אז די סנהדרין האָבען ניט בלויז אנטזאָגט ארויסצו־געבען א טויט אורטייל געגען ישו'ן, נאָר אפילו געזאָגט צום רוימישען גובערנאַטאָר, אז ער פאַרגיסט בלוט אומזיסט . . .***)

*) זע נחום סאָקאָלאָוו: שנאת עולם לעם עולם, ווארשא 1882 ז"ז. 121־116.

**) זע, נ. שמן, צווישען קריג און פרידען, ז"ז 46־53.

***) זע, קלמן שולמאַן, „דברי חפץ".

ווען אפילו דאָס זאָל אמת זיין, איז עס אַ לעכערליכע טענה צו היינטיגע אידען און צום אידענטום בכלל. אַט האָבען די גריכען גע'סמ'ט דעם גרויסען פילאָזאָף סאָקראַטעס, אַ גרויסע היסטאָרישע פיגור וועלכער האָט פיל בייגעטראָגען צו דער גייסטיגער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט. וועט אימיצען איינפאַלען צו האָבען טענות צו די היינטיגע גריכען?

איז, ווי האָבען קריסטען געקענט נעמען זיך דאָס רעכט צו באַגרעניצען די אידישע רעכט אין זייערע לענדער צוליב אַן אַלטען אויסגעטראַכטען בלבול? ווי האָבען זיי זיך דערלויבט צוליב דעם דערנידעריגען דאָס פאָלק וואָס האָט זיי געגעבען זייער משיח? . . .

פארשטייט זיך אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגען קריסטלעכע חסידי אומות העולם, וועלכע שאַצען אָפּ די גרויסע און אמת'ע ווערטען פון אידישקייט און דער אידישער אמונה. עס רעדט זיך בלויז וועגען די גרויסע טיילען קריסטלעכע מאַסען וועלכע ווערען דערצויגען אידען־פיינטלעך און ווערען פאַרפירט פון די בלבולים אויף אידען וואָס זענען געמאַכט געוואָרען פון קריסטלעכע פירער אין אלטערטום, אין מיטעלאַלטער און אפילו נאָך דעם רענעסאַנס. האָט דאָך דער באַרימטער ענגלישער שטאַאטסמאַן לאָרד באַלפור נאָך אין 1905 געזאָגט אין ענגלישען פאַרלאַמענט: „די באַהאַנדלונג פון אידען, איז די גרעסטע קריסטלעכע אונדאַנקבאַרקייט, וואָס באַפלעקט דעם נאָמען פון קריסטענטום".

דער באַרימטער ביבלישער געלערנטער ה א ר נ א ק שרייבט אַז „די געצענדינערישע קירכע האָט אוועקגערויבט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט, פון אידענטום; די טאָכטער וואַרפט אוועק די מוטער נאָכדעם ווי זי האָט פון איר אַלץ אוועקגענומען". אין זעלבען נוסח האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פיל אַנדערע קריסטלעכע געלערנטע און גייסטליכע וועלכע האָבן באַטראַכט קריסטלעכער אכזריות קעגען אידען אַלס שאַנדע פון קריסטענטום און רעשטלאַך פון געצענדינערייע.

דער באַקאַנטער קאַנאַדער פּראָפעסאָר וואַטסאָן טהאָמפּסאָן, האָט איבער דער קאַנאַדער ראַדיאָ (סי. בי. סי.) געהאַלטען אַ רעדע זונטאָג דעם 25־טען אַפּריל 1943 („איסטער סאָנדעי"), וואָס איז געהערט געוואָרען פון מיליאָנען מענשען, אין און אויסער קאַנאַדע, אויפוואָרפענדיג דער קריסטלעכער וועלט אַז אין דער צייט ווען זיי דערמאָנען מיט ציטער די קרייציציגונג פון איין איד . . . קוקען זיי זיך ווייניג אום אויף דער קרייציציגונג פון אַ גאַנץ פאָלק אידען, וואָס איז דער שרעקלעכסטער אַקט אין דער לאַנגער דראַמע פון מענשענס אוממענטשליכקייט צום מענשען וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונזערע אויגען איבער מיר ווילען עס נאָר זען. ער וואַרפט פאָר די קריסטען, אַז זיי זענען ניט ערנסט מיט זייער אָפיציעלער סימפּאַטיע צום אידישען פאָלק, אויב זיי האַלטען געשלאָסען די טויערען פון זייערע לענדער דורך וועלכע מען וואָלט געקענט ראַטעווען צענדליגע טויזענטער פליכטלינגע.

ווי אַ געטרייער קריסט, האָט וואַטסאָן זיין מיינונג — מיט וועלכער מיר מוזען ניט מסכים זיין — וועגען „אַלטען" און „נייעם" טעסטאַמענט, אַז דער ערשטער לייגט מער געוויכט אויף דעם ווערט פון גערעכטיגקייט און נקמה און דער צווייטער איז באַזירט אויף דער ליבע און רחמנות געפיל צום מענש וואָס שטייגט

איבער דעם גראדען שכל פון גערעכטיגקייט. ער איז אָבער נערעכט אלס ערליכער קריסט מיט זיין אָנווייזונג דער קריסטלעכער וועלט, אז זי פירט זיך ניט לויט די קריסטלעכע פאַרשריפטען וואָס שייך זייער באציאונג צום אידישען פאָלק וואָס ווערט געקרייציגט פון אטעאיסטען, נאַצי־היידען וועלכע זענען ערגער ווילדער פון די אַמאָליגע רוימישע היידען. אידענטום שטרעבט שטענדיג צו א גערעכטען סדר העולם, באזירט ניט בלויז אויף ליבע און רחמנות נאָר אויף לאָגיק און שכל הישר.

אידען זענען מחויב אָפּצוהיטען מצוות, ניט מחמת גאָט האָט זיי געבאָטען נאָר ווייל זיי האָבען אויף זיך עס גענומען, זאָגענדיג נעשה ונשמע און מאכענדיג דעם בונד מיט גאָט דעם „דם־ברית" פאַר'ן בארג סיני.

טייל קריסטען ווארפען אונז אויף, די מעשה פון יודא איסקאריאָט (יהודה איש קריות), וועלכער האָט פארראטען זיין רבי'ן פאַר דרייסיג זילבערנע מטבעות. איז ראשית די גאנצע מעשה אויסגעטראכט ווי די מעשות פון טויזענט און איין נאכט. די מערסטע פאַרשער זענען גאָר מיט דער מיינונג אז דאָס האָבען די קריסטלעכע גויס אויסגעטראכט אויף די קריסטלעכע אידען. די לעצטע זענען געווען די אָנגעזעענע און דערפאָלגרייכע און ארויסגערופען א קנאה־געפיל ביי די ערשטע וועלכע האָבען פון זיי געוואָלט פטור ווערען. דערמיט האָבען זיי געוואָלט דערנידעריגען די אי־דישע קריסטען. צווייטענס, ווערט דאָך געזאָגט אין דער עוואנגעליע אז ער האָט תשובה געטאָן. ס'איז אויך דאָ א סברה אז ער האָט מיט דעם טאָט געוואָלט ברענ־גען די גאולה. נאָך א ווערסיע, אז ניט צוליב געלט האָט ער דאָס געטאָן נאָר צוליב דער ליבע צו דער תורה וואָס האָט ביי אים גובר געווען די ליבע צום רבי'ן. ער האָט באשלאָסען אומצוברענגען דעם רבי'ן כדי צו ראטעווען די תורה . . .ווי ס'זאָל ניט זיין, וואו איז די ערליכקייט, צו נעמען דעם איד יהודה קריות אלס מוסטער און ניט ישו'ן, וועלכער האָט זיין תורה פון ליב האָבען די פארשטויסענע און אָרעמע גענומען פון זיינע רביים די פירער פון די פרושים, און ווי ער אליין דריקט זיך אויס איז ער געקומען אָפּהיטען און פארשטארקען די אידישע תורה.

שלום אש, פארענטפערענדיג זיין ווערק „נאזארין" („דער מאן פון נוצרת"), ברענגט ארויס דעם געדאנק אז יהודה איש קריות האָט ניט פאַר דרייסיג שטיק זילבער פארקויפט זיין רבי'ן „נאָר יהודה האָט געגלויבט באמונה שלמה, אז זיין רבי איז דער משיח און כדי „דוחק צו זיין דעם קץ", כדי צו ברענגען די גאולה מיט געוואלט, האָט ער זיין רבי'ן געבראכט צום נסיון, אויף אים צו ברענגען די „חבלי משיח" אָן וועלכע די גאולה קאָן ניט קומען, לויט דעם גלויבען אין א לייד־דענדען משיח. *).

און צום סוף, נאָך א וואָרט וועגען א שטריך וועלכען מיר געפונען סיי ביים אידענטום און סיי ביים קריסטענטום — א שטריך וואָס אונטערשיידט פון גרי־כענטום. אין זיינע היסטאָרישע שריפטען באמיט זיך דער דייטש־אידישער פאָר־שער אברהם גייגער (1810־1874) אָנצואווייזען אויף דעם שטריך וואָס אונטער־שיידט דאָס אידענטום פון גריכענטום, אלס אן עיקר־דיגער, פונדאמענטאלער.

*) „מיין ענטפער", פאָרווערטס, אפּריל 6, 1940.

די גריכען האָבען פאר זיך געזען א גליקליכע פארגאנגענהייט. אלץ וואָס איז געווען איז געווען גוט, אלץ וואָס האָט אמאָל געלעבט איז געווען איבערגליקלעך — אָבער די צוקונפט, דאָס קומענדיגע גייט אלץ צום אָפּגרונט, צו דער ערגערער צייט . . .

אידענטום זעט פאר זיך דאָס פארקערטע. די גליקלעכע צייט דארף ערשט קומען. די גרויסע גייסטיגע עפּאָכע פון גליק פאר צדיקים, פון עטישע דערהויבונג דארף ערשט קומען די מענשהייט דארף ערשט דערלייזט ווערען. משיח דארף ערשט קומען. אין דער קומענדיגער צייט וועט זיין „יתמו חטאים" . . . דאָס שלעכטס וועט אויסגעראָטען ווערען. עולם הבא וועט זיין איבערפילט מיט ליכטיגקייט און גוטס־קייט. משיח'ס צייט וועט ברענגען שטענדיגען שלום ווי עס האָבען אים פאָראויס־געזען די נביאים ישעיה און מיכה.

אויך דאָס קריסטענטום שטרעבט צו א גליקליכער צוקונפט און צו אן איי־ביגען שלום. קריסטענטום אָבער אלס דערלייזונג־רעליגיע איז אוועק פון דער אי־דישער אין פיל־פיל עיקר־פרינציפּען און אין פיל פרטים, סיי מיט מבטל זיין מצוות מעשיות, סיי מיט נעמען זיך די רעכט מוחל צו זיין מענשלעכע זינד, גלייך ווי די שליסלען פון מחילה וואָלטען געווען אין זייערע הענט סיי מיט פארגעטערען א מענש און גלויבען אין אים — א זאך, וואָס ווערט שטארק באקעמפט אין דער אידישער רעליגיע. ניטאָ ביי אונז קיין אמונה אין מענשען! ביי קריעת ים־סוף ווערט געזאָגט „ויראו העם את ד' ויאמינו בד' ובמשה עבדו" (בראשית ט"ו ד'־ו') טייטשט דערויף ר' אברהם אבן עזרא: „ויאמינו בד' — שהוא אמת, והאמינו במשה שהוא עבדו ולא יעשה רק מה שיצונו". משה רבנו, דער פאָטער פון די נביאים, דער גרעסטער נביא וואָס האָט געזען גאָט „פנים אל פנים", אפילו אין אים איז ניטאָ מער אמונה ווי דאָס, אז ער וועט איבערגעבען דעם אמת פון גאָטס ווערטער. מען גלויבט ניט אין אים נאָר אין זיינע רייד, אין זיין שליחות וואָס איז פון גאָט.

מיר וואָלטען געקענט ברענגען אָן שיער באווייזען אין דער ריכטיגקייט פון די ווערטער אלס באזיס פון דער אידישער אמונה. מיר ווילען בלויז ברענגען איין ציטאטע אלס באווייז. אויף דעם פסוק „ויאמר ד' אל משה הנה אנכי בא אליך בעב הענן . . . וגם בך יאמינו לעולם(שמות י"ט י"ט), טייטשט דער תרגום אונ־קלוס: „ואף במימרך יהימנון לעולם". בלויז אין זיינע רייד אין נאָמען פון גאָט איז דאָ אמונה *).

בלויז גאָט איז אבסאָלוטער אמת, דער מקור פון צדק און ישור, פון דעם איי־ביגען אמת וואָס גייט אראָפּ פון הימעל דורך צינוריות (גייסטיגע קאנאלען), וועלכע באהויכען די צדיקים און לייטערען די וועלט. דאָס איז דער עיקר פון דער אידישער אמונה: וארשתיך לי באמונה וידעת את ד'!

דער פונדאמענטאלער אונטערשיידט צווישען אידענטום און קריסטענטום איז אויך, וואָס דאָס קריסטענטום האלט אז די קרייציגונג פון נוצרי האָט אויסגעלייזט

*) זע ישעיהו וולפסברג, „בעית האמונה", תש"ד (תדפים מיוחד מירחון „סיני"

די וועלט, דאָס איז א קארדינאלער פונקט אין דער קריסטלעכער רעליגיע. זי איז בעיקר פאראינטערעסירט אין הימלישער דערלייזונג און די ערדישע וועלט בלייבט ווי געווען. די אידישע רעליגיע קאָן קיינעם ניט אויסלייזען. יעדער מענש קאָן זיך אויסלייזען דורך זיינע פיינע עטישע, מאָראלישע אויפפירונגען. דאָס אידענטום שטרעבט צו דער געטלעכער קעניגרייך, צו דער „מלכות שמים" אויף דער ערד, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלען אן אידעאלע געזעלשאפט געבויט אויף די יסודות פון אמת און גערעכטיגקייט.

דאָס אידענטום האָפט און שטרעבט אויף משיח'ס קומען, ווען די גאנצע וועלט וועט זיין פול מיט דעה און „ונהרו אליו כל הגוים" . . . דאן וועט דער רים צווישען אידענטום און קריסטענטום אויף אייביג פארנייט ווערען. דאן וועט מען ניט דארפען ריינוואשען דאָס אידענטום פון דער זינד וואָס קריסטלעכע פירער האָבען עס צוגעשריבען. ניט בלויז חסידי אומות העולם וועלען דאָס וויסען, די גאנצע קריסטלעכע וועלט וועט דאָס וויסען. מען וועט ניט דארפען האָבען די כוואלסאָנס, קלויזנערס, אש'ס און אנדערע פארטיידיגער און דערוויל, געבען זייערע אייגענע אויסטייטשען מיט וועלכע ניט יעדער איז מסכים. דאן וועט פאר אלעמען קלאָר ווערען די ליכטיגקייט פון דער אידישער אמונה, אירע גרונט־אידעען און פרינציפען.

איצט איז בלויז וויכטיג אויפצוקלערען דער קריסטלעכער וועלט די פאלש־קייטען וואָס זענען אויסגעטראכט געוואָרען אויף אידען און אידענטום און באוויי־זען ווי ס'האָט שטענדיג געהערשט ביי אידען רעספעקט און פארשטענדניש צו יעדען איינעמס רעליגיעזער איבערצייגונג.

דאָס בעסטע און אינטערעסאנטסטע וועגן דער קריסטלעכער און מאכמע־דאנישער רעליגיע האָט געזאָגט דער רמב"ם, אז זי האָבען בלויז געמאכט דעם וועג, פאר דעם מלך המשיח און געבראכט משיח'ס רייד אין די ווייטסטע אינזלען און צו פיל צוריקגעשטאנענע פעלקער *).

*) זע, רמב"ם, משנה תורה הוא היד החזקה הלכות מלכים י"א ב' י"ב ג. ער זאָגט דאָרט „וכל הדברים האלו (פון נוצרי), ושלזה (פון מוחמד) אינו אלא לישר דרך למלך המשיח ולתקן העולם כולו לעבוד את ד' ביחד . . . ופשטו דבריהם אלו באיים רחוקים ובעמים רבים ערלי לב וערלי בשר . . .

די צענזור האָט אָט די פאראגראפען אויסגעשניטען פון יד החזקה אין די באריםטע דפוס שונצנו ר"ן, קושטא רס"ט, און אמשטרדאם תס"ב געפינען זיך די פאראגראפען.

י — זענען אידען די שול־דיגע אין קאפיטאליזם. — ווערנער זאָמבארטס מיי־נונגען וועגען אידען. — וואָס קארל מארקס האָט געטראכט. — וואָס איז דער אמת.

ער דייטשער פּראָפעסאָר, ווערנער זאָמבארט *), האָט אין זיינע ריזען־ווערק, „דער איד און קאפּיטאליזם"; „די צוקונפט פון אידען"; „ליבע, לוקסוס און קאפּיטאליזם" געפּרואווט צו באַזירען די, שוין פון פאר אים באהויפּטונג, אז אידען האָבען געבראכט דעם קאפּיטאליזם אין דער מערב־ציוויליזאציע. די נאַ־ציס אין דייטשלאנד און די אנטיסעמיטען פון אומעטום נוצען אויס זיינע ווערק אין זייער אגיטאציע קעגען אידען און אידענטום. ער אליין, איז אגב, אויף דער עלטער געוואָרען א שטארקער אָנהענגער פון היטלעריזם און דערמיט גענענדיגט זיין קאריערע אלס וויסענשאפטסמאן, פאָרשער און היסטאָריקער.

פאר דעם האָט מען נאָך אלץ אים רעספּעקטירט צוליב זיין וויסען, ניט רעכענדיג זיך דערמיט וואָס ער מאכט טעותים, צעדרייט פאקטען און גיט שלעכטע אויסטייטשען. פאר א געלערנטן מענש ווי ער איז געווען, אפילו מיט אנטיסעמיטישע נטיות, האָט מען דאָך געהאט דרך ארץ. פונקט ווי מ'האָט געהאט דרך ארץ פאר פיכטע'ן דעם שאפער פון פילאָזאָפישען אנטיסעמיטיזם — אָבער פאר א מאן וואָס אידענטיפי־צירט זיך מיט נאצישער אכזריותדיגקייט און בעסטיאלישקייט פאר אזא מענש טאָר מען ניט האָבען קיין דרך ארץ, טאָר מען ניט פירען קיין דיסקוסיעס אָדער פּאָלעמיק. עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס מ'האָט פון אים אין די לעצטע יאָרען ווע־ניג וואָס געהערט. זיינס א מיינונג איז סיי־ווי באטראכט געוואָרען ווי א נאציס־טישע מיינונג וואָס איז ווייט פון לאָגיק אָדער פון איבערצייגונג.

אין זיינע ווערק באמיט ער זיך צו מאכען דעם איינדרוק אז ער איז גאָר א אידען־פריינט. ער פרואווט אפילו זינגען לויב געזאנג דעם אידישען פאָלק וואָס האָט געהאָלפען אינם פּראָגרעס פון דער מענשלעכער געזעלשאפט. ער איז געגען אסימילאציע און האלט אז אידען דארפען עקזיסטירען ווי א באזונדערע נאציע. ער זעט אָבער ניט קיין אנדער פּראָגרעסיווער דערגרייכונג ווי דאָס וואָס אידען האָבען געשאפען דעם קאפּיטאליסטישען סיסטעם. א דאנק זייערע פעיאיגקייטען אין הלכות פינאנץ און עקאָנאָמיע האָבען זיי געבראכט אויפבלי און שפע אומעטום וואו נאָר זיי האָבען אריינגעוואנדערט און די לענדער וועלכע זיי האָבען פארלאָזט, זענען אויסגעטרוקענט און פאראָרימט געוואָרען. אלס ביישפּיל נעמט ער שפּאניע און פּאָרטוגאל פון וואנען אידען זענען ארויסגעטריבען געוואָרען צום סוף פון 15־טען יאָרהונדערט און במילא איז דאָרט דער עקאָנאָמישער צושטאנד געזונקען.

ער גייט נאָך א טריט ווייטער און דערקלערט אז אידען האָבען פיל נוצען געבראכט די אייראָפּייאישע פעלקער, זיי האָבען געבראכט צו דער אייראָפּייאישער

*) פּראָפ. זאָמבארט, איז דער מחבר פון א ריי ערנסטע ווערק אויפן געביט פון סאָציאלאָגיע און עקאָנאָמיע, א טייל פון זיי, זענען פאר א געוויסער צייט באטראכט געוואָרען פאר דאָס לעצטע וואָרט אין דער סאָציאָלאָגישער וויסענשאפט.

הערשאפט און געליינט דעם יסוד פון דער קאָלאָניאַלער ווירטשאפט פון 17־טען און 18־טען יאָרהונדערט. דער אידישער אונטערנעמונגס־גייסט — האלט ער — האָט אויפגעטאָן וואונדער פאר דער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג פון אייראָפּע אין אמעריקע, פאר דער גרויסקייט פון פינאַנץ און קאפּיטאל און געשאפען די מאָדערנע קאפּיטאליסטישע ווירטשאפט וואָס האָט אין אָנהויב פאָרגעשטעלט מיט זיך א געוואלטיגע פּראָגרעסיווע דערגרייכונג, אין פארגלייך מיט דער אָפּגעלעבטער רעאקציאָנערער פעאָדאלער ווירטשאפט.

כדי ניט צו פארנעמען צופיל פּלאַץ, מיט ציטאטען פון זיינע ווערק, אין וועלכע זיין טעאָריע וועגען אידישען גרויס־קאפּיטאל און וואוכעריי ווערט באהאנדעלט, ווייל אָט דער שטודיום געהערט ניט צו מיין איצטיגער ארבעט, וואָלט גענוג געווען צו זאָגען צו דעם פּראָפ. ווערנער זאָמבארט: „שקולי טובתך ושדי׳ אחוזרי״ מוחל אזעלכע טובות און פאלש־פארפירערישע עפּיטעטען. מיר מוזען אָבער ברייטער ארומרעדען דעם ענין, ווייל ער איז ניט דער איינציגער וואָס איז געקומען צו די מסקנות אז: אידען זענען פון כאראקטער א הענדלער פאָלק. די נאטור האָט זיי באשאפען אלס מעקלער, אלס לופט סוחרים און וואוכער. די נאטור האָט זיי באזעצט אין הענדלער־מערק. פיל אנדערע, גראָד ניט קיין אנטיסעמיטען האָבען געטראכט וועגען אידען אין די זעלביגע טערמינען און געקומען צו די זעלבע שלוסען. און נאָך מער קארל מארקס דער שאפער פון „קאפּיטאל״ און „קאָמוניסטישען מאניפעסט״ — די ווערק וועלכע ווערען באטראכט אלס די ביבעל פון פּראָלעטאריאט, האָט רעדענדיג וועגען דער אידען פראגע ארויסגעבראכט דעם דאָזיגען געדאנק אויף א מער שארפערען אופן.

ער, קארל מארקס, וועמעס אידישער נאָמען איז געווען מרדכי, האָט געזען אין אידענטום א פאָלק פון הענדלער, באנקירען, וואוכערניקעס א. ד. גל. דעם איד פון תנ״ך האָט ער ניט געזען, אפשר ניט געוואָלט זען, דעם איד פון עמוס און ישעיה ניט געקענט, אפשר ניט געוואָלט קענען — נאָר דוקא דעם איד פון שייקספּירס „סוחר פון ווענעציע״ אָדער די ראָטשילדס . . . ניט צו פארשטיין דעם מאן וואָס האָט אזוי שארף־שניידיג געזען די געזעלשאפט מיט אלע אירע מעלות און חסרונות, וואָס האָט אזוי דיאלעקטיש א נייע פילאָזאָפיע צום לעבען געבראכט, זאָל זען אין אידענטום בלויז שאכער־מאכער, געלט־גייציגע, עגאָאיסטען. ער וואָס האָט געוואָרענט ניט צו אָפּעריר ען מיט פאלשע אילוזיעס — זאָל אליין פארפירט ווערען פון פאלשע באהויפּטונגען, פאלשע באגריפען וועגען אידישען פאָלק אלס עגאָאיסטיש, וואָס פארנעמט זיך מיט מסחר־שווינדלעריי *). אויך טשארלס פוריע איינער פון די אבות פון „אוטאָפּישען סאָציאליזם״ שרייבט וועגען אידען:

---

*) זע וועגען דעם באריכות, אין די שריפטען פון זאָלאָטאראָוו, באנד דריי ז. 333.

זיין מיינונג וועגען אידען, האָט קארל מארקס ארויסגעבראכט אין זיינע ארטיקלען אין די „דייטש־פראנצויזישע יאָר ביכער פון יאָר 1844. ביי דער דאָזיגער מיינונג האָט מארקס זיך געהאלטען אויך שפּעטער. די אידען זענען אין זיינע אויגען, א פאָלק פון עגאָאיסטען און הענדלער אָן א וואָסער אידעאל אָדער הייליגען געפיל.

„עס איז א גליק אין אזא קאַניוקטורע, וואָס די אידען זיינען ניט צאַלרייך אין פראַנקרייך, מחמת זייענדיג א פאָלק פון פּראַצענטניקעס וואָלטען זיי שוין צו דער צייט פארנומען דעם גרעסטען טייל פון דעם באזיץ און וואָלטען דעראָבערט די פאָליטישע וויכטיגקייט וואָס איז די טבע פון זייער סעקטע. פון פראַנקרייך וואָלט געוואָרען בלויז א סינאַגאָגיע. ווייל, אויב די אידען וואָלטען פארמאָגט אפילו ניט מעהר ווי א פערטעל פון דעם לאַנד אייגענטום, וואָלטען זיי אויסגעאיבט אן אומ־געהייער גרויסען איינפלוס א דאנק זייער געהיימען און אומאויפלייזבארען בונד. די דאָזיגע געפאר איז איינע פון א טויזענט סימפּטאָמען וועלכע זאָגען עדות וועגען אונזער סאָציאַלער דעגענעראַציע (אין זיין בוך: „סאָציאַלער שיקזאַל פון מענשען", ענגלישע איבערזעצונג זייט 134).

ער רעדט אויך זייער פיל וועגען א איד איסקאַריאַט, וועלבער קומט אָן קיין פראַנקרייך מיט פיל באַנקראָטירטע געלט. ער באזעצט זיך און עטאַבלירט א גע־שעפט אין קאָנקורענץ מיט די זייער רעספּעקטאַבלע פירמעס פון וועלכע ער מאַכט א תל. ער זאַמעלט אָן א סך געלט וואָס ער קריגט אויף קרעדיט און דערנאָך מאַכט ער א ויברח אין אַן אנדער לאַנד און טוט דאָרט אויך דאָס זעלבע:

„די סטראַטעגיע פירט איסקאַריאַט אָן פאר א משך פון צוויי יאָר. צום סוף פון וועלכע ער האָט גאַרניט פאַרדינט, כאָטש ער האָט געטאָן א סך געשעפט. זיין פּלאַן ווערט געהאַלטען בסוד, ווייל די אידען באשעפטיגען קיינעם ניט אויסער אי־דען — דאָס איז א פאָלק, וואָס אין הארצען האָבען זיי פיינט אַלעמען און זיי וועלען קיינמאָל ניט ארויסגעבען, אפילו די גרעסטע שווינדלערייען וואָס זיי טוען אָפּ.

„ווען אַלץ איז פארטיג, נוצט איסקאַריאַט אוים זיין קרעדיט אויף וויפיל ער קען נאָך און ער שיקט ארוים באַשטעלונגען צו די הויפּט שטעט פאר א סומע פון פינף־זעקס הונדערט טויזענט פראַנק, ער קריגט עס אוף אויסצאָלונגען אויף א באַש־טימטער צייט. נאָכהער עקספּאָרטירט ער זיין סחורה קיין אויסלאַנד און פארקויפט דאָס איבעריגע פאר א ביליגען פרייז. צום סוף, ווען ער האָט אַלץ פארוואַנדעלט אין מזומן, נעמט דער אָרענטליכער איסקאַריאַט און מאַכט א „ויברח" מיט די קליינ־ געלט . . . די געפאר וואָס שטעקט אין האָבען צו טאָן מיט אידען נע ונד'ניקעס איז, וואָס קיין זאַך איז זיי ניט טייער איז צום ענד אנערקענט". (פוריע, אין „טעאָריע פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע", איבערזעצט אין ענגליש 1870 ז. ז. 12-210).

אינטערעסאַנט איז, אז מארקס האָט זיין מיינונג ארויסגעבראַכט, גראָד, שטעלענדיג זיך אויף דעם אידישען צד, ארויסטרעטענדיג פאר אידען אין זיין פּאָ־לעמיק מיט מעהרינג און ברונאָ באוער'ן זיינע פריינט. דער יונגער מארקס וועמען דער פאָטער האָט אָפּגע'שמ'דט נאָך אַלס קינד, האָט פון אידען און אידישקייט וויניג וואָס געוואוסט. ער האָט בלויז געזען די אידישע גרויס בורזשואזיע אין דייטשלאַנד וואָס האָט גענומען שפּילען א וויכטיגע ראָלע. דער גייסט פון אידישען פאָלק אין זיינע אויגען איז געווען א בערזע־גייסט, האָט ער דעריבער געזען אז מיט דעם פארשווינדען פון אָט דעם גייסט אידישער קאַפּיטאַליסטישער גייסט וועט פארשווינ־דען די אידען־שנאה. ער ענטפערט ברונא באוער'ן אז „די געזעלשאַפטליכע עמאַנ־ציפּאַציע פון דעם אידען — דאָס איז די עמאַנציפּאַציע פון דער געזעלשאַפט פון

דעם אידען" אין אנדערע ווערטער די באפרייאונג פון אידען קאפיטאליסטען. איז ניט וויכטיג וואָס פאר א כוונות מארקס זאָל ניט געווען האָבען ביי אָט דער באהויפּטונג. מען זעט אז אים איז פרעמד געווען דער אידישער גייסט. אלס קעמפער פון אמת און יושר, האָט ער פון נביא'ישען יושר ניט געוואוסט און ניט באגרייפט; ער איז געווען ווייט פון זייערע זעאונגען, כאָטש א טייל פון זייערע קאמפען האָט ער פאָרגעזעצט מיט זיין לערע, לעבען און טעטיגקייט *).

ס'זענען, פארשטייט זיך, געווען אנדערע, גראָד ניט־אידען וואָס האָבען גע־האָט א גאנץ אנדערער כאראקטעריסטיק פון אידען. דזשאָרדזש לענסבורי זעט גאָר אין אידען ליבהאָבער פון וויסען, קונסט און סאָציאלען יושר. ער זעט אידען גרויסע צדקה־געבער, גמילות חסדים טוער און עטישע באנעמונג צו מיט מענשען.

מארק'ס אויספיר זעט אוים צו זיין א פיל שעדליכער ווי זאָמבארטס. דער ערשטער גלויבט ניט אין אידישען קיום ווייל ער האלט ניט פון קאפיטאליס־טישען קיום ווייל ער האלט ניט פון קאפיטאליסטישען עקזיסטענץ. ער זעט דריבער דעם אידישען סאָציאלען אומקום. בעת זאָמבארט, אין תוך אן אָנהענגער פון קא־פיטאליסטישען סיסטעם, באקעמפער פון מארקסיזם האָט גראָד געזען עקזיסטענץ בארעבטיגונג און ניט סתם אזוי בארעכטיגונג נאָר נאציאָנאלע עקזיסטענץ בארעכ־טיגונג. ער איז גאָר געווען א געגנער פון אסימילאציע. פון דעם אָבער וואָס מיט זאָמבארט'ן האָבען זיך די נאצים ארומגעכאפּט און זיינע ווערק אויסגענוצט פאר זייער פראָפּאגאנדע געגען אידען, מארקס'ן באקעמפט און זיינע ביכער פארברענט אלס אידישע שעדליכע, איז דער בעסטער באוויז ווי א פריינט צו אידען זאָמבארט איז עס געווען.

זאָמבארט, האָט געזען אין אידענטום א קאפיטאליסטיש פאָלק דורך און דורך, אז אידען זענען א קלאסיש סוחרים פאָלק. אזוי זענען אידען אין אָנהויב פון זייער געשיכטע געווען סוחרים און אזוי האָט זייער אייגענארטיגער געשיכטלעכער גורל זיי געפירט אויף די וועגען פון קאפיטאליזם, האנדעל און וואוכעריי.

דער גרויסער עקאָנאָמיסט האָט אין דער ווירטשאפטלעכער באָדענלאָזער סטרוקטור ניט אָנגעטאפּט די ניט־נאָרמאלקייט און ניט־נאטירליכקייט פון א פאָלק וואָס איז געוואָרען געצוואונגען צו ליפערען נאָר איין טייל פון דער געזעלשאפט, דעם שיכט פון הענדלער. ער פילט ניט די טראגעדיע פון קלאסישען פאָלק וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין נאָרמאלע באדינגונגען אויף זיין אייגענעם באָדען, און איז שפּעטער פארוואנדעלט געוואָרען אין א פאָלק פון מנחם מענדלס, אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבען די שטרעבונג נאָך א נאָרמאל־נאטיר־לעך לעבען.

*) וועגען ענין מארקס אין דער פראגע איז שוין פיל געשריבען געוואָרען. די טעמע איז נאָך ניט אויסגעשעפּט געוואָרען, ווייל אויך מארקס, האָט דרך אגב עטלעכע מאָל געשריבען וועגען אידען. נאָר לעצטענס האָבען וועגען דעם געשריבען אהרן צייטלין (אין „מאָרגען זשורנאל") מ. איוועוסקי (אין „הדואר") באווייזענדיג אז מארקס, דער שאפער פון מארקסיזם וואָס באקעמפט אנטיסעמיטיזם, איז אליין געווען אן אנטיסעמיט. דאגעגען דר. ד. גלאָבוס (אין דעם אויגוסט־סעפּט. נומער 1944, „אי־דישער קולטור") פּרואווט צו פארטיידיגען מארקס'ן, שטעלט זיך ארוים פאר זיין כבוד און באמיט זיך אָפּצופרעגען זייערע באהויפּטונגען. דער אמת איז, אז מארקס האָט געהאט א פאלשע פאָרשטעלונג און במילא א פאלשע מיינונג וועגען אידען.

בלינד דארף מען זיין צו זאָגען אז אידען זענען דורך דער געשיכטע באַשטימט געוואָרען אלס הענדלער, און ניט זען, ווי די געשיכטע פון אידען, ביז זייער נעמען דעם וואנדערשטעקען אין האנט, איז א קלאסישער מוסטער פון א פאָלק וואָס לעבט זיך אוים ביי דער מוטער ערד, ציט פון איר יניקה — א פאָלק וועמעס גייסטיגע פירער האָבען געלעבט פון לאנדווירטשאפט אָדער פון ווארשטאט זייענדיג באשעפטיגט ביי פּראָדוקטיוו־נוצלעכער און שעפערישער מלאכה.

בלינד דארף מען זיין און ניט זען ווי ערליכע פּראָדוקטיווע באשעפטיגונג איז אָרגאניש איינגעוואקסען אין דער אידישער עטיק. פארמאכטע אויגען דארף מען האָבען ניט צו זען ווי מלאכה איז געווען די באליבטע באשעפטיגונג ביי אונזערע אבות; ביי אונזערע נביאים, תנאים און אמוראים. די סטרוקטור פון א לופט עקאָנאָמיק איז ניט קיין אידישע שאפונג; זי איז א פּראָדוקט פון דער גלות'דיגקייט, א רעזולטאט פון די רדיפות און גירושים מצד אונזערע פארפאָלגער. גירושים פון מדינות און גירושים פון פרנסה צווייגען. צוליב'ן רצון פון די וועלט־הערשער איז דאָס אמאָליגע פּראָדוקטיווע פאָלק פארוואנדעלט געוואָרען אין א פאָלק פון „לופט מענשען". דער האנדעל איז געוואָרען די אידישע פרנסה אין דער דיאספּאָרע, א גלות שאפונג וואו מ'האָט דעם איד צום נאטור־לעבען ניט צוגעלאָזען, איז ער געוואָרען געצוואונגען צו ציען חיונה פון מסחר.

לויט דער מיינונג פון בארימטען מארקסיסטישען טעאָרעטיקער קארל קאוטסקי (1854-1938) האָבען אידען זיך גענומען צום האנדעל אין די שפּעטערע יאָרען פון חשמונאים רעזשים ביים צווייטען בית המקדש *). מיט קאוטסקים א מיינונג דארף מען זיך רעכענען, ניט בלויז צוליב דעם וואָס סאָציאליסטען האָבען אים באטראכט אלס דער אידעאלער יורש פון מארקס'ן און ענגעלס'ן נאָר אלס קענער און פאָרשער פון די געשיכטלעכע פּראָצעסען און פון דער עקזאקטער סאָציאָלאָגישער וויסענשאפט. ס'זענען אָבער דאָ מיינונגען אז אידען האָבען זיך גענומען צום האנדעל א סך שפּעטער פון דער דערמאנטער דאטע, דעם אורשפּרונג פון האנדעל ביי אידען, געפינען מיר אין תנ"ך. דער קעניג וואָס האָט אריינגעבראכט דעם האנדעל איז געווען דער „חכם מכל . . ." שלמה המלך, ער האָט געבויט שיפען וואָס זענען געגאנגען פון עציון גבר, אן אדומשער פּאָרט וואָס האָט דאן געהערט צו ארץ ישראל, צום רויטען ים און אנדערע לענדער אין אָריענט. אויך שיפען וועלכע זענען אָפּגעגאנגען קיין תרשיש האָבען אים געבראכט די טייערסטע שטיינער, גאָלד און זילבער פון מרחקים (זע מלכים א', י"א־כ"ב). איבערגענומען דעם מסחר האָבען מיר פון די פעניציאנער. צור איז געווען דער צענטער פון וועלט האנדעל און פון איר האָבען אידען געלערנט **). נאָך אין אָנהייב פון צווייטען בית המקדש האָבען אידען געקויפט פון צור (זע נחמיה י"ג ט"ז).

---

*) זע, קארל קאוטסקי „דער אורשפּרונג דעם קריסטענטום".

**) זע ישעיה כ"ג ח'; יחזקאל כ"ו כ"ט; יואל ד'. זע אויך, נחמני: „חאלמוג"— „ספר היובל" של הת"ת „עץ חיים", טאראנטא תש"ג, ז"ז 207-208: „העברים היו בזמן ההוא עם של אכרים וכורמים . . . הפיניקיים . . . הי' הראשונים שבנו אניות לעבור בים . . . ועשו מסחר גדול . . . בעזרתם בנו להם גם־כן אבותנו בתקופת שלמה אניות בים התכון . . ."

אין ספר משלי לויבט שלמה המלך דער „אשת חיל" וואס איז א סוחר'טע: היתה כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה . . . טעמה כי טוב סחרה . . . (משלי ל').

אין תלמוד זענען פאראן פארשיידענע קאנטראסטישע מיינונגען וועגן האנדעל און לאנדווירטשאפט. אייניגע לויבען דעם האנדעל און האלטען ניט צופיל פון אגריקולטור און אנדערע זאגען דאס פארקערטע.

פאראן א מיינונג: „כל אדם שאין לו קרקע אינו אדם" אדער „עתידים כל בעלי אומנות שיעמדו על הקרקע" און באלד אויפן זעלבען פלאץ: „אין לך אומנות פחותה מן הקרקע" *.

אין מדרש ווערט דערציילט אז רבי און רבי יוסי זענען געגאנגען אויפן וועג, האבען זיי געזען א גוי פונדערווייטענס, האבען זיי געזאגט, ער וועט אונז זיכער פרעגען די דריי זאכען: ווער זענט איר. וואס איז אייער באשעפטיגונג און וואו גייט איר. וועלען מיר אים ענטפערען: מיר זענען אידען, אונזער באשעפטיגונג איז האנדל און מיר גיין קויפען ווייץ פון די יבנה'ר שפייכלער **). פון דעם איז צו זען אז אידען האבען זיך שוין דאן פארנומען מיט מסחר.

דאס מיינט אבער ניט אז אידען האבען ליב געהאט מסחר. דער פאקט איז דאך אז רבא האט גע'דרש'ענט אויפן פסוק „לכה דודי נצא השדה" אז אידען זאגען צום רבונו של עולם משפט אונז ניט ווי שטאטישע איינוואוינער וואו עס איז דא גזל, עריות און פאלש שווערען ***).

דער פאקט איז דאך אז מערסטע תנאים־אמוראים זענען געווען בעלי מלאכה און ערד באזיצער. די משנה (אבות ב' ב') לערנט אונז: יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ . . . תורה לערנען איז גוט ווען זי איז מיט וועלטלעכער באשעפטיגונג. די חז"ל זאגען: כשם שחייב אדם ללמד את בנו תורה, כך חייב ללמדו אומנות ****). אויפ'ן פסוק ובחרת בחיים ווערט געזאגט זו אומנות *****) און נאך און נאך צענדליגע מאמרים וועלכע ווידערהאלען דעם דאזיגען געדאנק.

אונזערע אבות האבען דאך אזוי פארהערלעכט ערד־ארבעט אז בעתן בענשען יעקבן האט יצחק געזאגט: ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ד'. (זע, דער ריח פון מיין זון, איז ווי דער ריח פון א פעלד וואס גאט האט עס געבענשט). און די ברכות פון יצחק'ן זענען פעלד און ערד ברכות: „גאט זאל דיר געבען פון דעם טוי פון הימעל און פון די פעטקייטען פון דער ערד און פיל תבואה און ווייַן . . ." (בראשית כ"ז כ"ז־כ"ח).

ניט מיט גוטען ווילען זענען אידען געווארען הענדלער. די אויסערלעכע וועלט האט זיי געצוואונגען דערצו און דער הרגל איז געווארען מיט דער צייט, טבע, א נאטירליכקייט ביים אידישען פאלק צו פארנעמען זיך מיט האנדעל־וואנדעל, דער־צו נאך גיט דער האנדל ברייטע מעגליכקייטען פון א בעסער פארגעניגען ******). אידען זענען אבער ניט פון נאטור א האנדעלס פאלק ווי די זאמבארטס און זייער גלייכען ווילען האבען. די האלטונג פון דער ארומיגער וועלט צום אידישען פאלק, די יסורים און רדיפות וואס אידען האבען געהאט אויסצושטיין אין די לענדער וואו

*) יבמות ס"ג ע"א.
**) בראשית רבה ע"ו ז'.
***) ערובין כ"א ע"ב.
****) קדושין ל'.
*****) ירושלמי פאה פרק א'.
******) זע „ימין ושמאל" ז"ו ט"ר־ט"ז.

יי האָבען געוואנדערט, האָט גורם געווען צו אָט דער דערשיינונג און קאָנסעקווענטן.

דאָס אידישע פאָלק האָט אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבען די האָפנונג פון אומקערען זיך צום לאַנד פון זייערע אבות, וואָס האָט שטענדיג געמיינט די שטרעבונג אומצוקערען זיך צו א נאָרמאַל געזונט און נאַטירלעך לעבען. און נאָך מער, אין אַלע זייערע וואנדערונגס־לענדער — און וואו האָבען אידען ניט אימיגרירט? — האָבען אידען געשטרעבט צו פארלאָזען דאָס הענדלערישע מקח וממכר לעבען.

אין זיין אָפּהאנדלונג וועגען אידען שרייבט דר. קיטה צווישען אנדערעס: „ס'איז ניטאָ קיין לאַנד וואו אידען זאָלען זיך נישט געפינען. אידען זענען דאָ אין איירָאָפּע, אזיע, אפריקא און אמעריקא. זיי זענען וועלט־בירגער. קיין בערג, טייכען, ימים — די נאַטירלעכע גרעניצען פון אנדערע נאציעס טיילען זיי ניט אָפּ. זיי געפינען זיך אין פוילן, רוסלאנד, האָלאנד, טערקיי, דייטשלאנד, שפאניע, איטאליע, פראנק־רייך, ענגלאנד . . . פון מאָסקווע קיין ליסאבאָן פון יאפאן קיין בריטאניע פון הינ־דעסטאן קיין הינדאָראס צווישען פארשיידענע אמונות פון מזרח און מערב — אומעטום געפונען זיך אידען" *). ניט אומעטום פארנעמען אידען די זעלביגע פּאָזיציע אין דער ווירטשאפט פון לאַנד — אָבער אומעטום האָבען אידען געפּרואווט און פלאנירט זיך צו באזעצען אויף באָדען און געניסען פון שלוה'דיגען לעבען וואָס מוטער־ערד איז געבענשט — נאָר אויסערלעכע גורמים האָבען זיי שטענדיג גע־שטערט. אידען האָבען געשטרעבט צו א פּאָלקס־לעבען אויף יסודות פון ערד־אר־בעט און אידישע פירער האָבען אגיטירט פאר אָט דעם רעיון צו לעבען פון דער ברכה פון דער ערד, אוועק פון ישיבת ברכים וואָס איז מיאוס געווען אין די אויגען פון די נביאים און אין די אויגען פון די חכמי התלמוד.

מען זאָל וועלען דעם דאָזיגען ענין אויספירליך באהאנדלען, וואָלט נויטיג געווען א באזונדער בוך. דאָ האָבען מיר בלויז געוואָלט אָנווייזען אין די עטלעכע זייטלעך אז די הענדלערישע טעטיגקייט ביי אידען איז א „מולדת חוץ", אז די באדינגונגען און דרויסענדיגע גורמים האָבען דעם אידען געוואָרפען אין די אָרעמס פון מסחר. אידען זענען אָבער קיינמאָל ניט געווען קיין פאראזיטען, קיינמאָל ניט געווען פון די הויפּט עקספּלואטאטאָר. דאָס גאנצע וואוכעריי און באנק־סיסטעם פון אידען איז געווען פּו מיטעלמעסיגען שטייגער **).

אידען איז פארבאָטען געוואָרען אנדערע צווייגען פון באשעפטיגונג אויסער נעמען פּראָצענט. דער פּאפּסט אלכסנדר דער דריטער, האָט אין יאָר 1179 פאר־באָטען צו קריסטען צו נעמען פּראָצענט פון געלט און נאָר דערלויבט די אידען דאָס צו טאָן ווייל זיי גלויבען סיי־ווי ניט אין קריסטענטום.

האנדעל, אינדוסטריע און גרויס קאפּיטאל, האָט זיך אנטוויקעלט אין די הויך־ציוויליזירטע לענדער פון מערב איירָאָפּע און אמעריקע, אין לעצטען יאָרהונ־דערט, ווען דאָס פּאטריאכאליש־אידיליש און פּרימיטיוו־פּעאָדאליסטיש לעבען האָט

---

*) זע, Faith of the World by Rev. James Gardner, 1859, P. 242.

**) ווער עס וויל זיך גרינטלעך באקענען מיט אָט דער פראגע זאָל לייענען יחזקאל קויפמן'ס בארימטען מאמר „גאולתנו והערכת עצמנו" אין „מאזנים" כרך ח' (תרצ"ט) 129־154; 257־273). אין אונזער איצטיגער ארבעט קענען מיר מער וועגען דעם ניט מאריך־זיין.

אנגעהויבען איינגאנצען פארשווינדען. אבער קיינער וועט ניט טאדלען די ענגלענ־דער, די האלענדער, די בעלגער, צו די איינוואוינער פון צפון אמעריקאנישע שטאא־טען פאר זייער אנטוויקלען דעם וועלט־האנדלען און קאמערץ צום זעניט און קלי־מאקס פון זיין היינטיגען באשטאנד. וועלען מיר זיך באקלאגען אויף די האלענדער פון וועלכע לודוויק דער 14־טער האט אפגעלאכט אז זיי זענען א פאלק פון פישער און קרעמער. די האלענדער זענען געוועזן די ערשטע צו געניסען פולשטענדיגע פרייהייט און צו געבען אידען, איינגעוואנדערטע פון שפאניע און פארטוגאל פולסטע פרייהייט . . . וועלען מיר קריטיקירען די ענגלענדער בלויז צוליב נאפאלעאנס באַ־שולדיגונג אז זיי זענען א הענדלער פאלק. אומשטענדען און באדינגונגען האבען געמאכט די האלענדער די ענגלענדער פאר גוטע קרעמער און פישער . . .

די אויבערפלעכלעכע תלמוד־קענער, האבען זיך אומזיסט באמיט אנצוקלא־גען אדער טאדלען דעם תלמוד, פאר זיינע קאפיטאליסטישע נטיות. דער פרק „השוכר את האומנים", די נאך ניט צוזאמענגעשטעלטע „מסכת פועלים", וואס איז צוואר־פען אין גאנצען ים התלמוד, איז דורכגעדרונגען מיט דעם סאציאלען יושר און מיט דער געטליכער עטיק ווי זיי זענען געלערנט געווארען פון די נביאים.

דער תלמוד פארהיט פון קלאסען־קאמף, באמיט זיך אויסצוהאלטען די קאלעקטיוו־נאציאנאלער איינינקייט פון אידישען פאלק סיי אין ארץ ישראל און סיי אין די גלות־לענדער. דער תלמוד באזארגט אבער גלייכצייטיג דעם יחיד, צוימט די ליידענשאפטען פון אנטאגאניזם, די קאנפליקטען צווישען ארעם און רייך, די קריגערייען צווישען ארבעטסגעבער און ארבעטסנעמער. אין א לאנד וואו מען פירט זיך לויט די תלמודיש־עטישע פרינציפען, קאן ניט קומען צו קיין ספעקולאציע מצד דעם פראלעטאריער. די רעכט פון ארבעטער ווערט געשטעלט העכער פון רער רעכט פון ארבעטסגעבער, איז עס דאך א מפורש'דיגע גמרא „יד פועל על העליונה" *). אין תלמוד ווערט דאך געזאגט: כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו" . . . ווער עס קויפט א אידישען קנעכט איז גלייך ווי ער וואלט זיך געקויפט א האר . . . אויב ס'איז נאר דא איין קישען, דארף דערויף שלאפען דער קנעכט ניט דער האר **).

דער „ספרי" זאגט, אז „כל המשעבדן מלמטה כאלו משעבדן מלמעלה", ד"ה, אז דער וואס פארשקלאפט א איד פיזיש איז, ווי ער וואלט אים אויך גייסטיק, הימליש פארשקלאפט און זיין זינד איז א טאפעלטער. די ערליכע פרנסה, האבען זיי גע־האלטען קומט פון ארבעט. נאכפאלגענדיג דעם פסוק „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך" (תהלים קכ"ח ב') — אשריך בעולם הזה וטוב לך בעולם הבא, זאגט אונז די גמרא אין ברכות (ח' ע"א) „גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים".

ניט ווילענדיג דא, מער מאריך זיין, ווענגען דעם ענין, וויל איך בלויז אנ־מערקען אויף נאך איין טענה וואס געוויסע סאציאליסטישע טעארעטיקער האבען געהאט צו דער אידישער געזעצגעבונג, נעמליך, די טענה קעגען הלל הזקן (דער פא־

*) בבא מציעא ע"ז ע"ב.

**) קדושין כ' ע"א, תוספות דארט אנהייב־ווארט „כל", פאר ירושלמי: „דפעמים אין לו אלא כר אחד . . . צריך למסור לעבדו".

טער פון די נשיאים־דינאַסטיע) וועלכער האָט מתקן געווען אַ פּרוזבול מפני תיקון העולם *).

די תורה זאָגט אָן: „צום סוף פון זיבען יאָר, זאָלסטו מאַכען שמיטה! יעדער בעל חוב זאָל אָפּלאָזען וואָס ער האָט געליען זיין חבר . . . (דברים ט"ו א'־ד'; ט').

הלל, האָט איינגעפירט דעם „פּרוזבול" דער לייער זאָל דעם חוב איבערגעבען אין רשות פון בית־דין וואָס האָט אַ רעכט איינצומאָנען דאָס געלט און עס איבער־געבען צו דעם אייגענטימער ווייל הפקר בית דין הפקר . . .

הלל, האָט דאָס אָבער ניט געטאָן אין די אינטערעסען פון די רייכע, פאַרן קאַפּיטאַליסטישען קלאַס ווי זיי ווילען האָבען, נאָר מערער אין די אינטערעסען פאַר דעם אָרימאַן ער זאָל האָבען פרייען קרעדיט ווי די משנה דערקלערט עס אויפן אָרט: ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט צו לייען איינער דעם אנדע־רען . . . האָט ער מתקן געווען דעם „פּרוזבול", ניט צו פאַרשליסען די טיר פאַרן באָרגער.

דער אמת איז, ווי חיים ליבערמאַן באַווייזט מיט רעכט, אַז הלל האָט דאָ אויפגעטאָן אַ גאָר גרויסע זאַך מיט דער תקנה פון „פּרוזבול". די תורה וואָס האָט אָנגעזאָגט אויף דעם שווערען דין פון שמיטה, האָט אַפּעלירט צום מענשען'ס הויכער מאָראַל און מוסטערהאַפטער עטישער אויפפירונג — „היט זיך, זאָגט זי אָן, עס זאָל נישט זיין אין דיין האַרץ קיין בייזער געדאַנק . . . דיין האַרץ זאָל ניט פאַר־דריסען וואָס די גיסט אים" הלל, דערזעענדיג אַז דער מענש האַלט ניט אויס די דאָ־זיגע הויכע מאָראַלישע פּראָבע, האָט ער מתקן געווען דעם פּרוזבול **).

און הלל, האָט ניט געמאַכט קיין פאַרזוך, צוליב תקנת העולם אויסצואוואַרצ־לען אַ דין פון דער תורה, ווייל אין זיין צייט איז דער תורת שמיטה שוין ניט אָנגע־גאַנגען. ביים בית־שני האָט דער דין פון שמיטה און יובל ניט עקזיסטירט. די אידען זענען שוין ניט געווען די בעלי בתים פון לאַנד און „שמיטת קרקעות" (שמיטה פון פעלד) איז בטל געוואָרען איז במילא ניט אָנגעגאַנגען דער דין פון געלט־שמיטה לויט דער תורה. די חכמים האָבען בלויז מתקן די שמיטה אויף געלט זאָל אויף ווייטער אָנגיין, בדי אָנצוהאַלטען די טראַדיציע, האָט הלל, כדי צו פאַר־היטען פון „נעילת דלת בפני לוין", מתקן געווען דעם פּרוזבול אויף דעם דין שמיטה מדרבנן, דער בית דין זאָל ווערען די אויטאָריטעט איבער שמיטה וועקסלען און שמיטה חובות ***).

פונקט ווי די חכמים האָבען געהאַט אַ רעכט מתקן צו זיין אָנצוהאַלטען די שמיטה אויף געלט, כאָטש לויט דעם דין תורה, איז זי שוין געווען בטל, מחמת דעם

---

*) גיטין פּרק ד' משנה ג'. דער טייטש פון וואָרט פּרוזבול — תקנה פאַר רייכע און אָרימע, לויט רב חסדאָס אויסטייטש אין גיטין ל"ו ע"א־ע"ב. נוסח פון פּרוזבול: „מוסרני לכם פלוני דיינין שבמקום פלוני, שכל חוב שיש לי אצל פלוני שאגבנו כל זמן שארצה". ער גיט איבער זיין חוב צו די רבנים, אין צייט פון דער הלואה און די דיינים דאַרפען זיך חתמ'ענען אויף דעם דאָזיגען דאָקומענט.

**) זע, חיים ליבערמאַן: „אידען און אידישקייט, אין די שריפטען פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, ניו־יאָרק תש"ד־1944 ז"ז 94־98.

***) זע, גיטין ל"ו ע"א־ע"ב; רש"י דאָרט; רמב"ם הלכות שמיטה ויובל, ט' א'־נ'.

כח פון הפקר בית־דין הפקר, האט הלל מיט זיין בית־דין געקענט מתקן זיין דעם פרוזבול אויך מיטן כח פון „הפקר בית־דין הפקר".

דער אמת איז דאך אז די גמרא פרעגט די פראגע ווי אזוי הלל מיט זיין בית דין, האבען געהאט א רעכט דערויף, איינצופירען א פרוזבול־סיסטעם און ענטפערט אז הלל האט מתקן געווען „בשביעית בזמן הזה" וואס איז פון די רבנן „זכר לשביעית" *).

מיר ווייסען אז די תנ"כי'שע עטיק, האט באזארגט דעם קיום פון אידישען פאלק אויפן באזיס פון מקיים זיין די געטלעכע תורה. דער מאטעריע־לער וואוילזיין איז אפהענגיג אין דער עטישער דערהויבונג און באפרידיגונג. די אייבינגקייט פון אידישען פאלק, זיין זיכערקייט אויף דער וועלט און אויף דער צו־קונפט־וועלט איז נאר מעגלעך דורך די געטלעכע משפטים צדיקים וטובים.

מיר ווייסען דאך, ווי צוליב א פאלשען און אומבארעכטיגען מסחר, וואס האט געפירט צו דעם מארד פון נבות האט דער אידישער קעניג אחאב, פארלוירען זיין טראן און דער נביא האט אים געפרעגט: הרצחת וגם ירשת? רציחה מיט פאלשער ירושה ווערען ניט געשאנקען. יעדען מענשענס רעכט איז געזיכערט אין תנ"ך או־ אפילו א קעניג האט ניט קיין מאכט דאס צו ענדערען, צו באגרעניצען דעם אי־ ווידידועלענס רעכט.

די נביאים האבען כסדר געפאדערט סאציאלען יושר אין לאנד און געווא־רענט, אז סאציאלער אומגלייכקייט וועט פירען צום אונטערגאנג פון דער אידישער מלוכה. דער נביא עמוס וועלכער האט געזאגט נביאות אין סאמע גלאנץ פעריאד פון מלכות ישראל, אין צייט פון ירבעם דעם צווייטען, ווען די אידישע מלוכה, האט דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון מאכט און רייכטום און ארץ ישראל האט אנגעהויבען זען א קלאסען צעטיילונג פון רייכע גוטס־באזיצער און ארימע פאר־שקלאפטע פויערים, ווען די הויכע אריסטאקראטיע האט באהערשט די געזעלשאפט, געלעבט אין לוקסוס און צעלאזענקייט, האט דער נביא אין א דונערדיגער שפראך אויסגעשריען זיין פארביטערונג קעגען דער סאציאלער אומגלייכהייט און געווארענט אז דאס וועט ברענגען אומגליק פאר דעם לאנד און אז גאט וועט דאס ניט דערלא־זען: „צו די אלע, וואס זאמלען רויב אין זייערע פאלאצען", וואס פארקויפען פאר געלט דעם גערעכטען . . . אזוי רעדט גאט מיין הער: ווייל איר צוטרעט דעם ארימאן און איר בויט פאר זיך פרעכטיגע פאלאצען — וועט אין דארט ניט וואוינען! . . ."

סאציאלער גלייכהייט, ברידערליכקייט און פרייהייט איז דער העכסטער אי־דעאל פון דער תורה, פון די נביאים, תנאים און אמוראים — און פון אלע וואס פאלגען נאך דעם דאזיגען אידעאל.

---

*) גיטין, ל"ו ע"א־ע"ב: „ומי איכא מידי דמדאורייתא משמטא שביעות והתקין הלל דלא משמטא? אמר אביי בשביעית בזמן הזה ורבי היא, דתניא רבי אומר „וזה דבר השמיטה־שמוט, בשתי שמיטות הכתוב מדבר, אחת שמיטת קרקע ואחת שמיטת כספים, בזמן שאתה משמט קרקע אתה משמט כספים; בזמן שאי־אתה משמט קרקע אי־אתה משמט כספים, ותקינו רבנן דמשמט זכר לשביעית . . .

י״א. — פאַרדעכטיגקייט און יורידישע אינטערשיידען צווישען איד און גוי. — „מדה כנגד מדה" קעגען היידען. — באַציאונג צו היינטיגע פעלקער.

רעזומירענדיג דאָס ביז איצט געזאָגטע און וויסענדיג פון די פאַרשיידענע געזעצאונטערשיידען אין שייכות צווישען איד און ניט איד, מוז מען זאָגען, אז דאָס אויסערגעזעצליכקייט צו ניט אידען, איז געקומען אלס רעזולטאַט פון אומצוטרוי צו די היידען, צוליב זייער פאַרדאָרבענקייט, זייערע פאַרברעכערישע מעשים.

אין דער גמרא יבמות (ס״ג ע״ב) ווערט געזאָגט אויפן פסוק, בגוי נבל אכעיסם״ (דברים ל״ב כ״א) אז דאָס זענען די באַרבאַרען, וואָס גייען ארום נאַקעט און זענען מיאוס פאַר גאָט און זענען אין חשד עובר צו זיין אויף אלע מצוות פון בן נח. וועגען אזעלכע און ענליכע פעלקער האָט מען געזאָגט אז א אידישע פרוי זאָל זיך מיט זיי ניט צוזאַמענקומען *), אז ווער ס׳האָט אינטימע באַציאונגען מיט ניט־אידישע פרויען איז ער חייב צוליב נשג״ז **). פונדעסטוועגן פאַר זיך האָבן זיי יאָ יחוס און גוי ירש׳ענט זיין פאָטער ***).

די חכמים האָבען בכלל געזוכט ווי וויית מעגליך צו פאַרהיטען פון געמישטע הייראַטען אלס שוץ געגען אסימילאַציע און שמד. זיי האָבען אויך געהיט, די ריינקייט פון פאַמיליען־לעבען ביי אידען, און דעריבער געמאַכט אזויפיל סיגים און צוימען ארום דעם אידישען הויז. פון די משומדים, מענער אָדער פרויען, האָבען זיך אידען גענוג אָנגעליטען אין צייט פון תלמוד און נאָך מער אין צייט פון קירבלעכער העגעמאָניע אין מיטעלאַלטער. אין תלמוד (סוכה נ״ו ע״ב) ווערט איבערגעגעבען א שרעקלעכען עפּיזאָד פון א משומדת א כהנ׳טע, מרים בת בילגה וועלכער האָט געהייראַט א גריכישען אָפיציר און ווען די יונים זענען אריין אין בית המקדש איז זי צוגעגאַנגען צום מזבח אויף אים געקאָפּעט און חוזק געמאַכט און געשריען: „לוקוס (וואָלף אין גריכיש)לוקוס עד מתי אתה מכלה ממונן של ישראל . . . ווען די חשמונאים האָבען געזיגט האָט מען די גאַנצע פאַמיליע באַזייטיגט. ווי די גמרא דערקלערט, איז איר משפחה שולדיג געווען אין דער דערציאונג פון אזא טאָכטער, ווי ס׳זאָגט זיך, „וואָס דאָס קינד רעדט אין גאַס, האָט ער געהערט פון פאָטער און מוטער אין הויז״.

מערסטע גזרות פון דעם כאַראַקטער, האָט ארויסגעגעבען דאָס בית־דין פון חשמונאים וואָס האָט אין קריזיס מאָמענט פאַר דער נאַציאָנאַלער און גייסטיגער אנטוויקלונג, געזוכט צו צוימען אידען אין פעסטער מחיצה פון רעליגיע און טראַדיציע. דאָס בית־דין חשמונאי, האָט אויך גוזר געווען טומאה (אומריינקייט) אויף „ארץ העמים״, לאַנד פון אנדערע פעלקער, כדי צו צוריקהאַלטען אידען פון עמיגרירען פון ארץ ישראל און זיך אסימילירען אין די ארומיגע לענדער.

אינטערעסאַנט איז, די „שקלא וטריא״ (דיסקוסיע) אין הלכה ספרים וועגען מל זיין א גוי. טייל ברענגען א ראיה פון סנהדרין (נ״ט ע״ב) אז מילה איז בלויז

*) כתובות ל״ג ע״ב; עבודה זרה כ״ב ע״א.
**) נדה, שפחה, גויה, זונה.
***) קדושין י״ז ע״ב; יבמות ס״ב ע״א.

צו אברהם אבינו און זיינע קינדער און ניט צו קיין אנדערע, אז צו אנדערע איז פארבאָטען מילה. ס'איז אויך דאָ א מיינונג, אז בלויז דער פליכט אין צו אידען און ניט צו גוים, אויב אָבער א ניט איד וויל זיך מל זיין מעג מען אים דאָס טאָן *) אויב ס'איז ניטאָ די מורא פון „מורנא„ וואָס ווערט דערמאָנט אין גמרא עבודה זרה כ"ו ע"ב.

אין ירושלמי (יבמות פרק ב' הלכה ו') ווערט דערציילט אז ר' יעקב איש כפר נבורה, האָט מתיר געווען אין צור (פענעציע) מל צו זיין א זון פון א איד וואָס האָט גענומען א גויה אפילו אין שבת, ווייל דער פסוק זאָגט: „ויתילדו על משפחותם לבית אבותם" און דער פאָטער איז דאָך א איד. ר' חגי האָט אים באוויזען זיין טעות אז זון וואָס קומט פון גויה איז ניט דיין זון ווי ר' שמעון בן יוחאי דרש'ענט עס פון פסוק כי יסור את בנך (יבמות כ"ג ע"א) און ווי די משנה (קדושין ס"ו ע"ב) באַווייזט אז דאָס קינד געהער צו איר.

די געשיכטע פון יעקב איש כפר נבוראי ווערט באריכות איבערגעגעבען אין מדרש (בראשית רבה, פרשה ז'), און אז ער האָט מודה געווען צו רבי חגי אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי אז בנך הבא מישראלית קרוי בנך, ואין בנך הבא מן הגויה קרוי בנך . . . אזוי ווערט גע'פסק'ענט להלכה. (זע רמב"ם, איסורי ביאה פ"ב).

וועגען מילה פון ניט־אידען ווערט געזאָגט אין תלמוד (נדרים פרק ג' משנה י"ג) אז זייער מילה מאַכט זיי ניט פאר אידען.

זיי זענען אויך געווען אין חשד אויף שפיכות דמים, און אידען האָבען זיך שטענדיג געדארפט אויסהיטען און אויסמיידען א צו נאָענטען פארקער מיט דע־מאָלדיגע גוים. אין תלמוד ווערט דערציילט אז א גוי, א הייבאם, האָט זיך געריהמט אז זי האָט געטויט פיל אידישע קינדער און זייער בלוט פארגאָסען ווי וואסער **) פונדעסטוועגען ווערט געמאַכט אן אונטערשייד צווישען פערסער און גריכען. די לעצטע זענען ניט אין חשד אויף אומזיסטע בלוט פארגיסונג ***)

די פארבאָטען, דערוויטערונגען און דיסקרימינאציעס קעגען די היידנישע פעלקער וועלכע ווערען אויסגערעכענט אין ערשטען פרק פון עבודה זרה (משנה א' ט') ווערען מאָטיווייזירט אויף דריי עיקר חשדים: פארדאכט פון רציחה, אוממאָ־ראלישקייט און געצענדינסט. צוליב דער געפאר פון „חיתון", זענען אויך פאר־באָטען געוואָרען „גבינה, חלב, פת און שמן" פון עכו"ם און מ'טאָר זיי ניט פאר־קויפען קיין ארבעטס־בהמה ווייל זיי וועלען דאָך מיט איר ארבעטען אום שבת. צו פארהערליכען א היידנישען גוי איז געווען פארבאָטען צוליב דעם איסור פון לא תחנם" דברים ז' ב', כ').

די ארמים פון „סאַסאַנידען" שבט, אין צייט פון רב, זענען באטראכט גע־וואָרען פון אידען פאר פשוטע מערדער און מ'האָט צו זיי קיין צוטרוי ניט געהאַט. רב האָט וועגען זיי געזאָגט: „ווער עס וויל בלינד ווערען, זאָל זיך לאָזען שמירען די אויגען פון אן ארמי'שע דאָקטאָר". ****).

*) זע מהרי"ל גרויבארט: „חבלים בנעימים" ח"ד, סימן לו 52-50, לעננערע תשובה וועגען א גוי וואָס האָט געהייראט א ניט־אידין, לויט לאנד־געזעצען ניט בדת משה און וויל מל זיין זיין זון, וואָס איז אים געבוירען, שטיצענדיג זיך אויף פיל באווייזען איז ער דאָס מתיר צו טאָן און די מילה קאָן אויך גערעכענט ווערען פאר גירות. **) עירובין פ"ו מ"א; עבודה זרה ב"ו ע"א־כ"ז.

***) בבא קמא קי"ז ע"א.

****) זע עבודה זרה י"ח. נדה ל"ה ע"ב, ירושלמי ע"ז ב'.

צו די היידנישע פעלקער, האָט מען ניט געהאַט קיין צוטרוי, מ'האָט זיי ניט געקענט גלויבן אויפן וואָרט. זיי זענען פּסול געווען עדות צו זאָגן *). דאָך האָט מען זיי אין געוויסע פאַלן געגלויבט. מען גלויבט א גוי א „מסיח לפי תומו", וואָס דערציילט, ניט געפרעגטערהייט מתיר צו מאַכן אן עגונה, זי זאָל מעגן הייראַטן **). דאָקומענטן פון ניט אידישע געריכטן ווערן באַטראַכט אלס כשר'ע און מ'פאַרלאָזט זיך אויף זיי ***). וועגן עדות פון דער כותים־סעקטע איז א מחלוקת אין תלמוד ****).

מיר געפינען אין תלמוד פאַרשיידענע יורידישע אינטערשיידן — דער הויפּט־מאָטיוו פאַר אָט די אינטערשיידן ליגט אינם עיקר פּרינציפּ פון רבי אבהו'ס דרש אויפן פּסוק „ראה ויתר גוים", ע ר האָט געזען ווי די בני נח זענען ניט מקיים די זיבען מצוות פון בני נח, גזלה אריינגערעכנט, האָט ער אויך מתיר געווען זייער געלט, ס'זאָל ביי זיי ניט אָנגיין דער דין ישראל 5) דעריבער איז געווען א מיינונג, ניט צו לערנען מיט קיין גוי די אידישע תורה ווייל מען איז עובר אויף „לפני עוד לא תתן מכשול" 6) ווייל די דעמאָלטדיגע גוים האָבן סיי־ווי ניט אויסגעפאָלגט קיין געזעץ און דאָס געזעץ איז באַשטאַנען פון כל דאלים גבר. פאַרוואָס זאָלען די וואָס פאָלגען ניט אויס קיין געזעץ בנוגע גנבה, גזלה און „השבת אבדה", פאַרוואָס זאָלען זיי, געניסען די פּריווילעגיע פון א ישראל, וואָס נעמט אויף זיך צו לעבען א תורה־לעבען.

מיר געפינען דעריבער אין תלמוד אונטערשיידן צווישן גוי און איד וועלכע מאַכען אויבערפלעכלעך אן איינדרוק פון נאַציאָנאַלען ענגאַאיזם, אָבער ווען מען טראַכט זיך אין זיי טיפער אריין, אין זייער אבזיכט און רעזולטאַט, און זיי ווערען אילוסטרירט מיט פאַקטען, ווערען זיי קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר יעדען אינטעליגענטען מענש.

מ'האָט דערלויבט צו נעמען פּראָצענט („רבית") פון אן עכו"ם אָדער פון א גר תושב וואָס פירט זיך ווי אן עכו"ם וואָס שייך כשרות, כאָטש מען איז מחויב אים צו באַזאָרגען מיט חיונה 7) איז פּשוט, ווייל אויך דער עכו"ם און דער תושב נעמט „נשך" ביי זיינע מענשען און אודאי ביי א ישראל, ווייל ער באַטראַכט עס אפילו ניט פאַר א זינד.

די אורזאַך פון לאחיך לא תשיך לנכרי תשיך, (דברים כ"ג כ"א) אז דעם גוי מעג מען באָרגען געלט אויף פּראָצענט8), איז דערפאַר, ווייל אויך דעם גוי, אויב א איד האָט געבאָרגט פון אים, האָט ער אים געצאָלט פּראָצענט. די ניט־אידישע וועלט

*) יבמות פרק ט"ז משנה ה'; גיטין פרק ח' משנה ג', בבא קמא פרק א' משנה ג'.

**) גיטין כ"ח ע"א. אויך גיטין וואָס זענען גע'חתמ'עט פון ניט־אידען זענען כשר, דער נכרי קען אָבער ניט זיין קיין שליח צו ברענגען דעם גט און זאָגן בפני נכתב . . . (גיטין פרק ב' משנה ה') און א גט וואָס גוים צווינגען איז פּסול (דאָרט פּ"ט מ"ה).

***) גיטין י' ע"ב.

****) זע גיטין י' ע"א־ע"ב.

5) בבא קמא ל"ח ע"א.

6) חגיגה י"ג ע"א.

7) זע בבא מציעא פרק ה' משנה ו', גמרא ע' ע"ב, ע"א עמוד א'.

האָט דאָן ניט געזען קיין פאַרברעכען אין באַרגען געלט אויף פּראָצענט. וואוכעריי איז ניט באַטראַכט געוואָרען פאַר א סאָציאַלער אומרעכט.

די פעלקער, אדום ישמעאל און אנדערע אויסער די זיבען פאַרדאָרבענע אמורים פעלקער, ווערען בכלל ניט גערופען „נכרי" *). אין תלמוד ווערט אויך געזאָגט אז דער וואָס נעמט פּראָצענט אפילו פון ניט אידען פאַרלירט ער זיין פאַרמעגען און אויפן פסוק „כספו לא נתן בנשך" (תהלים ט"ו ה') ווערט געטייטשט אפילו ברבית דנכרי **).

דער דין איז געווען, אז דעם גוי'ס אָן אָקס האָט געשטויסען א איד'ס אָקס האָט יענער געדאַרפט באַצאָלען דעם גאַנצען שאָדען און פאַרקערט, איז דער איד געווען פּטור *). דער דאָזיגער דין האָט אַרויסגערופען פּראָטעסט מצד די רוימער. די רבנן האָבען געלערנט: און שוין לאַנג ווי די רשעים הערשער, האָבען געשיקט צוויי סרדיוטות (ריכטער) צו די אידישע חכמים און געזאָגט צו זיי: „לערנט אונז אייער תורה. האָבען זיי געלערנט איין מאָל צוויי מאָל און דריי מאָל. ווען זיי זענען אוועקגעגאַנגען, האָבען זיי געזאָגט: מיר האָבען נאָכגעקוקט אין אייער גאַנצער תורה און אלץ איז אמת, בלויז די זאַך וואָס איר זאָגט אז עס איז א חילוק צווישען א אידישען אָקס און א גויאישען, א. א. וו.

שני סרדיוטות שלחה מלכות רומא ואמר להם: לכו ועשו עצמכם גרים וראו תורתן של ישראל מה טיבה. הלכו להם אל ר' גמליאל לאושא וקראו את המקרא ושנו את המשנה, מדרש הלכות ואגדות ****).

---

*) זע אברבנאל דברים כ"ג כ"א; ימין ושמאל ז"ז קצ"ה־סצ"ו, ברענגט ארויס נייעם און ביז גאָר אָריגינאַלען געדאַנק. ביי אידען, אָן אגראַר פאָלק איז שטרענג פאַרבאָטען געוואָרען „נשך", ווייל דערמיט בייסט מען דעם אָרימען פויער אָבער פון א האַנדעלסמאַן מעג מען נעמען, ווייל זיינע פּראָפיטען דערלויבען אים צו צאָלען פּראָצענט. דער לנכרי תשיך, זאָל מיינען דעם כנעני וואָס איז געווען א סוחר, א הענדלער, פון אים מעג מען נעמען פּראָצענט. א באַווייז אויף זיין פילאָלאָגישען טייטש ברענגט דער מחבר פון וחגור נתנה לכנעני (משלי ל"א, כ"ד) וואָס מיינט הענדלער און בת איש כנעני (בראשית ל"ח ב') וואָס מיינט א סוחר'ס טאָכטער.

**) זע בבא מציעא ע' ע"ב; מכות כ"ד ע"א.

ספרי דאָרט, לנכרי תשיך מצות עשה, ולאחיך לא תשוך מצוות לא תעשה — אָבער אבן עזרא, טייטשט אז לנכרי תשיך איז בלויז רשות.

די זעלביגע מיינונג צו געפינען ביים ראב"ד הלכות מלוה פרק ה' הלכה א; רמב"ן, רשב"א און אנד. גדולי הפוסקים.

דער רמב"ם, סימן קצ"ח, רעכענט דעם „לנכרי תשיך" פאַר א מצות עשה. דער סמ"ג אין זיין הקדמה באַמערקט אז מיר פאַרלאָזען זיך בעסער אויף אונזער תלמוד בבלי און אין „איזהו נשך" ווערט געזאָגט, איז דען ניט גענוג אָן דעם: „לא סגי בלאו הכי . . ." זיין מיינונג, דער „לנכרי תשיך", פון גוי איז דערלויבט נעמען פּראָצענט.

***) בבא קמא פרק א' משנה ב'; פרק ד' משנה ג'; ל"ח ע"א.

****) אזוי אין ספרי דברים ל"ג ג'. ירושלמי ב"ק ד': ולמדו ממנו מקרא, משנה, תלמוד, הלכות ואגדות אין תלמוד בבלי ב"ק ל"ח וקראו ושנו ושלשו . . .

אין טייל גירסאות חוץ „מדבר אחד" — אין ירושלמי ווערט אויך צוגעגעבען אז זיי איז ניט געפעלען געוואָרען דער איסור „להניק ולילד את הנכרית" און אז ר"ג האָט זיי פאַרזיכערט צו אסר'ן גזל נכרי.

בשעת פטירתם אמרו להם: כל תורתכם נאה ומשובחת, חוץ משני דברים ששור של ישראל . . . שגזל הנכרי, מותר בהנאה — אבל הם לא ימסרו למלכות.

איז אויך קיין ספק ניט, אז דאָ רעדט זיך וועגן אומציוויליזירטע, ווילדע פעלקער וועלכע האָבען ניט אנערקענט קיין געזעץ, קיין יושר, קיין משפט. און דאָס איז שוין פון לאנג פארענטפערט געוואָרען אז זייער באהאנדלען שאַ־דענס פון גוים צו אידען איז געווען פיל ערגער. אין די געזעצען פון האמוראַבי, ווערט אפילו געזאָגט אז אן אָקס וועט הרג'נען א מענש, ווען אפילו מ'האָט דעם איי־גענטימער געוואָרענט קומט אים א גאַר קליינעם שטראָף *). צוליב דעם זעלביגען טעם איז דערלויבט געוואָרען דעם גוי'ס אבדה, וואָס לויט דער מיינונג פון רבנאי איז ער ניט מחויב צוריקצוגעבען אפילו ווען דער איד, האָט איר שוין אויפגעהויבען **). מיר ווייסען דאָך פון תלמוד ***), אז פערסישע מלוכה פלעגט צונעמען פאר זיך אלע געפונענע זאכען וואָס מיינט פשוטע רויבעריי.

אין תלמוד (בבא מציעא כ"ד ע"א) ווערט גע'פסק'ענט אז מ'געפינט א מציאה אין א פלאץ וואָס איז באזעצט פון רוב נכרים האָבען זיך די אייגענטימער מיאש געווען, ווייל זיי ווייסען אז גוים גיבען ניט צוריק קיין אבדה ****). צו אזעלכע דארף מען ניט צוריקגעבען זייערע אבדות, ווי די גמרא אין סנהדרין (ע"ו ע"ב) דריקט זיך אז דאָס וועט הייסען „למען ספות הרוה את הצמאה".

אין דער גמרא בבא קמא (קי"ג ע"ב) זאָגט רב ביבי, בר גידל פאר ר' שמעון חסידא, אז „גזל כנעני אסור, אבידתו מותרת" און לערנט דאָס ארויס פון א פסוק אין דער תורה. רב חמא זאָגט דאָס פאר רב'ן. צום סוף ווערט אָבער געבראכט א ברייתא אז ר' פינחס בן יאיר האָט געזאָגט דאָרט וואו ס'וועט זיין חילול השם איז אויך זיין פארלוירענער זאך פארבאָטען צו נעמען. אין נאָמען פון שמואל ירחינאה ווערט געבראכט אז טעות גוי איז דערלויבט. גזל איז אסור, לויט ר' עקיבא און אויך ר' ישמעאל איז מודה, במקום שיש קידוש השם, איז דער עיקר „דינא דמלכותא", און מ'דארף משפט'ן אן אמתן משפט *****).

אין תלמוד און אין מדרש זוכט מען א בארעכטיגונג פאר־משה'ס טויטען דעם מצרי ******). טייל ווילען זאָגן אז דעם מצרי איז געקומען טויט שטראָף, ווייל ער האָט זיך ארייגגעריסען אין א אידיש הויז און פארגוואלטיגט א אידישע פרוי. אויף גלוי־עריות זענען די בני נח מחויב טויט־שטראָף (אזוי ווערט געזאָגט אין מדרש רבה (בראשית ה'), אנדערע זאָגען אז דעם מצרי איז געקומען טויט שטראָף בלויז דערפאר ווייל ער האָט געשלאָגען א איד . . .

עס איז געווען אָנגענומען, אז אידען זאָלען זייערע אָנקלאָגעס ברענגען דעם דיין אָדער רב און ניט גיין אין די ניט־אידישע געריכטען, ווי רש"י טייטשט ואלה המשפטים אשר תשים ל פ נ י ה ם. אידישע משפטים דארפען געבראכט ווערען בלויז אין אידישען געריכט. פונדעסטוועגען האָט מען רעספעקטירט די ניט־אידישע

*) זע שד"ל, „בית האוצר" ז. מ"ט.
יהודה דוד אייזענשטיין, „אוצר ישראל", לאָנדאָן תרפ"ד־1924, ז"ז 258־259.
) בבא מציעא ב' ע"א; כ"ז ע"א. *) דאָרט כ"ח ע"ב.
****) זע אויך מכשירין פ"ג משנה ז'־ח'. *****) ב"ק קי"ג ע"ב.
**) „און ער האָט געזען א מאן א מצרי שלאָגט א מאן א איד פון זיינע ברידער, — האָט ער דערשלאָגען דעם מצרי . . ." שמות ב' י"א־י"ב).
זע שמות רבה א' ל"ג. אויף גלוי עריות ווערען באשטראָפט ניט־אידען ווי אידען. די מדינים זענען דערפאר געטויט געוואָרען און פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן האָט אליין דורכגעפירט דעם דין פון „הבועל ארמית קנאין פוגעין בו . . . (במדבר כ"ה).

ערכאות, און עס איז אפילו געווען פארבאָטען אונטערקויפען ניט אידישע ריכטער *).

דער ירושלמי (בבא קמא פ"ד ה"ג) באמערקט אז ביי די דינים אורטיילען מיר די גוים לויט זייער אייגענעם געזעץ. דאָס מוראבישע געזעץ, ווי מיר האָבען דערמאנט, האָט כלל ווייניג־וואָס פאר'משפט אזעלכע ווילדע אָקסען. דעם ניט־איד האָט מען געמוזט שטארק באשטראָפען, אים צווינגען ער זאָל היטען זיינע ווילדע אָקסען *). די היינטיקע קריסטען זענען געווים ניט אין כלל פון דעם געזעץ, ווי דער חכם טומאש האָט דאָס אויפגעקלערט צו דעם שפּאנישען קעניג אלפאָנזאָ אין נאָמען פון אברבנאל פון סעוויל **).

אין יענער צייט, ווען די רוימישע דעלעגאציע האָט אויסגעדרוקט אומצופרידענקייט פון דער דיסקרימינאציע, האָט רבן גמליאל דער נשיא, גוזר געווען אויף גזלה פון גוי, ס'זאָל זיין פארבאָטען צוליב חלול השם אזוי ווערט גע'פּסק'ענט, אז גזל פון גוי איז אסור ***) און צוליב חלול השם נאָך הארבער פון גזל ביי א איד. אין תוספתא (בבא קמא, י') ווערט געזאָגט: חמור גזל הגוי מגזל ישראל. דער, וואָס באַ'גזלט א גוי האָט קיין פארגעבונג ניט. בכדי מקדש זיין גאָטס נאָמען, האָט מען אויך געטאָן „לפנים משורת הדין", צוריקצוגעבען אן אבדה פון גוי ****) און אין

אין שיטה מקובצת ב"ק קי"ג, (ר' בצלאל אשכנזי, תלמיד הריד ב"ז) ווערט געבראכט פאר דעם מאירי, אז די פעלקער וואָס פירען זיך אויף געזעצליך („הגדורים בדרכי הדתות"), זיי באהאנדלען מיר ריכטיג על־פּי־דין אָן ווען עס איז דיסקרימינאציע. אין דער דער צייט ווען עס זענען געמאכט געוואָרען די אויסנאמס געזעצן, האָט מען געוואוסט אז: „כל נכרי אנס ושקרן הוא" ((בבא בתרא מ"ה ע"א) „נכרי גזלן" (דאָרט ל"ה ע"ב). אפילו ווענען זיי זאָגט ר' עקיבא, „אין באין עליו בעקיפין" . . . (בבא קמא דאָרט).

דער „חוות יאיר" (סימן קל"ו) ברענגט, אז דער דייטשער קעניג מאקסימיליאן, האָט געפרעגט דעם מאנהיימער רב (זיינער א שוואָגער) פארוואָס אידען גיבען שוחד די באאמטע, האָט ער אים וויציג געענטפערט אז אזוי ווי די ריכטער און די באאמטע האָבען א נויגונג צום ניט־איד, ווען ער ריכטעט זיך מיט א איד. קומט דאָס ביסעלע כאבאר און גלייכט אוים און ער באמערקט אז לויט דעם דין נאָר מען דאָס ניט.

*) רמב"ם נזקי ממון פ"ח ה"ה.

**) שבט מיהודה ז'.

*) אין די ספרי הפוסקים ווי אין „רמבם" (פי"א הלכות גזלה ואבדה הלכה ג' ראש ב"ק, טוש"ע חו"מ סימן רס"ו; שמח; שנט, ווערט גע'פּסקענט אז גזל בנעני איז אסור. דער רמב"ם'ס לשון (פ"א גנבה א'): כל הגונב ממון משוה פרוטה ולמעלה עובר בלא תעשה . . . ואחד הגונב ממון ישראל, ואחד הגונב ממון נכרי און אין פרק א' הלכות גזלה הלכה ב' . . . ואסור לגזול כל שהוא מדין תורה . . . אפילו נכרי אסור . . .

****) זע ב"ק ק"ג ע"א תוספות פ"ח ע"ב ד"ה „אלא" קומט צום אויספיר אז וואו עס קאָן זיין חילול השם זענען אלע מודה אז ס'איז אסור.

תלמוד ירושלמי (בבא מציעא פרק ב׳ הלכה ה׳) ווערט דערציילט פון פיל תנאים און אמוראים וואס האבען צוריק געגעבען אבדות צו ניט־אידען און געהייליגט גאטס נאמען אין זיין תורה.

א סך זאכען, ווערט געזאגט אין תלמוד, (עבודה זרה כ״ו ע״א) האט רב יוסף מתיר געווען משום איבה. ר׳ אייזיק הירש ווייס אין „דור, דור, ודורשיו״, האלט אז רב יוסף האט דערמיט מחדש געווען, אריינברענגענדיג דעם געדאנק פון דערלויבן זאכען וועלכע זענען געווארען פריער גע׳אס׳רט, כדי ניט ארויסצורופען האס און מאכען פיינטשאפט ביי ניט־אידען, וויים ציט א פאראלעל פון פיל אמוראים פון בבל וואס האבען דערלויבט טאן זאכען וואס די תנאים האבען געהאט גע׳אס׳רט. רב אשי, למשל, האט מתיר געווען צו פארקויפען כלי־זיין צו די פערסער (וואס איז געווען פארבאטען), ווייל זיי באשיצען אויך אידען. ער האט דערלויבט צו פארקויפען א בהמה צו א גוי, ווייל מיר נעמען אן אז ער קויפט איר אויף שחיטה *).

י. קרלין, אין א מאמר אין „סדרים״ די זאמעלשריפט פון די ארץ ישראלדיגע שרייבער **) ווארפט אפ ווייס׳עס שלוסען און באווייזט נאר ריכטיג אז רבי יוסף האט ניט געדארפט שאפען א נייעם דין. ער האט בלויז אויסגעטייטשט די ברייתא וואס לויטעט: יהודית מילדת עכו״ם בשכר אבל לא בחנם ***). דעם עיקר דין געפינט מען אין דער משנה אויף פאלגענדען אופן: „בת ישראל לא תיניק בנה של עכו״ם״, זאגט דערויף די ברייתא: „מפני שמגדלת בן לעכו״ם״, וואלט אויסגעקומען אז אפילו פאר באצאלט טאר מען נים זויגען קינד פון געצענדינער. אין ירושלמי ווערט אבער געזאגט אז דער איסור איז בלויז „בחנם״, אומזיסט צוליב „לא תחנם״. רב יוסף דער בבלי האט געזאגט ענליכעס צום ירושלמי.

קרלין, באמיט זיך צו באווייזען אז די חכמי ארץ ישראל זענען ניט געווען מער צוריקגעהאלטען פון די חכמי בבל, מורא האבענדיג אויף זיך צו שטעלען אין ענינים פון הוראה. ער געפינט א סמך פאר רב אשי׳ס היתר, אין דער משנה (שביעית פרק ה׳ משנה ה׳): וב״ה מתירין מפני שיכול לשוחטה . . . אויך רב אשי׳ס היתר צו פארקויפען די פערסער כלי־זיין האט א סמך אין דער ברייתא וואס ווערט געבראכט אין עבודה זרה (ט״ו ע״ב־ט״ז ע״א).

ווענען גויאיש ברויט זענען פאראן דעות, אז וואו מען נויטיגט זיך, מעג מען עס נוצען ****) רבי יוחנן (אן ארץ ישראל אמורא), זאגט אין עבודה זרה (ל״ה ע״ב): פת לא הותרה בבית דין, באמערקט דערויף די גמרא, מוז דאך זיין אז טייל זענען מתיר. רב נחמן (א בובלישער אמורא) האט גע׳פסק׳ענט: „כי נפסא שבעא יומי דפסחא . . . זבינו חמירא דבני חילא *****) און אין ירושלמי (דארט) האט מען דאס בלויז מתיר געווען אין שטעט וואו מען איז זיך נוהג צו עסען פת נכרי.

טייל זאגען אז רב נחמן האט בלויז דערלויבט טייג וואס איז מותר (חלה

*) דארט ט״ו ע״ב.

**) העברית כיסוד ואמצעי לחנוך הומוניסטי, תל־אביב תש״ב, ז״ז 343־344.

***) עבודה זרה ו׳ ע״ב.

****) ירושלמי דארט פרק ב׳ הלכה ז׳.

*****) באלד נאך פסח האט ער געהייסען קויפען ברויט פון מיליטער (פסחים ל׳ ע״א).

פרק ג׳ משנה ג׳). רש״י זאָגט אָבער „אעפ״י שאופיהו״ לערנט אז אפילו געבאקען ברויט מעג מען קויפען. טייל מאכען א חלוק פון בעקער׳ס ברויט און פּריוואט, פת נכרי . . .

די גויאישע קנעכט זענען ניט געוועזען הפקר. זיי האָבען געהאט געוויסע רעכט ווי שבת־רו און אָרנטלעכע באהאנדלונג. האָט מען זיי געשאָדענט אָדער געשלאָגען איז מען געוואָרען באשטראָפט (זע שמות, כ״א ב׳ כ״ו) דער דין אז „בן נח נהרג בדיין אחד, ובעד אחד, שלא בהתראה״ (סנהדרין נ״ז) איז ניט קיין אידישער. מען אורטיילט זיי, לויט זייער אייגענעם געזעץ.

ס׳איז פאראן אין תלמוד א שקלא וטריא צי „יש קנין לעכו״ם בארץ ישראל״, צי „אין קנין״, ד״ה אויב א גוי וועט קויפען א פעלד אין ארץ־ישראל צי דארף ער געבען מעשר אָדער ניט *). איז דאָס גאנץ פארשטענדליך, פארוואָס זאָל אידישער באָדען וואָס איז איבערגעגאנגען צו א ניט־איד זיין פּטור פון די „מצוות התלויות בארץ״ און פארוואָס זאָל א ניט איד, האָבען מער פּריווילעגיעס אין ארץ ישראל פונם איד. וועט דאָך אויסקומען אז דער חוטא נשכר, אז דער וואָס גלויבט אין געצענדינסט זאָל גאָר מרויח זיין.

דער דין פון א בן נח איז אויך געוועזען אז מ׳האָט אים געקענט אורטיילען אפילו מיט טויט־שטראָף דורך איין דיין, איין עדות און אָן התראה (וואָרנונג) *) ער איז אויך געמשפּט געוואָרען אויף גזל פון ווייניגער פון א פּרוטה **) איז דאָס געוועזען צו צוימען זייערע נויגונגען צו מערדעריי און גזלה.

אז מ׳האָט פארקויפט א קנעכט צו א גוי איז ער געוואָרען פריי ***), ווייל דאָס האָט געהייסען אז מ׳האָט אים איבערגעגעבען צום שמד און שקלאפעריי. א קנעכט איז דאָך געוועזען מחויב אין טייל מצוות. אנדערע סיגים און גזרות זענען געוועזען כדי צו דערווייטערען זיך פון די געצענדינער, ניט איבערצונעמען פון זייערע מנהגים און ניט העלפען זיי פארשפּרייטען זייער געצענדינסט ****).

בדרך כלל, ווייסען מיר אז מען טאָר נישט נארען קיין גוי, ווי די גמרא דריקט זיך אוים אין נאָמען פון שמואל, אז „אסור לגנוב דעת הבריות, ואפילו דעתו של עובד כוכבים״ *****).

אין די שפּעטערע צייטען, ווען פעלקער זענען געוואָרען מער הומאניטאריש און אנערקענט די וויכטיגקייט פון די „שבע מצוות״, די זיבען עיקר־פּרינציפּען פון

**) זע בבא מציעא ק״א ע״א.

אין תנא דבי אליהו, פ׳ ט״ו ווערט געזאָגט אז מען באַ׳גזל׳ט א גוי איז פּונקט ווי מען וואָלט באַ׳גזל׳ט א איד.

בבא מציעא פ״ז ע״ב, בכורות י״ג ע״א, בבא מציעא קי״א ע״א. און תוספות דאָרט אין ירושלמי ווערט געפּסקענט: „אין שוכרין פּועלים נכרים״. קומט דאָס ניט פון געדאנק אז מען דארף בלויז זען, אייגענע ארבעטער זאָלען האָבען ארבעט און אנדערע צו לאָזען ארבעטסלאָז, דאָס איז אודאי געזאָגט געוואָרען אין מאָמענט, ווען פּועלים נכרים זענען געוועזען א גרוים געפאר . . . באזונדערס, געפינען מיר ענליכעס אין די געזעצען פון מוראבי.

*) סנהדרין נ״ז ע״א.

**) דאָרט נ״ו ע״א.

***) גיטין פּרק ד׳ משנה ו׳.

****) זע עבודה זרה פּרק א׳ משנה א׳־ט׳.

*****) חולין צ״ד ע״א. פּסוק זאָגט: ויצו ד׳ אלקים על האדם וכו׳ בראשית.

יעדען מענש, זענען ניט־אידען געשטעלט געוואָרען אונטער דעם זעלבען געזעץ ווי אידען און נאָך מער פון דעם, האלט דער רמ"א, אז וואָס שייך די זיבעו מצוות וועלכע ר' יוחנן לערנט ארויס פון פסוק ויצו אלו הדינים *) מיינט מען, די שטאַט־לעכע געזעצען, די מענשליכע שכל'דיגע, און אז דער דין בלייבט ווי ר' יצחק דאָרט, וואָס לערנט ארויס דינין פון אלהים אז דער בן נח איז מחויב אויף דינין פונקט ווי אידען, ווייל אויך ער, איז געבאָטען אויף טייל מצוות פון בארג סיני, און מוז זיך אונטערוואַרפען דעם דין ישראל. בלויז קליינע אויסנאַמען (רעזערוואַציעס) זענען געמאכט געוואָרען פאר גוים וואָס שייך געזעץ אָבער ב דרך כלל, איז זייער דין ווי דין ישראל. א וויכטיגע ראיה ברענגט ער פון דער גמרא (בבא קמא קי"ג ע"א) אז איד און גוי קומען פאר א רב צום משפט, איז אויב מ'קען דעם איד מזכה לויט דעם אידישען דין, זאָל מען צום גוי (בותי) זאָגען, אזוי איז אונזער דין; אויב מ'קען אים פארטיידיגען לויט זייער געזעץ, זאָל מען צום גוי זאָגען אזוי איז דאָך אייער געזעץ, און אז ניט, זאָל מען בכלל זוכען צו פארטיידיגען דעם איד, דאָס איז די מיינונג פון ר' ישמעאל. ר' עקיבא האלט אז צוליב קדוש השם, זאָל מען ניט קומען „בעקיפין", זאָל מען ניט סתם אזוי זוכען אים פארטיידיגען. באמערקט דער רמ"א, אז וועגען דן זיין בדיני ישראל זענען זיי ביידע מודה אז דאָס זאָל מען טאָן, אויב ס'איז דאָ א מעגליכקייט און ס'וועט דערביי זיכער זיין קדוש השם, פראָקלאַמי־רען תורה־געזעץ, וואָס „דרכיה דרכי נועם" . . .

אין תלמוד ווערט גע'פסק'ענט, אז אין גלות דארפען מיר אָננעמען דאָס געזעץ פון דער מלוכה, „דינא דמלכותא־דינא", אז אין ענינים פון געלט־פראַגען זאָל מען זיך פארלאָזען אויף דעם לאנד'ס געזעץ **).

דעם דאָזיגען דין האָט געזאָגט שמואל ירחינאה, אָבער מיר ווייסען דאָך אז ביי געלט־אָנגעלעגענהייטען, ווערט געפסקענט ווי שמואל, ווי עס ווערט אויסגע־דריקט אין ירושלמי (קדושין א' ה') אז ווער עס האלט נישט לויט שמואלס מיינונג, דער ווייסט גאָרנישט אין דינים פון נזיקין ***).

דער רמ"א אין זיינע תשובות (סימן קכ"ג) פסק'ענט אז דער דין פון „דינא דמלכותא דינא", גייט אָן אויך ביים באשטימען א רב מצד דער שררה און רעגירונג, אויב די קהלה איז צופרידען און דער רב איז ראוי צום אמט. ער ברענגט א ראיה פון דעם וואָס עזרא און נחמיה בן חכליה האָבען געהערשט א דאנק דער באשטימונג פון כורש מלך פרס, און אזוי אנדערע מלכים פון בית שני. אין פרק במה מדליקין

*) סנהדרין כ"ו ע"א; זע תשובות מהרמא"י סימן ט"ו, י"ד־ט"ז, זיין שארף וואָרט אין פארטיידיגונג פון בארימטען גאון ר' מאיר פאדוואַ אין זיין אָנקלאגע קעגען א קריסטלעכען דרוקער וואָס האָט געדרוקט אן אויפלאגע פון רמבמ"ם משנה תורה, נאָכדעם ווי דער גאון האָט פארעפענטלעכט זיין אויסגאבע מיט הגהות און אויסבעסערונגען און איז געוואָרען א שטארקער קאָנקורענט. דער רמ"א שרייבט וועגען דער מהר"ם פאדווא אויסגאבע: „והגיה אותו בשכלו הזך עד אשר לא נשאר בתוך הבר תבן, וסלק המסילה עד לא נשאר בה אבן" . . . ואומר שדין הוא עם הגאון, שהיא ימכור ספריו ראשונה, והואיל ובעונותינו שרבו אין ידינו תקיפה לעשות כפי תורתנו, מ"מ לא נניח את שלנו ולומר שכל ישראל ומי שבשם ישראל יכונה לא יקנה שום ספר מיימוני החדשים רק מאותן היוצאין מתחת יד הגאון הנ"ל".

**) גיטין י' ע"ב; ב"ק קי"ג ע"א; ב"ב נ"ד ע"ב און אנד. מקומות.

***) זע אויך בכורות מ"ט ע"ב.

(שבת ל"ג ע"ב) ווערט געזאָגט אז רבי יהודה איז באשטימט געוואָרען פון רוימישען קיסר צום אמט פון „ראש המדברים" *). אז די רעגירונג האָט א רעכט צו באשטימען א פירער אָדער א רב איז אויך די מיינונג פון ריב"ש (תשובה סימן רע"א) און רשב"א (תשובה סימן תרל"ז), אז דאָס גייט אריין אין כלל פון „דינא דמלכותא־דינא", דער באשטימטער דארף אָבער זיין ראוי, צום אמט און מיטן גוטען אויסוואל פון דער קהלה. דער וואָס קומט מיט רעגירונגס כח קעגען דעם ווילען פון דער קהלה — עתיד ליתן את הדין . . . ווי די גמרא דרש'ענט אין יומא (ט' ע"א) יראת ד' תוסיף ימים־אלו כהני בית ראשון, ושנות רשעים תקצורנה — אלו כהני בית שני . . . און די אורזאך איז, ווייל זיי זענען באשטימט געוואָרען דורך די פרעמדע מלוכות, אָן דעם ווילען פון די אידען. זיי האָבען דאָס דערגרייכט דורך אונטער־קויף־געלט, דורך שוחד. ווי זיי דערציילען אז מרתא בת בייתוס, האָט געבראכט תרי קבי דדינרא. מ'זאָל באשטימען יהושע בן גמלא צום אמט פון כהן גדול. אויב אָבער רעגירונג באשטימט מיטן דעת הקהל, איז „דינא דמלכותא דינא", און מ'קאָן ניט חרטה האָבען **).

די משנה (גיטין פרק ד' משנה ח') פסקנט מען טאָר ניט קויפען קיין ספרים, תפלין און מזוזות פון ניט־אידען און זיי צאָלען א העכערער פרייז צוליב תקון העולם, איז דאָס דערפאר, כדי דער גוי זאָל זיך ניט נעמען גנב'נען און ברענגען מערער ספרים, וויסענדיג אז ער וועט האָבען גוטע קונים. ר"ש בן גמליאל האלט אז ספרים געשריבען ביי עכו"ם מעג מען לייענען זיי. ער האלט אז ס'דארף ניט זיין כתיבה לשמן. דער אויספיר, אז עס דארף יאָ זיין כתיבה לשמע (זע באריכות גיטין, מ"ח ע"ב צי עס דארף זיין כתיבה לשמה. די גמרא ברענגט, „מעשה בעכו"ם בצידן שהיה כותב ספרים והתיר ר' שמעון בן גמליאל ליקח ממנו").

וועגען היינטיגע קריסטען דארף די באציאונג צו זיי ניט זיין ערגער ווי די פון רמב"ם: דאָס וואָס „מאסען מענשען מיינען, אז נארען א גוי איז דערלויבט, איז א טעות און א פאלשע מיינונג . . . ס'איז ניט דערלויבט נארעריי, אָדער גנבת דעת פון גוי . . . ס'איז די געמיינקייט ביי גאָט אזעלכע מעשים" ***). „עס איז אסור פון דער תורה צו גנבנען ביי א גוי אָדער נארען א גוי" ****). די דאָזיגע מיינונג איז אָנגענומען געוואָרען ביי אלע פוסקים. אין דעם בארימטען „ספר חסידים" פון רבי יהודה החסיד (ד' תתק"י־תתקע"ז) ווערט פיל מאָל ווידערהאָלט דער איסור פון נארען א גוי סיי אין מסחר, סיי אין סתם אזוי רייד אָדער אין געזעלשאפט און דער איד וואָס איז ניט נזהר אין אזעלכע זאכען, וועט ער ניט מצליח זיין *****) אויך אין „באר הגולה" פון משה רבקש (ח"מ סימן שמ"ח ה') ווערט געזאָגט אז דער וואָס באנוצט זיך מיט דעם טעות פון א גוי ביי געלט ענינים ווערט ער אן אָרימאן: „ואני כותב זאת לדורות שראיתי רבים העשירו את־עצמם מטעות גוי ולא הצליחו וירדו מנכסיהם . . . ורבים קדשו את ד' והחזירו טעות גוי בדבר חשוב גדלו והצליחו

*) זע אויך סוף מנחות אז ער איז געווען מוריינא דבי' נשיאה און תוספות באמערקט: הקיסר מינוהו שיהיה למורה לבית הנשיא.
**) זע אויך טור ח"מ סימן ג' ורשות שנתן המלך . . .
***) פירוש המשניות, בלים פי"ב.
****) הלכות גנבה פרק ז'.
*****) ספר חסידים (ווארשא תרל"ט) סימן ע"א; סימן תכ"ו; סימן תתרע"ד.

והעשירו והניחו יתרם לעולליהם" *).

דער רמב"ם שרייבט אויך אין זיין פירוש המשניות (כלים פרק ב'): „די תורה רעדט וועגען אן עו"כ וואָס איז אונטער דיין מאכט, איז דאָך אודאי אז א ניט־איד וואָס איז ניט אונטער דיין הערשאַפט אז די טאָרסט אים ניט נאַרען, ניט באַ'גזלן . . . די דאָזיגע געמיינהייטען האָט גאָט פיינט, אויך די וואָס טוען די פאַר־ברעכענס ווי עס ווערט געזאָגט (דברים כ"ה) „כי תועבת ד' אלקיך כל עושי עול".

ר' מנחם המאירי, דער מחבר פון באַרימטע פלפול־ספרים און שו"ת זאָגט אין בבא קמא, אויב ס'איז פאַרבאָטען גזלה און גנבה פון היידען וואָס גלויבען ניט אין גאָט און זענען ניט געצוימט פון דער רעליגיע איז דאָך אָפּגערעדט אז די זאכען זענען פאַרבאָטען פון פעלקער וואָס גלויבען און זענען געצוימט פון רעליגיע און פירט אויס: „כל שהוא מעממין הגדורים בדרכי הדתות . . . הרי הן כישראל גמור לדברים אלו. מיט דער זעלבער מיינונג דריקט זיך אויס ר' משה חגיז (אין זיין ספר „אלה המצוות", (ז. ק"ז, אמשטרדם) און פיל אנד. גדולי ישראל.

דער תוספות יום־טוב (עבודה זרה פרק ב' משנה ב') שרייבט צווישען אנדערעס אז אלץ וואָס זאָגט זיך אין דער מסכת, איז געמיינט געצענדינער און ניט די היינטיגע פעלקער.

ר' יעקב עמדין (אין זיין ספר „לחם שמים" אויף פרקי אבות, ד' י"ד) רעדט ארום באריכות וועגען דעם, אז נאָר יענע היידנישע פעלקער וועלכע האָבען ניט געהאט קיין גלויבען, קיין מאָראל, קיין עטיק ווערען אריינגענומען אין דער קאטע־גאָריע פון עכו"ם. די היינטיגע פעלקער אָבער, וואָס גלויבען אין גאָט און אין דער געטלעכער מאכט און גיבען כבוד צום אלקי אמת . . . זיי וועלען האָבען שכר פאר זייערע גוטע כוונות.

ער דערמאָנט אויך דעם פאקט וואָס דורך די דאָזיגע פעלקער איז ארויס־געקומען גרויס הילף צו אידישע פליכטלינגע גערודפטע צווישען שונאים צוליב קנאת הדת (רעליגיעזען קאמף . . .). דערצו נאָך געפונען זיך צווישען די קריסט־לעכע געלערנטע וועלכע זענען דער אמת און פארטיידיגן די אידישע אמונה . . .

ר' ישראל ליפשיץ שרייבט, אז עס איז א חוב אויף אונז צו די פון אונזערע פעלקער־ברידער, וואָס דערקענען די געטליכע איינהייט, וואָס גלויבען אין גאָט און רופען דעם תנ"ך „די הייליגע שריפט" . . . און היטען די זיבען מצוות . . . און טוען גמילות חסדים צו פיל פון אונזערע אָרימעלייט . . . ניט צו זיין „כפוי טובה", וואָס דערמיט ווערט מען זיין זינדיג צו גאָט **).

א איד האָט גענאַרט א גוי, מיט א „כור תמרים" (טייטלען). האָט אים אליהו געזאָגט: ס'איז געשריבען „לא תעשוק את רעך" — כאחיך כרעך. מ'טאָר ניט נאַרען קיין גוי, ווייל ער איז דיין פריינט (תנא דבי' אליהו).

אין „ספר חסידים" (סימן תשמ"ו) ווערט געזאָגט, אז מען דערמאָנט א פאַר־שטאָרבענעם צדיק „אדם כשר" סיי א איד, סיי א ניט־איד. דאַרף מען זאָגען זכרו לברכה. און דער של"ה אין מאמר „אהבת רעים" זאָגט אז היינטיגע גוים וואָס גלוי־בען באשעפער און אין דער תורה, טאָר מען געוויס ניט נאַרען און מ'דאַרף אומקע־רען צו זיי, זייער פארלוירענער זאך . . .

*) חושן משפט שמ"ח. **) תפארת ישראל, בבא קמא פרק ד' משנה ד'.

די נביאים האָבען געקעמפט פאַר אינערלעכער און אויסערליכער פרייהייט פון יעדען מענש. מיט גרעסטען פאַטאָס גערעדט וועגען גייסט אויפלעבונג סיי אין יחידישען לעבען, סיי אין געזעלשאַפטלעכען צבורדינגען לעבען. תורה שבעל פה איז אָנגעפילט מיט הומאַנישקייט, לעבענס חכמה און מענשלעכער דערהויבונג צו שלמותדינקייט. לויטן תלמוד איז אידענטום און מענטשענטום ניט קיין קעגנע־זאצען, זיי דערגענצען זיך אין פולער הארמאָניע דורך דעם אבסאָלוטיזם פון יושר און גערעכטיגקייט.

אין תנ"ך, געפינען מיר די באגריפען פון פרייהייט און טאָלעראַנץ, אויף אלע געביטען פון מענשלעכען דיינקען און גלויבען. מיר געפינען אין תנ"ך, אפילו אין די ראמען פון רעליגיעזע דאָגמעס און טראַדיציעס. די אמת'ע יסודות פון ליבע־ראליזם און קעגנזייטיקע פריינטשאפט צווישען פעלקער און מענשען. די אידיש־רעליגיעזע פילאָזאָפיע, האָט שטענדיג געפּרעדיגט גלייכהייט פון מענשען, ליבע און פאַרגענבונג צו מענשען. וועגען דער „עטיק פון אידענטום" האָבען פיל געשריבען און אלע קומען צו אַט דעם באשלוס *). די איד. עטיק, ווי שוין פריער געזאָגט, האָט ניט פאַרלאַנגט פון מענשען אונמענגלעכעס אָדער אוממענשליכעס, זי איז ניט קיין או־טאָפּיע און דעריבער האָט זי געקענט ארויסקומען מיט א נביא'ישען אידעאַל וואָס קאָן פאַרווירקלעכט ווערען דאָ אויף אונזער ערדישען פּלאַנעט.

דאָס קריסטענטום, אַן אָפּשטאַם און אָפּצווייגונג פון אידענטום, האָט גע־בראַכט דער וועלט דעם גלויבען פון „ליבע, רחמנות און פאַרגעבונג", אָבער דער־מיט וואָס אירע אַפּאָסטאָלען האָבען נאָר גערעדט וועגען הימלישער ריינקייט און וועגען הימלישער מלוכה, האָבען זיי איבערגענעבן די ערדישע וועלט צו די אכזריות־דיגע פירער, וועלכע האָבען זיך גענומען אין נאָמען פון ישו, דעם געבווירענעם איד, פייניגען און רודפן דאָס אידישע פאָלק. דערמיט פייניגען זיי אָבער אויך דעם געקרייציגטען וועלכער, ווי זיי האַלטען, געפינט זיך אין די הויכע הימלען און לייזט זיי אויס פון אלע זינד.

דער תלמוד, די גערופענע תורה־שבעל־פה אָדער די צווייטע תורה פון אי־דישען פאָלק **) וואָס האָט געהאַט די גרעסטע השפעה פאַר דער דערהאַלטונג און אין דער אויסבילדונג פון דעם אידישען טיפ מענש, זיין כאראקטער און אייגענאַר־טיגקייט, האָט דערגענצט און אויסגעברייטערט די הויפּט פּרינציפּען און אידעאַלען פון די נביאים, אַט די תורה שבעל־פה צוליב וועלכער גאָט האָט פאַרשניטען א בונד מיטן אידישען פאָלק ***), האָט אַט דעם הומאניזם פון די נביאים איינגעוואָרצעלט

*) זע, פּראָפ. משה לאזארוס 18,24־19,03 „די עטיק פון אידענטום".

**) גיטין ס' ע"ב.

***) זע, מדרש רבה, במדבר י"ד כ"ב: „צוויי תורה'ס האָט גאָט געגעבען צו די אידען, איינע א געשריבענע, די אנדערע אַן אויסווייניגסטע . . . ער האָט זיי געגעבען די אויסווייניגסטע תורה, כדי, זיי דורך איר זיין אָפּגעצייכענט פון אלע איבריגע פעלקער. און דערפאַר איז זי ניט געגעבען געוואָרען אין שריפט, כדי די אומות העולם זאָלען זי ניט פאַרפעלשען" . . .

אין די אידישע מוחות און אין די אידישע הערצער. די חכמי התלמוד, האָבען זיך ווענינ וואָס פארנומען מיט סתם אזוי הויך־טעאָרעטישע שמועסען אָדער פראזאָלאָגיע, נאָר אויף פּראקטישע אופנים געזוכט צו באווירקען דעם אידישען מענש אים ארויסצוהויבען פון דער נאטור און אים שטעלען העכער איבער איר, ער זאָל זיין ריין פון זינד, פריי פון שלעכטע געפילען, באהויכט פון מענשלעכער שיינקייט און געטליכער עסטעטיק — צו זיין דער „צלם אלקים", צו זיין פארבינדען מיט'ן באַשעפער.

די חכמי התלמוד האָבען דעם איד־מענש פארבונדען מיט דער תורה און דורך איר מיט הקב"ה — ווי זיי דריקען זיך אויס אין קלאסישען פערז: „קוב"ה, ישראל, ואוריתא חד נינהו". גאָט, דאָס אידישע פאָלק און די תורה זענען איינס.

II

ווי אזוי מ׳דארף אויפנעמען א גר

באציאונג צום גר

אין די לעצטע יאָרען איז אויפסניי ארויפגעשוואומען די פראגע פון גרים און גרות. און מערקווירדיג, גראָד אין דעם קריטישסטען מאָמענט אין אונזער געשיכטע, אונטערן צייכען פון ווילדער רציחה וואָס האָט זיך צעבושעוועט איבער אונזער פאָלק אויפן מזרח אייראָפּעאישען קאָנטינענט און אין פוילען בפרט, וואָס שטעלט אין געפאר אונזער עקזיסטענץ, הערען מיר גאָר פון א ווילען ביי טייל קריס־טען זיך מגייר צו זיין. פון ארץ ישראל זענען לעצטענס אָנגעקומען ידיעות וועגען אזעלכע ווענדונגען צו דעם דאָרטיגען ראבינאט. דאָרט אין אונזער היימלאנד קומען פאָר אזעלכע דערשיינונגען וועלכע מוטיגען אונז אין גלות און ווייזען אז די וועלט איז ניט נאציזירט געוואָרען און אז אידיש פאָלק האָט ניט פארלוירען זיין ווערט צווישען גרויסע פעלקער וואָס שאצען ווערטען און גייסטיגע אוצרות.

אין דער ארץ ישראל׳דיגער פרעסע איז דאָס גרות־פּראָבלעם געוואָרען אן אקטועלע טעמע. אזוי אין „דבר". אזוי אין „הצופה" און אזוי אין אנדערע צײ־טונגען ווערען געדרוקט וויסענשאפטליכע אָפּהאנדלונגען, פּובליציסטישע ארטיקלען און זשורנאליסטישער רעפּאָרטאזש וועגען גרים און גר׳טום ביי אידען. אין דעם וועכענטליכען מזרחי זשורנאל „במישור", (לספרות ולשאלות הזמן, יוצא לאור על־ידי אגוד סופרים דתיים, ירושלים כ"א אדר תש"ד), איז פאראן א מאמר (דער ערשטער פון א סעריע) פון יעקב רמון, א. נ. „גרים בישראל" אין וועלכען ער דער־ציילט וועגען אן איטאליענישען אדמיראל, וואָס האָט זיך מגייר געווען, וואָס פאר א לויטערער ריינער נשמה ער האָט געפונען אין דעם דאָזיגען איטאליענער, אן אָפּ־שטאם פון איטאליענישען אדעל וואָס פארהערלעכט דעם תנ"ך און דאָס פאָלק פון תנ"ך — דאָס אידישע פאָלק.

„אין איינעם פון די אָוונטען — שרייבט ער — האָט ער מיר דערציילט: „עס איז קיין קלער ניט, אז דאָס אידישע פאָלק איז דאָס אויסדערוויילטע. ביי אייך קאָן מען געפינען דעם מקור פון עטיק און מענשלעכקייט, — ניט אומזיסט, ווערט איר אזוי בארויבט און געפייניגט . . . איך וויל זיין ווי איר — א איד. איך זע פאָראויס די צוקונפט אז ס׳וועט באשאפען ווערען א אידישע מלוכה וואָס וועט שי־קען שיפען איבער די ימים און דאן וועל איך קענען דינען מיין נייר־פאָלק, ווי גליק־ליך איך וועל דאן זיין".

דער שרייבער יעקב רמון דרוקט אויך א בריוו וואָס ער האָט גע־שיקט נאָך א צייט פון זיין ווערען א איד. עס איז א לאנגער בריוו פון וועלכען מיר וועלען ברענגען א קלענערען אויסצוג:

. . . „חוזק ניט פון מיר, מיין פריינט, עס איז ניט קיין פאנטאזיע . . . אינם ארכיוו וואָס איז מיר געבליבען פון מיין באָבע׳ן, האָב איך א סך געלייענט וועגען

אידען. זי איז געווען אן אמת'ע אידישקע. איר זון — מיין פאטער — האט זיך גע'שמד'ט. אין אירע בריוו צו מיין פאטער האב איך געלייענט אמת'ע ווערטער... וועגען די גייסטיגע אידישע העלדען ... זי האט געשילדערט פאר מיין פאטער די פרשה פון עשרה הרוגי מלכות. זי האט אים געבעטען ער זאל זיך צוריקקערען צו אידישקייט ... א דאנק די בריוו, האב איך זיך אומגעקערט און בין צופרידען..."

דער גר איז אפשר דעריבער א גר צדק מיט אזא הויכע נשמה ווייל ער איז דאך האלב איד און ער האט נאך די אידישע סביבה. דאך איז א דערפרייענדע דערשיינונג, כאטש ניט אין זינען פון „ונהרו אליו כל הגוים". עס איז יעדענפאלס כדאי צו פארצייכענען אזא פאסירונג.

אין „מאזנים" (כרך י"ז, חוברת ג', כסלו תש"ד), דער אפיציעלער ליטעראריש ער זשורנאל אין ארץ ישראל איז אויך פאראן איניגע פארצייכנונגען וועגען „גרים בשער". עס איז, ווייזט אוים אנטשטאנען א פאלעמיק וועגען דער פראגע, און אין שייכות דערמיט ווערען געבראכט פארשידענע פאקטען וועגען באציאונג צו פרעמדע און וועגען גרים לעבען אין ארץ ישראל.

א מאמר וועגען גרים האט אויך פארעפענטליכט דער בארימטער ארץ־ישראלדיגער שריפטשטעלער ר' בנימין (יהושע רדלר־פעלדמאן) אין „ארשת" (ספר־שנה של אגוד סופרים דתיים) יארבוך פון די ארץ ישראלדיקע רעליגיעזע שרייבער (ירושלים תש"ד) דערשיינט מיט דער מיטהילף פון „מוסד הרב קוק". די אפהאנדלונג א. נ. „השערים נפתחים בכל שעה" ... (משהו על גרים, על גיור ועל אהבת הגר) האט געמאכט א רושם אין די העברעאישע קרייזען. ער ברענגט א רייע גרי צדק, טייערע נשמות וועלכע האבען דערשפירט אידישקייט, מיטגעזונגען דעם גמרא ניגון ארייגעשעפט אין זיך מוט, באגייסטערונג און אידישען גלויבען און געזאגט „יהי חלקי עמכם".

ער באשרייבט ערליך־איבערגעגעבענע אידעאליסטישע גרים און גר'טעס אין ארץ־ישראל, אין פראנקרייך, אין אמעריקא (אמעריקאנער גלח האט זיך מגייר געווען, געפארען קיין ירושלים געווארען גרויסער מתמיד און געלערנט ביי הרב קוק זצ"ל) אין יאפאן, (טאקיא'ר פראפעסאר וואס האט זיך מגייר געווען און געקומען קיין ירושלים לערנען תורה און נאכדעם צוריקגעפארען פארשפרייטען אין יאפאן תורה געדאנקען), א. א. וו.

גאר לעצטענס, איז פיל געשריבען געווארען אין דער אידישער און אין דער העברעאישער פרעסע, וועגען דעם בארימטען יאפאנישען גר־צדק, פראפעסאר אברהם קוצוזו, וועלכער האט זיך מוסר־נפש געווען פאר אידישע פליכטלינגע אין יאפאן און אין כינעזיש־יאפאנישע שאנכאי. אין „קענעדער אדלער", האט הרב אברהם מרדכי הערשבערג דערציילט וואונדער פון דעם יאפאנישען גר וואס האט געווידמעט זיין לעבען זיך צו באקענען מיט דער אידישער רעליגיע און אידישער עטיק און אנגעשריבען א ווערק ווי אזוי צו לערנען העברעאיש, אין יאפאניש און געשריבען א פראכטפולען העברעאיש. ל. ביין, א מיטגליד פון ווארשעווער קהלה, וואס איז פארוואגלט געווארן ווי פיל אנדערע קיין יאפאן, האט אין ארץ ישראל'דיגען „ההד" פארעפענטלעכט א פולע באשרייבונג פון אט דעם מערקווירדיקען גר־צדק פראפ.

אברהם קוצוזו. ער ענדיגט זיין באשרייבונג מיט די ווערטער: „רק ארץ מוזרה כיפן יכלה להוציא מתוכה אדם מיוחד במינו כגר הצדק, פרופסור אברהם קוצוזו". (אין „הדואר" גליונות ט"ז און י"ח „מוסף" לקורא הצעיר, ז"ז 291, 353, איז איבערגע־דרוקט די גאנצע באשרייבונג).

הרב הערשבערג, וועלכער איז, ווייזט אויס געווען זייער נאָענט און גוט באקאנט מיט דעם פּראָפעסאָר, ווייזט אָן אז עפענטליך איז ער ניט אריבער צום איד־דענטום מחמת מורא. דאָס איז אָבער ניט וויכטיג. דער פאַקט איז, אז אפילו אין יאפּאַן האָט זיך געפונען אַ מענש מיט אזא ברייט האַרץ פאַר אידישקייט און ליבע צום אידישען מענש. לויט לעצטע ידיעות, איז פּראָפ. קוצוזו אומגעקומען דורך די ווילדע נאַציזירטע יאפּאַנער, וועלכע האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען זיין הילף צו אידישע פּליטים.

וועגען גרים איז אין אַלע צייטען געשריבען געוואָרען. אָנהייבענדיג פון תורת משה ביז דעם רמב"ם און נאָך דעם רמב"ם אין דער רבנישער הלכה־ליטעראַ־טור ביז אונזערע טעג איז פיל געשריבען געוואָרען וועגען גרות. אויך אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור איז פיל געשריבען געוואָרען וועגען די וואָס ווילען זיך אומקערען צום אידענטום. אין דער פאָרשונגס־ליטעראַטור האָבען מיר די ווערק פון א. ש. הערשבערג *), דר. יחזקאל קויפמאַן (מאָנומענטאַל ווערק „גולה ונכר") רב צעיר (הרב ר' חיים טשערנאָוויץ אין זיינע קאָלאָסאַלע ווערק „תולדות ההלכה") ר' צבי כשדאי, א. צ. מרקוס („לתולדות דת נצרת" ירושלים תרצ"ז) און פיל אנדערע. אין פּובליציסטיק האָבען געשריבען ר' זלמן עפּשטיין, זאב יעבץ און אנדערע. הרב כהנמאַן אין „היסוד", האָט באשריבען זיינע אינטערעסאַנטע באגע־גענישען מיט גרים אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער גרויסער גרים באַוועגונג. ס'זענען אויך פאַראַן אין דער „שיינער" ליטעראַטור, אין פּאָעזיע און בעלעטריסטיק וועגען גרים. אין אידיש, האָט לעצטענס הרב אברהם ביק געדרוקט א סעריע אר־טיקלען וועגען גרים און גר'טעם.

אין ארגענטינע איז דערשינען א יום־טוב אנטאָלאָגיע א. נ. ילקוט המועדים (כרך ב' „עטרת יקותיאל", לחג זמן מתן תורתנו, בעברית ואידית. מלוקט וערוך על־ידי צבי יהודה רבינוביץ, הוצאת ספרים „סעדיה" בואינוס־איירס תש"ג). אין דעם דאָזיגען טייל פון דער אנטאָלאָגיע, קומען אויך אריין א צאָל מאמרים וועגען גרים און עס איז אָפּגעדרוקט א העברעאיש ליד פון דער בארימטער גר'טע אלישבע.

דער באקאנטער אידישער שריפטשטעלער יוסף מארגאשעס אין זיין סעריע „בארימטע אידישע פרוען", האָט אויך באשריבען בארימטע טעכטער גרים, אין זיי־ער ראָל אין אידענטום.

---

*) לעצטענס איז אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה אז א. ש. הערשבערג, איז אומגעקומען אין ביאַליסטאָק'ער געטאָ, מן הסתם צוליב די ליידען פון די נאַצים, ניט קענענדיג צוזען זייערע מערדערייען און דעם חורבן וואָס זיי האָבען געמאַכט דורך זייערע ליקווידאַציעס. א. ש. הערשבערג איז געווען איינער פון די באַדייטענד־סטע פאָרשער אויפן געביט פון אמאָליגען לעבענס־שטייגער. פון זיינע ווערק זענען באקאנט „בארץ המזרח", „ההלבשה העברית הקדומה" און חיי התרבות בישראל בתקופת המשנה והתלמוד".

די פרשה פון גרים וואָס האָט אמאָל פאַרנומען א חשוב אָרט אין דער אי־דישער מחשבה אין פּראַקטיק, איז אין א געוויסען זין ניט פאַרענדיגט. נאָך היינט איז די פראַגע אקטועל, אמאָל צוליב היראַטס און ליבעס פּראָבלעמען: זין אָדער טעכטער פון אנדערע פעלקער פאַרליבען זיך אין אונזערע און זענען גרייט זיך מגייר זיין און אמאָל קומט א גר ערנסט און איבערטראַכט. עס איז גאַנץ מעגליך אז פונקט ווי אמאָל, זאָלען פון היינטיגע גרים אויך אַרויסקומען „פרדות טובות" און אידיש פאָלק זאָל שוין זיי א סך פּראָפיטירען . . .

צווישען די, וואָס האַלטען שטאַרק, אז מיר אידען, זייענדיג ווייט פון מיסיאָ־נערישקייט, דאַרפען דאָך זיך אָפּגעבען מיט פאַרשפּרייטען אונזער תורה צו די פעל־קער און שטאַרק דערמוטיגען, פשוט אגיטירען פאַר גרות, איז דער פאַרשטאָרבענער אב. גאָלדבערג ע"ה, דער בארימטער ציוניסטישער פירער און זשורנאַליסט, דער גרויסער אָפּטימיסט וועלכער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק אז מיר דאַרפען מגייר זיין די וועלט, פאַרשפּרייטען אונזער גייסט און דערמיט באַקעמפען דעם גייסט פון נאַציזם.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז אונזער ריינער אמונה און סאָציאַלער גערעכ־טיגקייט וועט געווינען די הערצער און די מוחות פון דעם בעסערען טייל פון דער מענשהייט און דערמיט וועלען מיר דערנענטערען די רעאַליזירונג פון ישעיה הנביא'ס נבואה:

והלכו עמים רבים ואמרו:
לכו ונעלה אל הר ד',
אל בית אלהי יעקב
ויורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו
כי מציון תצא תורה
ודבר ד' — מירושלים.
(ישעיה ב' ג')

זיין געדאַנק, האָט קיין סך נאָכפאָלגער ניט געהאַט. אפילו אין די ציוניסטישע קרייזען האָט מען זיך באַצויגען סקעפּטיש און געקוקט אויף אים ווי א פאַנטאַזיאָר, א חולם חלומות. דעם איינציגען ענטוזיאַסטישען נאָכפאָלגער האָט ער געפונען אין ארץ ישראל, אין דער פערזענליכקייט פון דערמאָנטען באַרימטען שריפטשטעלער ר' בנימין, וועלכער דערציילט, אז אויך דער גאון הרב ר' אברהם הכהן קוק זצ"ל, האָט מיט צופרידענהייט אויפגענומען דעם געדאַנק *).

אויך אין מיין אַרבעט באַמי איך זיך עפּעס בייצוטראָגען צו דער אזוי געררו־פענער גרים ליטעראַטור און אַריינברענגען מער קלאָרקייט, אין באַצוג צו דעם פרעמ־דען וואָס וויל ווערען א טייל פון אידישען פאָלק, וואָס וויל אָטעמען מיטן גייסט פון אידישקייט, וועמעס האַרץ בלוטיגט אויף אידישע צרות און וויל ליידען צוזאַמען מיט אידיש פאָלק און זיך פרייען צוזאַמען מיט כלל ישראל.

---

*) זע, ר' בנימין דאָרט ז"ז פ"ג־פ"ה.

י״ב — די ליבשאפט צום גר. — ווי די תורה וואָרענט וועגן זיין באשיצונג און גוטע באהאנדלונג.

דער תלמוד וואָס פארענטפערט און זוכט צו ליזען אלע געזעלשאפטלעכע און רעליגיעזע פראגען ביים אידישען פאָלק, ווידמעט זייער פיל פלאץ דאָס פראָבלעם פון גרות. קאָמענטירענדיג אויף אלץ וואָס געפינט זיך אין תורה שבכתב, באהאנדעלט דער תלמוד דאָס פראָבלעם פון גר, לויט דער תורה און פאָדערט פון יעדען איד, א ווארעמע סימפאטישע באציאונג צו דעם גר. די תורה האָט געוואָרענט זעקס און דרייסיג מאָל און טייל זאָגען: זעקס־און־פערציג מאָל וועגען דער באהאנדלונג פון גר *).

אונזער אייגענער אָנהויב, איז געווען מיט גרות. ווען גאָט האָט פארשפראָכען אונזער אור פאָטער אברהם, קינדער און לאנד, האָט ער אים צוגעזאָגט אז זיינע קינדער וועלען דארפען זיין גרים: ידע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם, ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה.

אין מדרש רבה (בראשית מ״ד), ווערט דערקלערט אז אברהם אבינו אליין האָט אויסגעקליבען גרות פאר זיינע קינדער, כדי זיי צו פארהיטען פון פארניכטונג ווי ס׳האָט פאסירט מיט דעם דור המבול. דור הפלגה, סדום ועמורה א. א. וו. דער ערשטער גלות מצרים, ווערט גערופען „כור הברזל״ (מלכים א׳ ח׳ נ״ב), ווייל מצריישע ליידען האָבען געלייטערט און גערייניגט אידישע הערצער, אידישע נשמות.

דער גלות מצרים, די ליידען פון די פרעהס און די פלוצלונגדיגע גאולה האָט געגרייט אידיש פאָלק צו א ניי לעבען, צו א תורה לעבען. ס׳איז אויך דאָ א מיינונג אז דעריבער האָבען אידען געדארפט זיין גרים אין גלות ווייל דאָס איז גורם צו ליבשאפט צו אייניגקייט. שלשה אוהבים זה את זה: הגרים והעבדים והעורבים — **(פסחים קי״ג). פאראן אויך א טייטש, אז דער** „ידע תדע כי גר יהי׳ זרעך בארץ לא להם״ איז געווען א פארזיכערונג צו אברהם אז אידען וועלען זיך ניט אסימילירען וועלען שטענדיג פילען זייער פארוואָגעלטקייט און שטענדיג האָפען זיך אומצוקערען צום לאנד פון זייערע אבות וואו עס איז געשטאנען דאָס וויגעל און פונדאמענט פון זייער היסטאָריע.

„גר הייתי בארץ נכריה״ זאָגט משה רבנו אויף מצרים. משה, דער אריסטאָקראט, א זון פון קעניגלאכען הויז פילט זיך אין מצרים ווי א „גר״. ווען ער נעמט זיך אָן עמיצענס קריוודע, ווען ער גייט קעמפען פאר גערעכטיגקייט קאָן אים אפילו די בת־מלך ניט ראטעווען פון פרעה׳ס שווערד, ווייל ער איז א פרעמדער אין זיין געבורט־לאנד. ער מוז אנטלויפען אין מדבריותן. איז א וואונדער׳ אונזער מיטלייד מיטן פרעמדען? איז א וואונדער פארוואָס אונזער תורה רופט צו גלייכהייט און פרייהייט פון פעלקער און יחידים? די אידישע עטיק וואָס איז געקומען דורך דונער

*) „הזהירה תורה בשלשים וששה מקומות. ואמרי לה בארבעים וששה מקומות בגר״ — בבא מציעא נ״ט ע״א.

און שטורם, דורך פאַטאָס פון נביאים, תנאים, און משיח טרוימער, רופט צו וועלט־צדק, צו וועלט־יושר, צו וועלט פאַרברידערונג.

דער דעוויז פון אידישען מאָנאָטעאיזם איז דאָך דער „ואהבת לרעך כמוך" דאָס אייביג־עטישע און דאָס אייביג מענשלאַכע, וואָס קוועלט ארויס פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און הומאַניטעט.

די חכמי התלמוד גייען אביסעל ווייטער, דערקלערענדיג, אז די ליבשאַפט צום גר איז נאָך חשוב'ער ווי די ליבשאַפט פון איין איד צום צווייטען. די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך (ויקרא י"ט) שליסט איין דעם רע, דעם פריינט, קומט נאָך צו די מצות־עשה פון „ואהבתם את הגר" (דברים י' י"ט) און ר' שמעון בן יוחאי זאָגט: דער פסוק שרייבט „ואוהביו כצאת השמש בגבורתו" (שופטים ה' ל"א) ווער איז גרעסער? דער וואָס האָט ליב דעם קעניג, צי דער וועמען דער קעניג ליבט? ס'מוז זיין: דער מענש, וועמען דער קעניג האָט ליב ווי דער פסוק זאָגט, „ואוהב־גר" (דברים י' י"ח *).

די מצוה איר זאָלט ליב האָבען דעם גר! איז ניט געזאָגט סתם אזוי א חוקה, אָן א מאָטיוו. די מצוה איז מאָטיווירט: „כי גרים הייתם בארץ מצרים" (דברים י' י"ט) פונקט ווי מערסטע מצוות זענען מאָטיווירט אויף דעם טעם **).

וועגען דער אויסערגעוויינלאכער ליבע צום גר, דערציילט דער מדרש פאָלגענדען משל:

„הרבה הקב"ה אוהב את הגרים, למה הדבר דומה? למלך שהיתה לו צאן... פעם אחת נכנס צבי עם הצאן והיה רועה עמהן... היה המלך אוהב לצבי ביותר... אמר... הצאן כך דרכם לרעות, אבל הצביים, במדבר הם יושבים, ואין דרכם לכנס לישוב... וזה הצבי נכנס וישב אצלנו לא נחזיק לו טובה שעזב המדבר הגדול והרחב... ובא אצלנו... כך אמר הקב"ה טובה גדולה צריך אני להחזיק לגר, שהניח משפחתו ובית־אביו, ובא אלי" ***).

אויך אין משה'ס ווערטער צו זיין שווער יתרו און זיין פאַרלאַנג פון אים, ער זאָל בלייבען מיט די אידען אין דער מדבר, לייגען די חז"ל אריין ליבעם ווערטער און פיעטעט־געפילען. דעם פסוק „והיית לנו לעינים" (במדבר י' כ"ט ל"א) טייטשען זיי: זאָלסט זיין געליבט ביי אונז ווי דאָס אפּל פון אויג „כגלגל עיננו" (ספרי במדבר ע"ח) און אזוי טייטשען זיי דעם נביא'ס רייד „ישיבו יושבי בצלו" (הושע י"ד ח'): אלה הגרים שהם באים וחוסים בצלו של הקדוש ברוך הוא" אויף די ווערטער: „זכרו כיין לבנון" (דאָרט) — גאָט זאָגט: געליבט זענען מיר די נעמען פון די גרים ווי דער וויין וואָס ווערט געגאָסען אויפן מזבח ****) דערפאַר, וואָס יתרו האָט אזוי פיין מכבד געווען דעם גר משה וואָס איז אנטלאָפען פון מצרים, געבייזערט זיך

*) מכילתא שמות כ"ב כ'.

**) לא תטה משפט גר... וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים (דברים כ"ג יז־יח) כי תבצר כרמך לא תעולל אחריך לגר ליתום ולאלמנה יהיה (טעם): וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים (דאָרט כ"א כ"ב) און נאָך און נאָך.

**) מדרש תהלים קמ"ו מ'.

***) במדבר רבה ח'. דער אבן עזרא טייטשט: והיית לנו לעינים — להראות הדרך. אָבער רש"י: „וועסט זיין געליבט צו אונז, ווי דאָס שוואַרץ־אפּל פון אויג..."

אויף זיינע טעכטער, פארוואס, זיי האבען אים ניט איינגעלאדען קומען אין הויז און געהייסען אים רופען „קראן לו ויאכל לחם", האט ער זוכה געווען אז זיינע אייניקלעך זאלען זיצען אין לשכת הגזית אין ירושלים (זיץ־ארט פון די סנהדרין), ניט רעכענענדיג זיך דערמיט וואס אויך ער האט צוגעשטימט צו פרעה'ס עצה פון פארניכטען די אידען, דורך דערטרונקען זיי *).

איינער פון די חכמי התלמוד באהויפטעט אז אברהם אבינו דער פאטער פון אלע גרים, דער פאר וואס אפילו ער האט זיך איינמאל „געפוילט" אין דער דאזיגער מצוה, האט מען אויף זיינע קינדער גוזר געווען גלות **).

ווי וויט, דער תלמוד איז געווען באזארגט, ווענען גורל פון גר, מען זאל אויף אים ניט קוקען קרום, און מען זאל אים ניט באטראכטען ווי א צווייט־קלאסיגער בירגער, איז צו זען פון דעם וואס דער תלמוד גיט אים א פאטער. אין ירושלמי (פרק א' פון בכורים) און אין תוספות בבא בתרא (פ"א א') אנהויב ווארט („למעוטי") ווערט גע'פסק'ענט להלכה ווי ר' יהודה אז א גר וואס ברענגט בכורים קאן זאגען דעם „לאבותנו" ביים אנגעבען די לויב צו גאט, ווייל אברהם איז דער „אב המון גוים", דער פאטער פון אלע גרים.

די אבות פון אידישען פאלק, זענען די אבות פון די גרים. „וזה יקרא בשם יעקב (ישעיה מ"ד ה') — אלה גרי הצדק **) אברהם האט מגייר געווען מענער גרים און שרה פרויען, ווי דער פסוק זאגט: „את הנפש אשר עשו בחרן" (בראשית י"ב ה'). יעקב האט מגייר געווען גרים, ווי דער פסוק שרייבט: „ויאמר יעקב אל ביתו ואל כל אשר עמו הסירו את אלקי הנכר (דארט ל"ה ב') ביי יצחקן? — וישב יעקב לארץ מגורי אביו (דארט ל"ז א'), מגיורי אביו ****).

נאך מער, דער אריינטריט פון גרים אין „ברית", ווערט אפט פארגליכען צום „כניסת ברית" פון אונזערע אבות. פאראן אין דער גמרא יבמות (מ"ז ע"א) א „ברייתא" וואס זאגט: „גר שמל ולא טבל", ר' אליעזר אומר: הרי זה גר; שכן מצינו באבותינו כו'. טבל ולא מל ר' יהושע אומר: הרי זה גר; שכן מצינו באמהות וכו'. אז א גר האט זיך גע'מל'ט און ניט טובל געווען אין מקוה האלט ר' אליעזר אז

---

*) זע, סנהדרין ק"ו, ג' היו באותה עצה: בלעם, יתרו איוב. יתרו האט זיך צוריק געצויגען, ווייל ער האט ליב געהאט דעם אמת . . .

אויף דעם פסוק האלקי מקרוב אני נאם ד' ולא אלקי מרחוק (ירמיה כ"ג כג) ווערט געזאגט אין מדרש רבה, פ' יתרו, איך בין מקרב און דערווייטער ניט. איך האב דערנענטערט יתרון און כ'האב אים ניט דערווייטערט.

יתרו ווערט גערופען זיבען נעמען: יתר — ווייל ער האט צעגעמערט א פרשה צו דער תורה, די פרשה ואתה תחזה יתרו איז אהיימגעגאנגען צו מגייר זיין די פאמיליע און זיינע קינדער זענען אסימילירט געווארען צווישען אידען.

**) מפני מה נענש אברהם אבינו, ונשתעבדו בניו למצרים מאתים ועשר שנים? ר' יוחנן אמר: שהפריש בני אדם מלהכנס תחת כנפי השכינה, שנאמר: תן לי הנפש בראשית י"ד) און דער ר"ן אין רש"י טייטשען: ווייל אברהם האט זיי איבערגעגעבען צום מלך סדום און זיי ניט געהאלטען פאר זיך, מגייר צו זיין. נדרים ל"ב ע"ב.

**) מכילתא, שמות כ"ב.

זע ר"ע מברטנורה (בכורים א ה') „ורמב"ם כתב . . . הגר מביא וקורא . . . וכן כשהוא מתפלל אומר אלקי אבותינו . . ."

****) בראשית רבה פ"ד.

ער איז א גר ווייל אזוי געפונען מיר ביי אונזערע אבות . . . אז א גר האָט זיך טובל געווען און ניט גע'מל'ט איז ער א גר ווייל אויך אונזערע מוטערס האָבען געהאַט בלויז טבילה . . .

אונזערע חכמים האָבען אויף פאַרשיידענע אופנים אויפגעקלערט די חשיבות פונם גר און אז מען דאַרף זיך מיט אים ניט שעמען. אלס באַווייז, ברענגען זיי פון אונזערע אור־עלטערען, אז אויך זיי האָבען זיך גערופען גרים:

אברהם אבינו האָט זיך גערופען גר ווי דער פסוק זאָגט: „גר ותושב אנכי עמכם" (בראשית כ"ג ד'); דוד המלך האָט זיך גערופען גר ווי ס'ווערט געזאָגט אין תהלים (קי"ט י"ט) „גר אנכי בארץ" *).

גרים זענען געליבט פונקט ווי אידען: חביבים גרים, שבכל מקום שנקראו, כישראל נקראו" *). ר' אבהו זאָגט: „די גרים זענען געוואָרען אן עיקר ביי אי־דען" **) און ר' אלעזר מאַכט די אידען פאַר דער „זרע" און די גרים פאַר דער פרוכט אין זיין מאמר: לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים, שנאמר: וזרעתיה לי בארץ (הושע ב' כ"ה) כלום אדם זורע סאה, אלא כדי להכנים כמה כורין ***).

דער נביא יחזקאל הייסט דעם פרעמדען געבען ערד אין ארץ ישראל, צו באַזאָרגען דעם גר, ער זאָל ניט הונגערען „וחלקתם את הארץ . . . ולהגרים הגרים בתוכם . . . נאם ה'" (יחזקאל מ"ז, כ"א־כ"ב).

לויט דער תורה האָט יעדער איד געדאַרפט געבען מעשר ניט נאָר פון תבואה, נאָר פונם גאַנצען פאַרמעגען, ניט נאָר פאַר לויים נאָר אויך פאַר אָרעמע לייט, ניט נאָר פאַר די פון זיין שטאָט, נאָר אויך פון די אנדערע שטעט ****) און דעם גר האָט מען אודאי געדאַרפט געבען מעשר עני, ער זאָל ניט הונגערען אין ארץ ישראל.

דער גר אין ארץ ישראל, האָט אויך געדאַרפט היטען די דינים פון שמיטה אין יובל און געהאַט, א רעכט צו געניסען פון די דאָזיקע פּריווילעגיעס, לויטן טייטש והיתה שבת הארץ . . . הגרים עמך (ויקרא כ"ה), אז אויך די פרעמדע וואָס וואוינען אין ארץ ישראל זענען געמיינט געוואָרען. די תורה פאַרגעסט קיינמאָל ניט אין דעם, פון מענשען פאַרגעסענעם גר. ביים שניידען די תבואה, ביים רייסען די אייל־בירטען, די טרויבען — ביי אַלץ דאַרף מען אינזינען האָבען דעם פרעמדען: כי תקצור קצירך . . . כי תחבוט זיתך . . . כי תבצור כרמך . . . לגר ליתום ולאלמנה יהיה (ויקרא י"ט ט'; דברים כ"ד י"ט־כ"א). מ'דאַרף אים אויך געבען מעשר עני

---

*) מכילתא שמות כ"ב ב'.

דער פיטן פון „ובכן ויהי בחצי הלילה", (צי ער איז געווען ר' ינאי, איינער פון די הויפט פיטנים אָדער ר' יוסף טוב עלם, צי גאָר אן אנדערער) וואָס ווערט גע־זאָגט פסח ביינאַכט צום סדר רופט אברהם אבינו „גר צדק". דער באַרימטער פיטן ר' אליעזר הקליר רופט אים „אזרחי" אין „ובכן ואמרתם זבח פסח" וואָס ווערט געזאָגט דער צווייטער סדר נאַכט.

*) מכילתא, שמות כ"ב ב'.

**) ילקוט יהושע ר' תקל"ג.

***) פסחים פ"ו ע"ב.

****) ב"מ ל"א ע"א־ב; נדרים מ'.

און מאכען אים פריילעך, ווען עס קומט יום טוב (דברים י״ד כ״ט; ט״ז י״א; כ״ו י״א).

אונזער תורה, וואָס רעדט וועגען יחוס אבות און אויסדערוויילטקייט פון אידישען פאָלק, אויף זיין באַדען אין ארץ ישראל — דאָס צוגעזאָגטע לאנד צו די אבות, ווייזט ארויס אומגעהויערער ליבשאפט צום גר: ניט נאָכיאָגען זיך נאָך גרים, ניט צווינגען אנדערע זיך מגייר צו זיין נאָר אים אויפנעמען מיט ליבשאפט, מיט אָפענע אָרעמס.

מיר זעען ווי שוין אין דער צייט פון די אבות האָט מען צוגענומען גרים. אונזער אור־פאָטער אברהם, ווערט געלויבט פאר מגייר זיין מענשען צו זיין גלויבען אין איינציגען גאָט. אויף דעם פסוק „ואת הנפש אשר עשו בחרן״ (בראשית י״ב ה׳) לערנען אונז די חכמים: אברהם האָט מגייר געווען מענער און שרה פרויען און ר׳ אלעזר בן זימרא פירט אויס: דאָס קומט דיך לערנען, אז ווער עס איז מקרב א ניט־אידען און איז אים מגייר איז, ווי ער וואָלט אים באשאפען *)

אויפן פסוק: „נדיבי עמים נאספו — עם א ל ק י א ב ר ה ם״ תהלים מ״ז י׳), פרעגט די גמרא פארוואָס ניט אלקי יצחק ויעקב? דער ענטפער איז: „שהיה תחלה לגרים״. אברהם, איז געווען דער ערשטער מגייר צו זיין **).

דער רמב״ם, א ראציאָנאליסט, שרייבט וועגען אברהם אבינו:

„. . . ווען ער איז אלט געווען פערציג יאָר, האָט אברהם דערקענט זיין באשעפער און אָנגעפאנגען פירען פאָלעמיק מיט די איינוואוינער פון אור־כשדים, באווייזענדיג די פאלשקייט פון זייער גלויבען . . . ווען דער קעניג האָט דאָס געזען, האָט ער אים געוואָלט הרג׳ענען, איז געשען א נס ער איז אוועק קיין חרן און פראָק־לאמירט צו דער וועלט אז עס איז דאָ איין גאָט צו דער גאנצער וועלט און אז צו אים דארף מען דינען . . . אז מענשען זענען געקומען צו אים, האָט ער זיי דער־קלערט זיין גלויבען און זיי צוגעצויגען צו דעם וועג פון אמת . . . אזוי ארום האָט ער צוגעצויגען צו זיך טויזענטער און צענדליגער טויזענטער מענשען וועלכע זענען געוואָרען די מענשען פון „בית אברהם״ . . . ער האָט אויך פארפאסט ספרים וועגען זיין אמונה און זיי איבערגעגעבען צו יצחק׳ן און יצחק האָט זיי איבערגעגעבען צו יעקב׳ן. זיי האָבען אגיטירט פאר דעם דאָזיגען אידעאל און צוגעצויגען מענשען און עס איז געשאפען געוואָרען די אומה וואָס ווייסט פון גאָט . . . ***).

---

*) בראשית רבה ל״ט.

**) סוכה מ״ט ע״ב; רש״י דאָרט: בנדבת לבו להתגייר, ד״ה אז ער איז געווען דער ערשטער גר. תוספות אין חגיגה (ב׳ ע״א) זאָגט: ער איז געווען „תחלה לגרים״, ווייל ער איז צום ערשטענס געבאָטען געוואָרען וועגען מילה. ער איז אויך געווען דער ערשטער ארויסצוגיין פון כלל „בני נח״. זע אויך „פרשת דרכים״ (דרוש ראשון ד׳ ע״ב) פון ר׳ יהודה רוזאנים, דעם מחבר פון „משנה למלך״ אויפן רמב״ם.

***) מורה נבוכים חלק שני פרק ל״ט. זע, ר׳ בנימין: השערים נפתחים בכל שעה . . .״ „ארשת״ ירושלים תש״ד, ז. ע״ו.

דער רמב״ם האָט שטארק ליב געהאט גרים (זע תשובות הרמב״ם מ״ב), רע־בענדיג זיך מיט דעם פאקט וואָס די תורה גיט אָן א גאנצען ספר וועגען א גיורת, דאָס ספר רות. ער האָט אודאי געהאלטען ווי ר׳ ברכיה, אז דער וואָס איז מגייר ברענגט ליכט אויף דער וועלט (שיר רבה א׳) און ווי ער אליין דריקט זיך אויס אין זיין הלכה ווערק.

ווי אזוי אברהם האָט מקרב געווען די גרים, דערציילט אונז דער מדרש (רבה שיר השירים א׳) אויך אויף דעם זעלבען פסוק: „ואת הנפש אשר עשו בחרן״ — אז אברהם אבינו האָט זיי אריינגענומען צו זיך אין הויז אריין, זיי געגעבען צו עסען און טרינקען, ארויסגעוויזען צו זיי ליבשאַפט ומקרבם ומגיירם ומכניסם תחת כנפי השכינה״. און דער מדרש פירט אויס: „הא למדת: שכל המכנים בריה תחת כנפי השכינה מעלים עליו כאלו הוא בראו ויצרו ורקמו״.

מיר, אידיש פאָלק פילען זיך ווי א גר אין דער גרויסער וועלט און מיר האָפען אויף משיח׳ס קומען ווען אונזער פולשטענדיגער בירגערשאפט און אמתער עמאנציפאציע וועט פאר אונז געזיכערט ווערען . . . ר׳ ישראל ליפשיץ אין תפארת ישראל (פסחים י׳ ה׳) שרייבט, אז גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אבינו, אז ער זאָל ניט מיינען אז צוליב דעם בונד מיט אים, וועט, זיינע קינדער שטענדיג גוט זיין, און זיי וועלען שטענדיג לעבען דערפאָלגרייך, אין געגענטייל, די אידען וועלען דארפען מיטמאכען אין זייער לאנגער געשיכטע מער נסיונות ווי וועלכעס עס איז אנדער פאָלק. זיי וועלען זיין דחופים וסחופים — געשטויסענע און געפלאָגטע. אויך די תורה וועט זיי מאכען ווי גרים אויף דער וועלט, ניט דערלויבענדיג זיי צו עסען וואָס זיי ווילען און ווען זיי ווילען — נאָר ווען די תורה דערלויבט זיי. ווען משיח וועט קומען, און זיי וועלען זיך פילען דערהויבען גייסטיג און פיזיש, ערשט דאן וועלען זיי זיך פילען פריי, לויט תורה פרינציפען, זיטליכער פרייהייט, אמת׳ע פרייהייט.

מיר זענען א נאציע, דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזען נאציאָנאליזם פון וועלכען אפילו אונזער סעקולארע ראדיקאלע געזעלשאפט איז באאיינפלוסט. מיר זענען אָבער ווייט פון נאציאָנאל־עגאָאיזם, פון נאציאָנאלען אבסאָלוטיזם, וואָס האָט זיך געשטארקט אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער, און וואָס איז איינע פון די סיבות צו פאָליטישער און עקאָנאָמישער צעריסענקייט פון דער וועלט, וואָס האָט פאראורזאכט די אומענדליכע מלחמות פון 18־טען און 19־טען י״ה, אין א צייט פון קולטור אויפבלי, פון ציוויליזירטען פראָגרעס אויף אלע געביטען פון מענשלעכען שאפען און מענשלעבען טראכטען.

י״ג — צוויי טיפּען גרים: גר צדק און גר תושב. — אמת׳ע גרים און פאַלשע וואָס זענען זיך מגייר ניט מחמת איבערצייגונג נאָר צוליב מורא.

ס׳זענען פאַראַן צוויי סאָרטען גרים: 1) „גר תושב״; 2) „גר צדק״. א גר תושב איז א מענש פון אן אנדער פאָלק וואָס קומט וואוינען אין ארץ ישראל און נעמט אויף זיך שטרענג צו היטען די זיבען מצוות. ער עסט אָבער נבלות און טרפות. די תורה, ווילענדיג אים באַזאָרגען, זאָגט אז מען זאָל אים אוועקגעבען אומזיסט די נבלות, אומגע׳שחט׳ענע אָדער שלעכט גע׳שחט׳ענע בהמות: „כל נבלה,—לגר אשר בשערך תתננה ואכלה (דברים י״ד כ״א). א גר צדק איז דער, וואָס נעמט אויף זיך דעם „דת ישראל״, וואָס נעמט אויף זיך מקיים צו זיין די גאַנצע תורה, א גר וואָס האָט ניט קיין פּניה ביים ווערען א גר, וואָס טוט עס מחמת איבערצייגונג. א גר, תושב ווערט אויך גערופען „גר שער״ *) אידען דארפען אים באַזאָרגען מיט פּרנסה.

גרים תושבים האָט מען צוגענומען בלויז דאַן ווען אידען האָבען געהאַט א לאַנד, געהיט דינים פון שמיטה און יובל *). גרי צדק, נעמט מען שטענדיג אריין אין כלל ישראל ווי מיר וועלען עס ווייטער זען. ס׳זענען אָבער געווען צייטען ווען מ׳האָט לגמרי זיך ניט געיאָגט נאָך גרים און כמעט פארשלאָסען די טויערען פון גרות. מ׳האָט פאַרדעכטיגט דעם גר אַז ער קומט צום אידענטום ניט באַוואוסט־זיניג, איבערצייגענדיג, נאָר סתם אזוי צוליב אידישע גדולה, אידישען דערפאָלג. מיט אַזאַ גר, איז דאָך דאָ א גרויס געפאַר, אז ביים מינדעסטען נסיון זאָל ער זיך אומקערען צוריק צו זיין גלויבען און צו זיין פאָלק.

אין דער עפּאָכע פון דוד המלך איז געווען א גרויסע באַוועגונג פון גרים. דער פּסוק זאָגט: ויספור שלמה כל האנשים הגירים אשר בארץ ישראל אחרי הספר אשר ספרם דוד אביו וימצאו מאה וחמשים אלף ושלשת אלפים ושש מאות (דברי הימים, ב׳ ב׳ ט״ז). דער מדרש (במדבר רבה ח׳) זאָגט, אז זיי זענען געווען נייע גרים, וועלכע האָבען זיך מגייר געווען אין צייט פון דוד און אז פון זיי האָט שלמה גענוצט פאַר ארבעטער צום בית המקדש. דוד האָט די גרים א סך נאָכגעגעבען, צו־ליב די גבעונים געטויט די בני רצפה. ווי דער מדרש זאָגט, האָט ער דאָס געטאָן אָנ־צושרעקען די וואָס ווילען שלעכטס טאָן די גרים „כדי שיראו כל העולם ויתיראו ולא יוסיפו עוד להרע״, אָבער וועגען דעם אין א ווייטערען קאַפּיטעל.

אין זמן התלמוד, איז באַשטימט געוואָרען א שטרענגער סטאַטוס פאַר גרים. ער מוז מקבל זיין די גאַנצע תורה. אויב ער ווייזט צוריק איין מצוה, איז מען אים מוחל דאָס גרות *). ווען ער קומט זיך מגייר זיין, רעדט מען אים אָפּ, מ׳זאָגט צו אים וויסטו דען ניט ווי אידען ווערען געיאָגט און געפּלאָגט און ליידען אזויפיל יסורים

*) רמב״ן, שמות כ׳ י׳.
*) רמב״ם הלכות עכו״ם הלכה י׳, הלכות שמיטה ויובל.
*) ערכין כ״ט ע״א; בכורות ל׳ ע״ב.

אלס אידען. מ׳לאָזט זיי אויך וויסען די עיקר פּרינציפּן פון אונזער גלויבען אין רעלי־גיע, א טייל מצוות, שטראָף און באצאָלונג פאר מצוות. אויב ער וויל נאָכאלעמען דאך ווערען א איד נעמט מען אים אריין *) און מען איז אים מל און טובל. די מילה און טבילה מוז זיין פאר דריי. אין צייט פון בית המקדש, האָט ער אויך געדאַרפט ברענגען א קרבן און ווערט פאררעכענט אלס איינער פון אברהם אבינו׳ס קינדער **). מערסטע גרים ווערען גערופען אברהם בן אברהם און ער ווערט באטראכט ווי א קליין קינד וואָס איז נאָר־וואָס געבוירען ***).

א גר תושב, האָט אויך געמוזט מקיים זיין טייל מצוות, ווי ניט עסען קיין בלוט (ויקרא י״ז י״ג), ניט עסען קיין אבר מן החי א. א. הויפּט מצוות. ער האָט פאר זיך פּריוואט געמעגט מחלל שבת זיין, אָבער ניט פארן איד. דער איד איז גע־ווען געוואָרענט ניט צו לאָזען אים ארבייטען שבת פאר זיינעטוועגען: „וינפש אמתך והגר — זה גר. תושב (מכילתא, שמות כ״ג) *). א גר צדק וואָס גייט צוריק צו זיין פריערדיקען גלויבען, ווערט ער באטראכט ווי א משומד און א גר תושב וואָס האָט צוגעזאָגט זיך מל זיין און האָט ניט מקיים געווען, האָט ער דעם דין ווי א מין **).

אין דער צוקונפט, פארזיכערט זיי דער נביא יחזקאל וועלען זיי האָבען א חלק אין ארץ ישראל, צווישען די אידישע שבטים (יחזקאל מ״ז כ״א־כ״ג): „וחלקתם את הארץ הזאת לכם לשבטי, ישראל . . . ו ל ה ג ר י ם ה ג ר י ם ב ת ו כ כ ם אשר הולידו בנים בתוככם והיו לכם כאזרח בבני ישראל, אתכם יפלו בנחלה בתוך שבטי ישראל. והיה בשבט אשר גר הגר אתו, שם תתנו נחלתו נאם אדני אלקים״. און אויך דער נביא ישעיה טרייסט די גרים, אז זיי וועלען האָבען א טייל אינם היי־ליגען לאנד. (ישעיה נ״ו ג־ז׳).

„ואל יאמר בן הנכר הנלוה אל ד׳ לאמר הבדל יבדילנו ד׳ מעל עמו . . .

---

*) יבמות מ״ו ע״א; מ״ח ע״א.
**) נדרים פ״ג ע״א.
***) שלחן ערוך סימן קצ״ט, ד׳.

גר ששנתגייר כקטן שנולד דמי, זבחים פ״ב ג׳; יבמות מ״ח ע״א. וועגען דינים פון גרות נאָכצוקוקען שלחן ערוך יו״ד סימן רס״ח־רס״ט.

וועגען גרים־הייראט, אנדערע קאָמפּליקאציעס וואָס האָבען צו טאָן בלויז מיט יורידישע שווערינקייטען, מוז מען נאָכקוקען רמב״ם איסורי ביאה פי״ג און פי״ד.

וועגען ענינים הייראט דערקלערט די גמרא קאטעגאָריש אז „קהל גרים לא אקרי קהל״, זייער מאָראל און יחוס איז דאָך ניט אזוי דערהויבען ווי אידישער מאָראל און יחוס.

עס מוז דורכגיין עטלעכע דורות בקדושה, ביז די קינדער ווערען אינגאנצען באטראכט ווי אידען. זע, רמב״ם, הלכות איסורי ביאה י״ד ח׳.

*) י. ד. אייזענשטיין איז געווים גערעכט מיט זיין באמערקונג אין „אוצר ישראל״ (חלק ג׳, ז. 305) אז שבת־רו פארן גר תושב איז ניט קיין צוואנג־זאַך, נאָר צוליב זיין טובה וועגען און אויך אז דער איד זאָל פון זיין שבת־ארבעט ניט קענען געניסען. ער איז אָבער ניט גערעכט מיט זיין באהויפּטונג, אז דער איסור אונאה איז נאָר לגבי דעם גר צדק און איז ניט געמיינט אין באצוג צום גר תושב. דער „ואהבת לו כמך״ איז דאָך זיכער געמיינט דעם גר תושב ווייל דער אויספיר איז דאָך כי גרים הייתם בארץ מצריים און אידען זענען געווען אין מצרים בלויז גרי־תושב!

**) רי״ף ע״ז פ״א.

אז א גר איז זיך מגייר, קלערט מען אפילו ניט פאר זיינע אומרייניקען פון פריער. דער רמב״ם (פ״י, הלכות פסח) זאָגט אָבער, אז אויב א גר האָט זיך מגייר געווען ערב פסח, זיך געמל׳ט און גע׳טובל׳ט, טאָר מען ניט שחט׳ן פאר אים קרבן פסח, צוליב דער מורא ר׳זאָל קומענדיגען יאָר אויב ער וועט זיין אומריין אלס טמא מת זיך ניט וועלען טובלן און עסען פון קרבן פסח.

ונתתי להם בביתי ובחומותי יד . . . ובני הנכר הנלוים על ד׳ לשרתו ולאהבה את שם ד׳ להיות לו לעבדים, כל שומר שבת מחללו, ומחזיקים בבריתי. והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי, עולותיהם וזבחיהם לרצון על מזבחי כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים״.

לויט דער משנה פון בכורים (א׳ ד׳) קאָן א גר בלויז ברענגען בכורים אָבער ניט לייענען די פרשה פון בכורים: „אלו מביאין ולא קורין, הגר מביא ואין קורא, שאין יכול לומר „אשר נשבע ד׳ ל א ב ו ת י נ ו ל ת ת ל נ ו״ . . . די ברייתא (ירושלמי בכורים), דערציילט אָבער אין נאָמען פון ר׳ יהודה, אז א גר קאָן ברענגען בכורים און זאָגען די פרשה, ווייל אברהם אבינו איז דער פאָטער פון אלע גרים: „גר עצמו מביא וקורא. טעם: כי אב המון גוים נתתיך, לשעבר היית אב לארם מכאן ואילך־אב לכל הגוים!

רבי יהודה, קאָן זיין, האלט אויך, אז אין די תפלות זיינע פאר זיך ביחידות אָדער אין שול בצבור, זאָל ער מעגען זאָגען אלקי אבותינו גאָט פון אונזערע עלטע־רען; (די משנה הייסט אים זאָגען אלקי אבות ישראל, אלקי אבותיכם). ווארשיינליך צולים דעם, ווייל אברהם איז דער פאָטער פון אלע גרים, ווי ער איז דער פאָטער פון פאָלק ישראל. ווי מיר האָבען פריער געזען לערנט מען דאָס ארוים פון פסוק: „ואת הנפש אשר עשו בחרן״ (בראשית י״ב ה׳), וואָס דער פשוטער טייטש איז: די קנעכט וואָס אברהם האָט געקויפט און אברהמ׳ס קנעכט, זענען דאָך אויך שרה׳ס קנעכט. דער טייטש שטעלט אָבער קיינעם ניט צופרידען און אלע לערנען אז דאָס מיינט מען די גרים פון אברהם און שרה. אונקלוס אין זיין תרגום, גיט איבער: „וית נפשתא די שעבידו לאורייתא בחרן״. תרגום יונתן בן עוזיאל: „וית נפשתא די גיירו״. תרגום ירושלמי: „וית נפשתא דגיירין״. רש״י לערנט: שהכניסן תחת כנפי השכינה אברהם האָט מגייר געווען מענער און שרה פרויען — און דער פסוק באטראכט די נפשות ווי זיי וואָלטען געווען אברהמ׳ס ווערק, זיין באשאפונג.

ר׳ שמעון בן לקיש לערנט דערפון, אז דער וואָס לערנט מיט זיין חבר תורה, איז אזוי גוט, ווי ער וואָלט אים ב א ש א פ ע ן, געבוירען. ס׳איז פאראן א מיינונג אז דורך דעם גירות איז פאר אברהם אבינו אנטדעקט געוואָרען דער סוד פון וועלט־באשאף, האָט ער געשריבען דאָס מיסטישע ווערק „ספר יצירה״. *).

אין תלמוד ווערט אויך געזאָגט אז די נשמות פון גרים, פונקט ווי אלע א י ד י ש ע נשמות זענען געשטאנען ביים בארג סיני, ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען צו די אידען **), און אין מדרש (רות רבה) זאָגט רבי חסא, אז זייער מזל איז דאָרט געווען.

דער אבן עזרא ברענגט אויף דעם טייטש אין געקירצט לשון: הנפשות שהורם האמת לעבוד השם *).

---

*) זע, כוזרי מאמר ד׳ כ״ה. אויך פירוש צום „ספר יצירה״ פון ר״י ברצלוני.

זע אויך בראשית רבה ל״ט; סנהדרין צ״ט; ספרי ואתחנן ל״ב; שיר השירים רבה א׳ ג׳; תנחומה דאָרט; זהר ח״א ע״ט א. א. מקומות אין פארשידענע נסחאות. זע אויך, חומש „תורה שלמה״ פון ר׳ מנחם מענדל כשר חלק ג׳ אות צ״ה — צ״ז (ירושלים תרצ״ב).

**) שבת קמ״ו; שבועות ל״ט.

י״ד—ווי אזוי מען באדארף באהאנדלען א גר. — מען טאָר אים ניט נארען אפילו מיט רייד. — מען טאָר אים ניט דערמאָנען פארגאנגענהייט.

די תורה וואָרענט ניט צו נארען דעם גר: „וכי יגור אתך גר בארצכם לא תונו אותו״ (ויקרא י״ט ל״ג) און אין תלמוד (בבא מציעא נ״ח ע״ב) ווערט געזאָגט אז מען טאָר ניט נארען דעם גר אפילו מיט רייד, ווי זאָגען צו אים: דאָס מויל, וואָס האָט אמאָל געגעסען נבלות און טרפות זאָל לערנען תורה וואָס איז געגעבן געוואָרען פון גאָט? אויב ער איז א זון פון גרים, זאָל ער אים ניט דערמאנען זיינע עלטערען . . . אין מכילתא, (שמות כ״ב, ב׳) און אין תורת כהנים (קדושים), ווערט צוגעגעבען: „זאָלסט אים ניט נארען מיט רייד און ניט דריקען מיט געלט. און ניט בלויז טאָר מען אים ניט נארען, נאָר בכלל אלע דינים וואָס זענען שייך לגבי, דעם איד, זענען כולל אויך דעם גר ווי דער „לאו״ פון „לא תלין פעולת שכיר״ (זאָלסט ניט לאָזען איבערנעכטיגען דעם לוין פון א געדונגענעם ביי זיך, ביז אין דער פרי (ויקרא י״ט י״ג); דער „לאו״ — „לא תשנא את אחיך בלבבך״ (זאָלסט ניט פיינט האָבען דיין ברודער אין דיין הארצען (דאָרט, דאָרט י״ז) א. א. וו. עס איז דאָ איין געזעץ, תורה אחת . . . לכם ולאזרח ולגר הגר בתוככם״ איין געזעץ פאר דעם פון אידען אָפּשטאמיגער, און פאר דעם פרעמדען וואָס האָט זיך מגייר געוועז און איבערגעגאנגען צום אידענטום, אויפגעבענדיג זיינע פארוואנדטע, זיין פאמיליע, זיין רעליגיע.

די משנה לערנט אונז כשם שאונאה במקח וממכר, כך אונאה בדברים . . . אם הוא בן גרים לא יאמר לו זכור מעשי אבותיך . . . און די גמרא אויפן אָרט, איז מאריך וועגען פארבאָט פון אונאת דברים, און פסק׳ענט:

„המאנה את הגר עובר בשלשה לאוין״ *) אויב מען נארט א גר סיי מיט רייד און סיי אין האנדעל איז מען עובר אויף דריי לאוין פון דער תורה: וגר לא תונה (שמות כ״ב כ״ג ט׳) לא תוננו אותו (ויקרא י״ט ל״ג) לא תונו איש את עמיתו (ויקרא י״ט ל״ד).

ר׳ יוחנן זאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי, אז „אונאת דברים״ איז גרעסער (ערגער) פון אונאת ממון, פון געלט אָפּנארעריי, ווייל ביי דעם ווערט געזאָגט, זאָלסט מורא האָבען פאר דיין גאָט (ויקרא כ״ה י״ז). ר׳ אלעזר זאָגט, דעם, האָט מען געשאָדענט אין קערפער אָבער דעם אנדערען בלויז מיט געלט. ר׳ שמואל בר נחמני זאָגט דאָס קען מען צוריקגעבען אָבער ניט דאָס אנדערע. *). אויב געוועזן בעל תשובה ניט צו רייצען זיך מיט אים און אריינזאָגען **).

דער רמב״ם אין מורה נבוכים (חלק ג׳ סי׳ רנ״ב־רנ״ג) קאָמענטירט אויף

*) בבא מציעא נ״ח ע״ב־נ״ט ע״ב.
*) תורת כהנים בהר, פ״ד.
**) פסיקתא רבתי פמ״א

דעם: „זאָלסט אים ניט נארען מיט רייד און דריקען מיט געלט". זאָלסט ניט זאָגען, געבטען האָסטו געדינט צום „בל קור" (נבו!) און די חזירים־פליישען זיינען נאָך צווישען דיינע ציין. א גר וועז ער איז זיך מגייר, איז ער, „כקטן שנולד", ער האָט נים קיין זינד, קיין פריערדיגע עלטערען, ער איז א ניי־געבוירענער. און ווער עס נייגט אוועק זיין דין, איז פונקט ווי ער וואָלט אוועקגענייגט דעם דין של מעלה *).

און ניט בלויז צו שאָדענען דעם גר האָבען אונזערע חכמים געוואָרענט, ווי האָבען בכלל געוואָרענט זיך צו באנעמען מיט ליבע און באשיידענקייט צום גר (ספרי, במדבר ע"ח). די גמרא אין בבא מציעא (נ"ט ע"ב) קאָמענטירט אויפן פסוק „וגר לא תונה — כי גרים הייתם בארץ מצרים (שמות כ"ב כ'), „ר' נתן אומר: מום שבך אל תאמר לחברך" דאָס מיינט: אויב גרות איז א מום, טאָ זייט איר דאָך אלע בעלי מומים ווייל אויך איר זענט געווען גרים, איז אפילו איר זאָלט מעגען זיך גרויסען איבער גרים, קאָנט איר דאָס ניט טאָן ווייל איר וואָלט זיך אליין געיפסליט, פאראורטיילט.

די תורה אנערקענט דעם גר אלס אייגענער ברודער. דער פסוק זאָגט: וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו, גר ותושב וחי עמך (ויקרא כ"ה ל"ה). אויך קיין פראָצענט, (צינזען), טאָר מען ביי אים ניט נעמען, לויט — דעם פסוק ווייטער: „אל תקח מאתו נשך ותרבות — וחי אחיך עמך".

דער טאָלעראנץ עדיקט איז: „חוקה אחת יהיה לכם ולגר ולאזרח הארץ" (במדבר ט"ו י"ד) דאָס זעלבע רעכט פאר דעם פרעמדען ווי פאר דעם אייגענעם. זיין שבת־רו איז אָנגעזאָגט געוואָרען אין די עשרת הדברות. יום־טוב פרייד איז אויך חל אויפן גר: „ושמחת בחגך אתה ובנך ובתך . . . והגר (דברים ט"ז י"א־י"ד) מען דארף אים אויך באזאָרגען מיט עסען. אויב ער איז אָרעם האָט ער דעם זעלביגען דין ווי דער אָרימער איד. „וכרמך לא תעולל . . . לעני ולגר תעזוב וכו' (ויקרא י"ט י') *) „כאזרח מכם יהי' לכם הגר הגר אתכם ואהבת לו כמוך, כי גרים הייתם בארץ מצרים (דאָרט ל"ד) **) און דער פסוק זאָגט אויך אז מען דארף ליב האָבען דעם גר אים צו געבען קליידונג און ברויט ***). דער גר האָט אויך א רעכט צו נעמען א חלק פון מעשר עני: „ובא הלוי . . . והגר והיתום והאלמנה . . . ואכלו ושבעו" (דברים י"ד כ"ט) גרים קאָנען אויך ברענגען קרבנות פונקט אזוי גוט ווי אידען (ויקרא כ"ב י"ח) און אויב עס געפינט זיך צווישען אידען א גר וואָס איז ניט נזהר אויף עסען נבלות איז מען מחויב צוליבן „וחי בהם", אים צו געבען בחנם ****).

*) חגיגה ה' ע"א.

*) אין דיין וויינגאָרטען זאָלסטו ניט ארומקלייבען ריין, און דאָס אראָפּגעפאַלענע פון דיין וויינגאָרטען זאָלסטו ניט אויפקלייבן; פארן אָרעמאַן און פארן פרעמדען זאָלסטו זיי איבערלאָזען: איך בין ה' אייער גאָט.

**) אזוי ווי אן איינגעבוירענער פון אייך, זאָל זיין דער פרעמדער וואָס האלט זיך אויף ביי אייך; און זאָלסט אים ליב האָבען אזוי ווי זיך אליין; ווארום פרעמדע זייט איר געווען אין לאנד מצרים: איך בין ה' אייער גאָט.

***) ער טוט גערעכטיגקייט דעם יתום און דער אלמנה, און האָט ליב דעם פרעמדען, אים צו געבען ברויט און א קלייד. און איר זאָלט ליב האָבען דעם פרעמדען, ווארום פרעמדע זייט איר געווען אין לאנד מצרים (דברים י' י"ח־י"ט).

****) איר זאָלט ניט עסען קיין נבלה; דעם גר וואָס אין דיינע טויערען זאָלסטו עס געבען, ער זאָל עסען; (דברים י"ד כ"א).

פון דעם אלץ איז צו זעהען אז אידען האָבען שטארק ליב דעם גר, ניט אכ־טענדיג וואָס ביי אידען איילט מען זיך ניט אויפצונעמען קיין גרים, און מיר פירען ניט אָן קיין מיסיאָנערישע טעטיגקייט, מיר רעדען גאָר אָפּ פון וועלען איבערגיין צום אידענטום. מיר זענען אָבער שטענדיג גרייט אויפצונעמען גרים און מיר פאר־שליסען זיכער ניט די טירען פאר זיי *).

און דערפאר ווייל די תורה האָט געוואוסט, דעם שלעכטען אינסטינקט ביים מענשען אין באצוג צום גר האָט זי נאָך מער געוואָרענט און ווידערהאָלט דעם „ואהבת את הגר", מער פונם „ואהבת לרעך", וואָס איז לייכטער און נאטירליכער דורכצופירען.

ווי ווייט גרים זענען וויכטיג געווען אין די אויגען פון די חכמי התלמוד איז צו זען פון דעם, וואָס זיי האָבען איינגעלערנט אין דער תפלה פון חזקיהו מלך יהודה: „ער (חזקיה) האָט געזאָגט פאר אים פאר גאָט, רחב האָט נאָר צוויי נפשות גערעטעוועט . . . מיינע עלטערען האָבען דאָך דערנעענטערט צו דיר, אלע דאָזיגע גרים . . . (ירושלמי ברכות ד' ד').

די חכמי התלמוד האָבען פונקט ווי די נביאים געהאָפט אז אלע פעלקער וועלען זיך מגייר זיין (ברכות נ"ז ע"ב), און „אזוי האָט ר' אלעזר געזאָגט: אלע זענען זיי גרים גרורים לעתיד לבא. און ר' יוסף האָט זיך אָפּגערופען וואָס איז דער פסוק? — „כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה לקרא כולם בשם ד' לעבדו שכם אחד" (צפניה ג' ט') **).

נאטירלעך לאָזט זיך נישט אויסשעפּען די אלע מאמרים וואָס זענען פאר־שפּרייט איבער'ן ים התלמוד, מדרשים; אגדה, קבלה און חסידות ליטעראטור אין די ענגע ראמען פון מיין איצטיגע ארבעט.

איך וועל זיך דעריבער באגנוגענען מיט ציטירען בלויז פון עטלעכע מקורות:

אויפן פסוק ישיבו יושבי בצלו . . . (הושע י"ד ח') זאָגט דער מדרש (רבה נשא ח'): „אלו הגרים שהם באים וחסים בצלו של הקב"ה". און טייטשט אויס דעם אויספיר פון פסוק: יחיו דגן — בתלמוד; ויפרחו כגפן — באגדה; זכרו כיין לבנון —אמר הקב"ה חביב עלי, שמותן של גרים כיין נסך שהוא מתנסך על גבי המזבח . . .

דער מדרש (דאָרט) זאָגט אויך אז מ'גזל'ט פון א גר איז ווי מען גזל'ט פון א איד. ד' אוהב צדיקים (תהלים קמ"י ח') פארוואָס האָט ער זיי ליב? ווייל זיי זענען ניט קיין נחלה! די כהנים האָבען משפחה, מוזען שטאמען פון כהנים, לויים מוזען אָפּשטאמען פון לוים, א געוויינליכער מענש וועמעס פאָטער איז ניט געווען קיין כהן אָדער לוי קען ער דאָס ניט ווערען — אָבער א צדיק קאָן יעדער ווערען.

רעדענדיג, וועגען דער ליבע צום גר דריקט זיך אויס דער מדרש: הרבה הקב"ה אוהב את הגרים . . . הביבים הגרים שבבל מקום הכתוב מקיש אותם כישראל. פיל ליבעס־עפּיטעטען ווערען אין מדרש ווידערהאָלט (דאָרט). די פּיעטעט צום פרעמ־דען געפינט דער מדרש אין פארשיידענע מקומות אין תנ"ך און ניט בלויז גרי צדק ווערען אזוי געהיט און געשיצט נאָר אפילו גרים מחמת זייטיגע כוונות, ניט לשם־

*) זע ספרי, במדבר פ'.
**) עבודה זרה כ"ב ע"א.

שמים, ווי די גבעונים וועלכע האָבען גענארט יהושע'ן און זיך מגייר געווען צוליב דער מורא פון אידישען זיג אין כנען, אויך זייער „עלבון" (געמיינט לײדען) האָט גאָט ניט פארשווינגען.

ווען אין דוד המלך'ס צייטען ס'איז געווען א דריי יאָריגער הונגער און דוד האָט אָנגעפרעגט, ביי גאָט דורך די „אורים ותומים", וועגען דער אורזאַך פון עונש, האָט גאָט אים געזאָגט: . . .„ואל בית הדמים, על אשר המית את הגבעונים", (שמואל ב' כ"א), דער מדרש באמערקט, אז שאול האָט ניט געטויט די גבעונים, נאָר דערפאר וואָס ער האָט אויסגע'הרג'עט די כהנים פון נוב וועלכע האָבען געשפייזט די גבעונים, און איצט איז זיי אויסגעקומען צו הונגערען, איז אים גערעכענט ווי ער וואָלט זיי געהרגעט *) די גבעונים האָבען פארלאנגט מ'זאָל הענגען זיבען פון שאול'ס קינדער און זייער פארלאנג איז נאָכגעגעבען געוואָרען.

דוד האָט טאקע ניט פארשטאַנען גאָט'ס משפט, און געפרעגט: „וכי בשביל הגרים הללו עשה הקב"ה לעמו כן? (צוליב אזעלכע גרים וואָס האָבען זיך מגייר געווען צוליב מורא און געלייקענט אז זיי זענען כנענים, זאָל גאָט אזוי שטראָפען זיין פאָלק?). האָט אים דער „מלך המשפט" געענטפערט: „אם תרחיק את הרחוקים, סופך לרחק את הקרובים . . ."

אויב דו וועסט איצט דערווייטערען די ווייטע, וועסטו נאָכדעם דערווייטערען אויך די נאָענטע **). ווי די גמרא אין יבמות און דער מדרש פירען אויס, האָט דוד זיי געבעטען, זיי זאָלען מוחל זיין שאולס פאמיליע. די גבעונים האָבען ניט געוואָלט נאָכקומען זיין פארלאנג, האָט דוד זיי באזייטיגט פון אידישען קהל, זיי זאָלען ניט קענען הייראטען קיין אידען.

פון די פארשיידענע מיינונגען אין תלמוד בבלי ירושלמי און אין מדרש איז צו זען, אז זייער אכזריותדיגער פארלאנג איז נאָכגעגעבען געוואָרען כדי מ'זאָל ניט דיסקרימינירען קיין גרים: „כדי שיראו כל העולם ויתיראו ולא יוסיפו עוד להרע לגרים". און נאָך מער, מען זאָל דערפון לערנען: אויב אזעלכע פאלשע גרים באשיצט גאָט און מאָנט זייער באליידיגונג, איז דאָך אודאי די באליידיגונג פון אמת'ע גרים: „מה אם אלו שלא נתגיירו לשם־שמים ראו היאך תבע הקב"ה את דמן, המתגייר לשם שמים על אחת כמה וכמה . . ."

---

*) זע אויך יבמות (ע"ח ע"ב־ע"ט ע"א) דאָרט ווערט געזאָגט דאָס זעלביגע. רש"י, אָבער דערמאנט בלויז: „כהנים היו מספיקים להם מזון לגבעונים שהיו חוטבי עצים ושואבי מים . . ." און דערמאָנט ניט דאָס וואָרט מים. ס'איז דאָך ניט קיין שכל אז די כהנים זאָלען געווען געבען וואסער צו די גבעונים, ווען די לעצטע זענען דאָך געווען וואסערטרעגער נאָך פון יהושע'ס צייטען. אין ירושלמי קדושין פ"ד, ווערט געזאָגט אז שאול האָט יאָ באפוילען צו הרגענען זיבען מענשען פון די גבעונים: צוויי האלצהעקער; צוויי וואסער־טרעגער; א חזן, א סופר און א שמש . . . זע אויך, „נבחר מפנינים" פון ר' חנוך זונדל פון ביאליסטאָק, א זייער אינטערעסאנ־טער פירוש אויף מדרש רבה.

**) אויך ביי יהושע, דערציילט אונז דער מדרש ווען ער האָט געבראכט אז עס לוינט זיך ניט צו ריזיקירען מיט אידען, כדי צו ראטעווען די גבעונים, האָט גאָט אים געזאָגט: „אם תרחיק את הרחוקים סופך שתרחק את הקרובים. און דער מדרש זעצט פאָר דעם געדאנק, באווייזענדיג אז אויך ער קומט ארויס פון גרים — פון אסנת בת פוטיפרע . . .

די אכזריות זייערער, האָט זיי דערווייטערט פון דער אידישער געזעלשאַפט. ניט נאָר דוד האָט פּאַרווערט אסימילירונג מיט זיי, אויך עזרא הסופר האָט זיי דער־ווייטערט פון אידישען קהל. די „נתינים" וואָס ווערען דערמאָנט אין נחמיה י"א, זענען אָן אָפּשטאַם פון די גבעונים. און דאָ קומט נאָך אַן אינטערעסאַנטער מאָ־מענט וואָס באווייזט דודס צדקות. דער מדרש זאָגט, אז דאָס וואָס דער פּסוק זאָגט „ויבקש שאול להכותם" (שמואל ב' כ"א) איז עס געווען צוליב דעם ווייל זיי האָבען אים ניט איבערגעגעבען דוד'ס באהאלטענישען און זיבען פון זיי האָט ער דערפאַר געטויט (מדרש דאָרט), פונדעסטוועגען האָט דוד געהאַלטען אז דורך געלט האָבען זיי זיך געדאַרפט איבערבעטען, דערצו נאָך ווען לויט דעם אידישען דין קען מען ניט באשטראָפען דעם זון פאַר די זינד פון פאָטער: „לא יומתו אבות על בנים, ובנים לא יומתו על אבות . . ."

דער מדרש איז מאריך ווענען די מעלות און חשיבות פון גרי צדק: אשרי כל ירא ד' — אינו אומר אשרי ישראל, אשרי כהנים, אשרי לויים אלא אשרי כל ירא ד', אלו הגרים . . . ובאיזה גר — גר צדק לא בכותים הללו שכתוב בהם: את ד' היו יראים ואת אלהיהם היו עובדים (מלכים ב' י"ז . . . יגיע כיפיך כי תאכל, מיינט מען דעם גר וואָס לעבט אין אייגענעם זכות און וועט האָבען אויך עולם הבא ווי א איד . . . און קאָן אפילו זוכה זיין צו האָבען אייניקלעך כהנים, נביאים און פירער ביי אידען.

אויף דעם פּסוק: „ואוהב גר לתת לו לחם ושמלה", דרשענט דער מדרש (דאָרט און אין פרשת בא): לחם הפנים ובגדי כהונה.

דעם גר'ס פרוי איז ווי א בנות ישראל—אשתך כגפן פוריה, כגפן ישראל . . . און אזוי ווייטער ציטירט דער מדרש אומצעליגע פּסוקים וועלכע דערציילען אונז פון גאָטס ליבשאַפט צום גר, פון זיין פאָטערלעכער באנעמונג צו גרים וואָס פאַר־לאָזען זייער גלויבען, זייערע פאַמיליעס און נעמען אויף זיך דעם אידישען גלויבען, די אידישע תורה, און ווערען א טייל פון אידישען פאָלק. ס'איז אָבער אָנמעגלעך אזויפיל צו ציטירען און מאריך זיין מיט אָנווייזונגען וועלכע האָבען ניט קיין באַ־זונדערען ווערט צום עצם ענין, אויסער פון אקאַדעמיש־פּעדאַנטישען שטאַנדפּונקט.

איך האָב בלויז געוואָלט אָנווייזען אויף דער אלמענשליך־אוניווערסאַלע באַ־ציאונג צום גר, וואָס קומט ניט פון מיסיאָנערישער צוציערישער כוונה, נאָר פון דער באציאונג צום מענש בכלל, אָן אונטערשייד פון ראַסע און אָפּשטאַם. די גוטע באַ־ציאונג צום גר, נעמט זיך ניט בלויז צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר בעיקר צוליב די תנכישע טענדענצען צו יושרדיגע באהאנדלונג פון מינדערהייט גרופּען אין אל־געמיינעם.

אָט דאָס, וואָס דעם גר תושב איז דערלויבט צו עסען נבלות און טרפות און צו געניסען בירגערלעכע רעכט, איז דאָך געווים געווען א געוואַלטיג־פאָרגעשריטענער שריט, אין דער אנטוויקלונג פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר א מינאָריטעט — א פּראָבלעם, וואָס איז עד־היום נאָך ניט געלייזט געוואָרען, און פירער פון די הער־שענדע מלוכה־פאָרמען, ברעכען זיך די קעפּ ווי אזוי צו לייזען די קאָמפּליצירטע

פראָבלעמען אין פאַרבינדונג מיט די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע צווישנ־באַציאונגען. מ׳רעדט פון בירגערלעכער אויסגלייכונג און דערוויל הערשט נאָך אַלץ אונטערדריקונג פון מינדערהייטען, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. מ׳האָפט אויף דער צוקונפטיגער נאָך מלחמה׳דיגע הערשאַפט, לויט די פאָרשריפטען פון „אַטלאַנטיק טשאַרטער״, וואָס איז אַנערקענט ביי אַלע אַליאיר־טע מלוכות וואָס קעמפען קעגען פאַשיזם־נאַציזם, און זיכערט אַלעמענס פרייהייט און וואוילזיין, אפשר אונטער נייע סאָציאַלע באַדינגונגען, וועט קומען לכל הפּחות א געוויסע יורידישע אויסגלייכונג פון בירגערשאַפט און מינדערהייטען וועלען גיוועַ־לירט ווערען אָן אונטערשיידט פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, גלויבען אָדער ראַסע. דאָס קאָן אָבער נאָר מעגלעך זיין אין א העכערע שטופע פון רעקאָנסטרוקציע אין מלוכה׳ש געזעלשאַפטלעכען איבערבוי . . .

דער תורה, און די וואָס פאָלגען נאָך אירע פּרינציפּען, איז פרעמד דער גע־דאַנק פון וועלכער עס איז דיסקרימינאַציעס קעגען מענש, ווי דריקט זיך אויס איינער פון די חכמי התלמוד, רעדענדיג וועגען מענש בכלל, „אני בריה וחברי בריה *) מיר זענען אַלע מענשען, באַשאַפען אין „צלם אלקים״, און אָט דעם צלם אלקים דאַרפען מיר אָנהאַלטען.

דער גר, האָט אַלע רעכטען ווי א ישראל, און מ׳גלויבט אים ווי א ישראל. די משנה דערציילט אונז אז די כהנים, האָבען געוואָלט פּסלען דאָס עדות זאָגען אויף דער נייער לבנה, פון באַפרייטע קנעכט, וועלכע האָבען דעם דין ווי גרים, האָט דאָס בית־דין (סנהדרין) דערלויבט **).

דער רמב״ם אין „יד החזקה (מדע הלכות דעות פ״ו, ד׳ רעדט וועגען דער מצוה ליב צו האָבען דעם גר און זאָגט ׳אהבת הגר שתי מצוות עשה . . .״

אין א תשובה צו א גר צדק שרייבט דער רמב״ם צווישען אַנדערעס: יעדער איינער וואָס וועט זיך מגייר זיין, ביזן סוף פון אַלע דורות . . . ווערט ער א תלמיד פון אברהם אבינו . . . און עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען אונז און דיר אין קיין שום זאַך . . . דו דאַרפסט געוויס זאָגען די ברכה „אשר בחר בנו״; „אשר נתן לנו״ אָדער „אשר הבדיל לנו״ . . . ווייל אברהם איז א פאָטער צו דיר ווי צו אונז!

א״ר אלעזר בן זימרא, אם מתכנסין כל באי־העולם לברא אפילו יתוש אחר אינו יכולין לזרוק בו נשמה, ואת אמר אשר עשו? . . . אלא ללמדך שכל מי שהוא מקרב את הנכרי ומגיירו כאלו בראו! ***).

---

*) ברכות י״ז ע״א.

*) ראש השנה פ״א משנה ז׳: אמר רבי יוסי מעשה בטוביה הרופא שראה את החדש בירושלים הוא ובנו ועבדו משוחרר וקבלו הכהנים אותו ואת בנו (ווי ר׳ שמעון וואָס דערלויבט עדות פון קרובים ביים עדות זאָגען וועגען נייער לבנה) ופסלו את עבדו (תוספות יום טוב דאָרט: זיי האָבען גע׳דרש׳ענט „מאתך״ ברומים לך, אויסשליסענדיג גר, עבד משוחרר, ממזר ווי משנה ב׳ פ״ד סנהדרין). ווען זיי זענען אָבער געקומען פאַר דעם בית־דין האָבען זיי גע׳פסל׳ט דאָס עדות זאָגען פון טאַטע און זון און געמאַכט כשר דעם עבד משוחרר . . .

***) בראשית רבה ל״ט. אויך קהלת רבה, אין ענליכע מיינונג.

ט"ז. — „קשים גרים לישראל" — די צרות וואָס אידען האָבען זיך אָנגעליטען פון פאַלשע גרים. — עפּאָכעס, ווען מ'האָט ניט געוואָלט נעמען קיין גרים. — פאַרוואָס? . . .

עס איז א פאקט, אז אידען זענען קיינמאָל ניט געווען איילעוודיג נאָך גרים. מ'היט זיך שטאַרק אויס, פון די גרים וואָס קומען צו אונז מחמת מאָמענטאַלע סיבות, און נאָכדעם פאַרלאָזען זיי אונז. איבערלאָזענדיג נאָך זיך א שלעכטען ריח. מ'היט זיך שטאַרק פון די גרים וואָס צוליב דעם וואָס ליבען זענען זיי באַפאַלען זענען זיי געוואָרען אידען . . . א גר צדק אָבער, אָן וועלכע ס'איז פניות, האַלטען מיר ווי הלל, אז מען דאַרף אַזעלכע מקרב זיין. אין דער ברכה „על הצדיקים" . . . פון „שמונה עשרה", זענען מיר מתפלל פאַרן וואוילזיין פון גרים *). יתרו, האָט צוגעמערט א פרשה אין דער תורה ווייל ער איז געווען א גר צדק און האָט מגייר געווען זיין פאַמיליע **).

די משנה זאָגט מ'נעמט ניט צו קיין גרי אריות אָדער גרי חלומות ***). מ'נעמט אויך ניט צו קיין גרים אין משיח'ס צייטען און אויב זיי וועלען זיך אליין מגייר זיין, וועלען זיי גערופען ווערען „גרים גרורים", נאָכשלעפּענדיגע גרים ****). די חז"ל, האָבען שטאַרק מורא געהאט פאַר אַזעלכע גרים, וויסענדיג די צרות וואָס אידען האָבען געהאט אויסצושטיין פון דעם „אספסוף" פון מצרים, וואָס האָט אין צייט פון קריזיס צוגערעדט צום „עגל הזהב", געגלוסט צו פלייש און מצריישע מאכלים א. א. וו.

וועגען די וואָס יאָגען זיך נאָך גרים, ווערט געזאָגט: שלעכטס זאָל קומען אויף די וואָס נעמען צו גרים, אַזעלכע גרים האַלטען אויף די גאולה *****).

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער מאמר אין תלמוד (קדושין ע' ע"ב) „אמר ר' חלבו: קשים גרים לישראל כספחת, שנאמר, ונלוה הגר עליהם ונספחו על בית יעקב (ישעיה י"ד א') כתיב הכא „ונספחו" וכתיב התם לשאת ולספחת (ויקרא י"ד).

אין אידיש: ר' חלבו האָט געזאָגט: גרים זענען אַזוי שלעכט צו אידען ווי פּלעג; (קרעץ) ווי דער פסוק זאָגט . . . „ונספחו" אל בית יעקב . . . דאָ זאָגט ער „ונספחו", און דאָרט אין ויקרא אויסרעכענדיג די פאַרשיידענע נגעים, פּלעג, שרייבט ער לשאת „ולספחת", איז א באַווייז אז ישעיה הנביא האָט געמיינט אז די באַהעפטונג פון גרים איז פונקט אַזוי שלעכט צו אידען ווי פּלעג און צרעת.

רש"י, טייטשט דעם מאמר גאַנץ איינפאַך, „ווייל זיי זענען ניט נזהר אין מצוות. מען לערנט זיך אָפּ פון זייערע מעשים". אויך תוספות (דאָרט אָנהויב־וואָרט

*) מגילה י"ז ע"ב.

**) זע רש"י פרשת יתרו (שמות י"ח א'): „שבע שמות נקראו לו: יתר — על שם שיתר פרשה אחת בתורה „ואתה תחזה . . . אבן עזרא (דאָרט): בני יתרו נתערבו ונתבוללו בישראל, בני קני — יעל אשת חבר הקני; בני רכב — יונדב בן רכב, בימי ירמיה הנביא . . .

***) יבמות כ"ד ע"ב.

***) עבודה זרה ג' ע"ב. רמב"ם הלכות מלכים י"ב א'־ה'.

*****) יבמות ק"ט ע"ב; נדה י"ג ע"ב. „רעה אחר רעה תבא למקבלי גרים".

„קשים") ברענגט דעם טייטש פון „קונטרס" (רש"י) און אנאליזירט אים: 1) ווייל זיי זענען ניט באהאוועגט אין די מצוות ברענגען זיי שטראף; און 2) ווייל אידען וועלען זיך אפלערנען פון זיי. „תוספות" באנוגענט זיך אבער ניט מיט אט די צוויי איינפאכע מאטיוון פון דער אומצופרידענקייט מיט גרים. *)

דער מחבר פון „תוספות ברענגט פארשיידענע מיינונגען און טייטשען. מיר וועלען ברענגען די מער לאגישע און מער אויסגעהאלטענע. איין טייטש איז פון א „יש מפרשים": „גרים זענען צו אידען ווי ספחת ווייל גאט האט אזויפיל געווארענט מען זאל זיי ניט נארען (ב"מ נ"ט ע"ב) און עס איז אונמעגליך מען זאל זיי ניט וויי טאן". נאך א „יש מפרשים" לויטעט: ווייל צוליב גרים, זענען אידען אין גלות ווי די גמרא זאגט: „פארוואס זענען אידען פארשפרייט אין אלע לענדער מער ווי פעלקער נעצענדינער, כדי ס'זאלען זיך מערען צו זיי גרים" **).

דעם בעל התוספות געפעלט אבער ניט דער תירוץ ווייל אין יבמות (מ"ז ע"א) ווערט געזאגט דאס פארקערטע: אן עובד כוכבים וואס קומט זיך מגייר זיין, זאגט מען צו אים: וואס האסטו געזען אין אידענטום? . . . זאלסט וויסען אז אידען ליידען, ווערען געשטויסען . . ." און די גמרא פירט אויס אז מיר זענען ניט פאר אינטערעסירט צוקריגען גרים ווייל קשים גרים . . . *) איז דאך א באוויז, אז דער מאמר „קשים גרים", באציט זיך אויף דער צייט ווען זיי האבען זיך שוין מגייר געווען.

נאר אינטערעסאנט איז דער תירוץ וואס תוספות ברענגט פון איינעם א ר' אברהם גר (איינער פון די בעלי התוספות) וועלכער זאגט, אז צוליב דעם, האלט ר' חלבו קשים גרים לישראל, ווייל גרים, אז זיי לערנען זיך אויס די מצוות, זענען זיי פינקטלאכער פון אידען. א ראיה ברענגט ער פון דעם וואס עס ווערט דערציילט ביי אליהו'ן (מלכים א' י"ז) אז די אשה צרפית האט צו אים געזאגט: „מה לי ולך איש האלהים כי באת להזכיר את עוני". איר האט זיך אויסגעדאכט, אז צוליב דעם וואס דער געטלאכער מענש, איז געקומען צו איר, ווערען אירע זינד בולט'ער.

---

*) רשי"י אנהויב ווארט „קשים": „שאינם זהירים במצוות והרגילים אצלם, נמשכים אצלם ולומדים מן מעשיהם".

**) מפני מה ישראל מפוזרים בכל ארצות יותר משאר עובדי כוכבים כדי שיתוספו עליהם גרים (פסחים כ"ז י"א).

*) זע, יבמות דארט: עובד כוכבים הבא להתגייר אומרים לו מה ראית שבאת להתגייר. תדע שישראל דווים, דחופים . . .

דער רמב"ם גיט דעם טעם: „מפני שרובם חוזרים בשביל איזה דבר, ומטעין את ישראל (איסורי ביאה פ"ג י"ח). זע אויך יבמות ק"ט ע"ב, רש"י דארט, תוספות דארט: „אם הם מתאמצין להתגייר יש לנו לקבלם. ברענגט ראיה, פון סנהדרין צ"ט ע"ב, אז אברהם, יצחק און יעקב זענען געשטראפט געווארען ווייל זיי האבען ניט געוואלט מגייר זיין תמנע, פון איר איז ארויסגעקומען עמלק, וואס האט אנגעטא צרות צו אידען.

זע, רבינו בחיי פרשת פינחס י"א, אויב פינחס איז אליה הנביא, ווי האט ער זיך געמעגט מטמא מאכען, זיך ארויפצולייגען אויף דעם טויטען בן אשה הצרפית. ער ענטפערט, אז ער איז געווען בן עכו"ם, וואס איז ניט מטמא. דער רד"ק זאגט, אז דער אינגעל איז ניט געווען טויט, נאר פאר'חלש'ט. פאראן א ילקוט וואס זאגט אז דער בן אשה צרפית איז געווען יונה הנביא. זע תוספות קדושין ע' ע"ב אנהייב ווארט „קשים" אז ער איז געווען משיח בן יוסף. אין מדרש תדשא, אויסרעכענדיג די פרומע נשים גיורות. רעכענט ער ניט די אשה הצרפית. זע שיטה מקובצת ב"מ דארט, זע אויך ספר „תירוש ויצהר" פון הרב צבי יחזקאל מיכלזאן. סימן ע"א.

מענליך, אז דער מאמר „קשים גרים — כספחת״, איז געזאָגט געוואָרען אין א מאָמענט, ווען מען האָט געליטען פון שלעכטע גרים, אלס רעזולטאַט פון א היס־טאָרישע דערשיינונג, האָבען די חז״ל אזוי געטייטשט דעם „ונספחו״ *). אָבער דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס אין מדרש רבה (פרשת בא) ווערט דאָס וואָרט „ונספחו״ גע׳דרש׳ענט, פונקט פאַקערט, אלס א לשון חשיבות און גרויסקייט.

ר׳ ברכיה זאָגט: ונספחו איז ניט נאָר א „לשון כהונה״, ווי דער פסוק זאָגט: „ספחני נא אל אחת הכהונות״ (שמואל א׳ ב׳, ל״ו); ד״ה אז דורך גרות קען ער זוכה זיין צו האָבען קינדער כהנים גדולים. יעדענפאלס, זעען מיר אז „ונספחו״ ווערט פון טייל גע׳דרש׳ענט לגנאי און פון טייל לשבח — ס׳ווענדט זיך ווענען וועלכען גר מען רעדט און מיט וואָס פאַר א גר מ׳האָט צו טאָן.

ר׳ ברכיה זעצט פאָר זיין טייטש צו דעם ונספחו און זאָגט: „די אידען זאָגען צו גאָט, דערמיט וואָס די ברענגסט ליכט אויף דער וועלט, ווערט דיין נאָמען גע־גרויסט אויף דער וועלט. און וואָס איז די ליכט? — די גאולה! ווען דו ברענגסט ליכט, קומען צו אונז גרים און מיר ווערען א גרויס פאָלק.

דער תלמוד ברענגט אויך דריי כאראַקטעריסטישע עפּיזאָדען, אין שייכות מיט צונעמען גרים, אין וועלכע עס ווערט כאראַקטעריזירט דער אונטערשייד צווישען הלל און שמאי. דער ערשטער — א מילדער און א גוטמוטיגער וואָס האָט דערנענ־טערט פרעמדע; דער צווייטער א שטרענגער און א בייזער וואָס האָט דערווייטערט פרעמדע.

„די רבנן האָבען געלערנט: ס׳האָט אמאָל געטראָפען מיט א גוי וואָס איז געקומען צו שמאי׳ן און אים געזאָגט: וויפיל תורות האָט איר? האָט ער אים גע־ענטפערט: צוויי, תורה שבכתב און תורה שבעל פה. האָט ער צו אים געזאָגט: . . . זיי מיך מגייר, איך זאָל בלויז לערנען תורה שבכתב. האָט שמאי אָנגעשריען אויף אים און ארויסגעוואָרפען. איז ער געקומען צו הלל׳ן האָט ער אים מגייר געווען.

„ס׳האָט זיך נאָכאמאָל געטראָפען מיט א גוי וואָס איז געקומען צו שמאי׳ן און געזאָגט: — איך בין גרייט צו ווערען א איד, אויב דו וועסט מיך אויסלערנען אייער גאנצע תורה פאַר דער צייט, וואָס איך וועל שטיין אויף איין פוס. איז שמאי אין כעס געוואָרען, האָט געכאַפּט א שטעקען און ארויסגעוואָרפען דעם מאַן. איז דער מאַן געגאַנגען צו הלל׳ן, האָט ער אים מגייר געווען. ער האָט אים געזאָגט: „וואָס דיר איז ניט ליב, זאָלסטו נישט טאָן דעם אנדערען — דאָס איז די הויפּט מצווה פון אונזער תורה; דאָס איבריגע גיט נאָר בעסער צו פאַרשטיין אָט די מצווה. און ווילסטו, גיי לערן, וועסטו וויסען.

„און נאָכאמאָל האָט זיך געטראָפען מיט א גוי וואָס איז געקומען פאַר שמאי׳ן און אים געזאָגט זיי מיך מגייר כדי איך זאָל ווערען א כהן־גדול, האָט ער ווידער געכאַפּט א שטעקען און ארויסגעטריבען דעם מאַן, איז ער געגאַנגען צו הלל׳ן האָט ער אים מגייר געווען . . .

---

*) ר׳ בנימין, „ארשת״ ע״ה־ע״ו.

„אין צייטען שפעטער האָבען זיך די דריי גרים צוזאמען געטראָפען, האָבען זיי געזאָגט: שמאי׳ס בייזקייט האָט אונז געוואָלט פארטרייבען פון דער וועלט (פון דער תורה) און הלל׳ס מילדקייט האָט אונז צוגעצויגען״ *).

הלל הנשיא ווערט שטארק געלויבט פאר דעם וואָס ער האָט ניט פאר־שטויסען מיט אן „אמת הבנין״ דעם גר וואָס האָט געוואָלט זיך אויסלערנען די תורה וואָס איז „ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים״, שטייענדיג אויף איין רגל.

ר׳ יהושע בן חנניה ווערט אויך שטארק געלויבט אין מדרש (רבה פ׳ וידא, ע׳; נשא ח׳; קהלת, פסוק־טוב אחרית דבר) פאר זיינע לאנגע שמועסען מיט עקילס הגר וועלכער איז נאָך געווען אין געפאר זיך אומצוקערען צו זיין היידנישקייט *).

דער מדרש לערנט ארויס פון אברהם אבינו, וואָס האָט זיך מל געווען אין עלטער פון ניין־און ניינציג, כדי צו ווייזען אז עס איז שטענדיג דאָ צייט זיך מגייר צו זיין אפילו אויף דער עלטער — שלא לנעול דלת בפני הגרים **).

פון שלעכטע גרים האָט מען זיך געהיט מ׳האָט געוואוסט אז „גיירא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאי באפיה (גר, ביזן צענטען דור זאָלסטו ניט פארשעמען באליידיגען קיין גוי פאר זיינע אויגען ****). מ׳לערנט דאָס ארויס פון יתרו, דער גר

---

*) ת״ר מעשה בנכרי אחד שבא לפני שמאי, אמר לו: כמה תורות יש לכם, אמר לו שתים: תורה שבכתב ותורה שבעל־פה א״ל שבכתב אני מאמינך, ושבעל־פה איני מאמינך גיירני ע״מ שתלמדני תורה שבכתב. גער בו והוציאו בנזיפה, בא לפני הלל גייריה . . . שוב מעשה . . . א״ל גיירני ע״מ שתלמדנו כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת, דחפו באמת הבנין שבידו. בא לפני הלל גייריה. אמר לו: דעלך סני לחברך לא תעביד זו היא כל התורה, ואידך פירושה, זיל גמור. שוב מעשה . . . בא לפני שמאי א״ל גיירני ע״מ שתשימני כהן גדול. דחפו באמת הבנין שבידו. בא לפני הלל גייריה . . . לימים נזדווגו שלשתן למקום אחד, אמרו: קפדנותו של שמאי בקשה לטרדני מן העולם, ענוותנותו של הלל, קרבנו תחת כנפי השכינה. (שבת ל״א עמוד א׳).

*) דאָס לשון פון מדרש: עקילס הגר נכנס אצל רבי אליעזר, אמר לו: הרי כל שבחו של גר שאמר ואוהב גר לתת לו לחם ושמלה (דברים י׳). אמר לו וכי קלה היא בעיניך דאָר שנתחבט אותו זקן (ייקב, שנאמר: ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש . . . נכנס אצל ר׳ יהושע. אין אנדערער ווערסיע: עקילס הגר בא ושאל את ר׳ אליעזר אמר לו הרי חיבה שחיבב הקב״ה את הגר דכתיב ואוהם גר . . . כמה טווסין אית לי׳ . . . אפילו אל עבדי לא משגיחין, נזף בי׳ ואזיל לגבי ר׳ יהושע . . . התחיל מפייסו בדברים, לחם זו תורה. . . שמלה בגדי כהונה . . . אמרו אלולי אריכות פנים שהאריך רבי יהושע עם עקילס הי׳ חוזר לסורו. וקרא עליו: טוב ארך אפים מגבור (משל ט״ז).

***) בראשית רבה, לך לך, מ״ו.

****) זע סנהדרין צ״ד ע״א: ויחד יתרו, רב אמר שהעביר חרב חרה על צוארו (ר׳האָט זיך מל געווען) ושמואל אמר שנעשה חדודים חדודים כל בשרו, אמר רב היינו דאמרי אינשי: גיורא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאה באפיה. דער מהרש״א דאָרט, פרעגט. רב׳ס ראיה איז דאָך גאָר פאר שמואל׳ן. זע „דברים ככתבם״ פרשה יתרו, נאָכבאם., אז דערמיט ברענגט זיך רב א ראיה, אז יתרו איז געווען אן אויס־נאם, ווייל לויטן כלל אז מען זאָל ניט פארשעמען קיין גוי פאר א גר וואָלט משה אים ניט געדארפט דערציילען די נסים אין מצרים און ביים ים, משה האָט זיכער גע־וואוסט אז יתרו איז אן אויסנאם גר, אן אמת׳ער, באוואוסטזיניגער, איבערצייגע־דער גר.

די „כותים״ סעקטע, די „גרי אריות״, וועלכע סנחריב האָט געשיקט מאיא־זירען די אידישע באפעלקערונג אין ארץ ישראל, האָבען אָנגעטאָן די אידען אָן שיער צרות און ביים ענד פארראַטען די אידען אינם בר־כוכבא־אויפשטאנד. צוליב זיי איז די פעסטונג ביתר געפאלען.

וועמען גאָט האָט אַזוי מקרב געווען, ווי דער מדרש זאָגט: אני הוא שקרבתי ליתרו" *), אפילו ער, האָט זיך ניט איבעריג געפרייט מיט די אידישע זיגען אין מצרים און ביים ים־סוף.

אויף דעם פסוק „ויחד יתרו", (שמות י"ח ט') ווערט געזאָגט „שנעשה בשרי חדודין" (רש"י דאָרט פון תלמוד און מדרש). זיינע קינדער זענען אָבער שוין באַטראַכט געוואָרען ווי אידען, ווענען קיני זאָגט בלעם: איתן מושבך (במדבר כ"ד כ"א) ער האָט אים מקנא געווען וואָס ער האָט זיך באַזעצט „אצל איתני עולם".

גוטע גרים, באַוואוסטזיניגע, אינטעלעקטואלע איבערצייגענדע זענען מיר שטענדיג געווען מער ווי צופרידען זיי צו האָבען אלס מיטגלידער פון אידישען פאָלק. די אידען זענען דאָך געגאַנגען אין גלות, כדי צו באַקומען גרים *) יעדער רעליגיע וויל פאַרשפּרייטען איר ליכט און אונזער תורה ליכט, ווילען מיר געוויס, זי זאָל באַלויכטען די וועלט.

ס'איז דאָך גענוג צו ברענגען דעם פאַקט פון די גבעונים, וועלכע האָבען גענאַרט יהושע'ן, זאָגענדיג אַז זיי קומען פון אַ ווייטע מדינה און נאָכדעם אַז ער איז געוואויר געוואָרען אַז זיי זענען פון די כנענים האָט יהושע זיין פאַרשפּרעכען ניט געבראָכען; זיי אַריינגענומען אלס גרים, זיך געשלאָגען פאַר זיי און אפילו זיי גע־נעבען באַשעפטיגונג פון וואַנען זיי זאָלען ציען חיונה. ער האָט זיי געמאַכט „חוטבי עצים ושואבי מים" — האָלץ העקער און וואַסער־טרעגער — אָבער אידען זענען זיי געבליבען!

פאַראַן אַ מדרש וואָס לויטעט אַז גאָט וויל מ'זאָל פאַרשפּרייטען זיין לערע. אויפן פסוק „אם לא יגיד ונשא עונו" זאָגט דער מדרש — „אם לא תגידו אלהותי לאומות העולם, הרי אני פורע מכם" *). און גאָטס לערע קאָן דאָך אַמבעסטען פאַרשפּרייט ווערען דורך גרים. מיר ווייסען אויך אַז רחב הזונה, די פרוי וואָס איז געווען הפקר פערציג יאָר, זינט זי איז אַלט געוואָרען צען יאָר און געגוצט דעם פענ־סטער אין דער מויער, פאַר די וואָס זענען געקומען צו איר אין געהיים, נאָכדעם ווען זי האָט תשובה געטאָן געבעטען מחילה פאַר אירע זינד און געגוצט דעם זעלביגען פענסטער פאַר דער רעטונג פון די צוויי אידישע מרגלים (לויט די חז"ל: פינחס און כלב), און געזאָגט: „ד' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת", האָט מען איר מוחל געווען די זינד, אירע אונמאָראַלישע אויפפירונג און עס איז דאָ אַ מיינונג אַז זי האָט חתונה געהאַט צו יהושע בן נון, דעם אידישען פירער וואָס האָט די אידען נעבראַכט אין ארץ ישראל און זי האָט געבוירען אכט נביאים און אכט כהנים ****).

און זי איז ניט די איינציגע, וועלכע האָט זוכה געווען צו גדולה, נאָכדעם ווען זי האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. האָבען מיר דאָך רות, וועלכע האָט גע־שטאַמט פון בלק דעם קעניג פון מואב וואָס האָט געדונגען בלעם'ן צו שילטען די אידען און זי, דערפאַר וואָס זי האָט געזאָגט: עמך־עמי . . . ואלהיך־אלהי האָט זי

*) שמות רבה, כ"ז.
**) לא גלו שראל אלא כדי שיתוספו עליהם גרים (פסחים פ"ז ע"ב).
*) ויקרא רבה פ"ו.
****) זבחים קט"ז ע"א, מגילה י"א ע"א.

זוכה געווען צו זיין די מוטער פון מלכות יהודה, די גרעסטע אידישע מלוכה דינאס־טיע, אָבער וועגען דעם ווייטער.

דער מדרש (קהלת רבה) דערציילט וועגען א מעשה פון א פרוי וועלכע איז געקומען צו ר׳ אליעזר׳ן זיך מגייר זיין און אים דערציילט אז זי האָט א זון פון איר גרויסען זון („בני הקטן מבני הגדול״), האָט ער איר אָנגעשריען און ארויסגעיאָגט. איז זי געקומען צו ר׳ יהושע׳ן, האָט ער צוגענומען איר תשובה טאָן, כאָטש ער האָט געהאלטען אז זי וועט שוין קיין „תחיה״ ניט האָבען. ווי עס ווערט איבערגעבען אין דער גמרא עבודה זרה (פרק א׳) איז דאָס געווען פון אירע קלענסטע עברות. זי איז באגאנגען נאָך פיל ערגערע פארברעכענס.

פון וואַנען האָבען אידען זיך גענומען זוכען בלויז גוטע גרים? ווי עס ווייזט אויס, איז עזרא הסופר *) געווען דער ערשטער, איינצופירען אָט די באשרענקונג, דערמיט, וואָס ער האָט געצוואונגען די „עולי בבל״, זיי זאָלען אהיימשיקען די פרעמ־דע פרויען זייערע, באזונדערס די, וואָס זיינען אריינגעטרעטען פון אנדערע אָפּשטאַם, און באזייטיגען כהנים און לויים, וואָס האָבען ניט זייער יחוס־שריפט. ער, צוזאַמען מיט נחמיה, האָבען אין זייערע פיל נייע תקנות, שטארק מקפיד געווען אויף דער ריינקייט פון אידישען שטאַם.

דער פאקט איז דאָך, אז אלישיב כהן גדול, האָט איינגעאָרדענט א באזונדערע בירוּאָ אין חצר פון בית המקדש פאר טוביה העמוני און נחמיה האָט אים באזייטיגט, ווען ער איז צום צווייטען מאָל געקומען, באזירענדיג זיין געגנערשאפט צו דעם אקט אויף דעם פסוק אין דער תורה: לא יבא עמוני ומואבי בקהל ד׳ (דברים כ״ג ד׳).

ר׳ נחמן קראָכמאַל, דער בארימטער אידישער פילאָזאָף און היסטאָריקער, איז זיך משער אז צוזאַמען מיט די עולי בבל זענען געקומען מערער ערב רב, ווי מיט די עולי מצרים און פון אלע זייטען האָבען זיך געמערט כהנים און לויים אָן וועלכער עס איז געבורט־שיין. אלס באַווייז ברענגט ער, ווי אלע טרייסט־נביאים, פון ישעיה, ירמיה ביז יחזקאל, זכריה און אנד. האָבען גערעדט וועגען דעם צופלוס פון פרעמדע פעלקער צום אידישען פאָלק, נאָכדעם ווי עס וועט אויסגעלייזט ווערען **) ישעיה:

„ואל יאמר בן הנכר הנלוה אל ד׳, לאמר, הבדל יבדילני ד׳ מעל עמו . . . עמו . . . ונתת להם בביתי ובחומותי, יד ושם . . . ובני הנכר הנלוים על ד׳ לשרתו ולאהבה את שם ד׳ . . . ומחזיקים בבריתי והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי . . . נאם ד׳ אלקים מקבץ נדחי ישראל, עוד אקבץ עליו לנקבציו (ישעיה נ״ו ג׳־ח׳) און זכריה וואָס האָט געלעבט אין איין דור פריער פאר דער עליה זאָגט א פולע נבואה וועגען די פרעמדע: „כה אמר ד׳ צבאות עוד, אשר יבאו עמים מושבי ערים רבות . . . ובאו עמים רבים . . . לבקש את ד׳ בירושלים . . . והחזיקו בכנף איש יהודי . . . (זכריה ח׳ כ׳ כ״ג).

*) ווי רב אחא זאָגט (שקלים ה׳ א׳), איז ער געווען סופר בדברי תורה און סופר בדברי חכמים, דער ערשטער פון א נייער תקופה חכמים וואָס האָט זיך געצוי־גען זיבען דורות ביז שמעון הצדיק, דער ערשטער פון תנאים, די שאפער פון דער משנה.

**) זע ר׳ נחמן קרוכמאל: „מורה נבוכי הזמן״ שער ט׳, „מועדי עם עולם״ נ״רנ״ז.

עזרא און נחמיה, האָבען אין דעם איבעריגען צופלוס געזען א גרויסען געפאַר פאַר דער גייסטיגער אנטוויקלונג פון נייעם ישוב, וואָס קאָן פארוואנדעלט ווערען אין א מדבר פון שפּראכען אין קולטורען און פארלירען דעם אמת׳ן אידישען פּרצוף. אזא אומנאטירלעכע און ניט איבערצייגענדע אסימילאציע, האָט געקענט ברענגען דעם גרעסטען אומגליק פאר דעם ניי־אויפגעבויטען ירושלים וואָס איז אָנגעקומען מיט אזויפיל מי, מיט אזויפיל אָנשטרענגונג.

קראָכמאַל, שטיצט זיך אויך אויף דעם, אז די דעמאָלדיגע געמישטע הייראַט, האָט מיט זיך געקאָנט פאַרשטעלען א געמישטען דור. די פרויען זענען דאָך „דעתן קלות", לייכטזיניג, זיי האָבען געהייראַט אידישע מענער צוליב געוויסע סיבות. זייער היים־שפּראַך און טראַדיציע האָבען זיי ניט אויפגעגעבען. די קינדער זייערע זענען געוואָרען דערצויגען האלב־אידיש.

די צוויי פירער מיט קלאָרער וויזיע אין וויטען קוק, האָבען מיט רעכט זיך געשראָקען דאָס זאָל ניט ברענגען דעם פלוצלונגדיגען געבורט פון א מאָדנעם פאָלק, וואָס זאָל מאַכען אן ענד צום אידישען גזע, האָבען זיי געמוזט זיך באנוצען מיט אזא שטרענג און שווער מיטעל, ווי אהיימשיקען די פרעמדע פרויען מיט זייערע קינדער און אָפּטיילען די אומגעוואונטשענע ערב־רב.

זיי האָבען צוזאמענגערופען אלע עולים, גערופען א פאַסט־טאָג און באשוואוי־רען אלע פארזאמעלטע מיט די הארבסטע שבועות וועגען קיום התורה אין אלגעמיין און וועגען די מצוות, וועלכע זיי זענען ניט געווען נזהר ווי: געמישטע הייראַט, שמירת שבת, שמיטה און יובל דינים, נדבות פון שקל צום בית המקדש א. א. וו.

זיי האָבען באנייט דעם דין אז דאָס קינד פון געמישטע הייראַט זאָל געהערען צו דער מוטער, אז דער אסור פון „חיתון" זאָל ניט זיין בלויז מיט די זיבען פעל־קער . . . די אידען האָבען זיי אויסגעפאָלגט, נאָכגעקומען די שווערע פארלאַנגען ווי דער פּסוק זאָגט: ויבדילו כל ערב מישראל (נחמי׳ י"ג ג׳). אין א פריערדיגען קאַ־פּיטעל ווערט אויך געזאָגט: ויבדלו זרע ישראל מכל בני נכר (דאָרט ט׳ ב׳).

דאָס אלץ איז אָבער געווען מאָמענטאַלער געזעץ, הוראת שעה. מ׳האָט מורא געהאט אז די אסימילאציע זאָל ניט פאראורזאכען א גרויסען נאציאָנאלען שאָדען. אין אנדערע צייטען האָט מען מיט פרייד און פארגעניגען צוגענומען גרים, אפילו אזעלכע ווי פון נירון קיסר, נבוזראדן, און אנד. וועלכע האָבען, ווי דער תלמוד דערציילט אונז, געטאָן תשובה.

אין „כוזרי", דאָס בארימטע ווערק פון גאונישען משורר און דיינקער ר׳ יהודה הלוי *) ווערט דער ענין ברייט באהאנדעלט אין דריטען מאמר (סימן נד־ס"ג).

דער כוזרי **) האָט געזאָגט, אז ער זעט גאָר ניט קיין לויב פאַר די מענשען פון בית שני, וועלכע האָבען געהאט פארגעסען די תורה, ניט געוואוסט פון מצות

---

*) ספר הכוזרי מיוחס ביסודו להחכם החבר ר׳ יצחק הסנגרי ז"ל, חברו בלשון ערבי הרב החכם הכולל ר׳ יהודה הלוי הספרדי ז"ל, והעתיקו ללשוננו הקדושה הרב החכם ר׳ יהודה אבן תבון מרמון ספרד ז"ל במגדל לוניל. במשנת ד׳ אלפים תתקכ"ז ליצירה.

**) קעניג פון כאזאריע, לאנד וואָס האָט זיך געפונען צווישען קרים און וואָלגאַ־טייך אין רוסלאנד. וואָס האָט אין 8־טען י"ה אָנגענומען דעם אידישען גלויבען און פיל האָבען זיך אסימילירט צווישען אידען. א טייל זענען געקומען קיין פוילען.

סוכה, ניט געוואוסט פון דעם דין „לא יבא עמוני . . . ווי עס באווייזען די ספרים פון עזרא און נחמיה (ח׳; י״ג).

דער חבר (ר׳ יצחק סנגרי), האט אין זיין פאלעמיק נעענטפערט דעם מלך פון כוזר, אז אידען האבען יא געקענט די תורה אין אירע מצוות, נאר, ווען דער פארלייענער האט פאר זיי געלייענט דעם „לא יבא עמוני״ . . . זענען זיי אויפגעצי־טערט געווארען, וויסענדיג, אז זיי וועלען דארפען זיך אפ׳גט׳ן מיט זייערע פרויען. עס איז א היסטארישע געשעעניש באגלייט מיט פיין און וויטאג: „מפני שהיה יום מעשה גדול לגרש העם את אמות בניהם והוא דבר קשה עד מאד״ (נחמי׳ י״ג). נאר א פאלק וואס גלויבט אין אידעאלען האט געקענט איינהאלטען זייערע סענטימענ־טען, רחמנות געפילען און אהיימשיקען די מוטערס פו זייערע קינדער, ווי עס ווערט דערציילט אין עזרא י׳.

אין „אוצר נחמד״ פון ר׳ ישראל הלוי, בארימטער ספרדישער גאון, פרעגט ער אף דעם חבר, ווי אזוי, זאגט ער, איז עס מעגליך, אז נאכדעם ווי מ׳האט געפונען אין דער תורה דעם פסוק „לא יבא עמוני . . .״ האבען זיי גע׳גט זייערע פרעמדע פרויען — ס׳איז דאך שוין דעמאלט געווען אנגענומען דער דין פון עמוני ולא עמונית, מואבי ולא מואבית? *).

אזוי האט בועז גענומען רות א מואבישע טאכטער, פון וועמען עס שטאמט דאס מלכות בית דוד די אייביגע מלכים דינאסטיע ביז משיח׳ן. רחבעם איז געווען דער זון פון נעמה העמונית און זיינע קינדער זענען געווען קעניגען.

ווי עס ווערט דערציילט אין ספר נחמיה, האט דאס לייענען פון „לא יבא עמוני . . . על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם״, גורם געווען צו דער פארטרייבונג פון מענער גרים פון עמונישען און מואבישען אפשטאם, ווי די באזייטיגונג פון טוביה העמוני פון גאטס הויז . . .

ס׳ווערט דארט אויך איבערגעגעבען אז אין יענער צייט איז געווארען באַ־קאנט, אז פיל אידען האבען גענומען פרעמדע פרויען אשדודיות עמוניות, מואביות, האט ער זיך מיט זיי געקריגט צוליב דעם: „ואריב עמם ואקללם״ . . .

די זינד זייערע איז באשטאנען אין דעם, וואס זיי האבען גענומען פרעמדע פרויען וואס האבען זיך ניט געהאט מגייר געווען און מיר וויסען דאך פון אומצע־ליגע תלמודישע שטעלען, אז א קינד פון א נכרית איז ווי זי, (יבמות כ״ב; קדושין ס״ה), הייסט דאך, אז אידישע טאטעס האבען געהאט גוי׳אישע קינדער, איז דאס א פארברעכען. ווענען דעם רעדט זיך עס אין עזרא ט׳: „וככלות אלה נגשו אלי השרים . . . ועל זה חרדו הרבה ובכו כולם וכרתו ברית לד׳ להוציא הנשים הנכריות . . .

אין „אוצר נחמד״, פירט ער אבער אויס אז ס׳קאן זיין אז דאס, וואס דער חבר האט זיך באנוצט מיטן פסוק „לא יבא עמוני . . .״ האט ער געמיינט ווענען די עמי הארצים וואס האבען דערפון נישט געוואוסט, ניט געהאט אפגעטיילט פון אידישען קהל די עמונים און מואבים אז זיי האבען אפילו דערלויבט טוביה

*) יבמות ס״ט ע״א; ע״ו ע״א: ע״ז ע״; פ״ח ע״ב; קדושין ס״ז ע״ב; כתובות ז׳ ע״ב; חולין ס״ב ע״ב און אין נאך מקומות.

העמוני אַנצופירען מיט דער עבודה אין חצר פון בית המקדש און נחמיה האָט זיך דערמיט באנוצט כדי זיי צו קענען באזייטיגען.

פונדעסטוועגען, ווערט דערמאָנט אין נחמי' אז געוויסע גרים האָט מען יאָ צוגענומען אין דער עליה פון בבל: וכל הנבדל מעמי־הארצות אל תורת האלקים ... מחזיקים ... ללכת בתורת האלקים ... (נחמיה י' כ"ט־ל').

אין שפעטערע תקופות, ספעציעל אין דער תקופה פון פארן חורבן בית שני און נאָך דעם חורבן, האָבען אידען זיך שטארק אויסגעהיט פון פאלשע גרים. ס'האָט פאסירט ניט איינמאָל וואָס אומפאַרזיכטיגקייט אין אזעלכע פאלען האָט גורם געווען גענוג אומגליקען דעם אידישען פאָלק.

דערציילט אונז די אגדה (שבת ל"ג ע"ב):

ס'זענען אמאָל געזעסען דריי תנאים, ר' יהודה, ר' יוסי, און ר' שמעין און לעבען זיי האָט זיך געזעצט יהודה בן גרים. האָט ר' יהודה אָנגעפאנגען דעם שמוּעס: ווי שיין זענען די טואונגען פון דער דאָזיגער אומה (די רוימער)! זיי האָבען איינגעאָרדענט מארקען, געבויט בריקען, געשטעלט בעדער. ר' יוסי האָט געשוויגען. ר' שמעון בן יוחאי האָט זיך נישט איינגעהאלטען און געזאָגט: אלץ וואָס זיי האָבען געשאפען איז פאר זייער אייגענעם נוצען: מארקען פאר זונות; בעדער — צו פוצען זיך; בריקען — צו נעמען שטייערען. איז יהודה בן גרים אוועק און איבערגעגעבען צו מלכות. דער רעגירונגס פסק איז געווען: יהודה וואָס האָט געלויבט זאָל דערהויבען ווערען. יוסי האָט געשוויגען זאָל פארשיקט ווערען קיין צפורי. שמעון וואָס האָט גערעדט שלעכטס זאָל געטויט ווערען.

ר' שמעון בן יוחאי האָט זיך גענומען אויסבאהאלטען פון דער רעגירונג און די תלינים האָבען אים ניט געקענט כאפען. פריער איז ער מיט זיין זון אלעזר געווען באהאלטען אין בית המדרש, דערנאָך געליגען אין א הייל צוועלף יאָר, ביז אליהו הנביא איז געקומען זיי אָנזאָגען די בשורה אז דער קיסר איז געשטאָרבען און זיין גזרה איז בטל.

דער אויספיר דאָרט, ר' שמעון בן יוחאי איז צוריקגעקומען, דערזעענדיג יהודה בן גרים, האָט ער אויף אים א בייזען בליק געטאָן און פון אים איז געוואָרען א הויפען ביינער. („נתן עיניו בו ונעשה גל של עצמות"). תוספות, דאָרט איז דאָס ניט גורס, ווייל, ווי די גמרא „מועד קטן ט' ע"א) דערציילט אונז איז יהודה בן גרים געווען א גרויסע פערזענלעכקייט, פון די „אנשי צורה" און געלערנט ביי ר' שמעון בן יוחאי פרשת נדרים, רש"י (דאָרט) אויף דעם, וואָס די גמרא זאָגט ר' יהודה בן אלעאי ראש המדברים, באמערקט דערויף ראש המדברים „במצות המקך", ווייל ער איז געווען פראָ־רוימיש, האָט די רוימישע מאכט זיך צוגעהערט צו אים.

רבא. האָט אָנגעזאָגט זיינע קינדער, זיי זאָלען ניט הייראטען קיין גרים *) איז דאָס ניט געווען, ווייל רבא האָט זיך אויסגעהיט פון דערנענטערונג מיט גרים, אדרבא, רבא האָט דאָך אפילו געהאט פאר א פריינט א גוי מיטן נאָמען בר שישך **), ער האָט אָבער מורא געהאט פאר גרים, טאָמער האָבען זיי חרטה און ווערען צוריק גוים.

אידען האָבען אויך ניט געוואָלט צונעמען קיין גרים, כדי ניט ארויסצורופען צאָרן ביי די גוים. ווייסען מיר דאָך ווי אזוי רוימישע צעארען אין אלטערטום און

*) ברכות ח' ע"ב.
**) עבודה זרה ס"ה ע"א.

יעזואיטען אין אלע צייטען האבען געפרעדיגט טויט, שטראף פאר אידען וואס נע־מען צו גרים.

ווען אין רוים האט זיך געשאפען א באוועגונג פון גרות און פיל אריסטא־קראטישע רוימער צווישען זיי אויך טיטוס'עס פלימעניק עקילס, האבען זיך מגייר געוועזן, האט עס שטארק פארדראסען דער רוימישער מאכט און קיסר דאמיציאן (81-96 נ. ק. ע.) האט ארויסגעגעבען שטרענגע גזרות קעגען די גרים און קעגען די וואס נעמען צו גרים און דערקלערען זיי פאר אידען. דער נשיא רבן גמליאל דער צווייטער (באקאנט אלס ר' גמליאל דיבנה) איז געפארען קיין רוים צו פועל'ן ביי קיסר דאמיציאן, לייכטער צו מאכען די גזרות.

סעפטימוס סעווערוס (רוימישער קייזער אין צווייטען יארהונדערט פון קריסטלעכער ערא), האט וועגען דעם ענין געהאט אזא באפעל: אויב אידען ווילען זיך האלטען ביי זייער נארישער אמונה, זאלען זיי זיך האלטען מיט זייער נאריש־קייט . . . וועט זיך אבער א גוי פון ארץ ישראל, לאזען איבערעדען צו דער אידישער אמונה, אדער צום קריסטענטום, וועט אזא שריט באנגענט ווערען מיט טויט שטראף.

קאנסטאנטין דער ערשטער, דער רוימישער צעזאר (געב. 7־ פעב. 274 — געשט. 22 מאי 337) וואס איז איבערגעגאנגען צום קריסטענטום און איבערגעפירט זיין טראן אין מלכות ביזאנט קיין קאנסטאנטינאפאל (אויף זיין נאמען) האט אין זיינע פארשיידענע גזרות, פארווערט גרות. אידען וואס ווערען מגייר זיין קנעכט אדער סתם אזוי היידען אדער קריסטען וועט קומען טויט־שטראף סיי די וואס האבען זיך מגייר געוועזן, סיי די רבנים און סיי די אידען וואס האבען געהאלפען דורכפירען די גרות צערעמאניע. דאגעגען האט ער פארזיכערט מיט כל־מיני טובות, אידען וואס ווערען זיך שמדן. אין זיין פארבאטען געמישטע הייראט, ווערט בלויז באשטראפט דער אידישער צד.

אין שפעטערע תקופות, אונטער דער אבסאלוטער הערשאפט פון דער קירכע, האבען פאפסטען, מאנאכען און גלחים ארויסגעגעבען די הארבסטע שטראפען פאר מגייר זיין א ניט־איד.

די באשרענקונג פון אידישען רעכט איז וואס אמאל געווארען ערגער. אין 4־טען י"ה, זענען פארגעקומען אפטע אונטערצינדונגען פון שוהלען, אויך פאר־וואנדלונג פון אידישע הייליגע געבעט־הייזער אין קירכעס און קיין נייע האט מען ניט דערקלויבט.

אין ספר „שבט יהודה" פון רבי שלמה בן ווירגא (געלעבט אין יאר ה' ר"מ), ווערט דערציילט וועגען „קשה גרים לישראל", אז צוליב א גר האט מען אין פראנק־רייך אמאל אנגעטאן אן שיעור צרות. א פריסט האט זיך פארליבט אין א אידישע שיינהייט, וועלכע האט אנטזאגט זיין הייראט פארשלאג, סיידען, ער זאל זיך מגייר זיין. האט ער אים געפאלגט, זיך מל געוועזן, טובל געוועזן כדת וכדין און מיט איר חתונה געהאט.

זיינע חברים האבען זיך דערפון דערוואוסט האבען זיי געטראכט וועגען נקמה נעמען אינם גייסטליכען, געטראכט און געטאן: געגאנגען צו דער קעניגין וועל־כע פלעגט זיך פאר אים מתודה זיין, און איר דערציילט וועגען די שאנדע וואס ער

האָט זיי פאַרשאַפען — און פאַרשטייט זיך — אַלץ אַרויפגעלייגט אויף די אידען, אז זיי האָבען אים דאָס געצוואונגען צו מילה א. א. וו. די קעניגין, האָט זיי באַלד געגעבען די עצה — אַרויסצוטרייבען די אידען. ס'איז איר אָבער אָנגעקומען שווער, דאָס צו פּועלן ביים קעניג אַן אוהב ישראל, אַרויסצוטרייבען די אידען. האָט זי געווירקט אויף זיינע יועצים, מיניסטאָרען און סתם חשוב'ע לייט זיי זאָלען אויסטראַכטען שלעכטס אויף אידען און באַאיינפלוסען דעם קעניג, ער זאָל איר צוליב טאָן און דורכפירען דעם גירוש.

דער קעניג, האָט אין אָנהויב ניט געוואָלט זיך צוהערען צו זייערע רייד, פאַרענטפערט אַלע קשיות אויף אידען. פאַרענטפערט דעם מאמר „טוב שבגוים הרוג" אז דאָס מיינט, דער בעסטער גוי וועט הרג'ענען כדי אָפּשאַפען שלעכטס . . . ווי ס'ווייזט אויס, איז ער געווען אַ געלערנטער מענש און געוואוסט פון תלמודישע לערעס, אָדער זך צוגעהערט צו ד דעמאָלטדיגע אָפטע דיסקוסיעס וועגען תלמוד און תלמודיסטען. דער סוף איז אָבער געווען אז די קעניגין מיט די יועצים האָבען געזיגט, און אידען זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען, ניט געבענדיג זיי צייט גענוג, אפילו אויף צו פאַרקויפען זייערע פאַרמעגענס. די פירער פון דער קהלה זענען פאַרבערענט געוואָרען.

אידען האָבען פשוט געציטערט צו צונעמען גרים און אָפּגעהיטען דעם תלמוד שען פאַרלאַנג, אָפּצורעדען קריסטען וואָס קומען זיך מגייר זיין.

אין צאַרישען רוסלאַנד און אין אַלט־פּוילען האָט מען אין געוויסע צייטען פאַרבאָטען מגייר זיין פּראַוואָסלאַוונע און קאַטוילישע גלויביגע. עס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען פאַרשיידענע געזעצען און פאַרבאָטען. און אין דער בעסטער צייט אונטער די ליבעראַלסטע רעגירונגען האָט מען געקוקט קרום אויף גרות . . . *).

צוליב אַ פרוי, אַ גר'טע, קאַטערינאַ מעלכיאָר ווייגעל זאַלעזאָווסקאַ פון קראָקע, וועלכע איז איבערגעגאַנגען צום אידישען גלויבען, ווען זי איז שוין געווען אין די זיבעציגער — האָבען פּוילישע פאַנאַטיקער אין זעכצענטען י"ה גערודפט אידען מיט די ערגסטע רדיפות. עס איז דאַן בכלל געווען אַ צופלום פון גרים צווישען פּאָליאַקען און ליטווינער און די פּוילישע בישאָפען, קאַרדינאַלען און גייסטליכע האָבען געזען אין דעם אַ געפאַר פאַר זייער ממשלה. זיי האָבען פאַרלאַנגט פון טאָלעראַנטען קעניג זיגמונט דער ערשטער, ער זאָל אַרויסגעבען ספּעציעלע געזעצען קעגען אידען. אזוי ווי ער האָט זיך אַנטזאָגט נאָכצוקומען זייער פאַרלאַנג, האָבען זיי דורכגעפירט זייערע אינקוויזיציעס אָן זיין צושטימונג און איגנאָרירט זיינע דעקרעטען און שוץ פון אידען געגען רציחה'שע אָנפאַלען אויף זיי . . .

*) וועגען דער באַציאונג פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע צו אַנדערש־גלויביגע און צו גרים, זע שאול גינזבורג „אידישע לײדען אין צאַרישען רוסלאַנד", ניו יאָרק תרצ"ח, ז"ז 139-161.

מערקווירדיגע דערשיינונג, זעען מיר אין דער באציאונג צו די קאראאימער *) פון זיי, האלטען פיל רבנישע אויטאריטעטען, פוסקים, זאל מען ניט נעמען קיין גרים.

ט״ז. — די קאראאימער וועלכע האבען זיך אפגעטיילט פון אידענטום. — וועגען קראים גרים.

ר' אליה מזרחי, איינער פון די גאר פאפולערע ספרדישע רבנים, דער מחבר פון בארימטען ספר רא"ם, א פירוש אויף רש"י און רעכענט זיך צווישען די הלכה־אויטאריטעטען אויך ביים אשכנזישען אידענטום, שרייבט וועגען די קראים מיט די מילדסטע ווערטער און איז זייער ליבעראל צו די קראים־גרים **). ער האט מבטל געווען דעם „חרם פולי" אנגעפירט פון טערקישען רב הכולל ר' משה קאפסאלי, מיט אנד. רבנים „ניט צו לערנען מיט די קראים קיין לימוד, ניט תלמוד ניט הלכות . . . ניט תורה שבכתב ניט תורה שבעל־פה . . . ניט קיין חכמה, אפילו מוזיק" . . . דער רמ"א (אה"ע סימן ד') דער מהרש"ל (אין „ים של שלמה" קדושין פ"ד), האלטען אז עס איז אסור צו הייראטען גרים־קראים און באציען זיך זייער שטרענג צו די קראים, דערצו נאך היינט, ווען זיי זענען אינגאנצען אוועק פון אידישקייט און אידיש לעבן בכלל. איז עס א שטרענגע באציאונג צו די וואס פרעגען אפ תלמודישע אויטאריטעט.

דער „בשמים ראש" (תשובה קע"ז) שרייבט: אוי־לה לאותה בושה! שמכל האומות מקבלים גרים, ואפילו מזרע עמלק, ואל הקראים יאמרו: אין להם חלק!

אנדערע רבנים באציען זיך אבער מילדער צו גרות פון קראים און האלטען אז מען מעג זיי יא אריינגעמען אין כלל ישראל.

דער רמב"ם אין זיין הלכה ווערק „יד החזקה" (אין הלכות אישות און אין הלכות מומרים) איז זייער ליבעראל און ער שרייבט: ווער עס הייראט לויט דעם מנהג פון די קראים, איז זיין פרוי אן אשת־איש און מוז האבען א גט באפרייט צו

---

*) קראים, אידישע סעקטע וואס האלט ניט פון תורה שבעל, פה. די קראים באוועגונג, האלטען די אידישע היסטאריקער, יאסט, גרעץ און אנד. איז געשאפען געווארען אין יאר 762 פון בארימטען קראי ענן בן דוד וועלכער האט געהאט זייער א סך נאכפאלגער. און דעם גרעסטען קאמף מיט דער קראים באוועגונג האט געפירט ר' סעדיה גאון אין ניינטען יארהונדערט. דער קאמף צווישען די קראים (פסוק־אידען) און די רבנים (די, וואס האלטען פון תלמוד) איז אפילו ארויס פון דעם אידישען תהום. ענן, א קרוב פון ריש גלותא (עקזילארך), האט געוואלט פארכאפען די פירערשאפט איבער די ישיבות און בכלל איבער דעם דעמאלטדיגען אידענטום וועמעס צענטער איז נאך אלץ געווען בבל און דער „קאליף" הערשער פון דער אראבישער מלוכה, וועמעס רעזידענץ איז געווען אין דמשק, סיריע האט געהאט די מאכט פון באשטימען דעם הויפט פון די אידען.

**) זע שו"ת רא"ם, ערשטע אויסגאבע, קונסטנדינא, שכ"א, סימן נ"ז, ריזיגע תשובה וועגען לערנען מיט די קראים תורה; סימן נ"ח ע"ד הקראית . . . איןביידע תשובות זייער ליבעראל.

זע אויך ש. רוזאנים, דברי ימי ישראל בתוגרמה, חלק ראשון „דביר" תל־אביב תר"ץ, ז"ז 70־75. ער האט מבטל געמאכט דעם חרם וואס האט פארבאטען צו לערנען מיט די קראים תורה. ער האט אבער פארבאטען קראית צו הייראטען א כהן (זע שו"ת סימן נ"ח באריכות).

ווערען . . . מעולם לא מנענו רז"ל מלמול את בניהם בשבת . . . לפיכך ראוי להחזירם בתשובה ולמושכם בדברי שלום . . .

דער רדב"ז (ר' דוד בן זמרא, 1470‑1573) דערקלערט אין א תשובה אז ס'איז נאָר פשוט, אז זיי איז מותר צו קומען אין אידישען קהל . . . ברענגט פון רמב"ם'ס זון ר' אברהם, אז ער האָט גרויסע טיילען פון די קראים פאראייניגט מיטן אידענטום. און אז פיל בארימטע משפחות אין מצרים צווישען וועלכע ס'געפינען זיך כהנים, מיוחס'דיגע ישראלים, מיט וועלכע גדולי הרבנים האָבען זיך משדך גע־ווען, זענען פון קראים *).

אויך דער מבי"ט, (ר' משה מטראני), נודע ביהודה (ר' יחזקאל סגל לאנדא) און ר' יעקב עמדין, האָבען געוואָלט ראדיקאל ענדערען די באציאונג צו קראים.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ מאריך צו זיין וועגען פּראָבלעם פון די קראים, דאָס איז פארבונדען מיט א גרוים קאפיטעל אידישער געשיכטע וואָס איז רייך מיט דראַ־מאטישע געשעענישען וועלכע האָבען אויפגעטרייסעלט דער אידישער וועלט און געשטעלט אין געפאר די יסודות פון אידענטום. דער קאמף מיט די קראים איז ארוים אין דער עפענטלעכקייט אין צייט פון ר' סעדיה גאון (892‑942) דער לעצ־טער האָט געפירט דעם קאמף קעגען זייער פירער און טעאָרעטיקער ענן, וועלכער האָט געהאט א סך נאָכפאָלגער.

דער קאמף איז פאַרגעזעצט געוואָרען אין משך פון יאָרהונדערטער, ביז די קראים האָבען זיך אינגאנצען אָפגעזונדערט פון אידישען פאָלק. ביז דעם קראי ענן זענען געווען בלויז געציילטע וואָס האָבן זיך געהאלטען ביי דער שיטה פון ניט אנער־קענען די אויטאָראטיווע תלמודישע געזעצען און טראדיצים. ענן האָט דערפון גע־מאכט א באוועגונג וואָס האָט עקזיסטירט יאָר הונדערטער.

וועגען די קראים, איז שוין געשאפען א גאנצע ליטעראטור, און עס איז אוממעגלעך אפילו, געבען א רשימה פון די ספרים וואָס באהאנדלען די טעמע. מיר ווילען בלויז דערמאָנען דאָס גאָר לעצטענס דערשינען בוך (אין ענגליש) וועגען די קאַראאימער א. נ. „דהי רייז אָף דהי קאראאייט" סעקטע" (דער אויפקום פון די קאַראאימער) פון ד"ר צבי כהן.

דער מחבר אפּעלירט פאר פאראייניגונג מיט די קראים, זיי אריינצונעמען אין אידענטום. ער באווייזט מיט פאקטען, אז די סיבות פון קאמף קעגען זיי זענען היינט פארשווינדען, אז די קראים זענען ניט קיין אפיקורסים, געהערען ניט צו די צדוקים, ביתותים וועלכע האָבען געלייקענט אין עולם הבא, די היינטיגע קראים ווי־

*) דער רדרב"ז, איז איינער פון די בארימטע רבנישע פערזענליכקייטען וואָס דאָס ספרדישע אידענטום האָט ארויסגעגעבען. א גאון אין נגלה (אין שו"ת הרדב"ז, זענען פאראן טויזענטער תשובות) און אין נסתר, (תלמיד פון מקובל ר' יוסף סאַר־גאָסאָ), איז ער געווען גרויסער כלל־טוער און גרינדער פון פיל ישיבות אין מצרים און אין ארץ ישראל וואו דער אידישער ישוב איז דאן געווען קאָנצענטרירט אין ירושלים, חברון און צפת. זייענדיג רב אין קאאירא, מצרים, האָט ער געטאָן א סך טובות די אידען פון לאנד און בכלל די אידען אין די מאכעמדאנישע לענדער און אויך געענטפערט אויף די פיל שאלות וואָס מ'האָט ביי אים אָנגעפרעגט. זיינע ענטפערס צייכענען זיך אוים מיט זייער קורצקייט, קלאָרקייט און שארפקייט, לויטן סטיל פון די ראשונים. אין איינער פון זיינע תשובות (סימן מ"ד) שרייבט ער אז ער איז „טרוד בעול מלכות ועול דרך ארץ זולת טרדות הרבנות אשר על שכמו".

לען זיך איבערבעטען. דער גאנצער קאָנפליקט האָט דעריבער היינט פאַרלוירען זיין באַדייט, און רבנים דאַרפען זיין טאָלעראנט אין דער לייזונג פון אָט דאָס פּראָבלעם.

דער מחבר איז דערמיט גערעכט, דער ענין קאַראַאימער דאַרף געוויס היינט צו־טאָג רעווידירט ווערען. ס'איז דאָך א פאַקט אז אויך זיי האָבען א געוויסע תורה שבעל פּה און אז די הויפּט עיקרים פון תושב"פ זיינען ביי זיי אנערקענט ווי די דרייצען מאָסען פון ר' ישמעאל „קל וחומר", „גזרה שוה" א.א.וו. אויך די צוויי און דרייסיג פון ר' אליעזר בן ר' יוסי הגלילי. ס'איז אויך א פאַקט אז צווישען די אמתע קראים און רבנים נאָכפאָלגער איז דאָ ווייניגער אינטערשיידט ווי צווישען אָרטאָדאָקסען און רעפאָרמער און קיינעם וועט ניט איינפאַלען זיי ארויסשטעלען פון אידישען קהל *).

אין זיין פאַרטיידיגען די קראים, זוכט דר. כהן צו באַווייזען אז די קראים זענען אומזיסט ארויסגעשטויסען געוואָרען פון כלל ישראל, אז זיי זענען געווען פּאַרטנגעשריטענע, פּראָגרעסיווע מענטשען, אז זיי זיינען אפילו תלמוד־אידען, האַלטען פון דער רבנישער הלכה א.א.וו. זיי האָבען בלויז ארויסגעוויזען זייער געגנער־שאַפט צו די פערסישע עלעמענטען אין תלמוד, צו די אבערגלויבענס אין שדים און אין כשוף א. ד. גל. דאָס זאָגט אָבער דער מחבר, אָן וועלכע עס איז איבערצייגענדע פאַקטישע באַווייזען. פּאַרשער פון קאַראַאימטום פאַר אים, באַהאַנדלענדיג די קראים אויף א געשיכטלעך־וויסענשאַפטלעכען אופן, אזעלכע פאָרשער ווי גייגער, האַרקאַווי, דר׳ ב. רעוועל, ש. א. פּאָזנאַנסקי, יעקב מאַן און אנד. באַווייזען די אנדערשקייט פון זייער הלכה, די אנדערשקייט פון זייערע גלויבענס, פון זייערע מנהגים און בכלל די אנדערשקייט פון זייער לעבן. פיל פון די פאָרשער אידענטיפיצירען די קראים מיט די צדוקים און דר. צבי כהן, האָט ניט גענוג באַווייזען אָפּצופרעגען די דאָזיגע מיינונג. ער זאָגט אָבער ארויס א סך אמתן אין באַצוג צו די קראים און קראות בכלל. ער טיילט ריכטיג איין די תקופות פון די קראים־באַוועגונגען און איז מחדש און דער היסטאָריאָגראַפיע פון דער קראים סעקטע, זייערע דאָגמעם און אנאַליזירט אָפט, גאָר ריכטיג זייער תורה שבעל־פּה.

לויט מיין מיינונג האָבען די רבנים געהאַט א באַרעכטיגונג, אויסצושליסען די קראים (די באַוועגונג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין יאָר ד' תקכ"א), ווייל זיי האָבען אין זיי געזען א גרויס געפאַר פאַר דעם אידענטום. ניט בלויז האָבען זיי געהאַלטען אז דער „לא תבערו אש . . . ביום השבת (שמות ל"ה ג') מיינט, אז

---

*) The Rise of the Karaite sect, a new light on the Halakah and origin of the Karaites, by Dr. Zwi Cohn, M. Tausner Publishing Co., New York, 128 pages.

זע דאָרטען ז. 12.

אויף ז. 118 ציטירט דער מחבר פון תשובת רא"ם סימן כ"ח, אז ר' אליה מזרחי זאָל זיך געוועזן אזוי שטרענג באַציען צו די קראים אז ער זאָל געוועזן הייסען זיי פריער זיך שמד'ן און נאָכדעם ווערען א איד. איז דאָס אינגאנצען ניט ריכטיג, אין געגענטייל דער רא"ם האָט געהאַט א מילדע באַציאונג צו קראים. פונוואַנען דער מחבר האָט דאָס גענומען און ציטירט איז ניט צו פאַרשטיין. ווי מעג מען אויסטראַכטען אויף א גאון אין אלע חכמות אזא אומרעכט. זע יהושע מאָדלינגער'ס שאַרפע קריטיק אויף דעם ספר אין
Journal of Jewish Bibliography, Vol. II, Jan. 1940, No. I.
ז"ז 21-31 סופרים הזהרו בדבריכם.

מען דארף עסען שבת נאָר קאַלטע מאכלים און אז „עין תחת עין" מיינט ממש אויג פאַר אויג און נאָך אַזעלכע אנדערשקייטען — זיי האָבען געזען אין זיי אַ סעקטע וואָס האָט איבערגענומען פיל פון די באַבילאָנישע מנהגים און פיל פון קרים-טענטום *).

אויך צווישען די קראים, זענען אויפגעשטאַנען רעפאָרמירער. אין צווייטען העלפט פון פופצענטען יאָרהונדערט איז צווישען די אנדערע קהלות אין טערקיי, אויך אָרגאַניזירט געוואָרען אַ קראישע קהלה אין דער טערקישער הויפּטשטאָט אנדרינאָפּאָלא, קומענדיג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דער רוסישער קרים. זייערע חכמים מנחם באשיצי מיט זיין זון משה, מנחם מנדילי, מיכאל הזקן און זיין יוסף, האָבען איינגעפירט אַ נייע זאַך, דערלויבט אָנצינדען ליכט ערב שבת וואָס זאָלען זיך ברענען פרייטאָג (שבת) ביינאַכט, און זאָלען ניט דארפען זיצען אין דער פינסטער ווי די אנדערע קראים און געבראַכט באַווייזען פון דער תורה אַז זיי זענען גערעכט מיט אָט דער „חדשות". די אָרטיגע רבנים האָבען זיי מקרב געווען, געלערנט מיט זיי תלמוד, פּוסקים, רש"י א.א.וו.

דער באַרימטער רב ר' חנוך צפורתא האָט אַליין געלערנט מיט די קראים-קינדער אַלע למודים און זיי שטאַרק מקרב געווען. *)

הרב יעקב מזא"ה, אין זיינע „זכרונות", שרייבט אַז ער האָט איינמאָל מתיר געווען אַ גיורת (גר'טע) פון די קאַראַאימער מיטן נאָמען מוראַט צו הייראַטען אַ איד. דער זיווג האָט זיך אָבער ניט גוט אויסגעפירט (איז ניט עולה יפה געווען) און ער האָט דאַן געטראַכט אַז דער ריס איז נאָך ניט פאַרנייט געוואָרען: „הקראים אינם מתאחים" **). ער ברענגט דעם שיר פון יל"ג ***) „דבור מפוצץ", אין וועלכען דער באַרימטער משורר פון השכלה פּעריאָד, באַקלאָגט דעם איסור פון „ועד ארבע ארצות" קענען מגייר זיין קאַראַאימער.

אין „הזמן" (ס"ט פּטרבורג 1903, שנה א' נומ. 70, ז. 9) האָט דער רעדאַקטאָר בן-ציון כ״ץ אַ מאמר א. נ. „ברור דברים מכתבי העתים" וועגען אַ קראית וואָס האָט געוואָלט הייראַטען מיט אַ איד וואָס היט תורה שבעל-פה און די רבנים האָבען ניט געוואָלט מסדר קדושין זיין. די צאַרישע רעגירונג האָט געמאַכט וועגען דעם אַן אויספאָרשונג און קריטיקירט די רבנים.

בן ציון כ״ץ, שטיצענדיג זיך אויף דער תלמודישער פראַזע: ישראל אעפ"י שחטא ישראל הוא פרעגט אָפּ דעם איסור פון די רבנים און שטיצט זיך אויף אַ תשובת הרמב"ם (סימן קס"ג) און רדב"ז (סימן רע"ג) און „בשמים ראש" — אויב עמוני און מואבי מעג קומען בקהל, מעגען קראים אודאי און אודאי.

---

*) זע „ספר זכרון" פון הרב י. ל. גרויבאַרט, ז"ז 211, 215.
*) זע שו"ת רא"ם פסק הקראין סימן נ"ז; שלמה רוזאַניס, דברי ישראל בתורגמה „דביר" תרע ז"ז 14-15.

**) „הקראית שנתאחתה כרך רביעי ז"ז קט"ז-קי"ט.

***) יהודה ליב גורדון (געב. ווילנא 1830, געשט. פּעטערבורג 1892). אין זיין שיר „הזאב ובנו", דערמאָנט ער די עולה קענען די קראים וועלכע מיר האָבען אויסגעשלאָסען.

ר׳ חיים טשערנאָוויץ (רב צעיר) פאַרטיידיגט די רבנים און ברענגט מקורות פאַר זייער איסור *).

בן ציון כץ ענטפערט ר״ח טשערנאָוויצ׳ען אז מען דאַרף זיך ניט רעכענען דערמיט וואָס די אוסרים זענען מערער וויל כח דהיתרא עדיף. ציטירט פון תשובות מבי״ט (סימן ל״ז און מהרש״ק (ח״ג סימן ט״ו), און אז דער באַרימטער גאון ר׳ יעקב בירב, האָט מתיר געווען און אז מ׳דאַרף זיך וועניגער זאָרגען טאָמער וועלען די קראים ניט האָבען קיין פרויען **).

אין אן אנדערען נומער פון „הזמן״ („לשאלת הקראים״, גליון 80 ז״ז 11-10) ברענגט יצחק דובער מאַרקאָן, אז פון ר. נטרונאי גאון ביז ר׳ יחזקאל לאנדא, איז דער ענין קראים ניט קלאָר געווען. ער ציטירט א זייער אינטערעסאַנטער כתיבה פון יאָר 1082 צווישען א קראַי און א רבני וואָס ער האָט געפינען אין דער קאַ-איראָ׳שער גניזה פאַרעפענטליכט דורך פּראָפ. לעוו אין דריטען טייל פון “Jewish Quarterly Review” א מערקווירדיגען דאָקומענט, וואָס ווייזט אז נאָך פאַרן רמב״ם זענען אָנגעגאַנגען הייראַטען צווישען אידען און קראים. דער חתן איז „דויד הנשיא נשיא גליות כל ישראל בן דניאל הנשיא . . . און צווישען די עדות „נין לשלמה גאון . . ראש ישיבה בארץ ישראל . . . פון דער כתיבה, ווייזט אויס אז מ׳האָט איר אפילו דער-לויבט זיך צו פירען לויט אירע מנהגים, אויב עס שטערט ניט דעם חתן״ . . .

די קראים באַוועגונג איז פאַר אונז מיסאַניטערפּערטירט געוואָרען און איז פאַר אירע שאַפער אויך ניט קלאָר געווען, ניט באַגרייפענדיג אז מיט זייער אָפּרייסען זיך פון די געזונטע לעבעדיגע וואָרצלען פון תלמודישען אידענטום, וועלען זיי איינגאַנצען אָפּגעדאַרט ווערען.

---

*) חיים טשרנוביץ: „לשאלת הקראים״ „הזמן״ ס״ט פטרבורג 1903 שנה א׳ נומער 73 ז״ז 6-5.

**) בן ציון כץ „לשאלת הקראים״ (תשובה לר׳ חיים טשרנוביץ) „הזמן״ גליון 76, ז״ז 4-5.

אומצעליגע גרים, האָבען פאַרנומען פירענדע ראָלען אין אידישען לעבען, אזוי מענער גרים און אזוי פרויען גר'טעס. ניט דאָ, איז דער פּלאַץ אויסצורעכענען די

ט״ז. — באַריםטע גרים וואָס האָבען פאַרנומען וויכטיגע פּאָזיציעס אין אידענטום. פון זיי: כהנים, נביאים, תנאים, אמוראים, פּוסקים, גאונים, א.א.

גאַנצע גאַלעריי פון וויכטיגע גרים. מ'וואָלט גע־קענט שאַפען א ריזיגען לעקסיקאָן בלויז אויף אָט דער טעמע. דאָ, וועט זיין גענוג, בלויז, צו פּאָרציי־כענען אייניגע אזעלכע גרים־פּערזענליכקייטען.

יתרו — נאָך דעם וואָס ער האָט זיך מגייר געווען האָט ער געהאַט די זכיה אריינצושרייבען א גאַנצע פּרשה אין דער תורה. פאַרוואָס רופט מען אים „יתר" ווייל ער האָט צוגעמערט א פּרשה אין דער תורה, „ואתה תחזה".

יתרו, א מאַן פון א פרעמד פאָלק, א געצענדינער, א „גלח" לויט די חז"ל, ער זאָגט דעות, עצות וועגען אידישע שופטים, און ער פאָדערט פון די אידישע ריכ־טער פיר קאָנדיציעס: אנשי חיל, יראי אלקים, אנשי אמת ושונאי בצע *).

„יתרו — דערציילט די גמרא — וואָס איז אנטלאָפען פון בלעם'ס עצה צו פאַרניכטען די אידען, האָט זוכה געווען אז זיינע אייניקלאַך זאָלען זיצען אין „לשכת הגזית" צווישען די סנהדרין, ווי דער פּסוק זאָגט: „ומשפחות סופרים יושבי יעבץ, תרעתים וכו' המה הקינים הבאים מחמת אבי בית רכב" דברי הימים — א. ב. נ"ה).

און פּנחס זיין אייניקל, (בן פוטי שפיטם אבי אמו עגלים לע"ז) איז געוואָרען כהן־גדול אין יהושעס צייטען (סנהדרין פ"ב ע"ב, רש"י פּרשת פּנחס) און זיין געבעט איז געהערט געוואָרען אין הימעל („ויעמוד פּנחס ויפלל ותעצר המגפה" — תהלים, ק'ל־ל"א).

די גמרא דערציילט, אז די כהנים גדולים פונם בית־ראשון זענען געווען אלעזר'ס זין, אָפּשטאַמענדיג פון פוטיאל'ס טעכטער *).

משה רבנו האָט חתונה געהאַט מיט אן אשה כושית, צפורה, די טאָכטער פון יתרו, און ווען מרים און אהרן האָבען גערעדט אויף דעם, איז מרים געוואָרען קרעציג. „און מרים און אהרן האָבען גערעדט אויף משה'ן, פון וועגען דער כושי־שער ווייב וואָס ער האָט גענומען — און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף זיי . . . און ווי דער וואָלקען האָט זיך אָפּגעטאָן פון איבערן געצעלט און מרים איז שוין געווען מצורעת כשלג" (מדבר י"ב א — ט"ו **)

---

*) און דו זאָלסט זעהן פון גאַנצען פאָלק פעהיגע מענשען, גאָטספאָרכטיגע, אמתע מענשען, וואָס האָבען פיינט גייציגקייט . . . (שמות י"ח כא) זע ספרי במדבר פ'.

*) בבא בתרא ק"י ע"א.

**) לויטן מדרש און תלמוד, האָבען זיי נאָר גערעדט פאַרוואָס ער האָט איר פאַרלאָזט, נאָך מתן־תורה, ווען ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון זיין פאַמיליע און געלעבט ווי אן אסקעט.

מגילת־רות, די אידילישע באַשרייבונג פון רות׳ן איז אריינגערעכנט אין די „כתבי הקודש". מגילת רות, איז אן אָנוויז וועלכע גר׳טעם דארפען אויפגענומען ווערען, און אז א גר צדק, וועלכער וועט זיך באנוצען מיט די ווערטער פון רות׳ן — עמך־עמי . . ." ווערט פאררעכענט ווי אן אמת׳ער פולבלוטיגער איד.

מגילת רות איז א באוויז, אז עס געפינען זיך אידעאלע גרים, וועלכע נעמען אויף די אידישע פליכטען מיט דער פולער ערנסט און אויפריכטיגקייט.

אלע קעניגען פון דער בית־דוד דינאסטיע, די הויפט פון מלכות ישראל זענען ארויסגעקומען פון רות די מואבית *) אויך ישעיה הנביא איז אן אָפּשטאם פון רות׳ן, ווייל עמוץ ואמציה זענען דאָך געווען ברידער *).

אין מדרש, ווערט רות זייער פיל געלויבט. נעמי האָט מיט איר געלערנט דעם סדר פון הלכות גרים און די שוועריקייטען צו זיין א איד. זי האָט איר אפילו געזאָגט: „בתי אין דרכן של בנות ישראל לילך לבתי תיאטראות ולבתי קרקסיאות של גוים" — האָט זי געענטפערט: „אל אשר תלכי אלך! . . ." (רות רבה).

רות, ווערט פאררעכענט אלס די שענסטע איבערגעבענסטע גר׳טע, פארלאָזענדיג א „קעניגליכען פלאַץ" צו לעבען אין דחקות און אין אָרימקייט. איר דעוויז איז געווען: עמך־עמי ואלהיך אלהי ווי א געטרייע טאָכטער פון אידישען פאָלק. (דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין גאָט — מיין גאָט). זי איז די אידעאלע פרוויגרטע ווי זי ווערט אזוי הערליך געשילדערט אין דער וואונדערלעכער באשרייבונג וואָס רופט זיך מגלת רות. זי האָט זוכה געווען דער דוד דינאסטיע און די נשיאים פון אידישען פאָלק פון הללן אָן. הלל הזקן האָט געשטאמט פון שפטיה בן אביטל בן דוד ***). הלל הנשיא איז דאָך אין זייט צייט געווען אזוי חשוב ווי עזרא הסופר אין זיין צייט ****).

רות פארנעמט דעם אויבנאָן צווישען די גרים און גר׳טעם פון תנ"ך. זי איז פאררעכענט געוואָרען פאר א „ישראלית" נאָך איידער זי האָט זיך געהאט מגייר געווען. רבי אבוה זאָגט: ווי ליב גרים זענען ביי גאָט, רות, אזוי שנעל ווי זי האָט דעצידירט זיך מגייר צו זיין, ווערט זי געגליכען צו נעמי׳ן. דער פסוק זאָגט: ותלכנה שתיהן (רות א׳ י"ט). זי איז אן אָפּשטאם פון עגלון דעם קעניג פון מואב.

דער דין איז טאקע אז א גר וואָס באשליסט ביי זיך מגייר צו זיין, ווערט באטראכט אלס איד *****).

**) בועז, דער שופט בישראל האָט מיט איר געהייראט, גע׳דרש׳ענט עמוני ולא עמונית . . . אז א מואבישע פרוי איז דערלויבט צו הייראטען. זי האָט אים געבוירען עובד פאָטער פון ישי, פאָטער פון דוד און דוד דינאסטיע ביז משיח. זע כתובות ז׳.

*) מגילה י׳ ע"ב.

***) דער רמב"ם אין זיין הקדמה צו סדר זרעים פ"ג שרייבט צווישען אנדערעס: „כי שבעה נסיכי אדם מחכמי המשנה, נתבאר היותם מזרע דוד: ר׳ גמליאל בנו של ר׳ יהודה הנשיא בן ר׳ שמעון, בן ר׳ גמליאל, בן ר׳ שמעון הזקן, בן ר׳ גמליאל, בן ר׳ שמעון, בן הלל הנשיא, הוא הלל הבבלי שאליו נסמכה כת מן החכמים האחרונים, ועל דעתי היתה נקראת בית הלל, והי׳ מבני שפטיה בן אביטל.

****) פסחים ע ע"א.

*****) זע: תוספות כתובות י"ג; מהרש"א שבת ל"א: תשובות רעק"א (הגאון ר׳ עקיבא איגר ז"ל) סימן מ"א; יפה וברה", פירוש אויף רות, פון ר׳ יקותיאל ווייס, 138.

אין תלמוד און אין מדרש ווערט געמאכט א פאראלעל וואָס עס איז גע־וואָרען פון רות און וואָס פון ערפה: די ערשטע, האָט געבראכט אויף דער וועלט דוד המלך, דעם „מרגליות" וואָס גאָט האָט ארומגעזוכט, און די אנדערע האָט גע־בראכט אויף דער וועלט, דעם גלית הפלשתי, דעם מחרף פון אלקי ישראל . . ." (שמואל א׳ י״ז), וואָס איז באזיגט געוואָרען פון דעם יונגען העלד דוד וועלכער האָט געקעמפט דעם קאמף פון אלקים חיים *).

די צווייטע גר׳טע וועלכע ווערט באזונגען אין תנ״ך איז יעל די פרוי פון חבר הקני. זי איז די אידעאלע פרוי פון דער תנ״ך עפּאָכע, די צווייטע צו נעמען א שטעלונג אינם קאמף צווישען די אידען און די רעשטלאך כנענים און ספּעציעל אין קאמף קעגען ססרא׳ן. אן אָפּשטאם פון דער קני משפחה וואָס האָט געוואנדערט פון דרום צום צפונדיגען טייל ארץ ישראל, צום חלק פון שבט אשר. זי, די אשת חיל, האָט געהאָלפען איר מאן חבר אין איינאָרדנען זיך אויף דעם נייעם פּלאץ און פארשטאנען די גאנצע פּאָליטיק מצד סיסרא׳ן קעגען די אידען. זי האָט גענומען א שטעלונג, פאר וועלכען טאָט זי ווערט באזינגען פון דער גרעסטער פרויען־נביאה, דבורה. אין איר פרעכטיגען שיר:

מנשים באהל תבורך . . .
תבורך מנשים יעל . . .

דער העכסטער שבח, וואָס איז ווען ס׳איז געזאָגט געוואָרען וועגען א פרוי.

אן אמתע גר׳טע, אן איבערגעגעבענע, א זעעלישע קעמפּערין פארן אידישען גאָט און זיין פּאָלק. זי מיט איר מאן, חבר, פון די קינדער פון חובב (יתרו) משה׳ס שווער, האָבען פארלאָזט די קינים, און איבערגעגאנגען צום אידישען פּאָלק אלס גרי־צדק: „וחבר הקני נפרד מקין מבני חובב חותן משה, ויט אהלו עד אלון בצעננים אשר את קדש" . . . די קנים וואָס שטאמען אָפּ פון חמת דער פאָטער פון בית רכב*) האָבען זיך אין א שפּעטערער עפּאָכע צוזאמענגעגאָסען און צוזאמענגעשמאָל־צען מיטן אידישען פּאָלק דורך נאציאָנאלער רעליגיעזער אסימילאציע, עטנישע פארבינדונג מיטן אידישען קאָלעקטיוו, ווערענדיג פארוואָרצעלט דורך פארשיידענע פּראָצעסען אינם אידישען לאנד.

זייער פּלאץ אין אידענטום איז געזיכערט געוואָרען: „וירא את הקני ויאמר איתן מושביך — ושים בסלע קנך" (במדבר כ״ד כ״א־כ״ב). קינדער פון דער משפחה זענען געווען די פלאמיגע קעמפער קעגען בעל. איינער פון זיי יהונדב בן

---

*) זע סוטה מ״ב ע״ב; מדרש רבה, רות, פסוק: ותשאנה קולן ותבכינה; זהר פ׳ בלק; רש״י שמואל א׳ י״ז כ״ב; רד״ק דאָרט. ערפה, ווען זי האָט פארלאָזט איר שוויגער, איז געוואָרען אן אויסגעלאסענע, הפקר׳דיגע פרוי. רבי תנחומא זאָגט, אז זי האָט זיך איבערגעגעבען אפילו צו א הונט. ניט אומזיסט איז פון איר ארויסגע־קומען א חיה׳שער גבור גלית. ר׳ ברכיה זאָגט אָבער אז צוליב די פערציג טריט וואָס זי האָט באגלייט איר שוויגער נעמי, האָט מען גלית׳ן געגעבען צייט פערציג טעג. ר׳ יודן אין נאָמען פון ר׳ יצחק זאָגט צוליב די פיר מייל וואָס זי איז מיט־געגאנגען מיט איר שווגער, האָט זי זוכה געווען, פון איר זאָלען אָפּשטאמען פיר גבורים . . . אין דער גמרא האָט רבא גע׳דרש׳ענט אז צוליב די פיר טרערען וואָס זי האָט פארגאָסען ביים געזעגענען זיך, האָט זי זוכה געווען צו פיר גבורים.

*) דברי הימים א׳, ב׳ נ״ה; סנהדרין ק״ו.

רכב אין צייט פון קעניג יהוא האָט קנאותדיג געקעמפט קעגען בעל. מיר זעען אויך ווי ירמיה הנביא קלייבט אוים צווישען די פאסטוכער, דעם איבערגעגעבענעם איבער־בלייב פון יהודה און ישראל, געפינט איר צווישען זיי, ווידער, א יהונדב בן רכב, מסתמא פון דערזעלבער קנים משפחה און ער פארזיכערט אים: „לא יכרת איש ליונדב בן רכב, עומד לפני כל הימים . . . (ירמיה ל״ה, י״ח).

ווענען די יושבי יעבץ (דברי הימים א׳ ב׳) ווערט געזאָגט אין ירושלמי שקלים פ״ה, פארוואָס ווערען זיי גערופען סופרים? — „שעשו התורה ספורות, ספורות: חמשה לא יתרומו, ה׳ דברים חייבים בחלה . . .״

אזא זכות האָט יעל די צדקת, געהאט, צוליב איר פולהארציגע איבערגע־בענקייט אינם קאמף קעגען סיסרא.

רחב הזונה איז אויך פון די וואָס האָבען זוכה געווען, אז פון איר שטאָט זאָלען ארויסקומען וואונדערלעכע דורות. זי ווערט געלויבט פאר אירע ווערטער: „כי ד׳ אלקיכם הוא אלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת״ (יהושע ב׳ י״א).

די גמרא רעכענט אוים אכט נביאים וואָס שטאמען פון רחב׳ן. צווישען זיי, ירמיה און יחזקאל **). לויטן מדרש (רות רבה, א׳ צ׳) זענען צען נביאים ארויס־געקומען פון רחב׳ן. יחזקאל הנביא פון זיין מוטערס זייט (סנהדרין נ״ב ע״ב). אויך עובדיה איז ארויסגעקומען פון גרים, זיין נביאות איז טאקע מערסטענס ווענען אדום, פונוואנען ער האָט געשטאמט. „גדול ממה שנאמר באברהם אבינו, נביא לה׳ *).

אין מדרש רבה, ווערען אויך אויסגערעכענט די דערמאנטע בארימטע כהנים וועלכע שטאמען אָפּ פון רחב הזונה, וואָס האָבען געטאָן די עבודה אויפן מזבח, אין בית המקדש און געבענשט די אידען מיט דעם „שם המפורש״ *).

גרים באוועגונגען זענען אונז באקאנט אין די פריילינבע תקופות אין דער אידישער געשיכטע און אויך אין די קריזיס־פעריאָדען. א גרים באוועגונג איז גע־ווען ביים יציאת מצרים, גראָד ניט קיין גוטע, דער דעמאָלטדיגער „ערב רב״ האָט געמאכט שאָדען און אָנגעטאָן גרויסע צרות: אָפּגערעדט זיך אומצוקערען קיין מצרים נאָך אומזיסטע פיש . . . און צו דינען עגל הזהב. גרויסע פארלוסטען געהאט ביים מעשי העגל און קברות התאות דורך דעם „אספסוף״. ווענען אזעלכע גרים האָבען די חכמים געוואָרענט אז זיי זענען מעכב דאָס קומען פון משיח *) און אז שלעכטס זאָל קומען אויף די וואָס נעמען צו גרים **). זיי ווערען גערופען „גרים גרורים״ און זענען דער „ספחת״ אינם שלעכטען זין. דער ערב־רב וואָס האָט אָנגערעדט אי־דען צו דינען צו א גאָלדענעם קאלב, האָבען דאך געשטעלט אין געפאר אידישע עקז־זיסטענץ — „וימירו את כבודם בתבנית שור אוכל עשב״ (תהלים ק״ו ט׳).

**) סנהדרין ל״ט ע״ב.

*) מגילה י״ד ע״ב: „שמונה נביאים והם כהנים יצאו מרחב הזונה ואלו הן: נריה, ברוך ושריה; מחסיה, ירמיה, חלקיהו, חנמאל ושלים. ר׳ יהודה אומר: אף חולדה הנביאה מבני בניה של רחב הזונה . . .; זבחים קט״ז ע״א; סנהדרין צ״ט ע״ב; זע אויך אדמו״ר ר׳ צדוק הכהן זצ״ל מלובלין, ספר ישראל קדושים ז. ל״א.

*) במדבר רבה ח, (פ׳ נשא).

*) נדה י״ג ע״ב.

**) יבמות ק״ט ע״ב.

א גרויסע גרים באוועגונג איז פֿאָרגעקומען אין צייט פון יהושע, פון יענער באוועגונג זענען אונז מערסטענס באקאנט די גבעונים, וועלכע האָבען געגאַרט יהושע׳ן, און נאָכדעם, ווי זיי זענען אריין אין כלל ישראל, האָט מען זיך געגוג אָנ־געליטען פון זיי. זיי זענען אָבער געשיצט געוואָרען פון גאָט דער „מקרב את הרחוקים״ . . .

א גרויסע באוועגונג איז אנטשטאנען אין צייט פון דוד און שלמה. דער מדרש רעכענט אוים די צאָל פון די גרים אין יענער עפּאָכע ביז הונדערט און פופציג טויזענט און זיי האָבען געהאָלפען שלמה המלך אינם אויפבוי פון בית המקדש *).

א גרויסע באוועגונג פון גרים איז פֿאָרגעקומען אין צייט פון די חשמונאים, ד.ה. אין צייט פון צווייטען בית המקדש. פיל געצענדינער האָבען פארלאָזט זייערע אָפּגעטער און אָנגענומען די אידישע אמונה. און מערקווירדיג, גראָד אין צייט ווען דער אידישער שטאַאט האָט געהאַלטען ביים אונטערגיין, די אינערלעכע רייבונגען אין יהודה האָבען זיך געמערט — און דאָך זענען פיל געצענדינער געוואָרען גרי צדק און זיך מוסר־נפש געווען פאר דער אידישער אמונה.

מיר האָבען פריער שוין געזען ווי גדולים, חכמים און תנאים האָבען אָפּגע־שטאמט פון אזעלכע גרים ווי נעמן, נבוזראדן, סנחריב, המן און נירון קיסר.

די גרעסטע תנאים, די הויפט באגרינדער פון תורה שבעל־פה, שמעיה ואבטליון זענען א אָפּשטאם פון סנחריב. די גמרא גטין (נ״ז ע״ב) זאָגט צווישען אנדערעס: „מבני בניו של סנחריב למדו תורה בירושלים ומנו שמעיה ואבטליון, מבני בניו של סיסרא למדו תורה בבני ברק ומנו ר׳ עקיבא. מבני בניו של המן למדו תורה ברבים . . . ומנו ר׳ שמואל בר שילת״ *).

פון שמעיה און אבטליון׳ס תלמידים, זענען אונז באקאנט די בארימטע תנאים הלל און שמאי.

אין פסחים (ס״ו ע״א) דערציילט מען אונז הללס יחום מיט אָט דער רע־קאָמענדאציע: אדם אחד יש שעלה מבבל והלל הבבלי שמו ששימש שני גדולי הדור שמעיה ואבטליון, ויודע אם פסח דוחה שבת אם לאו. **). שמעיה ואבטליון, איי־נער איז געווען נשיא און דער צווייטער אב־בית־דין. פרעגען אלע, ווי אזוי האָבען זיי געקענט דערהויבען ווערען צום אמט פון נשיאות, וואָס איז געגען דאָס געזעץ

*) במדבר רבה ה׳. זע אויך רלב״ג און מלבי״ם מלכים א׳ ה׳.

*) זע אויך סנהדרין צ״ו ע״ב.

**) וועגען הלל הזקן, ווערט געבראכט אין „כוזרי״ (מאמר ג׳ ס״ה), אז ער האָט געהאט טויזענטער תלמידים און וועגען די בעסטע ווערט געזאָגט: אכציג תלמידים האָט געהאט הלל הזקן, דרייסיג פון זיי, זענען געווען ראוי די שכינה זאָל רוען אויף זיי; דרייסיג פון זיי — צו מאכען עבור יאָרען, דערויף האָט מען געדאַרפט זיין גוט געלערנט און צוואנציג מיטעלמעסיגע. דער גרעסטער פון זיי רבן יונתן בן עוזיאל; דער קלענסטער — רבן יוחנן בן זכאי, וואָס האָט ניט איבערגעלאָזען פסוק, משנה, גמרא, הלכות, הגדות, מדות חכמים, מדות סופרים און יעדער תורה וואָרט . . .

הלל הנשיא, איז דער שאפער פון דער נייער תקופה אין אויסטייטשען די תורה, באזירט דעם תלמוד, (תורה־שבעל־פה) אויף די זיבען הויפט פרינציפען: קל־וחומר, גזרה שוה, בנין־אב, כלל ופרט א.א.וו. זע תוספתא סנהדרין פ״ז, אבות דר״נ ל״ז, האָט מנצח געווען די בני־בתירה, דעך דעם וואָס ער האָט געזאָגט: כך שמעתי מפי שמעיה ואבטליון. זע אויך פסחים ל״ג ע״ און ס״ו ע״א, ירושלמי פסחים פרק ו׳ און אין אנד. מקומות. הלל איז געווען אין בבל. ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל האָט ער אויפגעשטורעמט מיט זיין תורה וויסען.

פון „מקרב אחיך תשים עליך מלך, און זיי ענטפערען פארשידענע תירוצים (כ״הג, חו״מ סימן ז׳, תו״סיו״ט פסחים) דער פראגער רב, ר׳ יחזקאל סג״ל לאנדא, דער מחבר פון בארימטען ספר „נודע ביהודה״, ענטפערט אז זיי זענען ארויסגעקומען פון געמישטע הייראטען, איז אויף זיי, ניט חל געווען דער איסור פון „מקרב אחיך״ *). זיי ווערען גערופען אחיך! . . .

א געוואלטיגען כבוד האט מען ארויסגעוויזען צו שמעיה און אבטליון די „שני גדולי הדור״. ס׳ווערט דערציילט אין תלמוד אז איינמאל מוצאי יום הכפורים, בעת דער כהן־גדול האט פארלאזט דאס בית המקדש איז ער פון אלעמען באגלייט געווארען. ווען דער עולם האט אבער דערזען שמעיה און אבטליון די הויפט פון סנהדרין, האבען זיי פארלאזט דעם כהן־גדול און נאכגעגאנגען נאך שמעיה און אבטליון. ביים געזעגענען זיך האט דער אויפגעבראכטער כה״ג סארקאסטיש א זאג געטאן, זאלען די פעלקער־קינדער קומען אהיים אין פרידען („ייתון בני עממין לשלם״), ער איז אויסען געווען זיי צו פארשעמען, אז זיי זענען גרים. האבען זיי אים אפגעענטפערט זייער שארף: זאלען קומען די קינדער פון די פעלקער אין פרי־דען ווייל זיי פירען זיך ווי אהרן און זאל ניט האבען קיין שלום דער וואס שטאמט פון אהרן און זעצט ניט פאר זיינע מעשים. אהרן הכהן איז געווען א „רודף שלום״, דער כהן איז מן הסתם געווען דער קאנטראסט *). דאס פאלק האט יענעם מוצאי־יום־כפור ארויסגעוויזען די הויכשעצונג צו די הויפט פירער פון אידענטום, ניט אכטענ־דיג וואס זיי האבען געשטאמט פון גרים.

אין דער גמרא ברכות ווערט דערציילט אז שמעיה און אבטליון האבען גע־געבען א גר׳טע טרינקען „מים המאררים״, (דאס ביטערע וואסער וואס מ׳האט געגע־בען צו טרינקען אן אומטרייע פרוי) איז דאס ניט געווען קיין אמת׳ע נאר „דוגמה השקוה״, האט עקביא בן מהללאל געזאגט: שמעיה און אבטליון האבען אזוי גע־טאן, ווייל זיי זנען געווען גרים. האט דאס פאלק געצארנט אויף אים און האבען אים ארייגעלייגט אין חרם.

און ווען עקביא איז געשטארבען, האט מען זיין „מטה״ פארווארפען מיט שטיינער.

שמעיה און אבטליון האבען געלעבט אין דער צייט ווען ס׳האט געבושעוועט דער שרעקלעכער ברודער קריג צווישען אריסטובול און הורקנוס (דער צווייטער). זיי האבען זיך דאן ניט געמישט אין דער מלוכה־פאליטיק און זיך אפגעגעבען מיט פארשפרייטען דעם גייסט פון תורה און אמונה. קיין סך מאמרים איז פון זיי ניט געבליבען. בלויז אין אבות זענען פאראן זייערע מאמרים, און אין תלמוד געפי־נען זיך פון זיי איינינע הלכות. זייער השפעה איז אבער געווען זייער גרויס אויף די פרושים פון זייער צייט און אויף זייערע תלמידים.

אין יומא (ל״ה ע״ב) ווערט דערציילט, אז זיי זענען געווען שטרענג צו תלמידים וואס האבען געוואלט לערנען אין זייער ישיבה, און זיך באמיט צו באנרע־

---

*) זע, „דורש לציון״, י״א — באריכות. איין תירוץ, זיי זענען געווען פון די עשרת השבטים וועלכע ווערען באטראכט אלס נכרים און דאך מקרב אחיך!

*) זע יומא ע״א ע״ב.

ניצען די צאָל תלמידים. זיי האָבען בכלל געפירט שטרענג און קיין זאך האָט זיי ניט צוריקגעהאלטען פון זאָגען דעם אמת *).

עס איז אויך געווען א גר, וואָס האָט געהאט רוח הקודש און ווערט גערע־כענט צווישען אונזערע גרעסטע חכמים, דאָס איז אונקלוס הגר, דער בעל התרגום וואָס איז געשריבען מיט רוח הקודש *). און דער רמב"ם לויבט אים שטאַרק: „אונקלוס הגר שלם מאד בלשון העברית והארמית **).

אונקלוס דער גר, וואָס האָט איבערזעצט די תורה אין אראמייאיש אין יאָר ב' אלפים תת"ם (80־טען יאָר נ. ק.) האָט געלעבט אין צייט פון רבן גמליאל הזקן, נשיא פארן חורבן ***), לויט דעם „ספר יוחסין" איז ער געווען א תלמיד פון ר' גמליאל און געווען א מחמיר אין טהרות, געהערענדיג צו דער באוועגונג ביי אידען, וואָס האָט זיך געפירט צו עסען אפילו אומהייליג פלייש (חולין) על טהרות הקודש, מיט דער ריינקייט וואָס דארף האָבען איידער מען נעמט זיך עסען הייליגע פלייש־קרבנות *). די משנה (מקואות פ"י ג') דערציילט, אז רבן גמליאל און אונקלוס הגר זענען אמאָל געווען אין אשקלון, האָט זיך רבן גמליאל טובל געווען אין מרחץ און אונקלוס אין ים. ער האָט אויך געלערנט ביי ר' אליעזר און ר' יהושע. אדאנק זיי, איבערגעזעצט די תורה אין אראמייאיש.

ער האָט ניט געוואָלט נעמען קיין חלק פון א גאָר רייכערע ירושה וואָס איז אים געבליבען פון זיין פאָטער און האָט עס איינפאך ארייגעוואָרפען אין ים המלח *).

ס'איז דאָ נאָך אן אונקלוס הגר וואָס ווערט אין מדרש גערופען עקילס, ער איז דער זון פון קלונימוס אָדער קלוניקס, וועלכער האָט זיך מגייר געווען נאָכן חורבן פון צווייטען בית המקדש. ער איז א שוועסטער קינד פון טיטוס **). דער לעצטער האָט אים אויפגעבראכט מיט כשוף און געפרעגט א מיינונג וועגען זיך מגייר זיין, „מאי לאדבקו, בהו" ***) און מיט אים צוזאמען האָבען זיך מגייר געווען נאָך גרים ****).

---

*) זע„ פלאוויוס יאָזעפוס „קדמוניות", י"ד, ט'; ט"ו א'.

*) בבא בתרא צ"ט ע"א; מגילה ג'; ירושלמי מגילה פ"א; „ישראל קדושים", דאָרט.

**) מורה נבוכים חלק א' כ"ז.

***) שבת ט"ו. *) תוספתא חגיגה פ"ג ב'.

*(תוספתא דמאי פ"ו י"ב. תוספתא שבת פ"ח. תוספתא מקואות י' ג', שבת און אנד. מקומות. ר' יהושע בן קופסא זאָגט עדות אז אויך ר' גמליאל האָט זיך טובל געווען אין ים. *) תוספתא חגיגה פ"ג ב'.

**) אין מדרש תנחומה (משפטים) ווערט געזאָגט אז עקילס הגר איז געווען דער שוועסטער־זון פון אדריינוס. אים, האָט דאָס האדריאַן, באשטימט אויף דעם אויפ־בוי פון ירושלים וואָס ער האָט פלאנירט. און אין מדרש רבה (שמות ל' ט') ווערט דערציילט: איינמאָל האָט עקילס געזאָגט צו אדרינוס'ן איך וויל זיך מגייר זיין און ווערען א איד. האָט אדרינוס צו אים געזאָגט: צו דעם פאָלק ווילסטו איבערגיין? וויפיל מאָל האָסטו עס פארשעמט. וויפיל מאָל גע'הרג'עט . . . האָט ער אים געענט־פערט אָבער דער קלענסטער פון זיי, ווייס ווי אזוי גאָט האָט באשאפען די וועלט און אויף וואָס די וועלט שטייט און זייער תורה איז אמת. זע אייזענשטיין, „אוצר ישראל" (ח"א, 198) אז דער עקילס האָט איבערזעצט די תורה אין גריכיש און גע־לעבט נאָך אין צייט פון ר' אליעזר און ר' יהושע. אין ירושלמי, חגיגה, אָנהייב צווייטען פרק, ווערען געבראכט ויכוחים צווישען עקילס און אדרינוס. זע אויך, שמות רבה, כ"א א'. זע ווייטער ז. 191.

) גיטין נ"ו ע"ב נ"ז ע"א. *) עבודה זרה י"א.

ווי ווייט די חכמים האָבען געהאַלטען פון אונקלוס הגר און פון זיין תרגום איז צו זען פון די לויב־אויסדריקען פאַר זיין תרגום און פאַר דעם לשון ארמית וואָס איז דורך אים געהייליגט געוואָרען.

די חכמי־התלמוד, ווי מיר האָבען געזען אין א פריערדיגען קאַפּיטעל האָבען שטאַרק געהאַלטען פון לשון הקודש, מיט וועלכער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען (בראשית רבה), די שפּראַך פון די מלאכים (חגיגה ט״ז ע״א) וואָס אידען האָבען אויסגעקליבען (סנהדרין כ״א). אויך אין די תקופות פון נאָכן תלמוד, הערען מיר לויב־געזאַנגען פאַר העברעאיש ווי פון רמב״ם (זיי געוואָרענט אַפּצוהיטען די קליינע מצוה ווי זיך פרייען יום־טוב און לערנען לשון הקודש). ניט געקוקט דערויף וואָס דער רמב״ם האָט אפילו זיין פּרוש המשניות געשריבען אין אראַביש, לויבט ער דאָס לשון פון דער משנה וואָס איז אין העברעאיש (פּירוש הרמב״ם תרומות, הקדמה צום ספר המצוות) אין א בריוו צו ר׳ יוסף בן גאַבר, לויבט ער שטאַרק די זיסקייט פון דער העברעאישער שפּראַך אין וועלכער ער האָט געשריבען זיין משנה תורה *).

די אידען זענען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים, צוליב דעם וואָס זיי האָבען ניט געביטען זייער שפּראַך — זיי האָבען גערעדט אויף לשון קודש *). פיל־פיל גדולי ישראל האָבען געוואָרענט ניט צו שאַפען און ניט צו רעדען אנד. שפּראַכען, אויסער לשור קודש, צווישען זיי דער רבי ר׳ יהונתן איבעשיץ אין זיין ספר: „יערות דבש", זאָגט ער, אז לשון קודש איז דער לעבענס־בוים פאַר אידען, דאָס איז א לשון געהייליגט פאַר ארץ ישראל. דער חתם־סופר (ר׳ משה סופר) אין זיין באַרימ־טער צוואה זאָגט אָן זיינע קינדער: הזהרו משנוי השם, לשון ומלבושנכרי **).

פונדעסטוועגען, האָבען מיר פריער געזען, ווי ריזען אין דער אידישער ליטע־ראַטור, גרונטלייגער פון דער אידישער פילאָזאָפיע, פון דער אידישער הלכה און ליטורגיע, האָבען געשאַפען אין אנדערע שפּראַכען ווי ר׳ סעדיה גאון, דער רמב״ם און פיל אנדערע.

מ׳האָט אויך אריינגענומען אין העברעאיש ווערטער נעמען און אויסדריקען פון אנד. שפּראַכען. איפה און הין למשל זענען געווען „מצרי׳שע מאָסען (אבן עזרא, שמות כ״ט ל״ט). אין תלמוד זענען אריינגענומען פיל גריכישע און לאַטייניש ווערטער וועלכע זענען העברעאיזירט געוואָרען. גענוג צו דערמאָנען אזעלכע פּאָפּו־לערע ווערטער ווי סנהדרין, אפיקומן, פּרוסבול, אכסניה, פמליה און נאָך און נאָך.

אראַמייאיש איז ווי סינטעזירט געוואָרען מיט העברעאיש צוליב דעם תרגום וואָס איז שטענדיג געגאַנגען צוזאַמען מיטן לשון־קודש־טעקסט פון חומש ***) דער תרגום אונקלוס, האָט זוכה געווען צו פיל פּירושים, קאָמענטאַרען און דערקלערונגען. פון די מער באַקאַנטע, ספרים איז כדאי צו דערמאָנען דאָס ספר „מיני תרגומא", פון באַרימטען אַמסטערדאַמער רב, ר׳ ישעיה בערלין „דערשינען אמשטרדם ה׳ ע״א);

*) באַכר: „צום שפּראַכלעכען כאַראַקטער. דעם „משנה תורה", לייפּציג 1914, באַנד 2, זייט 281, נאָכבאַם. וויל ענדערען נוסח.

*) ויקרא רבה ל״ב.

**) זע אויך תירוש ויצהר ק״ח.

***) ר׳ אמי זאָגט, אין גמרא ברכות ח׳: „לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הצבור שנים מקרא ואחד תרגום" . . .

די ספרים פון בן ציון יהודה בערקאָוויץ: „עוטה אור" (ווילנא תר"ג 1843) מיט א גרעסערער איינלייטונג וועגן תרגום בכלל, אין וועלכער ער גיט אונז כללים אין תרגום אונקלוס, ווי זיין סדר איז געווען אין פארטייטשען פסוקים פון תורה; „לחם ושמלה" (ווילנא תר"י — 1850) א באור פון תרגום, לויט די פרשיות פון דער תורה: "חליפות שמלות" (ווילנא תרלד — 1874), צוגאָבען און דערקלערונגען וועגען דער שיטה פון אונקלוס אין זיין תרגום אין פארשיידענע פארגלייכונגען מיט פרשנים פון דער תורה.

דאָס בעסטע ווערק וועגען תרגום אונקלוס, איז דאָס ספר „אוהב גר", פון באריממטען פאָרשער ר' שמואל דוד לוצאטי (שד"ל). א וויסענשאפטליכע ארבעט, מיט פארגלייכונגען פון פארשיידענע טעקסטען. ער באקאנט אויך דעם לייענער מיט סוריש וואָס איז ענליך צו אראמייאיש.

„אוהב גר" איז דאָס קאָלאָסאלסטע ווערק אויף דעם געביט און קיינער וועט ניט קענען פאָרשען דעם תרגום ניט צו באנוצען זיך מיט שד"ל'ס באמערקונגען און אופקלערונגען. דער באריממטער גאון ר' נתן אדלער אין זיין ספר „נתינה לגר" (א פירוש אויף תרגום אונקלוס) פאָלגט נאָך און ציטירט פון ספר „אוהב גר". ער זאָגט, אז דער ערשטער וואָס האָט איבערזעצט די תורה אין אראמייאיש איז געווען עזרא הסופר לויט דער גמרא סנהדרין, (כ"א ע"ב), און אזוי ווי די איבערזעצונג איז געווען בעל־פה איז זי פארגעסען געוואָרען, האָט אונקלוס איר אויפגעלעבט און מחדש געווען מיט דער הילף פון די תנאים ר' אליעזר, ר' יהושע און ר' עקיבא (מגילה ג' ע"א).

רש"י און רמב"ן — די צוויי הויפט מפרשי התורה ברענגען כסדר דעם תרגום אונקלוס און דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" (פרק כ"ז און מ"ח) לויבט שטארק דעם אונקלוס, וואָס האָט דערווייטערט גשמיותדיגקייט אין אונזער געטליכען באגריף *). ר' יצחק עראמה אין זיין ספר „עקדת יצחק", (שער ל"א) ווידמעט א האלב זייטל וועגען אונקלוס אין זיין תרגום.

ער ווייזט אויך אָן אז נאָך ביים לעבען האָט ער געהאט די זכיה צו זען זיין תרגום אין א ספר. אזוי ווי מיר פארנעמען זיך ניט מיט שרייבען אן אָפשאצונג וועגען תרגום, וויל איך בלויז ברענגען נאָך איינינגע ספרים, נוצליך פאר ביבליאָגראפיע: „פתשגן" אָדער „ספר יאר", וואָס שד"ל האָט געפונען, רופענדיג עס „ספר „זאר" ווייל אין רי"א פון זעקסטען טויזענט יאָרהונדערט, איז עס געשריבען געוואָרען. שד"ל, גיט צו זיינע וויכטיגע קאָמענטארען. תרגום אברהם, פון ר' אברהם דעם הגר"א'ס זון, א ספר פון „מעט האיכות" אָבער מיט „רב הכמות" — א דינינקע ספר'ל מיט א סך וויסען און גאָר אינטערעסאנטע, באלערנדע באמערקונגען, דערשינען אין ירושלים אין יאָר תרנ"ו, דורך דעם גאונ'ס אייניקעל ר' אלעזר לאנדאָ. גאָר לעצטענס איז דערשינען א ספר „אור התרגום", א פירוש אויף תרגום, געטיילט לויט די פרשיות פון דער תורה. דער מחבר ר' שלמה אהרן ווערטהיימער, א ירושלים'ער רב, באמיט זיך עפעס מחדש צו זיין, (דערשינען ירושלים תרצ"ה). אין זיין

*) אין יד החזקה (פי"ב איסורי ביאה) שרייבט ער: אל יהא ענין זה קל בעיניך שהרי אונקלוס הגר אמרו".

„פּתח דבר" ציטירט ער דעם מאמר „תרגום אונקלוס ניתן למשה מסיני" (סנהדרין כ"א ע"ב, קדושין מ"ט און אנדערע מאמרים, לויבענדיג דעם אונקלוס און זיין אויסגעצייכענטען, וואונדערלעכען תרגום).

וועגען אַראַמייש בכלל האָט יהודה בן יונה „לבית ייטלש" פארעפענטלעכט אין פּראַג אין יאָר תקע"ג (1813) א גאָר וויכטיג ווערק „מבוא הלשון ארמית", דבר חדש לא היה עוד בישראל, האָבענדיג די הסכמות פון די באַרימטע גאונים ר' אלעזר פלעקלש און ר' שמואל לאַנדאָ (זון פון ר' יחזקאל, מחבר פון „נודע ביהודה"). דער דאָזיגער יהודה יעטעלעס האָט אויך אָנגעשריבען א באַזונדערען ספר א. נ. „כנפי יונה" אויף תרגום אונקלוס *).

אין די לעצטע יאָרען איז דערשינען א גרויס ווערק וועגען דער אראמייאי־שער שפּראַך א. נ. „לשון למודים" פון דר. דניאל פינק, געוועזענער רב אין ווין און אין בערלין. אין דער אָפּהאַנדלונג און באַמערקונגען אויף זיין ספר אין ספר „חבלים בנעימים„ (חלק ד' סימן ס"ו), טיטולירט אים דער מחבר מהרי"ל גרויבאַרט ז"ל אלס . '. „הרב־הגדול חוקר וסופר, חריף ובקי . . .

מיר זעען, ווי גראַד אין קריזיס צייט ביי אידען, האָבען זיך געמערט גרים־און ניט בלויז געוויינליכע געצענדינער נאָר פּירענדע פּערזענליכקייטען ווי אנטו־נינוס, דער באַזיגער פון יהודה. פיל פון די רוימישע פּרויען, פּרינצעסינס און סתם אָנגעזעענע פרויען האָבען זיך מגייר געווען. עס איז פּשוט געווען אן עפּאָכע פון גרים.

ארונה היבוסי איז געווען א גר תושב לויט דער גמרא עבודה זרה (כ"ד ע"ב).

אדום, האָט זיך געהאַט מגייר געווען נאָך פריער און געוואָרען א טייל פון אידענטום (זע אבן עזרא בראשית כ"ז מ') נאָך אין צייט פון די חשמונאים. דער זיווג איז ניט עולה יפה געווען. אידען האָבען זיך גענוג אָנגעליטען פון אדומ'שען

---

*) וועגען דעם עקילס־אונקלוס, זענען פאראן חלוקי דעות. דער גאון און פאָר־שער ר' נתן אדלער (רב הכולל פון לאָנדאָן) קומט צום אויספיר אז עקילס און אונ־קלוס איז איין־און דער זעלבער, אז ס'זענען ניטאָ קיין צוויי גרים אונקלוס. אויך אין תרגום אברהם, שטיצט ער די דאָזיגע מיינונג, ברענגט פון הגר"א ז"ל. אז די גירסא אין גיטין (נ"ו ע"ב) דאַרף זיין „אונקלס בר אחתי' דאדרינוס". ברענגט אויך אנד. באַווייזען ירושלמי (מגילה פ"א ה"ט; קדושין פ"א הלכה א'; סוכה פ"ג הלכה ה„; חגיגה פ"ב הלכה ה') און פון פיל שטעלען אין תלמוד בבלי. אין ספר „תירוש ויצהר" פון הרב מיכל זאַן ז"ל (בילגוריי, תרצ"ז, סימן קכ"א, ז. 278) פרעגט ער, ווי אזוי איז עס מעגלעך, אז אונקלוס בר קלונימוס (אָדער בר קלוניקוס (זע ע"ז דאָרט), טיטוס'עס שוועסטער זון, זאָל אויך געווען צוזאַמען מיט ר' גמליאל הזקן וועלכער איז געווען פאַר דעם חורבן פון צווייטען בית המקדש. ער קומט צום אויספיר אז עס זענען געווען צוויי אונקלוס הגר, ציטירט פון מדרש רבה, שמות כ"א, א', שבת פ"ח, בבא בתרא צ"ט, ירושלמי מגילה פ"א א', ילקוט תהלים ת' תפ"ח און פון זוהר (אחרי): „ינוחין אבהן דעלמא אינון הלל ושמאי דהכי אמרי לאונקלוס ולא אודיעו לי' מלה דאוריתא עד דאתגזר" — דאָס איז דער אונקלוס הגר אין צייט פון ר' גמליאל הזקן. —

לויט דער גמרא (חגיגה י"ב) איז עקילס הגר געווען תלמיד פון ר' יהושע בן חנניה וואָס האָט זיך באַצויגען מילד צו גרים. זע קהלת רבה א' ח'; זע בכר אגדות התנאים א' ז. 132. זע אויך בראשית רבה תוספות ב"ק פ"ג, בבא בתרא צ"א: אר"ש בן נחמני אל תהי לשון ארמית קלה בעיניך שהרי מצינו בתורה ובנביאים וכתובים חלקו לו כבוד . . . וועגען אקדמות־ארמית — באַזונדערער עסיי.

קעניג הורדוס און פון זיין אייניקעל אגריפס *) הורדוס — דער צוויי נשמה'דיגער האָט אָפּט ארויסגעוויזען מוראדיגער אכזריותדיגקייט.

דער רוימישער פילאָזאָף סענעקא באקלאָגט זיך אויף דעם וואָס די רוימישע הערען זענען זיך מגייר.

פון תנאים־גרים איז באקאנט „יהודה בן גרים" *). אויך בן בג־בג און בן הא־הא זענען געווען גרים אָדער קינדער פון גרים **). דער ערשטער, ווערט דער־מאָנט אין אבות פרק ה'; ערובין (כ"ז ע"ב); פסחים (צ"ו ע"א) און אין אנדערע מקומות. בן הא־הא ווערט דערמאנט אין דער גמרא חגיגה (ט' ע"ב).

באקאנט איז אויך די מעשה פון גר ר' יוחנן בר תותא (אָדער תורתא) וואָס האָט זיך מגייר געווען צוליב זיין אָקס וואָס האָט שבת געוואָלט רוען. ווערענדיג צוגעוואוינט ביים איד ניט צו ארבעשן שבת (זע תוספות ישנים יומא פ"א, פון פסיקתא).

אויך צווישען די אמוראים האָבען זיך געפונען גרים, איינער פון זיי, א גאָר בארימטער אמורא איז רב שמואל בר שולת, אָדער ווי ר' נחום בריל באווייזט איז זיין נאָמען געווען ר' שמואל בר יהודה און דער יהודה זאָל זיין ווי דער רבנו תם דערמאנט, יהודה הונדאה, באקאנט אלס „גר שאין לו יורשין", לויט'ן דין אז פאָטער און זון זענען זיך מגייר ירש'ענט ניט דער זון זיין פאָטער ***).

---

*) שבת ל"ג ע"ב.

*) פלאוויוס איז גראָד א פארערער פון קעניג אגריפס. אין תלמוד ווערט ער פאראכטעט. (זע סוטה מ"א ע"א).

**) זע, תוספות חגיגה ט' ע"ב; אייזענשטיין „אוצר ישראל", ג', 97, געווען תלמידים פון הלל.

*) זע קדושין י"ז ע"ב; כ"ב ע"ב; תוספות יבמות ק"א ע"ב; כתובות נ' ע"א; סדר הדורות ערך שמואל בר יהודה. זע אויך נחום בריל, אין „בית תלמוד" שנה א', ווין תרמא ז"ז 47־48, ער באווייזט מיט איבערצייגענדע ראיות אז דאָ איז גע־מאכט געוואָרען א טעות. אין גמרא יבמות (דאָרט) ווערט דערציילט, אז רב שמואל בר יהודה איז געווען ביי ר' יהודה, האָט דער לעצטער אים געוואָלט צורעכענען צום בית־דין דורכצופירען א חליצה־צערעמאָניע, האָט רב שמואל אים געענטפערט, ס'שטייט ביים דין פון חלוצה „בישראל", מיינט בלויז ביים אידישען בית־דין און ניט רבנים פון גרים, און איך בין דאָך א גר. זעען מיר דערפון אז רב שמואל בר יהודה. איז געווען דער גר. אין דער גמרא בבא קמא (קל"ח ע"ב) ווערט אויך דערציילט, אז ביי רב שמואל בר יהודה איז געשטאָרבען א טאָכטער, האָבען די רבנן געזאָגט צו עולא, לאָמיר גיין אים טרייסטען, האָט עולא זיי געענטפערט, אז ער וויל ניט גיין . . . דער סוף איז געווען אז ער איז געגאנגען נאָר אליין. קומענדיג צו ר' שמואל בר יהודה, האָט ער אָנגעהויבען אים טרייסטען, אָנפאנגענדיג מיט א קשיא: ס'שטייט אין פסוק ויאמר ד' אל משה אל תצר את מואב . . . וואָס איז עפּעס משה רבנו, לכתחילה איינגעפאלען צו באלאגערען מואב'ן? דער ענטפער איז: ער האָט געלערנט א „קל־וחומר", אויב די מדינים וואָס זענען בלויז געקומען העלפען די מואבים, זאָגט ווענען זיי די תורה: „צרור את המדינים והכיתם אותם", איז דאָך מואב, אודאי ווערט דעם שטעקען. האָט אים גאָט געזאָגט: ניט ווי דו טראכסט, טראכט איך, צוויי טייערע טויבען דארפען ארויסקומען פון מואב'ן, רות המואביה און נעמה העמונית . . . איז דאָך ווידער צו פרעגען א „קל וחומר", אויב צוליב צוויי גוטע טויבען האָט גאָט געהאט רחמנות אויף די צוויי פעלקער און זיי ניט חרוב געמאכט, איז דאָך די טאָכטער פון אונזער רבין א כשר'ע, פון איר וואָלט זיכער ארויסגעקומען גוטע קינדער, וואָלט זי דאָך אודאי געדארפט לעבען? . . .

ר' נחום בריל, פרעגט דאָ א זייער הארבער קשיא: ווי קומט עס וואָס עולא, דער סענטימענטאלער מענש, וועמען ס'זענען ניט געפעלען געוואָרען די טרייסט־ווערטער פון די בבליים, ער זאָל טרייסטען זיין רבי'ן, מיט אן אָנהערעניש, אז זי איז

דער טעות זאָל זיך נעמען דערפון, וואָס דאָ שטייט געשריבען: „מבני בניו של המן, למדו תורה בבני ברק, אין טייל נוסחאות תנוקות. אין גיטין (נ"ו ע"א) ווערט געזאָגט: מבני בנו של סיסרא, למדו תנוקות בירושלים און אין בבא בתרא (ח׳ ע"ב) ווערט גע׳דרש׳ענט אויפן פסוק ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד (דניאל י"ב) — „אלו מלמדי תנוקות, אמר רב כגון מאן, כגון רב ׳שמואל ברשילת" *), האָבען זיי געמיינט, אז דאָס איז דער רב שמואל, וואָס לויט קבלה, איז ער געווען פון המנ׳ס אייניקלעך. דאָס איז אָבער א טעות, די ברייתא דאַרף זיך לייענען: מבני בניו של סנחריב למדו תורה בירושלים, ומנו שמעיה ואבטליון; מבני בניו של סיסרא למדו תורה בבני ברק ומנו ר׳ עקיבא; מבני בניו של המן למדו תורה ברבים ומנו ר׳ שמואל בר יהודה.

אינטערעסאנט איז, דאָס, וואָס דער תלמוד דערציילט וועגען די דריי טעבטער פון שמואל ירחינאה (רב׳ס חבר; איינער פון די באַגרינדער פון „תלמוד בבלי", וועלכער האָט אמאָל אויף זיך געזאָגט: ס׳זענען מיר קלאָר אלע וועגען פונם הימעל, גלייך ווי ס׳זענען מיר באַקאַנט די וועגען פון נהרדעא (ברכות נ"ח ע"ב). צוויי פון זיינע טעכטער זענען ביי די גרויסע מלחמות פון רוים געגען בבל אוועקגעפירט געוואָרען אין געפאַנגשאַפט, און זיי זענען שוין דערנאָך פאַרבליבען אין ארץ ישראל (כתובות כ"ג ע"א) שפּעטער איז אויך די דריטע טאָכטער פון שמואל׳ן, געפאַנגען געוואָרען ביי אן איבערפאַל אויף דער שטאָט נהרדעא און א גוי האָט זי געהייראַט, האָט זי געצוואונגען (און געפּוועלט) איר מאַן זאָל זיך מגייר זיין און איר זון, וואָס זי האָט פון דעם גוי געבוירען, ווערט דערמאַנט אין דער גמרא אלס רב מרי, בר רחל בת שמואל אָדער רב מרי בר איסור גיורא (יבמות מ"ה ע"ב). עס איז אויך געווען א שאלה וועגען דער ירושה פון דעם דאָזיגען איסור גיורא, ווייל די מוטער פון רב מרי איז פאַרגאַנגען אין טראָגען, איידער איר מאַן האָט זיך מגייר געווען (בבא בתרא קמ"ט ע"א) פון דיסקרימינאַציע איז אָבער קיין רייד ניט געווען, ניט רעכענדיג זיך דערמיט וואָס ער איז געווען געבוירען אלס גוי, ווערט ער פאַררעכענט צווישען די אמוראים, מיטן טיטול „רב". רבא האָט דאָך אים דערלויבט זיין א פירער ביי אידען פון בבל, ווייל זיין מוטער איז געווען א אידישע *).

פון די פרויען גר׳טעס ביים צווייטען בית המקדש, איז באַקאַנט די קעניגין העלענא (אין תלמוד גערופען הילנא) וועלכע האָט זיך מגייר געווען צוזאַמען מיט אירע צוויי זין און א גרויסער טייל פון איר פאָלק ***).

געשטאָרבען פאַר דער צייט ווייל פון איר וואָלטען געבוירען געוואָרען שלעכטע קינדער. ווי פאַלט עס אויס עולא אַנצוטאָן זיין רבין שאַנדע און פאַרשאַפען אים מער ווייטאָג. צו וואָס בבל דער גאַנצער שמועס וועגען עמון ומואב . . .

ער קומט דעריבער צום אויספיר אז ר׳ שמואל בר יהודה איז געווען אן אָפּשטאַם פון עמון ומואב, האָט עולא אים געבראַכט א ראיה אז גאָט האָט ניט דערלויבט שלאָגען עמון ומואב, ווייל ס׳האָט פון זיי געדאַרפט אַרויסקומען די נשים צדקניות, און אויך אז א צדיק ווי ר׳ שמואל בר יהודה. זיין טאָכטער איז אָבער געשטאָרבען, ווייל פון איר וואָלטען געווען געבוירען קינדער וואָס וואָלטען זיך אומגעקערט צום היידנישקייט און פאַרשעמט דעם זיידען.

*) זע יבמות דאָרטען; בבאבתרא קמ"ט ע"א.

*) זע בבא בתרא דאָרט, רש"י און תוספות יבמות דאָרט און יומא ט׳ ע"א.

***) זע נזיר פרק ג׳ משנה ו׳ יומא פ"ג משנה י׳ סוכה כ׳ ע"ב מנחות ל"ב ע"ב די מתנות זייערע צום בית המקדש און אז זיי זענען געווען געהיט מיט מצוות. זע „ימין ושמאל רכ"ה".

ווענן הילני המלכה ווערן דערציילט פארשיידענע לעגענדעס וואָס באוויי־זען איר גרויסקייט אלס קעניגין און איר איבערגעבענקייט צו דער אידישער אמונה. איר מאַן מונבאז, דער קעניג פון דעם ווילדען לאַנד ביים טייך טיגרים, אַפּיאַבענאַ, וואָס האָט אמאָל באלאנגט צו דער מעכטיגער אשור (אסיריען), איז געווען פון די נידריגסטע געצענדינער. זי, אָבער, האָט זיך באקענט מיט דער אידישער אמונה און באשלאָסען איבערצוגיין צום אידענטום.

ווען מונבאז האָט געלעבט האָט זי דאָס ניט געקענט באווייזען צו טאָן, אָבער באלד נאָך זיין טויט און איר זון איזאטעס איז געוואָרען קעניג, האָט זי מיט אירע ליבלינג זין מונבאז און איזאטעס אָנגענומען דעם אידישען גלויבען און מיט זיי צו־זאמען זענען א גרויסער טייל פון פאָלק, ספּעציעל די פירער, געוואָרען אידען. די אידישע אמונה איז דאָרט געוואָרען די הערשענדע. זי, הילני, איז אוועק קיין ירושלים, זיך דאָרט באזעצט, פריער געווען א „נזירה" תשובה געטאָן אויף אירע אמאָליגע עבירות און נאָכדעם עפענטליך אָנגענומען די אידישע אמונה און געלעבט ווי א פרומע אידישע טאָכטער (דאָס זאָל געווען פּאָרקומען אין יאָר 44 נ ק. ע.). זי איז פון יעדען רעספּעקטירט געוואָרען, ניט געקוקט דערויף וואָס די באַציאונג צו גרים איז דעמאָלט געווען א שטרענגע. אידען האָבען אין יענער צייט געליטען פון הורדוס'ן דעם הערשער פון יהודה און זיין משפחה, גרים וואָס האָבען פאַר־כאַפּט די מאכט אין לאַנד און אָנגעטאָן אידען גרויסע צרות, לסוף פארראטען און פארקויפט דאָס לאַנד צו די רוימער.

הילני המלכה איז אָבער באטראכט געוואָרען ווי אן אמתע איבערצייגענדע גר'טע. זי האָט אויך ארויסגעוויזען גוטסקייט צו אידען, צו אידישע חכמים און צום לאַנד בכלל. אין צייט פון הונגער, האָט זי געקויפט תבואה און פארשיידענע פרוכטען פון מצרים, ציפּערען און אנד. ארומיגע מקומות און עס געבראכט קיין יהודה און געראטעוועט אידען פון הונגער־טויט. זי האָט אויסגעגעבען פיל געלט אויף צו פארשענערען ירושלים און געשיקט ווערטפולע מתנות צום בית המקדש. איינע פון די מתנות, איז געווען א גאָלדענער טאָוועל אויף וועלכען ס'איז געווען אויסגעקריצט די „פרשת סוטה". זי האָט אויך געשטיצט מיט דער פולער האנט תלמידי חכמים און סתם אזוי אָרימעלייט.

איפרא הורמין — די מוטער פון שבור מלכא האָט אויך געשטיצט אידען און ישיבות. זי האָט אוועקגעשיקט א טעפּל גאָלדענע רענדלעך צו דער ישיבה אין פומבדיתא.

דער תנא־העלד ר' עקיבא וועלכער איז אויך אן אָפּשטאַם פון גרים, איז אין זיין צייט געווען די געניאַלסטע, גרעסטע פערזענליכקייט און גרעסטער טרייסטער פאַרן אידישן פאָלק. ער האָט זוכה געווען ארייננצוטרעטען אין „פרדס" פון וויסען, און זיין אויג האָט געזען זייער ווייט. ער איז געווען א גרויסער קעמפער פאר אי־דישקייט. האָט דיסקוטירט ענינים פון אמונה מיט די רוימישע פירער. „זיין נאָמען אז געגאַנגען פון איין עק וועלט צו דער צווייטער" *) ר' עקיבא איז געווען שטרענג קעגען לערנען „ספרים חצונים", וואָס די קאָמענטאַרען טייטשען אז דאָס מיינט

אפילו די ווערק פון אריסטאָטעל. דער מוטיגער גיגאנט פון אידישען געדאנק, דער גרויסער קעמפער און מארטירער, האָט גע׳פסל׳ט צו עדות זאָגען, מענשען וואָס גיבען זיך אָפּ מיט דרויסענדיגע ווערק.

ר׳ עקיבא האָט פיינט געהאט גריכיש־רוימישען גייסט, גריכיש־רוימישע קולטור ווייל אויך ער האָט געהאלטען ווי ר׳ שמעון בן יוחאי אז „זיי בויען בריקען — כדי צו נעמען שטייערען; וועגען — כדי צו פירען מלחמות; מערק — זיי אָנ־צופילען מיט זונות א.א.וו. אין אידישען פאָלק האָט ער געזען א געהיילילט און גע־רייניגט פאָלק **) מיט זיין טויט איז בטל געוואָרען דער כבוד התורה און ס׳זענען פארשטאָפּט געוואָרען די קוואלען פון חכמה ***).

ניט געקוקט דערויף וואָס אידען האלטען ניט פון מיסיאָנערישקייט און מאַ־כען שווערינקייטען ביים מגייר זיין זענען שטענדיג צוגעקומען גרים און ניט פון פראָסטען פאָלק נאָר פון די הויכע פענסטער. אין דער פריער דערמאָנטער עסיי רעכענט אויס ר׳ בנימין א צאָל גרים און גר׳טעס, וועלכע זענען ניט בלויז געוואָרען פרומע אידען. נאָר געשריבען ווערק וועגען אידישקייט און וויכטיגע ווערק אין אמת אידישען גייסט. אזא גר ווי עמעי פאָליער, דער תלמוד פון ר׳ אליהו בן אמוזג, איז א כבוד פארן אידענטום. אזעלכע גרים זענען אויסנאַמען און מען איז זיי שטארק מקרב. גרים אָבער, ווי די מצריישע ערב־רב ברענגען מער שאָדען ווי נוצען. אזא גרטע ווי אלישבע (די טאָכטער פון א פּראָוואסלאַוונעם גלח) וועלכע איז געוואָרען א העברעאישע פּאָעטין איז א כבוד פאר דער מענשהייט. און אפילו דער גר־צדק גראף פּאָטאָצקי, פארנעמט א פּלאַץ אין אונזערע כראָניקס און שוין אָפּגערעדט פון יהודה דער מאמין (דער גלויביגער — ווי ער האָט זיך גערופען) וועלכער איז פאר־ברענט געוואָרען פאר דעם חטא אויפן שייטערהויפן פון דער אינקוויזיציע ****) און נאָך און נאָך אזעלכע ערליכע באוואוסטזיניגע, איבערצייגענדע גרים.

אין אלגעמיין איז אָנגענומען דער פרינציפּ וואָס ווערט אויסגעדריקט אין רש״י (ויקרא כ״ד כ״ב) אני ד׳ אלהיכם — כשם שאני מייחד שמי עליכם, כך אני מייחד שמי על הגרים. אויב ס׳איז פאראן אן אויסדרוק, אז „לא יחד הקב״ה שמו אלא על בני ישראל״ (דברים רבה), איז געמיינט צו דערהויבען דאָס לײדענדע אי־דישע פאָלק מיט דעם כח פון דער תורה. דער פאַקט איז דאך אז אידיש פאָלק ווערט געשטראָפט מער ווי אנדערע פעלקער ווי דער נביא עמוס דריקט זיך אויס, דאָס צו פארענטפערען: „ווייל נאָר אייך קאָן איך פון אלע פעלקער פון דער וועלט — דעריבער געדענק איך אלע אייערע זינד״, (עמוס ג׳ ב׳).

---

*) זע סנהדרין ס״ה ע״ב; יבמות ט״ז ע״א; איכה רבתי פסוק „על הר ציון ששמם, מדרש קהלת רבה, פסוק „אמרתי אני בלבי את הצדיק ואת הרשע ישפוט אלקים״.

**) משנה סוף יומא. סוטה מ״ט ע״א־ע״ב.

וועגען ר׳ עקיבא, א באזונדערער ארבעט, דאָ מוז מען מקצר זיין.

****) אין זיין רובריק „פון פרייטאָג ביז פרייטאָג״, „מאָרגען זשורנאַל״ 1־טער דעצעמבער 1944, ווידמעט א. צייטלין, א קאָלום, צו דער געלעגנהייט פון 300 יאָר נאָך יהודה דעם גלויביגען.

זע ר׳ בנימינ׳ס מאמר השערים נפתחים בכל שעה . . . ארשת, ירושלים תש״ד ז״ז ע״ה־פ״ח.

י״ח. — דער אָפּיציעלער אריינטריט פון גרים אלס מיטגלידער פון אידישען פאָלק. — ווי די רעליגיעזע צערעמאָניע ווערט דורכגעפירט.

א גר, ווען ער קומט זיך מגייר זיין, לערנט אונז דער תלמוד, זאָל מען אים פריער דערציילען וועגען דער שטראָף אויף עברות און דער שכר פאר מצוות. מ׳זאָל אָבער ניט אָנוואַרפען אויף אים צופיל מורא וועגען די קאָמפּליצירטקייטען פון אידישען לעבען, וועגען די שוועריגקייטען מקיים צו זיין די מצוות און זיין געהיט פון עברות *). די רעליגיעזע אקטען בעת דער גירות צערמאָנמיע זענען מילה און טבילה; אָן די צוויי זאכען איז ער ניט קיין פולשטענדיגער איד פון אברהם אבינו׳ס בונד. די „עבדים כנענים״ (היידנישע שקלאפען) ביי אידען, וועלכע זיינען באטראכט געוואָרען ווי האלבע אידען, און זענען געווען מחויב אַפּצוהיטען פיל מצוות, האָבען געמוזט האָבען מילה און טבילה.

נאָכדעם ווי אברהם אבינו האָט דורכגעפירט זיין אייגענע מילה, האָט ער אלעמען, אונטער זיין רשות, מל געווען, די „ילידי ביתו״ און די „מקנת כספו״. אין „פּרקי דר׳ אליעזר״ (פּרק כ״ט), ווערט געבראכט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן, אז א גוי קאָן גע׳מל׳ט ווערען, נאָר מיט זיין אייגענעם ווילען, אז ער אליין וויל זיך מל זיין, א קנעכט אָבער האָט מען א רעכט מל צו זיין, אפילו ווען ער פּראָטעסטירט און וויל ניט. דער רשב״א (ר׳ שלמה בן אדרת — נפטר ה׳ ע׳ 1310) אין זיינע תלמודישע באמערקונגען, (יבמות מ״ז ע״ב), ברענגט דאָס פאר דעם פּרקי. דר׳ אליעזר, אז די טבילה פון עבדים קאָן דורכגעפירט ווערען אפילו ווען די לעצטע זענען געגען, ווייל דערמיט ווערען זיי אידען און דאָס איז א זכות פאר זיי.

די מילה אָפּעראציע ווערט דאָך שטארק באטאָנט אין דער תורה; די ערשטע מצוה פון אברהם אבינו, איז דאָך די סאמע וויכטיגסטע, אָן וועלכער מ׳קען קיין איד ניט זיין. דרייצען מאָל „ברית״, באמערקט דער מדרש (בראשית רבה י״ז כ״ג), ווערט דערמאָנט אין דער פרשה פון מילה. צוליב מילה, שבת און געטלעכער דערקענטניש, האָבען אידען זוכה געווען צו האָבען ארץ ישראל און פארלירען קיינמאָל ניט די דאָזיגע רעכט. ניט גע׳מל׳טע אידען, האָבען ניט קיין רעכט אויף ארץ־ישראל **).

וועגען א גר וואָס האָט זיך מל געווען און נאָך ניט טובל געווען, אָדער א גר וואָס איז געבוירען געוואָרען ג׳מל׳ט און מ׳דארף בלויז דורכפירען א קליינע סימבאָלישע מילה („להטיף ממנו דם ברית״), גייט אָן א דיסקוסיע צווישען ר׳ אליעזר און ר׳ עקיבא. ר׳ אליעזר האלט אז ער איז א גר; ר׳ עקיבא האלט, אז ער איז ניט קיין גר, ביז ער האָט ביידע: מילה און טבילה און „קטן שנולד מהול צריך להטיף ממנו דם ברית״ *). דער רמב״ם אין הלכות איסורי ביאה (י״ג) פסק׳ענט ווי ר׳

---

*) יבמות מ״ז ע״ב.

**) בראשית רבה מ״ו.

*) זע יבמות פרק הערל, דף מ״ו.

עקיבא, אז נר וואָס האָט זיך מל געווען און ניט געהאט די טבילה איז ער ניט קיין גר. די טבילה איז, כדי ער זאָל זיך רייניגען פון פריערדיגער „זוהמא" און סיטרא אחרא" און אריין אין „קדושת ישראל". אין דער גמרא יבמות (ע"א ע"ב) ווערט געזאָגט אין נאָמען פון ר' שמעיא אז אן ערבי מהול און גבעוני מהול האָבען ניט דעם דין פון ישראל און טאָרען ניט עסען פון קרבן פסח.

א מינדעריעריגער גר, א קינד, קאָן מען טובל זיין, מיט דער גוטהייסונג פון בית־דין, און ער וועט ווערען באטראכט ווי א איד, ווי די גמרא אין כתובות (י"ג ע"א) זאָגט: „גר קטן מטבילין אותו על דעת בית־דין". ווי תוספות (דאָרט) באַמערקט, איז עס א תקנה פון די חכמים, ווייל „זכין לאדם שלא בפניו" . . . מען האָט א רעכט צו טאָן גוטס פאר א מענש אין זיין אבוועזענהייט. לויט דעם דין פון דער תורה, איז ער ניט קיין איד, ביז ער ווערט א דערוואקסענער מאן און נעמט אויף זיך דאָס גירות *).

דער דין איז אויך געווען, אז א כהן זאָל ניט הייראטען מיט קיין גר'טע. א גיורת אָבער, וואָס איז געוואָרען אידיש ווען זי איז געווען יונגער פון דריי יאָר, האלט ר' שמעון בן יוחאי, אז זי איז מותר צו דער כהונה **).

אז א כהן טאָר ניט נעמען קיין גרטע נעמט זיך פון פסוק אין יחזקאל (מ"ד כ"ב) „ואלמנה וגרושה לא יקחו כי־אם בתולים מזרע בית ישראל". זאָגט דערויף ר' שמעון בן יוחאי, אז אויב זי האָט זיך מגייר געווען פאר דעם עלטער פון דריי יאָר איז זי כשר צו כהונה, און לערנט עס ארויס פון פנחס בן אלעזר הכהן וואָס האָט גענומען נעמען פון די מדינות־געפאנגענע פאר א פרוי. די רבנן זענען געגען ר' שמעון בן יוחאי'ס מיינונג, זיי האלטען אז דער „החיו לכם", מיינט לעבדים ולשפחות. אין דער „מחלוקת" באטייליגען זיך אויך ר' אליעזר בן יעקב, ר' יהודה און ר' יוסי, דער לעצטער האלט אז עס מוז זיין „מי שנזרעו בישראל", דער כהן זאָל מעגען הייראטען.

דער רמב"ם פסק'ענט אז א גיורת, אָדער א דינסט וואָס איז באפרייט געוואָרען און געוואָרען א גיורת אפילו אין עלטער פון ווייניגער פון דריי יאָר איז אסור צו הייראטען מיט א כהן, זי הייסט א זונה . . . *).

---

*) זע „דורש לציון" פון ר' יחזקאל לאנדא (מחבר פון די בארימטע שאלות ותשובות נודע ביהודה), דרוש ט' און י', א וואונדערלעכען פלפול אויף דער טעמע, באריערענדיג אויך די קשיא פון תוספת ווי אזוי קאָן מען זוכה זיין צו א קטן, ס'איז דאָך דער דין אין שליחות לקטן, קליין קינד קאָן ניט מאכען קיין שליח. ס'איז דעריבער א פראגע ווי אזוי איז אים דערלויבט צו הייראטען א אידישע טאָכטער. תוספות האָט פארענטפערט אז די חכמים האָבען כח אים מתיר צו מאכען. דער ענין איז זייער וויכטיג, אָבער ווילענדיג שפּאָרען פלאץ, מוז מען מקצר זיין, ווייל ס'האָט ניט קיין ספּעציעלער שייכות צו אונזער ארבעט.

**) יבמות ס' ע"ב, ס"א, ע"א; קדושין ע"ח ע„א; זע אויך „דורש לציון" דאָרט, דעם שייכות פון די צוויי דינים גיורת . . . און קברי עכו"ם וואָס ר' שמעון האלט אז „אין מטמאים" און לערנט עס ארויס פונם „החיו לכם" ביים מלחמת מדין, אז פינחס דער כהן, האָט זיך געמעגט מטמא זיין און הרגענען בלעם'ן און נעמען א גיורת, אפילו פאר א פרוי. זע אויך הג"ה מבן המחבר ר' שמואל, פון זיין שווער ר' פיבש.

*) הלכות איסורי ביאה, פרק י"ח, הלכה ג'. דער ראב"ד פרעגט אָפּ דעם רמב"ם און האלט אז זי איז ניט אסור צוליב זונה, נאָר צוליב דעם פסוק: בתולות מזרע ישראל, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער דערמאנטער גמרא קדושין. דער מגיד משנה

אין תלמוד גייט אויך אָן א שארפע פּאָלעמיק צי „קהל גרים אקרי קהל", צי א גר מעג הייראטען די יעניגע וועלכע זענען פארבאָטען צו אידען. די רבנן האָבען געלערנט א גר מעג נעמען א ממזרת, דאָס איז די מיינונג פון ר' יוסי; ר' יהודה זאָגט, א גר טאָר ניט נעמען קיין ממזרת. פארוואָס? ווייל ס'שטייט אין דער תורה פינף מאָל „קהל" . . . ר' יהודה האלט אז כהנים און לויים קאָן מען ארויסלערנען פון איין קהל, בלייבט איבער איין קהל פאר גרים *).

די גרים פון עמוני און מואבי האָט די תורה גע'אסר'ט, פארבאָטען. די גמרא (יבמות ס"ח ע"א) זאָגט, אז א אינגעל פון זיי, א גר, פון ניין יאָר מיט א טאָג, הייראט מיט א כהנות אָדער לויה צי ישראלדית, ווערט זי פסול. א פרוי אן עמונית אָדער מואבית האָט מען דערלויבט ווי מיר האָבען פריער דערמאָנט, ווייל עמוני ולא עמונית . . . און באלד דער ערשטער דור איז דערלויבט צו הייראטען אידען. ווענען א מצרית איז א מחלוקת, ר' שמעון איז מתיר די פרויען פון מצרים און ר' יהודה דערלויבט ניט געמישטע הייראט מיט זיי, ווייל „הכתוב תלאָן בלידה" . . . זיי זענען געבוירען עגיפּטער און ביזן דריטען דור ווערען זיי באטראכט אלס אזעלכע **).

פאראן א מאמר אז מקבלין גרים מן הקרדויין ומן התרמודיין — און מיר זאָגען ניט אז זיי שטאמען פון אומלעגאלען געמישטען הייראט פון כתים און אידישע טעכטער. א געמישטע הייראט צווישען איד און ניט־אידען וואָס האָט געבראכט א זון (א היבריד, לויטן רעליגיעזען שטאנד) איז א פראגע צו מען מעג מל זיין דאָס קינד, און אויב יאָ, צי איז די מילה דערלויבט אפילו שבת. די דאָזיגע פראגע האָט פאראינטערעסירט די חכמי התלמוד און ווערט נאָך ביז היינט געפרעגט.

אין ירושלמי (יבמות פרק ב' הלכה ו'), ווערט דערציילט, אז יעקב איש כפר נבורה, האָט געפּסקענט אין דער שטאָט צור, אז מען מעג דורכפירען די מילה אָפּעראציע אין שבת איבער א יונגעל וואָס איז געבוירען געוואָרען פון א פאָטער א איד און מוטער ניט־אידען. ער לערנט דאָס ארויס פון פסוק ויתילדו על משבחותם לבית אבותם אז מען רעכענט בלויז לויטן פאָטער און דער פאָטער איז דאָך א איד. ר' חגי האָט אים אָפּגעפרעגט, באוויזענדיג אים, אז „בנך הבא מן הנכרית אינו בנך אלא בנה" (אז א זון פון איד און ניט־אידין, ווערט באטראכט פאר ניט־איד). אזוי טייטשט ר' שמעון בן יוחאי, דעם פסוק כי יסור את בנך . . .*) און אזוי זאָגט אונז

(דאָרט) פארענטפערט דעם רמב"ם, אז ער האָט בעסער געוואָלט ברענגען איסור פון זונה מן התורה, איידער דברי קבלה. זע „פרדס דוד" פון ר' דוד דישבעק. פרשה אמור. ענלעכען געדאנק פון נודע ביהודה אין „דורש לציון", אז ר' שמעון בן יוחאי וואָס האלט אז קברי עכו"ם אין מטמאים, האלט ער אויך אז זי איז ניט קיין זונה, כשר צום כהן הדיוט, נאָר אסור צום כהן גדול.

*) קדושין ע"ב עב—ע"ג ע"א; יבמות ע"ו־ע"ח.

**) זע יבמות, ע"ז ע"ב — ע"ח ע"א; דורש לציון, י'. *) יבמות כ"ג ע"א—ע"ב.

מצרי שני שנשא מצרי ראשונה — בנה שלישי. אמר ר' יהודה מנימין גר מצרי היה לי חבר מתלמידי ר' עקיבא ואמר אני מצרי ראשון ונשאתי מצרי ראשונה אשיא לבני מצרית שניה כדי שיהי' בן־בני ראוי לבא בקהל.

****) זע אויך שו"ת „בית נאמן" פון הרב אברהם נתן עלבערג סימן א' און סימן י'. ברענגט פארשיידענע דעות׳ דער גאון ר' עקיבא איגר (1769־1837) יו"ד סימן רס"ו, סי"ב קלערט צי מען מעג אים מל זיין שבת, ווייל מיר פּסק'ענען דאָך ווי ר' חגי. דער אויספיר דאָרט אז מ'זאָל אים מל זיין ניט לשם גרות — נאָר אלס איד ווייל הילד כמותה און אפילו אום שבת.

די משנה (קדושין ס"ו ע"ב) און אַזוי ווייזט אויך אויס פון ספר עזרא (י' ג') אַז די אידען האָבען געמוזט אוועקשיקען זייערע ניט־אידישע פרויען און זייערע קינדער פון דער געמישטער הייראַט **).

ר' יעקב האָט צוגעגעבען אַז ר' חגי איז גערעכט. אין מדרש (קהלת פ"ז מ"ד) ווערט איבערגעגעבען, אַז ר' יעקב האָט ניט נאָכגעגעבען און געבראַכט באַ־ווייז פון מילה צום „יליד בית" וואָס מעג דורכגעפירט ווערען אפילו שבת. ר' חגי האָט געענטפערט, אַז „יליד בית", מיינט, דער זון פון אַ שפחה, אַ שקלאַף ***).

אין „חבלים בנעמים", (פערטער טייל, סימן ל') איז פאַראַן אַ שאלה, וועגען אַ איד וואָס האָט געהייראַט אַ ניט־אידין, לויט די געזעצען פון לאַנד, אָן גירות, און ס'איז אים געבוירען געוואָרען אַ זון און ער וויל אים מל זיין, איז די פראַגע צי מעג מען דאָס טאָן?

מל צו זיין ניט פאַר גירות, ברענגט ער פון „בית יוסף" (ר"י קאַרו בעל הש"ע) וואָס ברענגט עס אין נאָמען פון ר' ירוחם און די גאונים אַז מען טאָר ניט מל זיין אפילו אין דערוואַכען. אויך דער רמ"א (סימן רס"ג) פסק'ענט אַזוי. די גמרא עבודה זרה (כ"ו ע"ב) זאָגט דאָך אויך „לשם מורנא (קראַנקהייט) אסור . . . אָבער בשכר שרי. (פאַר באַצאָלונג מעג מען דאָס טאָן). ער פרעגט, ווי אַזוי האָט יוסף געמעגט מל זיין די מצרים שלא לשם גירות. מ'קאָן אויך פרעגען ווי האָט יעקב דערלויבט מל זיין די אנשי שכם, אויסער אַז ער האָט געמיינט לשם גירות . . .

אַלע האַלטען אָבער, אַז מל זיין זון פון הייראַט מיט ניט־אידין, איז בלויז שבת ניט דערלויבט לויט ר' חגי, אינדערוואָכען איז קיין פראַגע ניט אַז מען מעג דאָס טאָן. דער איינציגער וואָס איסור'ט איז דער פרישה (ר' יהושע ולק כץ) אַזוי ווייזט אויך אויס, פון יור"ד סימן רס"ו, וואו עס רעדט זיך וועגען מילה בשבת *).

דער רמב"ם פסק'ענט, אַז גר קטן מטבילים אותו על־דעת בית־דין שזכות הוא לו . . . *) דער פני יהושע פרעגט אויף דער גמרא מטבילין, פאַרוואָס ניט מלין . . . אַנדערע זאָגען אַז מילה אָפעראַציע טאָר מען ניט. ס'ווייזט אָבער אויס, אַז ער האַלט, אַז דער אידישער ראַבינאַט, האָט די רעכט מל צו זיין קינד און עס

*) זע „יפה מראה" דאָרט, פרעגט, פאַרוואָס מען לערנט ניט ארויס פון עזרא, און ענטפערט אַז דאָרטען איז געווען „הוראת שעה", באַמענטאַלע גזרה צוליב דע־מאָלטדיגען געפאַר פון פרעמדען איינפלוס.

**) זע ר"ן סנהדרין נ"ט ע"ב, אָנהייב־וואָרט „אלא" אַז אברהם האָט מל געווען זין פון קטורה — זיין פרוי . . .

***) אויספיר אין חבלים בנעימים: אויב פאָטער און מוטער ווילען אים מל זיין לשם גירות, ווען ער וועט גרויס ווערען אים טובל צו זיין, איז געוויס דערלויבט, (אַזוי האַלט דאָך רב הונא: גר קטן מטבילין אותו על דעת בית דין . . . (כתובות י"א ע"ב). אין יורה־דעה סימן רס"ח סעיף ז' ווערט געזאָגט: מען איז ניט מגייר קיין מינדעריאָריגען, סיידען זיין פאָטער אָדער מוטער אָדער ער אליין קומען צום בית דין און פאַרלאַנגען דאָס. תוספות כתובות מ"ד אָנהויב־וואָרט „הגיורת", שרייבט אויך אין מטבילין קטן ע"ד בית־דין אלא אם־כן הוא תובע . . ." אויב די עלטערען ווילען אים מל זיין, אפילו זיי זאָגען ניט לשם גרות, ווערט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרות־אַקט.

****) פרק י"ג, הלכות איסורי ביאה הלכה ז'.

מגייר זיין, אפילו די עלטערן זענען ניט מסכים. אויך דער רמב"ן פסק'ענט אזוי. זייער מקור איז געווים פון דערמאנטען מאמר אין ירושלמי (יבמות פ"ח ה"א). אין שלחן ערוך ווערט אָבער געפסקענט אז עס דארף זיין רצון ההורים. יעדענפאלס דער קטן זאָל זיין א תובע, זאָל קומען און דאָס פארלאנגען.

א גר, ווען ער איז זיך מגייר, ווערט ער באטראכט ווי א ניי־געבוירענער, כקטן שנולד דמי. צוויי ברידער גרים מעגען עדות זאָגען איינער פאר דעם אנדע־רען *). א גר האָט אָבער מוטערליכער פארוואנדשאפט און איז אסור צו הייראטען זיין שוועסטער פון איין מוטער **). א פרוי, א שוואנגערדע וועלכע איז זיך מגייר, דארף איר זון ניט האָבען קיין טבילה ווייל עובר ירך אמו הוא ***).

א גר איז פסול צו משפטן אנד. ער מעג אָבער משפטן א גר און אויב זיין מוטער איז א אידישע מעג ער משפטן *) די זין זיינע וואָס זענען געבוירען געוואָרען איידער ער האָט זיך מגייר געווען ירשענען אים ניט **).

ר. אליעזר בן הורקנוס האָט געהאט א שארפע שטעלונג צו גרים, געצוויי־פעלט אין זייער ערנסטקייט. ער האָט אָפּגעענטפערט זייער שארף דעם עקילס הגר וואָס איז געקומען מיט אים דיסקוטירען און נאָך שארפער אָפּגעענטפערט א פרוי וואָס איר פארגאנגענהייט איז געווען א פארדאָרבענע ר' יהושע האָט זיי אָבער אויפ־גענומען פריינטליך **) מ'האָט מורא געהאט פאר די אויבערפליכטלעכע גרים „לפי שסירו דע" ***) אז זיי טוען דאָס ניט מחמת אהבה.

אין באצוג צו גרים, האָט אויך דער כוזרי אָנגענומען די שטעלונג פון מדת־הדין, האלטענדיג אז נאָר אידען זענען ראוי צו נביאה (כוזרי א' קט"ו.

אין דער גמרא פסחים (פ"ז ע"ב) איז אָבער פאראן א מאמר אז גאָט האָט פארטריבען די אידען אין גלות כדי ס'זאָלען זיך מערען צו זיי גרים. ***). דער אמת איז, אז פון גוטע גרים זענען מיר צופרידן און זייערע זינד צוגיין ווי טוי ****), אפילו פון נבוכדנצר'ס אייניקלעך האָט מען געוואָלט אין הימעל צונעמען פאר גרים ווען ניט די טענה פון די מלאכים אז ער האָט חרוב געמאכט דאָס בית המקדש *****).

---

*) בית יוסף, חו"מ סימן ל"ג.

**) זע סנהדרין נ"ח; יבמות כ"ב; זע אויך „פרשת דרכים פון ר' יהודה רוזא־נים,, (בעל משנה למלך) דרוש א'.

***) רבא'ס מאמר אין יבמות ע"ח ע"א. אויך אנדערע פרטים וועגען גרים.

*) סנהדרין ל"ב, יבמות מ"ב און ק"ה קדושין ע"ו, טור חו"מ ז'.

**) קדושין י"ז ב"ב קמ"ט חו"מ סימן רנ"ו. זע אשר גולאק, יסודי המשפט דביר ירושלים — ברלין תרפ"ג (3) 85; (4) 42.

**) בראשית רבה ע', קהלת רבה ז' ח', במדבר רבה ח' שמות רבה י"ט.

***) ב"ק נ"ט ע"ב יבמות מ"ח ע"ב מכילתא שמות כ"ב כ', מסכת גרים, רש"י הוריות י"ג ע"א, קדושין פ„ב ע"א און אנד. מקומות.

זע בכר אגדות התנאים חלק ראשון.

ז. 80, נאָכבאם. סור זאָל מיינען שאור שבעיסה אָדער ווי רש"י טייטשט: אָפּגעקערט.

****) זע „ימין ושמאל רכ"ו, אז קאָזשעניצער מגיד האָט שטארק געקלאָגט אויף דעם וואָס דער סרן דארף ליידען צוליב דעם ריוח פון גרים און אז מיר בעטען אבינו מלכנו הרם סרן ישראל עמך — מיר זענען דיר מוחל דעם פראָצענט, די גרים, דערהייב בעסער דעם סרן . . .

*****) זע סנהדרין צ"ו, בראשית רבה ל"ט.

אז מען נאָר ניט נאַרען דעם גר און מען טאָר אים אויך ניט דריקען, האָבען מיר שוין פריער דערמאָנט פון דער משנה אין בבא מציעא (פרק ד' משנה י') „אם הוא בן גרים, לא יאמר לי זכור מעשה אבותיך . . ." און ווי די גמרא דאָרט נ"ח ע"ב) פירט אויס: לא תונו איש את עמיתו — באונאת דברים . . . פה שאכל נבלות וטרפות . . . בא ללמוד תורה שנאמרה בפי הגבורה . . ." און ר' יוחנן זאָגט אז „אונאת דברים" איז נאָך ערגער פון אונאת ממון, ווייל ביי דעם איז געשריבען, זאָלסט מורא האָבען פאר גאָט . . . און ר' אליעזר זאָגט: דאָס איז אין קערפּער און דאָס אנדערע איז בלויז שאָדען און געלט . . . די גמרא (דאָרט נ"ט ע"ב) זאָגט אויך אז דער וואָס טוט ווייַ צו דעם גר, איז ער עובר אויף דריי „לאווין": 1) וגר לא תונה (שמות כ"ב כ'); 2) לא תונו אותו (ויקרא י"ט י"ז) ולא תונו איש את עמיתו (דאָרט כ"ט ט"ו. דאָס זעלבע ווערט געזאָגט וועגען דעם וואָס דריקט דעם גר. ר' אליעזר הגדול זאָגט: וואָרום האָט די תורה געוואָרענט זעקס און דרייסיג מאָל און טייל זאָגען זעקס און פערציג מאָל וועגען גר — מפני שסורו רע!

אויף דעם פסוק „כי גרים הייתם במצרים" — באמערקט די גמרא, מום שבך אל תאמר לחברך (דיין פעלער, זאָג ניט אויף דיין חבר).

א גר צדק האָט אלע רעכטען ווי איד, ער איז „רעך" אין פולען זין פון וואָרט *). א גר תושב וואָס האָט גענומען אויף זיך ניט צו דינען עבודה זרה אָבער עסט נבלות און טרפות, ווערט שוין מיט אלץ באטראכט ווי „רעך". די משנה זאָגט: גר תושב יש בו משום ביומו תתן שכרו ואין בו משום לא תלין פעולת שכיר. . . **)·

אז מען באַ'גזל'ט א גר און דער לעצטער איז געשטאָרבען, איידער די גזלה איז אומגעקערט געוואָרען, געהערט דער „גזל הגר" צום כהן. דאָס איז איינס פון זיינע פיר און צוואנציג מתנות *). א גר צדק איז אָבער זוכה, אז זיינע קינדער זאָלען נעמען קדשים, זאָלען ווערען כהנים און בענשען אידיש פאָלק מיט ברכת כהנים **). ביים רעזומירען די קאָנקלוזיע וועגען גרים,, ווייל איך זיך באנוצען מיט נאָך עטלעכע ציטאטען פון דער תלמודישער ליטעראטור. ר' שמואל בר נחמני אין נאָמען פון ר' יודן זאָגט: דריי מאָל האָט נעמי געזאָגט „שבנה" — דאָס באווייזט אז דריי מאָל דאַרף מען אָפּרעדען דעם גר פון זיך מגייר זיין, און אויב ער איז איינגעשפּאַרט — נעמט מען אים צו . . . „לעולם יהא שמאל דוחה וימין מקרבת" *).

די גרים ווערען ניט מקרב אין הימעל ביז זיי דערנענטערען זיך אליין. זע קדושין ע' ע"א.

מען נעמט אויך ניט צו קיין גרים אין משיח'ן צייטען, צוליב דער מורא פון ניט ערנסטקייט, און ניט ווייניגער צוליב דער געפאַר פון אן ערב־רב איבערפלוס **). ווען די געפאַרען זענען ניטאָ, איז די באציאונג צום גר א צאַרטע, אן איידעלע, א

*) דאָרט קי"א ע"ב.
**) דאָרט פרק ט' משנה י"ב.
*) בבא ק"י ע"ב.
**) במדבר רבה ח' (נשא).
*) מדרש רבה, רות, פסוק שבנה בנותי . . .
**) זע רמב"ם, הלכות מלכים י"ב א'־ה'.

מענשלעכע. מ׳נעמט זיי אריין אין דער אידישער געזעלשאפט, מיט איינזען און פאר־שטענדעניש, מען איז זיי בקרב מיט אלע מעגלעכקייטען.

דער גר האָט געהאט די פולע רעכט, ווי דער איד, אפילו וועגן ראטעווען זיך אין די אנטרונונגס־שטעט, אויב ער האָט געטויט א מענש, א איד „בשוגג", ניט ווילענדיג, דורך א קאטאסטראָפאלען־אומגליק. (זע, יהושע כ׳ ט׳).

היינטיגע צייטען נעמט מען ניט גר תושב אפילו אזא גר תושב וואָס נעמט אויף זיך צו היטען אלע מצוות חוץ עסען נבלות. מען נעמט בלויז צו א גר צדק וואָס נעמט אויף זיך צו היטען אלע מצוות כשרות אריינגערעכט (זע ע״ז ס״ד ע״ב; ערכין כ״ט ע״א; בכורות ל׳ ע״ב) און אפילו א גר צדק רעדט מען אָפּ פון גרות (זע יבמות מ״ו ע״א, מ״ח ע״א. זע אויך מסכת גרים, וואו עס ווערען אויסגערעכענט אלע דע־טאלען פון גר: כל המתגייר משום אהבה או יראה אינו גר).

מ׳האָט מורא געהאט פאר די גרים וועלכע וועלען זיך אומקערען צו גויאיש־קייט. אויף דעם פסוק „כי תצא למלחמה על אויבך" (דברים מ״ט י׳) דרש׳ענט מען: „בגר שחזר לסורו", אויף א גר וואָס האָט זיך אומגעקערט צו היידנישקייט. און אבא חנן האָט געזאָגט, פארוואָס ליידען גרים, ווייל זיי טוען דאָס ניט מיט ליבשאפט (זע מכילתא, שמות כ״ג ד׳; יבמות מ״ח ע״ב).

ניט ווילענדיג מער מאריך זיין אין הלכות גרים, ווייל דאָס געהערט באמת צו א באזונדער ארבעט, וויל איך דערמאנען די מילדקייט פון ר׳ יהושע בן חנניה צו גרים אז ער האָט מתיר געווען גרים עמונים ווי יהודה גר עמוני, מיט דעם תירוץ אז סנחריב האָט צעמישט און אויסגעמישט אלע פעלקער און ס׳זענען מער ניטאָ קיין ראסען־ריינע פעלקער (זע אינטערעסאנטע דיסקוסיע אין ידים פרק ד׳ משנה ד׳; ברכות כ״ח ע״א).

וועגן הייראט ענינים פון גרים, האָט די אידישע הלכה אויסגעארבעט אלע איינצעלהייטען נאָכפאָלגענדיג די פארשיידענע שטעלען אין תלמוד בבלי, ירושלמי און אין מדרשים *).

---

*) זע בכורים א׳ ה׳ קדושין ע׳ ע״א — ע״ג יבמות מה. מ״ו, ס״ז ע״א, ס״ט און אנד. מקומות אין בבלי און ירושלמי מדרש רבה רות: בראשית י״ח.
זע רמב״ם איסורי ביאה פרק י״ג פרק י״ד. שו״ע יו״ד רס״ח־רס״ט.

III

באציאונג צום מענש

אתה הבדלת אנוש...

א.

אנוש, מענש. אַט די פיר אותיות פאַרמעסטען זיך שטענדיג מיט אַן אנדער באשעפעניש, וואָס האָט אויך אין זיך פיר אותיות — בהמה. קאָנטראַסטיש זיינען די לעצטע פון דער בריאה — די בעלי־חי. מענש: דאגה'ט, טראכט, צווייפלט: דער מענש זעט פאר זיך שלעכטס. ער זעט פיין און פילט לייד. ער באטראכט שווערע וואָלקענס וואָס פאַרשפרייטען זיך איבער זיין האָריזאָנט. בהמה: ראגה'ט ניט, טראכט ניט. האָט ניט מעהר ווי אינסטיקט.

דער מענש! — אינם באגין פון וועלט־באשאַף, ווען נייע ווינטען האָבען אָנגעפאנגען צו בלאָזען איבערן ערד־קוגל; ווען פעלד און בוים האָבען געשמאקע פרוכט אָנגעהויבען געבען; ווען פאַנאָראַמעס האָבען זיך אָנגעהויבען אויסשיילען פונם תהו ובהו. די גאנצע נאטור איז באשמעקט געוואָרען מיט די געשמאַקסטע ריחות, און האָט באצויבערט מיט איר פראכט און מיסטישער עסטעטיק, און דאָך האָט אין איר געפעלט פאַלקאָמענהייט. עס האָט געפעלט אין איר די לעצטע באשאַ־פונג, דער מענש — „ואָדם אין לעבוד את האדמה"...

אָן דעם מענש האָט ניט קיין זין די גאנצע בריאה. אָן דעם מענש האָט ניט קיין ווערט די גאנצע וועלט מיט אלע אירע וואונדער. דער מענש איז דאָך דער וואָס דעקט אויף אירע סודות, וואָס אנטפּלעקט די סתרי הטבע. „מי הוא זה שגילה סתרי"? — פרעגט דאָס בת קול — און דער ענטפער איז אני האדם! איך, דער מענש האָב אויפגעדעקט די גאנצע מיסטיק, די פארהוילענקייט, — ענטפערט דער וואָס איז באשאפען געוואָרען אינם „צלם אלקים".

נערעכט איז דער בארימטער אמעריקאנער עסייאיסט. ד"ר לימאַן אבאָט, ווען ער זאָגט אז „א פאָלק ווערט גרויס ניט ביי אירע פרוכטבארע אקער־לאנד, נאָר דורך די מענטשען, וואָס באארבעטען זיי; ניט ביי אירע מינען, נאָר דורך די מענטשען וואָס עקספּלואטירען זיי; ניט ביי אירע אייזענבאנען, נאָר דורך די מענשען וואָס בויען זיי און מאכען זיי לויפען. אמעריקע איז געווען א גרויס לאנד ווען קאָלאָמבוס האָט עס אנטדעקט; די אמעריקאנער האָבען עס געמאכט פאר א גרויס פאָלק, א מעכטיקע נאציע.

מענש! — ניט יעדער איז זוכה צו דעם הויכען טיטול. מען דארף געוווּנ אויף זיך ארבעטען כדי צו דערגרייכען דעם טיטול. מען דארף זיך פריער מטהר זיין, מען דארף זיך פריער מקדש זיין, ביז מען איז זוכה צום טיטול אדם. „אדם אתם" — זאָגט דער נביא, און אונזערע חכמים באמערקען: — „אתם קרואים אדם"... נאָר דורך קבלת התורה און פאַרפאָלקאָמונג פון אירע מצוות, האָבען די חכמי התלמוד געהאלטען, קאָן א איד זוכה זיין צום הויכען טיטול פון אדם — מענש.

די תרי"ג מצוות זיינען דאָך געצילט צו היילינען דעם מענטש, אים צו

דערהייבען צו דער שכינה, אזוי אז דער „והתקדשתם" איז אן און פאר זיך א מצות־עשה, וואָס נעמט ארום אלע מצות פון דער תורה (זע תוס׳ יבמות כ׳ ע"ב). דער תכלית איז: „והייתם קדושים". און די אורזאך: — „כי קדוש אני"! מענשלעכע הייליגקייט ווערט געפאָדערט פונם מענש, וואָס איז באשאפען מיט׳ן צלם אלהים.

באטראכט מען גוט דעם גייסט פון אונזערע נביאים, פארטיפט מען זיך אין זייערע נשמה תהומות, קאָנען מיר פון דער אויבערפלאך דערזען זייער שטרעבען צו זעען דעם „בן אדם" א געלייטערטען, א גערייניקטען, וואָס זאָל ווערן זיין די צירונג מענש, מיט וועלכער מיהאָט אים באשאָנקען: „ואתה בן אדם מה ה׳ דורש ממך . . . עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם ה׳ אלקיך"!

אָבער אויך אינם בחיר היצירה געפינט מען בהמה׳שקייט, חיה׳שקייט. די עמאָציע ביים מענש איז א געמיש פון אינסטינקט און שכל. ווען דער מענש פאלט ארונטער, זינקט פון זיין הויכקייט אין טיפען גרונט אראָפּ, דאן ווערט ער פאר־וואנדעלט אין א חי־מדבר, אין א רייסענדיגע צוויי־פיסיגע חיה. ווען דער מענש פארלירט דעם צלם אלקים, דעם געטליכען שכל, דאָס הייליגע אין אים, דאן איז „אנוש מה יזכהו". דאן ווערט ער פאראלעל פארגליכען צו דער בהמה — אָדם ובהמה תושיע ה׳ . . .

מענש! — דער העכסטער אויסדריק פון דער בריאה; די רעפלעקציע פון גאָט, באשאפען מיט צלם און דמות אלקים, די באשעפעניש וואָס האָט דערגענצט די יצירה פון מעשי־בראשית, דער „בחיר היצירה" — די וואונדערלעכסטע באשא־פונג פון גאָט. אויך ער, ליגט איינגעשפארט אין געפענגעניש.

דער מענש איז פול מיט תאוה, מיט פרעכקייט, מיט געמיינקייט, מיט מעלאנכאָליע, מיט הערבסט־טרויער, און דאָך איז ער אויפגערעגט, רייצענדיג, זידיג, דריקט זיך אוים דער מחבר פון תהלים וועגען מענש אָט וואָס:

„ד׳ משמים השקיף על בני אדם לראות היש משכיל דורש את אליהם, הכל סר יחדיו, נאלחו. אין עושי טוב" גאָט קוקט פון הימעל אראָפּ צום מענשען, און וויל זען צווישען זיי א גאָט־זוכער, זעט ער אָבער ווי אלע קערען אָפּ, זיינען פאר־דאָרבען און טוען ניט קיין גוטס (תלהים י"ד ב"ג).

ער זעט דעם מענש אין זעלביגען געשטאלט ווי א חיה. און נאָך וואָס פאר א חיה — „דמיונו כאריה יכסוף לטרוף וככפיר יושב במסתרים". ער איז פונקט ווי א לייב וואָס גלוסט צו פארצוקען, ווי א לעמפערט ליגט ער אין באהעלטעניש . . . (תהלים י"ז י"ב).

אָדער:

„עם האָבען מיך ארומגערינגעלט א סך קי, שטארקע פון בשן האָבען מיך ארומגענומען" (תהלים כ"ב י"ג).

ניט אומזיסט שרייט איוב אוים מיט׳ן הויכען קול: „לשחת קראתי אבי אתה ואחותי לרימה" (צום גראָז האָב איך געזאָגט: ביסט מיין פאָטער און צו ווע־רים: שוועסטער מיינע. (איוב י"ז י"ד).

איוב זעט ניט אין מענש אויסער דאָס קערפערליכע, דאָס ווערעמדיגע:

„אף כי אנוש רמה ובן אדם תולעה" (יוב כ"ה, ו'). ער זעט ניט מער אינם מענ־שענס בריאה ווי אַט דאָס וואָס „כי אדם לעמל יולד"... און „סוף כל אדם למות". ער לעבט זיך אָפּ זיין קורצע צייט און נאָכהער איז ער „תבא בכלח אלי קבר... וגבר ימות ויחליש ויגוע אדם ואיו (איוב י. ב').

ער זעט די איראָניע פון לעבען וואָס ענדיגט זיך מיט'ן טויט, און טויט איז ביי אים אויך ניט מער ווי צוריקקעהר צום מקור „ואדם אל עפר ישוב (איום ל"ד, י"ד).

איוב שיקט אהין דעם מענש צו די חיות, ווייל ער האלט, אז פון זיי קאָן מען א סך לערנען. „מלפנו מבהמות ארץ" (ל"ה, י"א). די פאבלען האָבען ניט קיין גרונט, קיין סוף. די גרעסטע קינסטלער און ליטעראטור שאפער, אזעלכע ווי עזאָפּס, קרילאָוו, צו אפילו רודיארד קיפלינג האָבען דעם מענשען אנדערש ניט געקענט אָפּשפּיגלען נאָר מיט דער הילף פון דער חיה. און אז דניאל זעט נבוכדנצר'ס לע בען, דאָס לעבען פון א דעספּאָט און טיראַן, און אז ער הערט אויס זיינע חלומות, ווייסט ער באלד אז זיין פּלאַץ איז צווישען די חיות פון וואלד — ולך טרדין מן אנשא ועם חיות ברא להוי מדרך ועשבא כתורין לך יטעמון (דניאל ד' כ"ב).

מענש איז ניט אייביגקייט, פונקט אזוי ווי אלץ וואָס האָט א רוח חיים איז באגרעניצט; האָט אַן אָנהויב און א סוף. דער מענש איז ניט מער ווי אַן אפּאראט, א שוואכער אָביעקט. „כי רוח עברה בו ואיננו" ערשט לעבט ער, ווירקט און שאפט און אַט קומט די פארשאָלטענע צייט און ניטאָ מער דער מענש. ניטאָ ביי אים קיין זכר פון לעבען. ער איז טויט! ער האָט פארענדיגט דעם סוד פון דער בריאה!

אייביג איז דער סאמע טויט אליין. ער איז אונבאגרעניצט. אויך די ערד, די בערג. דער דומם — איז אייביג. אז משה אָדער ישעיה האָבען געוואָלט זוכען עדות פאר זייערע וואָרנונגען האָבען זיי ניט געפונען קיין אנדערע ווי דעם הימעל און די ערד: האזינו השמים ותשמע הארץ... אָדער שמעו הרים את ריב ד'. דער מענש, דער בשר ודם איז: „היום כאן ומחר בקבר". אָבער הימעל און ערד זיינען עדות וואָס עקזיסטירען אויף אייביג.

דער מענש?

וואָס פאר א חשיבות האָט ער לגבי די אייביגקייט, כל הגבורים כאין — כי הכל הבל".

און דאריבער האלטען זיך ניט ביי אים די אטריבוטען פון אמת און צדק, וועלכע זיינען אויך אייביגקייטען. דער היינטיגער אמת איז דער אייביגער אמת פונם נעכטען און פונם מאָרגען.

ווען דער רבונו של עולם איז געגאנגען באשאפען דעם מדרש — דערציילט דער מדרש — האָבען זיך אין הימעל געשאפען פּאַרטייען. טייל האָבען געזאָגט, מען זאָל אים ניט באשאפען און טייל האָבען געזאָגט מען זאָל אים יאָ באשאפען. דער אמת האָט געזאָגט: „זאָל ער ניט באשאפען ווערען ווייל ער איז בלויז שקר".

וואָס האָט גאָט געטאָן? — פרעגט דער מדרש — און דערציילט, אז גאָט האָט זיך אַן עצה געגעבען: ער האָט דעם אמת אראָפּגעוואָרפען אויף דער ערד ווי דער פסוק זאָגט: „ותשלך אמת ארצה" (ב"ר ח' ה'). ער האָט געשיקט דעם אמת

ער זאָל פּרובירען צו זיין אויף דער ערד און קענען אויסקומען מיט ריינעם אמת, און אויב ער וועט ניט אָנגעשטעקט ווערען פונם שקר. ערשט דעמאָלט זאָל ער קומען קריטיקירען. אין הימעל איז דאָך קיין קונץ ניט צו זייען ערלאָך. ביי וועמען זאָל ער גנב'ענען ביי די מלאכים, אבות? . . . *).

שוין טויזענטער יאָרען ווי מען לערנט דעם מענש מאָראַל, עטיק, עסטעטיק, קולטור, רעליגיע און דאָך איז ער ווייט פון זיי.

העכסטענס דינען די אַלע באַגריפען פאַר אים אַלס מלבוש, בעסער געזאָגט, אַלס מאַסקע. גיט מען נאָר א קראַץ אין דער מענשליכער הויט און עס שפּרינגט ארויס די חיה רעה אין אים. דעמאָלסט רעכענט ער זיך ניט מיט עטישע קאָדעקסען וועגען מאָראַל. ער קוקט מער ניט אויף דעם וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט.

מענשען זיינען שוואַכלינגען, זיי קענען זיך ניט קאָנטראָלירען. מערסטע עבירות באַגייען מענשען צוליב זייער שוואַכען באַהערשען זיך. „אין אדם עובר עברה אא"כ נכנס בו רוח שטות". וואָלט דער מענש געווען שטאַרק, געהאַט אַן אייגען־פעסטען כאַראַקטער און שכל, דאַן וואָלט ער קיין פאַרברעכענס ניט באַגאַנגען. אויף דעם פּסוק הוא ישופך ראש, די קללה וואָס גאָט האָט געשאָלטען דעם שלאַנג, דעם „נחש הקדמוני", האָט מיין רבי הגאון ר' י. ל. גרויבאַרט ז"ל געטייטשט: „האדם ישופך — ראש" דער מענש וועט דיך בייסען, באַקעמפען מיט'ן שכל פונם קאָפּ . . .

וויפיל מענשען האָבען אָבער שכל?

איבערצובויען פלוצלינג די מענשען, צו ענדערען זייערע געפילען — דאָס איז אונמעגליך. צו שפּל'דיג, צו קליינליך זיינען די מענשליכע ווענזענס.

עס ווערט דערציילט וועגען א טיף דענקענדיגען מענש, א שיכור, וואָס פלעגט נאָכ'ן אָנשרייבען אַן אָפּהאַנדלונג איבער די סובטעלסטע אידעאַלע ענינים באַגיין די ערגסטע מעשי תעתועים, וואָס פּאַסען ניט פאַרן געמיינסטען פאַרברע־כער. ווען מען האָט אים געפרעגט ווי אַזוי קאָן זיך א מענש אַראָפּלאָזען פון אזא הויך אין אזא אָפּגרונט אריין, פלעגט ער לאָקאָניש ענטפערן: די האָפנונג צו־צו־קומען צו דער השלמה, האָב איך שוין פאַרלוירען, לאָמיר כאָטש דערגרייכען דאָס שלימות'דיגע פון טומאה!

עס ווערט דערציילט וועגען גרויסען גריכישען פילאָזאָף אריסטאָטעלס, וועל־כער האָט אליין געשאַפען ווערק וועגען עטיק און מאָראַל, און געווען א גרויסער אָנהענגער פון פלאַטאָנס מיינונג וועגען ליבע, און דאָך איז ער אליין אריינגעפאַלען: אָפּרעדענדיג זיין חבר'ס פרוי, ניט קענענדיג באַהערשען זיין יצר־הרע, זיינע גע־פילען *). מיט געדאַנק און לאָגיק קאָן מען ניט באַקעמפען די חיה'שע אינסטינקטען.

אז ביי דער מענשהייט אַרבייט ניט דאָס געוויסען, קאָן דינען אויך דער פאַקט, וואָס זי ווערט געפירט פון געוויסענלאָזע אמביציעזע קליינע מענשעלאַך.

---

*) בראשית רבה ה' ה'. ר' יהודה־ליב גרויבאַרט טייטשט: ער האָט געהייסען דעם אמת, עפּעס אויפטאָן אויף דער וועלט, — דאַן וועט ער האָבען דאָס רעכט צו קריטיקירען.

**) זע „קדמוניות" פון (פלאַוויוס; „ישראל קדושים", פון וועלט גאון און רבי ר' צדוק הכהן מלובלין זצ"ל ז. 46).

אָט מיט 25 יאָר צוריק האָט די וועלט דורכגעמאכט א בלוטיגען קאראהאָד טאַנץ. די מענשהייט האָט טייער באצאָלט פאר דעם בלוטיגען ספעקטאקעל. זי האָט באצאָלט מיט צענדליגע מיליאָנען לעבענס, און איצט האָבען מיר שוין די צווייטע וועלט־שחיטה. די שרעקליכע שטימע פון מעפיסטא — קריג פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען — קלינגט אין אלעמענס אויערען. מען וויל ניט איבערלאָזען די וועלט אין די הענט פון פויסט, און דאָך זעען מר אז פיזישע מאכט אנטשיידעט די פראגע פון רעכט . . .

יאָ, מיר געדענקען נאָך די ווערטער פונם גרויסען בעלגישען דיכטער מאָ־רים מעטערלינק:

„ניין, ניין! איך גלויב עס בשום אופן ניט. איך גלויב ניט, אז קרופס האר־מאטען וועלען זיגען איבער דער מענשהייט . . . באלד האָט ער דערזען, ווי די שווע־רע דייטשע קאנאָנען האָבען צושמעטערט דעם לעצטען פארפעסטיגטען אָפדאך פון זיין לאנד — אנטווערפען.

אויך איצט האָט מען ניט געגלויבט אז אזא דעמאגאָג און שונא פון דער מענשהייט און ציוויליזאציע וועט קענען ארויספירען דאָס דייטשע פאָלק אויף די שלאכטפעלדער, מ'האָט געמיינט אז דאָס ליבעראלע דייטשלאנד, וועט זיין מעכטיגער פון זיינע קאנאָנען און נאצי ליגנער — איצט זעט מען ווי אזוי ער פירט זיי — אפילו אין פייער אריין.

אָבער פונקט ווי מעטערלינג איז ניט געוואָרען פארצווייפעלט, אזוי גלויבען מיר אויך אין אונזער נצחון איבער נאציזם, איבער ברוטאליזם, איבער שנאה און אנדערע גיפטען וואָס פאר'סמ'ען די מענשהייט, די „קוים מענשליכע מענ־שען" וואָס געפינען זיך אויף דער ערד און זיינען אזוי ווייט פונם הימעל. מיר האָפען צו געפינען צווישען זיי א מענשהייט, א באפרייטע, א גערעכטע און פארנונפטי־גע . . .

צו די דאָזיגע אומשולדיגע האָט דער בארימטער ענגלישער דיכטער שעלי, דער גרויסער מאטעריאליסט און רעוואָלטירער געזונגען:

„זייט די זריעה — אָבער לאָזט ניט דעם טיראן שניידען.
דעראָבערט רייכטום — אָבער לאָזט ניט דעם שווינדלער עס אָנזאמלען.
„וועבט קליידער — אָבער לאָזט ניט די פוילע זיי טראָגען.
„שמידט וואפען — אין אייער אייגענער שוץ צו באנוצען".

אָבער אויך ער, דער גרויסער זינגער פון מענשליכער פרייהייט און מאטע־ריעלע גלייכקייט, האָט דער וועלט מיט אירע מענשען ניט געקענט איבערבויען. דעם ים האָט פארשלונגען זיין לעבען אויפ'ן דרייסיגסטען יאָר (געבוירען 1792, געשטאָרבען 1822). ער האָט דעם באוואוסטזיין ניט דערוועקט. דאָס געוויסען לאָזע האָט געזיגט.

דאָס מענשלעכע לעבען איז פול מיט סתירות. ווילדקייט, רשעות און גיפ־טיגקייט מיט גוטסקייט, שטרעבונג צו יושר און צדק פילען אָן די מענשלעכע מוחות און צעטרייסלען זייערע נשמות. די עטישע רעליגיע איז אָבער בכח צו צאמען דאָס

חיה׳שקייט די „פּאָביע״ ביים מענשען און ארויסברענגען אים צו הייליגער דער־הויבענקייט.

אָסוואַלד שפּענגלער דער דייטשער פילאָזאָף, וואָס האָט פארפאסט א בוך א. נ. „דער אונטערגאנג פון מערב״ און אָנהענגער פון ניטשעאניזם, זעט די צוקונפט פון מענש גאנץ אנדערש ווי אונזערע נביאים. ער זעט אין דער צוקונפט דעם צוריקקער פון די צעזארס, אז דער מענש וועט בלייבען א רויב־חיה, דער ווילען פון די שטארקע וועט דאָמינירען. אין דער צוקונפט־וועלט וועט ניט זיין קיין פּלאַץ פאר ווייכע הערצער, גערעכטיגקייט און פרידען וועלען בלייבען חלומות און קיינמאָל ניט פארווירקליכט ווערען.

אויך ה. דזש. וועלס אין זיין באריםט ווערק, „דער גורל פון האָמאָ סאפּיענס״ ווארפט אָן דיזעלביגע מרה שחורה און זאָגט אָן די שווארצע נבואה וועגען דעם צוקונפטיגען מענש. זיין פעסימיזם איז אָבער ווייט פון שפּענגלערס. דער לעצטער איז צופרידען וועגען דעם אויסזען פון דער צוקונפט־וועלט וואָס וועט באהערשט ווערען פון דיקטאַטאָרען און זעלבסט־געקרוינטע פירער. וועלס אָבער, וויל אזא וועלט ניט זען. ער וויל א פרייע יושר׳דיגע וועלט. זיין שווארץ־זעעריי נעמט זיך צוליב דעם גייסטיגען כאַאָס וואָס האָט ארומגעכאפּט און באהערשט די וועלט. צוזעענדיג די באַמבארדירטע רואינעס פון קולטורען; דעם פיזישען און מאטעריעלען חורבן פון אונזער צייט; די מיליאָנען אומגעקומענע צוליב דעם ווילען פון עטלעכע וועלט־מערדער, האָט ער פארלוירען דעם צוטרוי צום גייסט־מענש אז ער זאָל זיין בכח צו באהערשען די וועלט.

מען דארף אָבער ניט זיין אזוי פארצווייפעלט, די קאניבאַלען וועלען אונטערגיין. דער מענש וועט סוף־כל־סוף זיגען אין זיין קאַמף קעגען דעם האלב־חיה׳דיגען מענש, די שווארצע נבואה וועט ניט רעאליזירט ווערען.

אין זיין ספר „לשון הזהב״ (די גאָלדענע שפּראך — א פילאָזאָפישע דערקלערונג אויף פארשיידענע שטעלען אין מדרש תהלים שרייבט דער באריםטער פילאָזאָף און פּאָעט ידעיה בדרשי (באקאנט מיטן נאָמען ידעיה הפניני („דער פּערלדיקער״) געשט. 1280 — ה״א ס׳) אָט וואָס:

„ווען גאָט האָט באוויליגט צו געבען די תורה צו די אידען, זיינען געקומען די מלאכים און געזאָגט צו אים: מה אנוש, כי תזכרנו? וואָרום אוועקגעבען די תורה צו דעם מענש, ווען מיר, מלאכים, האלטען די תורה אויפן העכסטען הייליקסטען אופן?

„האָט גאָט געזאָגט צו די מלאכים: די תורה קען זיך ניט האלטען אויף אייך. איר פרוכפּערט זיך ניט, איר שטארבט ניט, איר קרענקט ניט און איר ליידט ניט. אייער עקזיסטענץ איז אייביגקייט, אייער טבע איז פעסטגעשטעלט . . . אייער וועג איז א גלייכע ליניע אָן אָפּנויג. די תורה אָבער לערנט ווי אויסצוקלייבען צווישען גוטס און שלעכטס, ווי צו אונטערדריקען ליידענשאַפטען און ווי צו באקעמפען דעם יצר הרע . . .

„די תורה איז דעריבער גוט צוגעפּאסט צו די מענשען־קינדער, ווייל זייער שכל איז ניט פארפאָלקאָמט; זייער טבע איז ניט פעסטגעשטעלט . . . די תורה וועט

זיין דעם מענשענס פעסטונג אין קאמף מיט לײדענשאפטען און זינדיגקייט. די תורה וועט זיי ברענגען גבורה און אַפּפּערוויליקייט און וועט באפרידיקען זייער גייסטיקע דורשטקייט . . . זי וועט זיי אויסאיידלען, אויסלײטערען און אויפהייבען צו דער העכסטער מדרגה פון שבת און יום־טובדיקייט".

די וואָס זענען ווייט פון תורה פילאָזאָפיע, זעען ניט די מעגליכקייט, אז מענש זאָל ווערען דערהויבען און אויסגעאיידעלט. אין געגענטייל, זיי זעען דאָס פּאַטאָלסטע, דאָס אָנקומען פון נאָך מער שלעכטס, די פאַרערונג פון די רויע נאַטור־כחות און מענשלעכען עגאָאיזם.

ב.

אנגזער תקופה איז די תקופה פון טיפען גייסטיגען קריזיס. צוליב דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען קריזיס ווערט פאַרקערט „דער שטורם פון דער נשמה" אין א גע־דראנג פון פינסטערניש. אין מיטעל־אלטער האָט די מענשהייט געגלויבט אין מאָנאָ־טעאיזם. דאָס ניי ציטיגע אייראָפּע האָט פּאַרוואָרפען דעם גלויבען און האָט גע־בראכט מיט זיך אויפקלערונג און ראַציאָנאַליזם. דער אכצענטער יאָרהונדערט האָט פאַרביטען טראַדיציע און אויטאָריטעט אויף לאָגיק. שכל איז געוואָרען דער וועג ווייזער אין לעבען. לאנג האָט דאָס ניט אָפּגעהאלטען. נאָך דער פראנצויזישער רע־וואָלוציע פון 1789, וואָס האָט געבראכט וועלט פרייהייט און עמאַנסיפּאַציע, אי־דישע, אריינגערעכענט, פאַנגט זיך אָן א נייע עפּאָכע — די עפּאָכע פון ראָמאַנטיזם וואָס האָט צוריק פאַרשקלאַפט די מענשהייט און בעיקר די אייראָפּיאישע מענש־הייט. דער 20־טער י"ה, מיט אלע זיינע דערגרייכונגען אויפן געביט פון טעכני־שען, אינדוסטריעלען פּראָגרעס און מיט אלע זיינע רעוואָלוציעס האָט דאָך איבער־גענומען פון 19־טען י"ה דעם ראָמאַנטיזם און געשאַפען פאַר זיך א גלויבען וואָס איז דורך און דורך פאַלש. מען האָט אָנגעהויבען גלויבען אין מענשען געטער.

אָט די מענשען־געטער האָבען גענומען פאַרקירעווען די ציוויליזאַציע לויט זייער באַגריף. זיי האָבען געשאַפען א נייעם פּאַטריאָטיזם וואָס דריקט זיך אויס אין דער פאָרמולע: „פון אָט דער ערד זיינען מיר ארויסגעוואַקסען פאַר אָט דער ערד מוזען מיר אָפּגעבען אונזערע לעבענס" . . .

אָט די מענשען־געטער האָבען פינסטערניש פאַרהערליכט, ליכטיגקייט פאַר־לאָשען, גייסטיגע אידעאַלען צעריבען, תליון און שד זיינען געוואָרען די גייסטיגע וואָרט זאָגער און וועלט פאַרזאָרגער.

די נייע דאָקטרין האָט אירע וואָרצלען געפונען אין דעם אינדיווידואַליזם פון פרידריך ניטצשע (1844־1900) וועמעס איינפלוס איז בעיקר אויף'ן דייטשען געדאנק. ניטצשעס פילאָזאָפיע פון „איבערמענש" און „לוסט נאָך מאכט" האָט פאַרכאַפּט די נאַצישע מוחות, פילענדיג אז ער איז דער באַפרידיגער פון דער חיה אין דעם מענש, דער פרעדיגער פון אבסאָלוטען עגאָאיזם, באַפרייער פון קריסטלעכער עטיק און צוימקייט, פאַרהערלעכער פון נאַטירלעכע אינסטינקטען. ניטצשעס „אויי־בערמענש" איז דער פולשטענדיגער הערשער וואָס רעכענט זיך ניט מיט קיין אויי־טאָריטעט, אויסער זיין אייגענעם ווילען *).

*) זע ווייטערען קאַפּיטעל באַריכותדיג.

ניטצשע'ס פילאָזאָפיע, אין תוך אן אטעאיסטישע האָבען די נאַצי פילאָזאָ־פען אויפגעכאפט. זיי האָבען אים טעאָרעטיש פארכאפט, מאכענדיג אים פאר דעם בעסטען רעפרעזענטאנט פון דייטשטום, דעם פראָפעט פון דער נייער סאָציאַלער און פאָליטישער סטרוקטור וועלכער זיי האָבען א נאָמען געגעבען דאָס דריטע רייך . . .

אזוי האָבען מענשען אין אָנהויב פון אונזער רענעסאנס, געוואָלט זען א ציוויליזירטע מענשהייט, און געענדיגט האָט זיך די עפּאָכע מיט ניטצשעס טעאָריע פון שאפען א מענש אין פאָרם פון אויבערמענשליכקייט. ציוויליזאציע האָט געזיגט אָבער אז אָך און וויי איז צו אזא זיג. אין אָנהויב האָט מען שטאָלצירט — אויב ניט מיט מעשים איז מיט ווערטער פראָגרעס יושר, פרייהייט, מענשן רעכט. איז געקומען דער פאשיזם און האָט דאָס אלץ ארויסגעוואָרפען פון מענשליכען לעקסיקאָן. פאַ־שיזם האָט אוועקגעשטעלט פאר א יסוד דאָס גלויבען אין אינסטינקט, אין חיה'ש־קייט אין בלוט פארגיסונג.

פאשיזם גלויבט אין דעם פירער, אינם „מענשען גאָט". ניט אכטענדיג צי דער פירער איז א פאלשער, א טיראן, א דעמאגאָג — פאר דער פאשיסטישער מאָראל איז עס ניט קיין חסרון!

דער תנ"ך באקעמפט דעם גלויבען אין א מענש. יעקב אבינו האָט מורא געהאט צו ווערען באגראָבען אויף דעם מצריישען באָדען, טאָמער וועלען זיי אים מאכען פאר אן אָפּגאָט, טאָמער וועלען זיי דינען צו אים. מען טאָר ניט גלויבען אינם מענ־שען אפילו ווען אין אים איז דאָ א חלק אלוקים אודאי ניט אין אזעלכע וואָס האָבען אויסגעוואָרצעלט אין זיך יעדען ניצוץ פון געטליכקייט. מען דארף שטענדיג גע־דענקען אז א מענש איז ניט מער ווי פלייש, ויזכור כי בשר המה . . . רוח הולך . . . (תהלים ע"ח ל"ט) אונזערע חכמים האָבען געבראכט אלס באווייז אז מען טאָר ניט אין גאנצען טרויען דעם מענש דעם פאקט, וואָס יוחנן כהן־גדול וואָס האָט געטאָן די עבודה אין בית המקדש 80 יאָר, איז אויף דער עלטער געוואָרען א צדיק, און פארראטען די כהונה.

גלויבט ניט דעם מענש! „מה אנוש כי תזכרנו"! . . (תהלים ח' ה־י').

ג.

די אנטראפאלאגיע גיט זיך אָפּ מיט דעם מענש אלס געזעלשאפטליך וועזען. אָבער ווי ווייט זי זאָל אונז ניט וועלען אויפדעקען אלע געהיימניסען פון אָט דעם וועזען איז איר דאָך ניט געלונגען צו געפינען דעם שליסעל צו דער מענשליכער פסיכיק און מענשליכען אינסטיקט וואָס זאָל אים אין גאנצען אָפּטיילען פון דער חיה. אזוי אויך די סאָציאַלע פילאָזאָפיע פון מארקס'ן און ענגעלס'ן האָבען עס ניט געקענט אויפדעקען. זיי האָבען באין ברירה געמוזט צוטרעטען צו דעם פראָבלעם פון א ביאָלאָגיש־מאטעריאליסטישען שטאנדפונקט, זעענדיג אין דעם מענש, ניט מער ווי א דורכשניטלעכער כמעט חיה'שע אנטוויקעלטער וועזען.

ניט טיילאָר, דער וועלט בארימטער אנטראפאלאָג און ניט דער אמעריקאנער סאָציאָלאָג הענרי מאָרגאן וועלכע פארנעמען אזא חשוב'ן אָרט אין דער אנטראָ־

פאלאגיע האבען געקענט אויפדעקען פאר אונז די סודות פון דער מענשליכער נשמה און כאראקטער.

זיי האבען אונז אויפגעקלערט א סך פון די געהיימניסען אין דער נאטור פון אלע לעבעדיגע ברואים און איבערהויפט אין דער מענשליכער בריאה. זיי דער־קלערען אונז די געוואוינהייטען מאנאגאמישע הייראטען וואס זאל האבען אן ענגען שייכות צו די אלגעמיינע סעקסועלע אינסטינקטען פון די מער אנטוויקעלטע חיות וועלכע קומען אלס רעזולטאט פון א נערוועז־מעכאניזם.

מארגאנס אינטערפרעטאציע האט אבער נאר אויפגעדעקט די פיזישע געזעצען, אבער ניט דעם מענש אלס סאציאלער פענאמען. בכלל אין די „אביעקטיווי־טעט" אויפן אנטראפאלאגישען פעלד, זייער אפט דעלוסיוו. זי האט פארטוישט דעם באגריף פון עולם הבא אויף עולם הזה. זי האט אויסגעלייזדיגט דעם גייסטיגען באגריף פון דער וועלט און איבערגעלאזט בלויז דעם פיזישען באגריף. אנשטאט צו רייניגען זיי נשמה און באהעפטען אים מיט דער אמת'ער „ראמאנטיק", האט מען אים אוועקגעדרייט צו אזא „רעאליזם" וואס פירט צום אבסורדען מאטעריאליזם. מען האט אים אוועקגעפירט צו א פראגרעס וואס פירט צו ליקווידאציע פון הייליגקייט.

די אנטראפאלאגישע ביאלאגיע האט אויפגעטאן וואונדער אין פארגלייכען בלוט, מעסטען קעפ און נעז און וועגען מוחות. גערעכט זיינען די ביאלאגען מיט זייער ראסען־טעאריע, אז אלע מענשען זיינען גלייך, אלץ איינס, כאטש פארשיידען אין כאראקטער לויט די השפעות פון עטנאגראפישע און קלימאטישע באדינגונגען אדער די סאציאלע באדינגונגען וועלכע ווירקען צו שאפען פארשיידענע מדרגות פון „העכערע" און „נידעריגע" מענשען, און דערקלערען פארוואס א טייל פון דער מענשהייט איז שנעל געווארען ציוויליזירט, בעת אנדערע מענשהייטען ווי אפריקא־נישע, אזיאטישע און אויסטראלישע שבטים, זיינען געבליבען ביים ווילדען צו־שטאנד.

נאך קאפערניקוס האט די מענשהייט אנגעהויבען דורכמאכען א התחלה־וועג פון פראגרעס, זי איז אבער פארוואנדעלט געווארען אין געלאף נאך ערדישעס.

טראגיש איז געווארען דאס לעבען פונם מענשען און אינהאלטסלאז. אט דעם טראגישן מענשען קאן קיינער קיין רפואה ניט געפינען. עס איז א קראנקהייט וואס לאזט זיך ניט היילען. ניטא קיין דיאגנאז, אויסער אויסשניידען אין אים דאס חיה'שע מיטן ווארצעל, און אריינשטעלען אין אים א ניי, ריין הארץ.

דער מענש ווי ער איז, קאן מען ניט טרויען. פאקטען פון וועלט פאסירונגען באשטעטיגען עס.

אונזערע טעג באווייזען ווי גרויליך דער מענש איז. מיט איינמאל האט איין חיה מענש אנגערויטלט א וועלט און אריינגעפירט דער ציוויליזאציע אין דזשאנגל אריין. דער הימעל איז מיט איין מאל שווארץ געווארען פון דעם רויך פון באמבעס און די ערד איז רויט געווארען פון מיליאנען לעבענס אומגעבראכט פון נאצי מער־דער,

יא מיט איינמאל זיינען צוגעקומען מאסען־קברים, פרישע לאנגע טויזענ־

טער קברים פעלדער.

געטרויט ניט דעם מענשען — „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״!

ד.

יז געווען אמאל אין אמעריקע אן אומות העולם׳דיגער פראפעט וועלכער האט גע־חלומט וועגען א באנייטער מענשהייט, דער לאנגאיילענדער וואלט וויטמאן (געבוי־רען 1819, געשטארבען 1892) האט ער טיף אריינגעדרונגען אינם לעבען. ער האט געלעבט אין דער צייט ווען אין אמעריקע איז אנגעגאנגען דער קאמף געגען שקלאפען האנדעל. ער האט געקעמפט צוזאמען מיט פרעזידענט לינקאלן פאר דער באפרייאונג פון די שקלאפען און ווען עס האט אויסגעבראכען דער בלוטיגער בירגער קריג צווי־שען די דרום און צפון שטאטען און צענדליגע טויזענטער קרבנות זיינען געפאלען — דאן האט ער זיך אריינגעווארפען מיט לייב און לעבען צו דינען זיין ליב לאנד.

אין יענער צייט האט ער געזונגען:

„ניט קיין פרעכטיגע פאעמע ברענג איך דיר.

ניט קיין מייסטערהאפטע הערליכע פערזען:

בלויז א קליין ביכעל וואס אנטהאלט די פינסטערניש פון דער נאכט

און די בלוט טריפענדע וואונדען

און די תפילות פון שטארבענדע״.

ער האט געזען ווי לינקאלן איז געפאלען נאך זיין גרויסען זיג. ער האט אים באוויינט. ער האט געזען ווי דאס פאלק רופט דעם קאפיטאן. נויטיגט זיך אין אים און ער האט אנגעהויבען זינגען אמעריקעס געזאנג מיט נייע טענער. ער האט גע־זונגען פון טאג ווען די אמעריקאנער וועלען זיין פילאזאפען און ארבעטער דיכטער. ער זינגט מיט ליבע און לויב וועגען דאס צוקונפטיגע אמעריקא וואס האט פון זיך א לינקאלן ארויסגעגעבען:

איך בין דער דיכטער פון גוף און איך בין דער דיכטער פון דער נשמה.

די פריידען פון הימעל זיינען מיט מיר, און די ליידען פון גהינום זיינען מיט מיר . . .

ער האט געטרוימט נאך רעוואלוציע, א סאציאלע רעוואלוציע ווען ארבעטער און בויער וועלען רעגירען — איצט 52 יאר נאך זיין טויט, אין וואס פאר א וועלט מיר לעבען! זיין געזאנג צו דער אויפגייענדיגער אמעריקאנער דעמאקראטיע; זיין שארף ווארט איז אזוי פריש, אזוי היינטצייטיג אז ערשט זעט מען זיין געניאליטעט אלס קינסטלער, אלס דיכטער. זיינע „בלעטער פון גראז״ זענען אזוי דערפרישענד פאר די וואס זוכען ברייטהארציגקייט, טאלעראנץ צו יעדען מענשלעכען לעבען, אן אונטערשייד פון קאליר אדער ראסע.

ער האט געזונגען דאס אמת׳ע אמעריקאנישע געזאנג, דאס פריילעכע גע־זאנג פון ארבעטער און געחלומט אין דעם „מתוקותדיגען שנת העובד״. ער האט ליב געהאט דעם מענש, דעם גרויסען מענש וואס פילט די ליידען פון דער מענש־הייט. איצט נאך א האלבען יארהונדערט פון וויטמאן און לינקאלן (דערשאסען געווארען דעם 15־טען אפריל 1865) זעצט פאר דער היינטיגער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען פראנקלין דעלאנא רוזוועלט דעם קאמף פאר פרייהייט, צו

מאכען אמעריקא דאָס וואָס זי דאַרף זיין. אויך די גרויסע אמעריקאנער פּאָעטען און קינסטלער פאָלגען נאָך דעם וועג וועלכען עס האָט פאר זיי אויסגעטראָטען דער דיכטער וועלכער האָט וועגען זיך געזאָגט: „דאָס שטענגעל צום הויז פּרוביר איך מאכען. אָבער איך לאָז איבער דאָס הויז צו די וואָס וועלען קומען״ . . .

ה.

אין דער תורה געפינען מיר די סאמע רעאלע באציאונג צום מענש, דורכגעדרונגען מיט טיפער ליבע און אכטונג צום „בחיר היצירה״. דער מענש פונקט ווי דער גאנצער באשאף, איז די באשאפונג פון גאָט און נאָך מער אין זיין „צלם אלקים״, דער מענש ווי די וועלט דאַרף זיך פילען גליקליך וואָס ער איז גאָטס ווערק; דער מענש ווי די וועלט דאַרף לאָזען וויסען אז ער איז גאָטס באשאפונג *) — די גאנצע בריאה לויבט און דאנק גאָט: אלע ברואים „יהללו את שם ד׳ . . .״ אלע זענען באשאפען געוואָרען דורך דער תורה וועלכע איז גאָטס כלי־אומנות **).

דער מענש קאָן זיך דערהויבען צו די העכסטע הויכענישען און קאָן זינקען אין די טיפסטע טיפענישען. ער קאָן דערגרייכען צו דער מדרגה פון אדם, וואָס איז לויט תוספות א גרויסע מדרגה און זיך ניט אויפהייבען פון האדם, וואָס איז כולל אפילו געצענדינער ***). „חדלו לכם מן האדם . . . כי במה נחשב הוא״.

ווען דער מענש זינקט מאָראליש ווערט ער גערופען בשר, בלויז פלייש אָן נשמה — „כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ״ (בראשית ו׳ י״ד). דעם מענ־שענס לעבען אויף דער ערד, איז ארומגערינגעלט מיט צער און ווייטאָג ווי קהלת זעט עס: „כי מה הוה לאדם בכל עמלו״ . . . כי כל ימיו מכאובים וכעס . . . (קהלת ב׳), אָדער ווי איוב זעט עס: „מאסתי לא לעולם אחיה, חדל ממני כי הבל ימי, מה אנוש כי תגדלנו וכי תשא אליו לבך״ (איוב ז׳ ט״ז). די פּיטנים זעען די איראָניע פון לעבען: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר . . . משול כחרס הנשבר א.א.וו.

באלד ביים באשאפען דעם מענש האָט זיך אין הימעל געשאפען א שאַרפע פּאָלעמיק צווישען די מלאכים.

נאָך דריי יאָר דיסקוסיע, צו ס׳לוינט זיך געבוירען ווערען, האָבען ביידע ישיבות די בית שמאי און בית הלל געפּסקענט „נוח לו לאדם שלא נברא משנברא״ . . . ס׳האָט זיך ניט געלוינט באשאפען ווערען. מען איז דאָך אָבער באשאפען געוואָרען, ועכשו שנברא? . . . מוז דער מענש, אלס טייל פון דער גרויסער מענשהייט אויסבעסערען דאָס לעבען, פארשענערען עס, מאכען עס אינטערעסאנט, גיבען עס אינהאלט וואָס קאָן נאָר מעגליך זיין, דורך גייסטיגער דערהויבונג. דערי־בער געפינען מיר אין אידענטום די שטענדיגע שטרעבונג צו דער משיח עפּאָכע

*) ר׳ עקיבא׳ס מאמר, זע דר. ש. ז. כהנא, „מאורעות העולם לאור השקפת היהדות״, במיצר, תל־אביב, תש״ב, ז. ל״ט.

**) בראשית רבה א׳; דאָרט.

***) זע, „אור החיים״ (ר׳ חיים בן עטר — נפטר התק״ג) בראשית נ׳, כ׳, אז „דברי התוספות עיקר״, אז ס׳איז ניט קיין מחלוקת צווישען ר׳ שמעון בן יוחאי און ר׳ מאיר, דער חילוק איז בלויז צווישען אדם און האדם, אדם באטרעפט 45 און שם „הויה״ מיט די „אלפין״ באטרעפט אויך 45. האדם איז שוין ניט דערזעלבער צאָל. דעריבער ווערט געזאָגט וועגען אדם הראשון נאָך דעם ווי ער האָט געזינדיגט — האדם.

ווען עס וועט רעאליזירט ווערען די נבואה „כי מלאה הארץ דעה כמים לים מכסים" (ישעיה י"א ג'־ט'). די שטיינערנע הערצער וועלען אפגעטאן ווערען. דאס פליישיג־קייט וועט אויסגעאיידעלט ווערען, אלע פעלקער וועלען פאראייניגט ווערען דורך א שלום בונד; רשעות און מלחמות וועלען מער ניט עקזיסטירען.

דער מענש קאן זיך און זיין דור דערהויבען צו אט דער משיח עפאכע, ברענ־גען משיח'ן אין די מענשלעכע הערצער, שאפען א הייליג לעבען באווירקט און באַ־איינפלוסט פון הויכען סאציאלען, אידעאליזם און משיחישער שטרעבונג. ווען דער מענש ווערט דערהויבען צו אט דער מדרגה, ווערט ער א שותף צו מעשי בראשית, ווערט ער אליין א שאפענדער כח צו באווירקען די הימלישע פירערשאפט לטובת דער מענש *). דער מענש נעמט אן אנטייל אין דער מיסטעריע.

דער מענש, ביי וועמען דער „צלם אלקים" איז אנטוויקעלט אויף גרויסען מאסשטאב, האבענדיג א „בר לבב", „נקי כפים" און „זך" המוח" (ריין הארץ, ריינע הענט און לויטערען מוח) — אזא מענש, לאמיר אים אנרופען „צדיק" קאן באווייזען וואונדער אין די באשאפונגס כחות. רבא זאגט אין סנהדרין (ס"ה ע"א) ווען צדיקים ווילען נאר, קענען זיי באשאפען א וועלט. דער צדיק קען מבטל מאכען און צעשטערען, שלעכטע גזרות. אויף דעם פסוק אמר אלקי ישראל, לי דבר צור ישראל מושל באדם צדיק (שמואל ב', כ"ג, ג') זאגט רבי אבהו: אמר אלקי ישראל . . . אני מושל באדם. מי מושל בי צדיק! שאני גוזר גזירה והוא מבטלה **). דער צדיק, דער נביא איז דער בעל־מופת ווי דער מדרש רבה (בראשית כ"ז) מאכט דעם פאראלעל: הקב"ה מחיה מתים ואליהו מחיה מתים, הקב"ה עוצר גשמים ואליהו עוצר גשמים.

. . . אזוי אלישע הנביא האט זיס געמאכט דאס ביטערע וואסער מיט ביטערס ווי זאלץ. דער מענש קאן זיך בכלל דערהויבען צו א מלאך'שע מדרגה און ניט פילען אפילו קערפערלעכע ליידען ווי ר' עקיבא וועלכער האט ניט געפילט די ליידען זיינע אונטער דעם תליונ'ס הענט און זיך גאר געפרייט מיט דער זכיה צו דינען גאט מיטן נפש, זאגענדיג אז אד אנץ לעבען האט ער זיך מצער געווען, און געהאפט אויף דער געלעגענהייט מקיים צו זיין די מצוה פון קידוש השם ***).

די נשמה פון מענש, דער חלק אלקי ממעל קאן ארומנעמען דעם גאנצען קער־פער, פונקט ווי קב"ה וואס איז ממלא די וועלט, כבודו מלא עולם . . .

דער מענש וואס לערנט תורה און פירט זיך לויט דער תורה ווערט ער גע־רופען מלאך. די גמרא (נדרים כ' ע"ב) זאגט: „מאן מלאכי השרת — רבנן " *).

„געליבט איז דער מענש — לערנט אונז ר' עקיבא — ווייל ער איז באשאפען לויטן געטלעכען בילד" — (בראשית א' ט') אבער דער זה ספר תולדות אדם אלס גרויסער כלל ווערט אויסגעטייטשט אין תלמוד ירושלמי (נדרים) אז די לעבענס־טאטען פונם מענש, די עטישע אויפפירונגען דארפען זיי דאס בוך פון מענש.

---

*) כל דיין שדן דין אמת לאמתו . ' . מעלה עליו הכתוב כאלו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית — שבת י'. **) מועד־קטן ט"ז ע"ב.

***) זע „תשובת מהר"ם מרוטנבורג סימן תקי"ז: „מאחר שגמר אדם בדעתו למסור נפשו על קידוש השם מכאן ואילך, כל מיתה שעושים לו אינו מרגיש כלל . . . זע אויך מהרש"א ע"ז י"ח, דורך דער מסירת נפשדיגקייט ווערט דעם מענשענס נשמה באהעפט מיטן מקור החיים, מיט דעם אייביגען לעבען וואס איז פריי פון קערפערלע־כע פארגעניגענס. *) זע „שיחת מלאכי השרת" לובלין, תרפ"ז.

י״ט. — אבסטראקטע, אויסגעטראכטע איבער־מענשען און ווירקלעכע. דער רמב״ם און זיין „אדם־המעלה". — ניטצ־שע׳ס „אויבערמענש".

דער נאָמען פרידריך ניטצשע (געב. אין דערפעל רעקען, ביי לוצער זאַקסישער פּראָווינץ, דעם 14־טען אָקט. 1844; געשט. דעם 25־טען אויגוסט 1900, נאָך פופצען יאָר קראנקהייט פון א נערווען־צוזאמענברוך) איז שטארק פארבונדען מיט דער אידעע פון „אויבער־מענש". ער איז עס געווען דער וועלכער האָט באשאַ־פען דעם דאָזיגען באגריף און געמאָלען די דאָזיגע פּערזענליכקייט, אמת, אויך געטהע וועמען ניטצשע האָט שטארק פארהערליכט און געפאָרען ספּעציעל קיין לייפּציג, צו דער פייערונג פון געטהע׳ס 100 יאָריגען געבוירענטאָג האָט אין זיין „פאוסט" אנט־דעקט די פיגור פון א גערמאנישען אויבערמענש, — ביי ניטצשען איז ער אָבער ארויסגעקומען בולט׳ער. דער דאָזיגער געדאנק האָט פאר־נומען דעם אויבנאָן אין זיינע טעאָרעטישע אויספירונגען. ער האָט געשאפען דעם „אויבערמענש", אלס גרונד פון זיין וועלט אנשויאונג, און זיין אויבערמענש איז לחלוטין אנדערש פון געטהע׳ס אויבערמענש. ער האָט געוואָלט אויפשטעלען אין קעגענזאַץ צו דער רעליגיעזער אויפפאסונג פון אַן „אדם המעלה" — אַן אנדערען, א מאָדערנעם, אַ „שטארקען", א „מעכטיגען" וואָס איז דורך זיין „ווילען צו מאַכט" באַפרייט אין זיינע האנדלונגען, פון אלע געזעצען, אויסער דאָס געזעץ פון מאכט אויסדרוק פון דער אייגענער פערזענלעכקייט *).

איידער מיר באהאנדלען אָבער דעם עיקר־געדאנק ניטצשע׳ס, מוז מען פריער זיך באקענען מיט עטלעכע ביאָגראפישע שטריכען וועלכע זענען זייער וויכטיג פון פסיכאָלאָגישען שטאנדפּונקט. ווי דערמאנט, איז ער געבוירען געוואָרען אין א דאָרף אָבער מיט געניאלע פעהיגקייטען. צו פיר און צוואנציג יאָר איז ער שוין גע־ווען פּראָפעסאָר פון קלאסישער פילאָזאָפיע אין באַזעל: שפּעטער: קאָמפען, רדיפות, צרות, קראנקהייטען, מאטערנישען און פיין, נערוועו־צוזאמענברוך, וואנזיניגקייט־

אין ניטצשען זענען געווען פאראייניגט גאונות מיט משוגעת, טיפער אימפּול־סיווער דענקונגס קראפט און צעדולטקייט; אנטי־מאָראליסט און געוואלטיגער פקח; לאַכט אָפּ פון הערן פאָלק, לאַכט אוים די בלאָנדע בעסטיע, שפּאָט־גאַליק פון איר טרוקענקייט און פארשטייפקייט און דאָך בלייבט ער הונדערט־פּראָצענטיקער דייטש. א חרוב מאכער, צעשטערער פון אידייען און שאפער פון נייע; דער אָפּלאכער און און פאראכטער פון מיטעלמעסיגקייט פון צעקראָכענקייט, דער שפייער אויף רעזיג־נאציע און אליין א פארצווייפעלטע נשמה, א חוזה פון רעאקציע . . . זיין טעאָריע פון „ווילען צו מכט" האָט דעריבער ניט געקענט געפינען קיין קלאָרע אינטערפּרעטאציע און גאָר ווייניק דיינקער זענען פון איר באגייסטערט געוואָרען. אין די דעמאָקראטי־שע ענגליש רעדענדיגע לענדער ווערט זיין טעאָריע באטראכט אלס דיקטאטאָרישע

*) זע, נ. שמן: „פאשיזם אין איירָאָפּע" ז״ז 118־125; „צווישען קריג און פרידען" ז. 25.

ברוטאַלע לערע וואָס נאָר א דייטשער מוח האָט איר געקענט שאַפן. די באַקאַנטע אַמעריקאַנער ניטצשע פאָרשער דר. סטאַנלי האַלל און די פּאָעטין אננא העמפּסטער בראַנטש זענען וועניג באַגייסטערט פון זיין תורה. מיט מער פאַרשטענדעניש צו זיין לערע באַציט זיך עמילי ס. האַמבלען *) וועלכע זוכט דעם פּסיכאָלאָגישען הינטער־גרונט פאַר זיין דאָקטרין. אלס פאַרערערין, האָט זי דאָך ניט באַוויזען אָפּצושאַצען ניטצש'ען ווי עס האָבען געטאָן א. קריהעל, רעבאַרד מ. מייער א. א. זי האָט בלויז אָנגעוויזען אויף עטלעכע שטריכען אין זיין אַרט לעבען אין דיינקען וואָס איז א טייל פון זיין לעבן: „זיין קאָנצעפּציע פון זיין אייגענער מיסיע, איז געווען דער „פּאָרטענט" (Portent) אין וועלכער דער גורל פון די צוקונפטיגע דורות וועלען זיין פאַרכאַפּט. געגעבענער אינטעלעקט און טיפערער פאַרשטאַנד דורך קולטור און באַוואוסטזיין פון דער ראַסע וואָס וועט פאַרנעמען די ראָלע און אויבנאָן פון דער מענשהייט". זי מאַכט אן אנאַליטישען פאַרגלייך צווישען ניטצשעס געדאַנק פון „אויבערמענש" און די קריסטלעכע קאָנצעפּציע וואָס אנערקענט אין יעזוס'ן דעם העכערען גייסט, און זי לאָזט זוכען אנדערע הויכע גייסטיגע פּערזענלעכקייטען אז אזעלכע זאָל ניטצשע געווען מיינען און זוכען אין „זאַראַטוסטראַ", און אין זיין ערשט ווערק „טראַגישער געבורט", דעם אמתן אויבערמענש מיט טיפער אילוזיע און ווייט־זעעוודיקייט.

אָבער וויפיל מ'זאָל ניט וועלען זוכען צו דערנענטערען זיין לערע צו דער קריסטלעכער, בלייבט אַלץ דער פאַקט, אז זיין איבערגעבען די וועלט אין רשות פון דעם, וואָס האָט דעם שטאַרקען ווילען צו מאַכט איז געווען צופיל עקסטרעם און געבראַכט גרויס געפאַר פאַר דער דעמאָקראַטיע און פרייהייט פון מענש. זיין „אי־בערמענש" איז ניט בלויז שטאַרק אין גייסט, ער איז בעיקר שטאַרק מיט רצון און פיזישער דערהויבונג. דער פועל יוצא פון אזא פילאָזאָפיע איז רציחה, מלחמה, וועלט־באַהערשונג.

ניטצשע איז געגאַנגען אזוי ווייט צו פאַרגעטערען צעזאַר באָרדזשיא'ן דעם גרויסען רוצח. ער איז געווען גרייט צו פאַלען כורעים פאַר דעם פאַרברעכער אויב זיין פאַרברעכען איז אן אויסדרוק פון אמת'ער מאַכט. ער האָט געזען אין דער גבורה, דעם העכסטען אויסדרוק פון מענשליכער זעלבסטשטענדיקייט. דאָס העכסטע גליק פאַר דעם מענשען האָט ער געזען אין דעם מענטש אליין און אין זיין ווילען צו מאַכט. דעריבער איז זיין גרונד הנחה געווען אז דער מענש קאָן, דאַרף און זאָל זיין אויטאָנאָם ביי זיך ביז'ן העכסטען גראַד. פאַר דעם אויבערמענש האָט ער אויך געשאַפען אן אויבערמאָראַל וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר אים — ער האָט פאַר אים געשאַפען נייע הימלען, א נייע ערד, אבי ער זאָל זיין אינגאַנצען זעלבסטשטענ־דיג און פריי. ניטצשע איז דער עקסטרעמער אינדיווידואַליסט, ניט געקוקט דערויף וואָס ער אליין דערקלערט: „מיין פילאָזאָפיע צילט צו א נייע אָרדנונג ניט באַזירט אויף אינדיווידואַליסטישער מאָראַל. דער גייסט פון דער סטאַדע רעגירט אין דער סטאַדע און ניט פון דערוויטענס "beyond". ער האָט געהאַסט דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם און זייערע קאָנצעפּציעס אָבער וועגען דעם ווייטער.

---

*) A Guide to Nietche – Emily I. Hamblen. Little Blue Book No. II, Edited by Haldeman Julius.

אן „אבסטראקטען אויבערמענש" האט אויך די אידישע רעליגיע. זי האט געזען אין דעם מענש, דעם תכלית פון דער בריאה, ווייל ער קען דערגרייכען די העכסטע פאלקאמענהייט א דאנק זיין שכל און אינטעליגענץ, צוליב וועלכען די מענשהייט איז באשאפען געווארען.

די חכמי התלמוד האבען געהאלטען, אז „כל העולם לא נברא אלא בשביל זה", אדער „לצוות לזה" (ברכות ו׳ ע"ב).

דער מענש איז לויט'ן תלמוד באשאפען געווארען כדי צו אנטוויקלען זיין הויכע נשמה, צו מאכען פון זיין „בכוח" געדאנק, א „בפועל" — באהערשט צו ווערען פון די געדאנקען און למודים וואס האבען אייביגע ווערטען. דער וואס גייט אויפ'ן וועג און לערנט תורה און רייסט איבער זיין לערנען זאגענדיג: „מה נאה אילן זה! מה נאה ניר זה!" (ווי שיין איז דער בוים! ווי שיין איז דאס געאקערטע פעלד!) פאררעכענט אים דער פסוק ווי ער אליין וואלט זיך פארזינדיגט אין זיין לעבען (אבות ג׳ ט׳), אלץ וואס א מענש טוט — לערנט אונז דער רמב"ם — וואס ער טוט פאר זיין עסען, קליידונג און דירה, אפילו פאר זיין פאלק און לאנד האבען קיין שום ווערט ניט אין זיך אליין נאר זיי זיינען בלויז מיטלען צום חלק פון דער נשמה *).

לויט דער דאזיגער אויפפאסונג דערגרייכען מיר צו א נייעם קריטעריום בנוגע מענשליכע עטיק. יעדער אקציע האט א ווערט נאר אויף אזוי פיל ווי איר העלפען אדער שטערען אין מענשענס שטרעבען צום תכלית. יעדער אקציע וואס העלפט ארויסצוברענגען דעם שכל פון „בכוח" צום „בפועל" קען פאררעכענט ווערען אלס גוט. שלעכט זיינען די אקציעס וואס שטערען.

דער רמב"ם האט אויך פאר אונז אוועקגעשטעלט די עטישע לייטער און איינגעטיילט אירע מדרגות אויפ'ן פאלגענדען אופן: די העכסטע מדרגה איז דאס לערנען פיזיק, מעטאפיזיק, חכמות פון אייביגע ווערטען; א נידעריגע מדרגה איז: למודים ווי אזוי צו פראקטיצירען גוטע מדות, ווייל זיי זיינען א מיטעל צום „גרויסען תכלית"; נאכדעם קומט די פראקטיצירונג פון מדות וואס שטעלט איין די תאווה, און דער שכל קריגט מער צייט און מעגליכקייט צו ערווערבען אייביגקייט. צום סוף קומט די פראסטע ארבייט: עסען, טרינקען, קליידונג א. ד. ג. וועלכע האבען בלויז אן עקזיסטענץ. בארעכטיגונג מצד דאס דערוויילטערען דעם צער פון הונגער און דורשט וועלכע שטערען די דענקונגס ארבייט **).

אויסגעהאלטען צו זיין שיטה האלט דער רמב"ם פונ'ם כלל אז דער מיטעל־וועג (דרך הממוצע) איז דער בעסטער פון אלע מדות, ווייל נעמענדיג עקסטרעמע רעכטס אדער לינקס גייט אלץ דער מענש אוועק אן א זייט פונ'ם וועג וואס פירט צו אייביגקייט. אדער ער ווערט צופיל אריינגעטאן אין תאוות; אדער ער איז מצער זיין גוף און קען ניט קומען צום תכלית. ***).

לויט דער דערמאנטער הנחה, מוז באטאנט ווערען נאך א זאך: דאס יעדער מענש איז באשאפען געווארען נאר אין דער ערשטער מדרגה פון „בכוח", מיט

*) מורה נבוכים חלק ג׳ פרק י"ג; הקדמה צום פירוש המשניות סדר זרעים.
**) דארט ג׳, כ"ז; נ"ד; יד החזקה, הלכות דעות פרק ג׳ ד׳ הקדמה לסדר זרעים.
***) שמונה פרקים פרק ד׳, ה׳; יד החזקה הלכות דעות.

באהאלטענע כחות און קען שפּעטער ווערען א „בפועל" — נאָך לאנגע ארבייט און פאַרטיפונג אין אייביגע חכמות. ער ווערט ניט לכתחילה באשאפען אלס א מין פאַר זיך. נאָר ער שיילט זיך ארויס פונ'ם ערשטען דורך פארנעמען זיך מיט אייביגע חכמות. און אזוי ווי דער וועג איז לאנג און שווער, פול מיט שטרויכלונגען און שטערונגען, קענען נאָר איינצעלנע מענשען זיך דערהויבען צו דער דאָזיגער מדרגה בעת די איבעריגע בלייבען מענשען קינדער — „מענשען בכוח".

וואָס איז דער צוועק פון אָט די איבערגעבליבענע מאַסען, וואָס בלייבען הינטערשטעליג פון דעם פאָלקאָמענעם מענש? זייער צוועק געפינט דער רמב"ם אין דעם איינצעלנעם מענשען, „בפועל" וועלכער איז דער הויפּט פון דער בריאה. און איס מיינענדיג, האָט מען באשאפען די איבעריגע ארום אים, זיי זאָלען טאָן די וועלטליכע ארבייט: צו בויען הייזער, פלאַנצען בוימער, זייען תבואה און שניידען כדי דער דאָזיגער „אויבערמענש", זאָל זיין פריי פון אלע דאגות, וואָס קענען אים שטערען אין זיין לערנען *).

האָבענדיג דאָס אין זינען, האָבען מיר אין דער עטיק א נייעם יסוד: די נוצען פון דער געזעלשאפט. ווארום, ווען יעדער מענש וואָלט געקענט ווערען אן „אויבער־מענש" ניט דארפען אָנקומען צו דער געזעלשאפט, וואָלט דער עטישער קריטעריום געווען בלויז אן אינדיווידועלער, און ער וואָלט געמאָסטען געוואָרען לויט דער פאָרמולא: וואָס עס העלפט דערגרייכען די אמת'ע שכל'ען דאָס איז עטישע־גוטס און שלעכטס איז דאָס וואָס שטערט. אָבער אז דער איינצעלנער גרויסער מענש מוז אָנ־קומען צו דער הילף פון דער געזעלשאפט ווערט ממילא געשאפען א נייער „קריטע־ריום", „גוטס" מיינט שוין דאָס וואָס עס העלפט ארויס דעם רבים, זיך צו פארפאָל־קאָמען אין זיין מיסיע — און שלעכטס" — דאָס וואָס עס שטערט דער געזעלשאפט. ממילא קומט אויס אז יעדער אינדיווידיאום באזונדער, האָט קיין צוועק ניט פאַר עקזיסטענץ, סיידען ער דינט דעם געזעלשאפטלעכען וואוילזיין. אפילו דער אויבער־מענש וואָס האָט א ריין פערזענליכע עקזיסטענץ־בארעכטיגונג, מוז אויך שטרעבען צום וואוילזיין פון דער חברה אין וועלכער זיין הילף ליגט. וואָס מער די מאַסען ווע־רען אנטוויקעלט מאטעריעל און גייסטיג, אלץ בעסער און גרינגער ווערט אים, זיך צו פארפאָלקאָמען. עס קומט אויס אז ניט געקוקט דערויף וואָס דער הויפּט צוועק פון דער בריאה איז דער „איינער" אָבער דער וואוילזיין פון דער געזעלשאפט איז וויכטיגער פון דעם אינדיווידיאום'ס, אפילו ווען ער איז אן אויבערמענש **).

דער רמב"ם געפינט א געוויסען עטישען צוועק אין אלע מאטעריעלע צווייגען פון מענשענס טעטיגקייט, וואָס פארבעסערען און פארגרינגערען דעם לעבען, העלפענדיג צו שאפען די נויטיגע „סביבה" וואָס דער „אויבערמענש" דאַרף האָבען. ער גיט דערפאַר עקזיסטענץ בארעכטיגונג צו קונסט, סקולפּטור, רייזע באשרייבונ־גען, ארכיטעקטור א. א. וו. כאָטש זיי האָבען ניט קיין „אייגען ווערט" גיבען זיי אָבער דעם שכל אן אבערבייט און אָפּרו נאָכן שווערען ארבייטען אין די חכמות און מאכען אים פעאיג צו ארבייטען אויף ווייטער מיט באנייטע כחות.

*) הקדמה לס' זרעים.
**) זע מורה נבוכים חלק ו' פרק כ"ג, ל"ד.

און איצטער ווע‍לען מיר זיך אומקערען צו אונזער ענין. אויבערפלעכלעך, קען מען אפשר געפינען א געוויסע ענליכקייט צווישען דעם רמב״ם'ס אבסטראקטען „אויבערמענש״ און ניטצשע'ס. דער לעצטער זעט דעם הויפט צוועק פון דער בריאה אין אים. אויך דער ערשטער בארעכטיגט זיין לעבען אויף דער הילף פון אנדערע־טראכט מען זיך אָבער אריין טיפער זעט מען אז עס איז דאָ אַן ענליכקייט אין נאָמען אָבער ניט אין כאראקטער.

ערשטענס, זעט ניטצשע פאָלקאָמענהייט אין דער פולשטענדיגער הארמאָניע צווישען קערפער און גייסט. בעת דעם רמב״ם'ס אויבערמענש, האָט גאָרניט צו טאָן מיט קערפערליכע מעלות, נאָר מיט די גייסטיגע מעלות, מיט'ן שכל וואָס קריגט אייביגקייט, דורך פארטיפען זיך אין די שטענדיג אויסגעהאלטענע אמת'ע חכמות.

דער רמב״ם פארהערלעכט מענשען מיט בילדונג. מענשען מיט העכערען וויסען און קענטשאפט, דאגעגען ניטצשע איז גאָרניט אזוי באגייסטערט פון דעם אינטעלעקטועלען קלאס, געבונדען דורך טראדיציע און קולטור־„אינסטיטוציאָנאַליזם״, ער האָט ניט קיין צוטרוי צו דעם אוניווערזיטעט־מענש.

ניטצשע, א שטארקער העלעניסט, האלט ניט פון מאסען־לערע נאָר פון אינדיווידועלע, ווי אין קלאסישען גריכענלאנד, אין וועלכער נאָר געציילטע גאונים האָבען געשאפען יעדער אויף זיין שטייגער און זיין געביט. קולטור און בילדונג זענען די מתנות פאר אָט אזעלכע יחידים. די מאסען לעבען און עקזיסטירען אין זכות פון אָט די יחידים און דארפען זיך בויגען פאר זייער ווילען.

ניטצשעס אידעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע איז דער שטארקסטער אנטיטעזיס וואָס די דיינקערשע וועלט האָט ווען עס איז ארויסגעבראכט. די דאָזיגע טעאָריעס זענען א המשך פון דער גריכישער פילאָזאָפיע פון 6־טען און 7־טען י״ה פאר קריסטלעכער צייט — די עפּאָכע פון וועלכער ניטצשע איז שטארק באגייסטערט. די לערעס זענען אָבער געוועזן אינדיווידואליסטישע און דעריבער פעסימיסטישע — א פעסימיזם וואָס באהערשט ניטצשען און וואָס פירט אים צו דער שאפונג פון אַן אומנאטירלעכען „אויבערמענש״ וואָס באהערשט די געזעלשאפט.

מיר זעען דעריבער ווי די שייכות'ן פון ניטצשע'ס אויבערמענש צו דער געזעלשאפט איז אינגאנצען אנדערש ווי די פונ'ם רמב״ם: דער ערשטער זוכט אַן אויסדרוק צו זיינע כחות אין דער וועלט אויסער אים. ער שטרעבט צו פארווירקליכען זיין ווילען אקטועל, און וויל ניט האָבען קיינע שטערונגען אויף זיין וועג. דערפאר האלט ער שטענדיג מלחמה געגען דער געזעלשאפט, וועלכע וויל אים צוימען דורך אירע מאָראלע געזעצען וואָס זיינען ניט פאר אים געשאפען געוואָרען נאָר פאר די מאסען; בעת דעם רמב״ם'ס אויבערמענש שטרעבט ניט צו ענדערען די וועלט־אָרדנונג לויט זיין ווילען. נאָר צו אנטוויקלען זיין גייסט און זיין פערזענלעכער וועלט. די געזעלשאפט איז ניט זיין שונא! אין געגענטייל, ער לעבט מיט איר בשלום, וויסענדיג אז אָן איר קען ער ניט אויסקומען. אלץ וואָס ער פארלאנגט פון איר, איז זיינע מאטעריעלע באדערפענישען, כדי ער זאָל קענען לעבען רואיג.

דעם רמב״ם'ס פילאָזאָפיש עטישע שיטה, איז אויך אביסעל אנדערש פון דער תלמודישער השקפה וואָס זעט נאָר אין דעם „בעל מדות״ דעם עטישען הויכען

אויבערמענש. אין קעגנטייל צו דעם רמב"ם'ס אידעאָלאָגיע, האָט דער תלמוד שטענדיג געלויבט ביז'ן הימעל אריין דעם וואָס „מעשיו מרובים מחכמתו", זיי, די בעלי התלמוד, זיינען געגאנגען אזוי ווייט צו גלייכען דעם וואָס „חכמתו מרובים ממעשיו — צו א בוים מיט א סך צווייגען און ווייניג וואָרצלען. עס קומט א ווינט, רייסט ער אים אויס און וואַרפט אים אנידער" (אבות ג' ב').

לויט דער תורה־אויפפאסונג, און ווי עס האָבען דאָס קלאָר ארויסגעבראכט די אידישע פילאָזאָפען וואָס האָבען זיך שטארק געהאַלטען אין דער אמונה, קען יעדער מענש זיך דערהויבען צו שלמות, צו ווערען אן אדם השלם, אויב ער פירט זיך לויט דער מאָראַל און עטיק פון דער תורה און איז מקיים אירע מצוות. דעם רמב"ם'ס „אדם המעלה" האָבען מיר שוין אין א פריערדיגען קאַפּיטעל געזען, איז דער וואָס האָט אויסגעאיידעלט און אויסגעפיינערט זיינע מחשבות און באגריפען און געקומען צו דער אמת'ער אמונה דורך „תקון הנפש" און תקון הגוף *).

דער מענש קאָן דערגרייכען אזוי הויך, אז ער זאָל איבערשטייגען אפילו דעם מלאך, ווי משה רבנו האָט באוויזען צו ווערען און געבראכט נייע אנטפּלעקונגען. די מאָראַלישע דערהויבונג ברענגט דעם מענש נענטער צו גאָט וועלכער איז דער משפיע אויף די מאָראַלישע אורזאכען. דער מענש ווערט העכער פון מלאך, ווייל ער קאָן דאָס שלעכטע און באהערשט זיי. דורך „תיקון הגוף" און „תיקון הנפש" קאָן מענש זיך דערהויבען צו די העכסטע הויכענישען און גייסטיגען צושטאנד. דער „תיקן" מוז אָבער זיין דורך מאָראַלישע און סאָציאַלע דערלייטערונגען, דורך מדות טובות סיי „בין אדם למקום" און סיי „בין אדם לחברו" . . .

די מאָראַלישע מדות זענען לויט דעם רמב"ם און אלע אידישע פילאָזאָפען דער שורש פון דער גייסטיגער דערקענטעניש. די מאָראַל איז אויך דער יסוד פון לע־בען, דער מענש ווערט באפרייט פון מענשלעכער שוואכקייט און באשריינקטקייט און דערגרייכט די רוח־הקודש באגריפען, דורך וועלכע ער דערגרייכט צו העכערע באג־ריפען, צו גייסטיגע וועלטען, פון געטלעכע אטריבוטען. ער ווערט אן אמת'ער אדם שלם, א פערפעקטער מענש, א „נכנס ויוצא בשלום" אין „פרדס" פון וויסען, ווי רבי עקיבא וועלכער האָט, ווי אלע באהויפטען פאַרמאָגט די הויכע אינטעלעקטועלע כחות, די ראַציאָנאַלע, שכלדיגע דערקענטניש און ניט ווייניגער דער רוח הקודש אנטפּלעקונג ווי די נביאים אין דער גבואה עפּאָכע.

און רעדענדיג אזויפיל וועגען רמב"ם, ווייל איך זיך צום סוף באנוצען מיט חיים־נחמן ביאַליק'ס טיף־זיניגען וואָרט: דאָס אידענטום איז געגעבען געוואָרען אין א סיסטעם פון דריי זונען: „משה רבנו, רבי עקיבא און דער רמב"ם". משה, דער געזעץ־געבער, פאָלקס־באַפרייער, גרעסטער נביא, האָט אונז געלערנט צוויי ליבעס: ליבע פון גאָט און פון פריינט. רבי עקיבא, דער גרויסער לערער, פירער און קדוש האָט אונז געלערנט צוויי ליבעס: ליבע פון פאָלק ישראל, און ליבע פון מענשען. דער רמב"ם האָט מוסיף געווען: ליבע פון אמת . . .

---

*) זע תשובות הרמב"ם, כ"ג: „אין ספק בדבר שכל מי שהתקין עצמו ונפשו בכשרון המדות והדעות באמונות הבורא יתברך, הוא מבני עולם הבא, וכל עצמו של דבר ומגמת תורת משה היא תקון הגוף והנפש להבורא".

די פילאָזאָפיע איז באַגאַנגען אַ גרויסען עולה מיט באַשאַפען און אויס־טראַכטען „אויבערמענשען". אַבסטראַקט קען מען אויסאַרבייטען גולם'ס און מאַכען זיי ניט נאָר פאַר מענשען נאָר פאַר מלאכים, ווען עס קומט אָבער צו פאַרווירקליכונג איז שוין גאַנץ אַנדערש. ווען עס קומט צו פאַרווירקליכונג, ווערט דער אויבערמענש פאַרוואַנדעלט אין אַ ווילדע בעסטיע, וואָס נוצט אויס זיין מאַכט צו פאַרשקלאַפען און אונטערדריקען די גזעלשאַפט.

אויב די רעליגיע האָט באַשאַפען אַן אויבערמענש וואָס איז אויסגעטאָן פון פערזענליכע חיה'שע אינסטינקטען איז געקומען אַ צווייטער און האָט געשאַפען אַן אויבערמענש, וואָס זאָל זיך נאָר באַנוצען מיט זיינע אינסטינקטען. אויב די רעליגיע האָט געפונען אַן אויבערמענש, וואָס איז געטריי דער מענשהייט, איז געקומען ניטצ־שע און האָט געשאַפען אַ גאָר אַנדערען טיפּ אויבערמענש, וואָס איז ביי זיך פריי, צו פאַרשקלאַפען די גאַנצע וועלט אַרום זיך — צו צווינגען די גאַנצע מענשהייט, זי זאָל זיך בוקען צו אים.

צוליב זיין „אויבערמענש"־פילאָזאָפיע האָט ניטצשע באַרעכטיגט דעם אַריס־טאָקראַטישען אינדיווידואַליזם, פאַרטיידיגט אומגלייכקייט ביי דער מענשהייט, די איינטיילונג פון קאַסטעס, די באַהערשונג פון דער מאַיאָריטעט דורך יחידים, זייענדיג אַזוי באַגייסטערט פון פרייען, לויט אים נאָבעלען, גריכישען לעבען, וואָס ער האָט געוואָלט זען אין דער מאָדערנער צייט, ספּעציעל אין דייטשלאַנד. ער האָט ניט איבריג ליב געהאַט דאָס פּרייסענטום. אין איינעם פון זיינע שריפטען באַקלאָגט ער זיך אויף דער גייסטיגער ירידה פון דייטשלאַנד. ער וויל זען אין דייטש־לאַנד, די גרויסע דיכטער, די גרויסע פילאָזאָפען און ער געפינט בלויז ביסמאַרקן. ער איז געגנוג שאַרף־אויגיג צו זען חסרונות פון דייטשען פאָלק — אָבער אויך ער האָט זיי גאָר ניט געפּרובירט אויסבעסערען גייסטיג. מיט דעם פאַרגעטערונג פון מאַכט און ווילדער קראַפט און מיט פאַראַכטען מאָראַל און הומאַניטעט בעסערט מען ניט אויס קיין פאָלק.

ניטצשע, וועמעס הונדערטסטער געבוירענטאָג איז אויסגעפאַלען היינטיגס יאָר האָט באַאיינפלוסט אָן שיער אינטעלעקטואַלען, ספּעציעל אין דייטשלאַנד וואו זיין פילאָזאָפיע איז פאַרגעזעצט געוואָרען פון שפּעטערע נאָך אים, ניט בלויז אין טעאָריע נאָר טאַקע אין דער פּראַקטיק. ווער אין יונגערשען־מיליטאַריסטישען דייטש־לאַנד גלויבט ניט „זאַראַטוסטראַ'ס" ווערטער אַז „דער זון פון שלום איז צו קענען זיך גרייטען צו אַ נייעם קריג"· אָט די לערע האָט די „בלאָנדע בעסטיע" לייכט אי־בערגענומען, ווייל זי פאָדערט דאָך ניט אָנשטרענגונג פאַר גייסטיגע, הייליגע ווער־טען, נאָר פאַרהערלעכונג פון קריג און שנאה . . .

ווען עס איז געקומען צו פאַרווירקליכונג, איז ניטצשעס אידעאַל פאַרווירק־ליכט געוואָרען. ניטצשעס מוסטער מענש, האָט גענומען הערשען. עס איז געקומען די וועלט מלחמה, און די צעזאָרען האָבען אונבאַוואוסטזיניג גענומען פאַרקערפּערען אין זיך ניטצשע'ס פּאַראַדאָקסאַלען אויבערמענש. מען האָט גערצח'ענט, געמאָר־דעט, געשלאָגען, אויטאָנאָם, פריי, ניט לערנענדיג פון קיין מאָראַל, חוץ פון דער, וואָס זאָגט: „שלאָג כל זמן דו קענסט שלאָגען".

שפּעטער האָבען זיך באוויזען אויף דער וועלט־ארענא די מוסאָליני׳ס, די היטלער׳ס — אָפּשפּיגלונגען פון ניטצשעס רוצח צעזאר בארדזשיא. די דאָזיגע פאַלשע אויבערמענשען האָבען געפּענטעט דעם אמת׳ן אויבערמענש אין אייזערנע קייטען און צוגענומען ביי אים יעדע באוועגונגס פרייהייט.

ניטאָ קיין אויבערמענשען, ניטאָ קיין באהערשער — אלץ וואָס לעבט און שאַפט איז בארעכטיגט צו געניסען פון לעבען, און פריי זיך צו באוועגען. דער אמת׳ער אויבערמענש, דער גרויסער אינטעלעקט איז אין תוך אומפּערזענליך, וויל נאָר דאן ווען ער איז אומפּערזענליך קען ער זיך פריי באוועגען אין זיין געדאנקען וועלט. דער גרויסער אינטעלעקט איז אן אסקעט. ער דארף ניט קיין קליידער, קיין שפּייז: ער שלאָפט ניט. ער האָט ניט קיין מענשליכע שוואכקייטען און שטייט אומ־באוועגליך צווישען אלע ענדערונגען אין לעבען, דענקט און טראכט. ער דערגראָבט ביז׳ן שורש יעדער זאך ניט האָבענדיג קיינע פּערזענליכע צילען צו דער זאך גופא: ער איז אָביעקטיוו צו דער ווירקליכקייט ארום אים און זוכט דעם אמת׳ן וועג.

דער גרעסטער מענש איז נאָר דער, וועלכער האָט אויסגעקעמפט פאר זיך די זיטליכע פרייהייט, האָט אויסגעוואָרצעלט ביי זיך דעם עגאָאיזם, זיך אָנגעגעבען איינגאנצען פאר דער אויסבעסערונג פון דער געזעלשאפט. דער גרויסער מענש, איז דער, וועלכער שאַפט די לעבענס פליכט פאר דער געזעלשאפט, ער שאפט די סאָציאלע אָרדנונג, וואָס זאָל זיין בכוח יעדען איינעם צופרידענצושטעלען. ער איז דער, וועלכער שאפט די האַרמאָניע צווישען דעם רבים און דעם יחיד; ער איז דער, וועלכער ארבייט אויס א פּלאן פאר עטישע און מאָרלישע יסודות דער, ווע־מענס חותם עס איז דער אמת, וואָס ברענגט אריין ליכטיגקייט, קלאָרקייט אין אלע מענשליכע אילוזיעס און פירט זיי אויפ׳ן טראָן פון יושר און גערעכטיגקייט . . .

און דאָ לוינט זיך אביסעל מער מאריך צו זיין וועגען ניטצשעס אָנשויאונ־גען און אויך זיין מיינונג וועגען דער גערמאנישער ראסע. מיר מוזען זיך אויך אָפּ־שטעלען אויף דעם שאפען פון א פריער פאר אים דייטשען געניאלען פילאָסאָף אַרטור שאָפּענהויער (1788-1860) וועמעס הויפּט ווערק „די וועלט אלס ווילע אונד פאָרשטעלונג" (דערשינען 1819), צייכענט נייע ליניעס אין מענשלעכען דענקען, וואָס איז, ביז אים, געווען באאיינפלוסט איינגאנצען פון קאַנטס *) טעאָריעס פון „פארנונפט" און קאָאוזאליטעטן. שאָפּענהויער געפינט דעם מענטשלעכן עקזיסטענץ אין „ווילען צום לעבען". די דאָזיגע טעאָריע, ווי זיין פעסימיזם און פאטאליזם ברענגט ער נאָך מער ווארשיינלעכער ארויס אין זיין צווייט ווערק „דער ווילע אין דער נאטור (דערשינען 1836).

קאנט באטראכט דעם מענש אלס אָביעקט אינם אוניווערסום און דעריבער איז ער ניט אימשטאנד צו באנעמען די דערשיינונגען אין זייער גאנצען תוך, מחמת ער, אלס אָביעקט, קען ניט אריינדרינגען אינם וועזענטלעכען תוך פון א צווייטען אָביעקט. שאָפּענהויער באטראכט דעם מענש אלס מיטעלפּונקט פון אוניווערז. ער איז דער סוביעקט וואָס קאָן יאָ באנעמען אלץ ארום אים — אליין ניט זייענדיג

*) אימאנועל קאַנט, איז דער גרעסטער דייטשער פילאָזאָף געב. 1724; געשט. 1804.

פּאַרשטאַנען. דאָס אַלץ ארומיגע באַטראַכט ער ווי אָביעקטען אַפילו די וועלט איז ניט מער ווי א פּאָרשטעלונג פאַרן סוביעקט, לויטן אויסדרוק „זאַץ פון גרונט“ אין וועלכען ער דערקלערט אז „די וועלט האָט צוויי וועזענטלעכע נויטווענדיגקייטען און אומצעשיידבארע העלפטען: דער אָביעקט וועמעס פאָרם עס איז צייט און רוים און דער סוביעקט וועלכער ליגט ניט אין רוים און צייט ווייל ער איז גאַנץ און אומטייל־באַר“ . . . דער מענש איז דער סוביעקט, ער קאָן אַלץ פאַרשטיין און אַלץ דערגרייכען דורך זיין ווילען.

שאָפּענהויער האַלט שטאַרק פון ווילען וואָס איז די טרייבקראַפט צום עקזיסטענץ. אין זיין דעפינירען דעם כח פון ווילען דריקט ער זיך אויס: „דער זעלבער ווילען, וועלכער טרייבט די וואַסער־פאַל פון דער הויך אַראָפּ אין טאָל אריין . . . דער זעלבער ווילען טרייבט דעם מענשען צום זיין, צו לעבען אין א העכערער פאָרם פון חיות . . . עס איז אָבער דערביי ניטאָ בלויז נאָר די פּערזענלעכקייט“. די דריי גרונט־טריבען זענען לויט שאָפּענהוערן: דער ווילען (יצר) צום אייגען גוטס; דער ווילען אויף רשעות פאַר אנדערע און דער ווילען פון מיטלייד און רחמנות.

ער קומט אָבער צום פּעסימיסטישען אויספיר און געפינט אין זיין סיסטעם ווי ער רופט עס אן זיין „וועלט אלס ווילען און פאָרשונג“ — דעם ווילען זיך זעלבסט צו פאַרלייקענען.

ער איז געווען א שטאַרקער קעגנער פון העגעליאַניזם, געקעמפט קעגען העגעל׳ן, ווייל ער האָט געהאַלטען אז העגעל האָט צוגעגרייט דעם באָדען פאַר׳ן מאַרקסיסטישען מאַטעריאַליזם.

אין א געוויסען זין האָט ניטצשע נאָכגעפאָלגט שאָפּענהויערען איידער אַנדערע מאָראַליסטען פילאָזאָפען, אודאי ניט די פילאָזאָפיע פון לאַמאַרק׳ס עוואָלוציע וואָס איז אויך שטאַרק אנערקענט ביי די העגעליאַנער אָדער די „פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע“ פון אגוסט קאָנט *) וואָס גיט זיך איינגאַנצען איבער דער וויסענשאַפט און וואָס טיילט איין דעם מענשענס גייסטיגער אנטוויקלונג אין דריי פּאַזען קינדהייט, יוגענט און אויסגעוואַקסענער בר דעת׳דיגקייט.

ניטצשע, וועלכער ווערט פאַררעכענט פון די קאָלאָסאַלסטע מוחות, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט ארויסגעגעבען, איז ניט איבריג באַגייסטערט פון דער העגעלישער פילאָזאָפיע פון ריין שכלדיגער אנטוויקלונג און ניט פון די אנדערע דערמאַנטע שיטות. זיינע מיינונגען וועגען גייסט, ווידערשפּרעכען אין דער נאַטור

*) אויגוסט קאָנט (1857־1798) איז דער פאָטער פון דער מאָדערנער סאָציאָלאָגיע. אין זיינע זעקס בענד „פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע“ (דערשינען פון 1830 ביז 1842), האָט ער באַגרינדעט דאָס געזעץ פון דריי תקופות פון מענשלעכער, גייסטיגער אנטוויקלונג וועלכע ער טיילט אין טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און פּאָזיטיווע — די לעצטע סטאַדיע פון מענשלעכען אינטעלעקטועלען פּאָרשריט. די לעצטע פּאָזיטיווע וויסענשאַפט, האָט דער מענש דערגרייכט דורך די לעצטע שטופען פון די וויסענשאַפטלעכע קאַטעגאָריעס ווי מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע.

די פּסיכאָלאָגיע וויסענשאַפט, אָדער דער פּסיכאָ־אַנאַליז די קרוין שאַפונג פון זיגמונט פרויד, האָט אין קאָנט׳ס צייטען נאָך ניט פאַרנומען דעם געהעריגען פּלאַץ אלס באַזונדערער פאַקטאָר אין וויסענשאַפטלעכער און פילאָזאָפישער דערקענטניש.

און פּראַצעסען פון איבערשיכטונג אנטי טעזען און טעזען אין דאָס עקזיסטירענדיגע זענען מער אין איינקלאַנג מיט שאָפּענהויערס און די נאָך זיי, ווי אָסקאר ווײַלד, שפּענגלער און אנדערע.

ער צוזאמען מיט די וואָס דיינקען ווי ער, קענען אָבער ניט געפינען קיין באפרידיגונג אין דער נאַטור, אין דער געזעלשאפט און אין דער מענשלעכער דערקענטניש. ער געפינט דעריבער דעם העכסטען אויסדרוק אין דעם „איך„ מענש וואָס איז פריי פון אָט די אלע פילאָזאָפיעס און קאָן דורך זיין אייגענער דערקענטניש האָבען די אויבער־הערשאפט איבער דער לעבעדיגער און ניט לעבעדיגער נאַטור. ער שטייט העכער פון אלע לעבענס וויסענשאפטען, די ביאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע, קינסטלערישע, סאָציאלע און געשיכטלעכע. ער קאָן אלץ ענדערען לויט זיין ווילען, לויט זיינע עמאציעס, פאר זיינע מאטעריעלע און גייסטיגע הצטרכותן . . .

ביים באשאפען זיין גולם איבערמענש, האָט ניטצשע שוין געהאט א רעפּוטאציע אלס מחבר פון דער „געבורט פון טראגעדיע״ (1872) ארויסגעבענדיג די קאָנטראסטען סימבאָליזירט אין דיאָניזמוס און אפּאָללאָ און דעם אינטעלעקטועלען אָפּטימיזם, פארקערפּערט אין סאָקראטעס. וויסענשאפט, לויט זיין בליק איז קונסט און קונסט איז לעבען. דער ליידענדע דיאָניזמוס איז אויבער צו אָפּאָלאָ און אָפּאָלאָ — צו סאָקראטעס. זיין שיטה איז אין סתירה צו שטראוס׳עס אָפּטימיסטישער און א פארהערלעכונג צו שאפּענהויערס און ריכאַרד וואגנערס פּעסימיזם *). ער גייט ווייטער פון זיי און געפינט דעם קאמף צווישען דער רעאליסטישער וועלט און דער פּאָעטיש אויסגעטראכטער. ער פארנעמט זיך אויך מיט דער מאָראל פון מענשען די באגריפען פון „גוטס און שלעכטס״, א ווערק וועגען דער געניאָלאָגיע פון מאָראל **). נאָכפאָלגענדיג זיינע יוגענט־טעאָריעס, שאפט ער די טעאָריע פון אינדיווידועלער פּערזענליכער אריסטאָקראטיע. האלטענדיג אז פון די מאסען קען מען קיין גרויסעס ניט דערווארטען, שאפט ער דעם אויבערמענש וועלכער דארף לייזען אויף זיין שטייגער אלע מענשלעכע פּראָבלעמען. דער דאָזיגער אויבערמענש איז דער האַר פון אלע וועלטען, ער דארף דאָס אלעמען מנצח זיין. ער איז דער ערדיש־מענשלעכער גאָט וועלכער דארף קירעווען די וועגען פון די מענשהייטען. ער דארף זיין דער כל יכול . . . אנשטאָט דער ווילען פון דער נאַטור, שאפט ער די טעאָריע פון „ווילען צו דער מאכט״ וואָס ווייסט ניט פון קיין תחומים אויסער טאָטאלער דיקטאטור.

ער זוכט דעם פענאָמענאלען מענש. אין „זאראטוסטרא״ שרייט ער אויס: שוין צוואנציג יאָרהונדערטער זענען פארבייגעלאָפען און מ׳זעט ניט קיין נייעם גאָט. איז די מענשלעכע קרעאטיוויטעט שוין טויט? . . .״ ניטצשע זוכט די איבערנאַטירלעכע ענערגיע פון מענשלעכער פּערזאָן וואָס דארף רעגירען און הערשען . . . מען געפינט ביי אים די אנאלאָגיע מיט ריכאַרד וואגנער דעם אנטיסעמיט און שאפער פון מלחמה־מיסטיציזם. די ליניע גייט שאָפּענהויער, ניטצשע, הארטמאן און אָסוואלד ספּענגלער — אלע קומען זיי פון איין מקור: פּעסימיזם! די וועלט איז א מיאוסע, די מענשען זענען חיות און נאָר אויבערמענשען מיט ווילען קענען זיי פירען.

*) Unzeitgenassen Betrachtungen 1873-76. **) Geneaologis der moral 1887.

דאָס איז דער פּעסימיזם וואָס באַרעכטיגט די מענשלעכע לײדענשאַפטען אין זײער צעפלאַקערטקײט, וואָס פירען צו מלחמות, צו מאָרד . . . לײדענשאַפטען וועל־כע שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קײן מאָראַלישע ווערטען און האָבען ניט קײן מורא פאַר זינד.

אויך אין דער אידישער אויפפאַסונג געפינט מען די פאָרמולע פון „כי יצר לב האדם רע מנעוריו" — אָבער וואָס פאַר א פאַרגלײך. דער תנ"ך זוכט צו באַהער־שען און צו צוימען דעם יצר לב האדם און מאַכען אים אומשעדליך.

אָבער צו וואָס האָט דאָס געפירט? דאָס האָט געפירט צו א היוסטאָן טשעמ־בערליין מיט זײנע ראַסען טעאָריעס; צו א טרײטשקע מיט זײן שאָוויניזם; צו א היטלער־מערדער און חיה'שע פילאָזאָפיע פון אַן אלפרעד ראָזענבערג, דעם טעאָרע־טיקער פון נאַציזם. דאָס האָט געפירט אז א שריפטשטעלער ווי גערהארד האופטמאַן, דער שאַפער פון מײסטערווערק „די וועבער", זאָל ווערען אַן אָנהענגער פון נאַציזם און אזוי פיל אנדערע שעפערישע גײסטער זאָלען זיך בויגען און איבערנעמען דעם פאַשיזם.

בײ די ענגלענדער געפינען מיר אויך א שריפטשטעלער וואָס פאַרהערלעכט די העלדישע פערזענלעכקײטען אין יעדען דור. דער היסטאָריקער טאָמאַס קאַרלײל (1795־1881) אין זײן ווערק וועגען גבורים, די מאָמענט־שאַפענדע כחות פון אלע צײטען, באַווײזט ווי דער „אדם העליון", דער אויבערמענש איז אמאָל געווען א גאָט, ניט בלויז בײ די הײדען פון אלטערטום אין אָריענט נאָר אפילו בײ די אײראָ־פּײער ווי דער סקאַנדינאַווישער אודין, דער גאָט פון די טעאָוטאָנען און גערמאַנער, דער גרוסער מענש איז משיח, נביא, פּאָעט, שרײבער, קעניג. ער איז מיט דער מײנונג אז דער דור איז לויט דעם פירער, *) ער האַלט ווי שעקספּיר אז מיר זענען פון זעלביגען מאַטעריאַל פון וועלכער חלומות ווערען געוועבט **). איז דאָס אויך אַן אַנטי־סאָציאַליסטישע, אנטי־דעמאָקראַטישע פילאָזאָפיע. מיר האַלטען אז „קול המון כקול שדי"! היסטאָרישע פאַקטען באַווײזען אז די מאָראַל וואָס ווערט אנער־קענט בײ די מאַסען איז די העכסטע און קײן יחיד האָט ניט קײן רעכט צו דיקטירען די מענשהײט, צו האַלטען זיך פאַר דעם אויבערמענש און אלע מענשען פאַר זײנע שקלאַפען. אין אלע רעליגיעס ווערט אָנערקענט די חשיבות פון מענש. אפילו פון דער בהמה און עוף קען דער מענש אָנלערנען גוטע זאַכען אפילו פון ווערמעל, פון א נמלה קאָן מען אָנלערנען גוטס איז דאָך אָפּגערעדט אז מען קען עפּעס לערנען פון א מענש, ווען אפילו ער איז ניט קײן אויבערמענש. אויב צווישען חי און מדבר איז פאַראַן א ליניע ווי איוב דריקט זיך אויס: „מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו" (איוב ל"ה י"א) איז דאָך שוין אָפּגערעדט וועגען א ליניע צווישען מענש און מענש.

קאַרלײל, ווערט פאַררעכענט אלס אײנער פון די הויפּט בעלי־מחשבה בײם ענגלישען פאָלק. ער ווידערשפּרעכט זיך אָבער צופיל אין זײנע פילע ווערק וואָס ער האָט נעשריבען אויף פאַרשײדענע טעמעס. העפּאַליט טען, דער פראַנצויזישער לי־

*) אין תלמוד געפינט מען אויך אזא ענליכע דיסקוסיע.

**) "We are such stuff as dreams are made of"

טעראטור־קריטיקער, שרייבט אן זיין ווערק „די געשיכטע פון דער ענגלישער ליטע־ראטור", אז לייענענדיג קארליילס 20 בענד קריטיק און געשיכטע, באקומט מען פארשיידענע געפילען, אזוי וויט, אז אין דער פרי קען מען אמאל לייקענען דאס וואס מ'האט געטראכט מיט א נאכט פריער . . .

ווי עס זאל ניט זיין איז קארליילס שיטה וויט צו זיין א ניטשעאנישע וועל־כע שטעלט אין געפאר די אנטוויקלונג פון דער מענשהייט, ניט אכטענדיג וואס ניטצ־שע איז געווען א טיפער דיינקער און זיינע ווערק זענען פארעכענט פאר א וויכטיגען בייטראג צו מענשענס שאפען און דענקען. האט דאך דאס דייטשיש פאלק געמאכט ריזיגע בייטראגען צו דער וויסענשאפט, קונסט, ליטעראטור, מעדיצין, אינדוסטריע און בכלל צו אונזער ציוויליזאציע און דאך איז עס געווארען א סכנה פאר דער מענשהייט.

אין קעגענזאץ צו קאנטס „קריטיק פון דער ריינער פארנונפט" האט ער זיך פארנומען מיט פארפראזטע אבסטראקציעס, פוסטע באגריפען און שעדלעכע אידייען און ניט אומזיסט פרעגט ער אין זיינע קראנקע יארען, האב איך ניט אויך געשריבען גוטע ביכער? יא שיינע ביכער געשאפען אבער ניט גוטע, אמת'ע.

„זאראטוסטרא" איז איבערזעצט אין פיל שפראכען, אויך אין העברעאיש (א וואונדערלעכע איבערזעצונג פון דוד פרישמאן דעם קלאסישען איבערזעצער פון דער מאדערנער ליטעראטור אין העברעאיש) און אין אידיש (דאכט זיך פון נ. קרא־וויץ). זאראטוסטרא'ס עגאאיזם און „איכיסטישער" בארעכטיגונג, באהערשט ניט, צו אונזער גליק, די וועלט. די מענשהייט שטרעבט צו סאציאליזאציע, צו אוניווער־סאלער ברידערלעכער געזעלשאפט, קלאסענלאזע געזעלשאפט אין וועלכער אלע מענשען זאלען זיך פילען גליקליך אנשטאט דעם טריאומף פון א זאראטוסטראס געזעלשאפט וואס מיינט דעם צוריקקער צו א קאסטעס־סיסטעם, קלאסען סיסטעם, שקאפעריי . . .

כּי. — דער אידישער אתּה בחרתנואיזם. — די ראַסען טעאָריע. — אתּה בחרתנו געפילען און אתּה־בחרתנו געדאנקען. אויסדערווילט־קייט — צו וואָס?

אין די פיל באשולדיגונגען (בלבולים) קעגען אידישען פאָלק, איז אויך די באַשולדיקונג אז אידען טראָגען אין זיך דאָס באוואוסטזיין פון „אויסדערוויילטקייט" און האלטען זיך פאר „סופּעריאָריטעט" לגבי אנדערע פעלקער און ראסען. די באשולדיגונג גייט אזוי ווייט, אז אידען, זענען גאָר געווען די, פון וועלכע די דייטשען האָבען זיך אָפּגעלערנט צו האלטען זיך פאר די אויסדערוויילטע, פאר דעם מייסטער פאָלק. זיי האָבען אָט די באשולדיגונג באגרינדעט אויף פּסוקים פון תנ"ך, אויף מאמרים און תלמוד, אויף פּסוקים פון אידישע תפלות א. א. וו.

אין דער תורה, האָבען זיי געפינען דעם אויסדרוק פון „עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה (דברים ד' י)) אין נביאים און כתובים הונדערטער אזעלכע ענלעכע פסוקים. אין תהלים (צ"ט, ב'): „ד' בציון גדול ורם הוא על כל העמים" (גאָט איז גרויס אין ציון און איז דערהויבען איבער אלע פעלקער . . .). אין די תפלות: אתה בחרתנו מכל העמים . . . אין קידוש: „אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון". . .

די אידען־פיינט, האָבען זיך אָנגעכאפּט אין דעם פיוט פון סוכות „אפאר לאלהי מערכה" אין וועלכען עס ווערט געזאָגט צווישען אנדערעס, אז לעתיד ליבא וועט גאָט אויסלאכען די פעלקער און וועט זיך בלויז פרייען מיט די אידען, זיין פאָלק, וואָס האָבען מקבל געווען די תורה, און געהיט די מצוות. דער דאָזיגער פיוט איז געבויט אויף דער תלמודישער אגדה (עבורה זרה ב' און אנד. מקומות) וואָס איז פריער ביי געלעגענהייט דערמאנט געוואָרען.

דארף קודם־כל באמערקט ווערען אז יעדער פאָלק, דאָס פּראָגעסיווסטע און ליבעראלסטע האָט אביסעלע פון דעם גאות „קאָמפּלעקס" און אידען זענען אויך בארעכטיגט צו דעם. מיר האָבען א רעכט זיך צו האלטען פאר אן „עם סגולה, האָבענדיג מיט זיך א מיסיע צו דער וועלט, זייענדיג אין א געוויסען זין אן „אור לגוים", ווייזענדיג דעם וועג ווי צו קעמפען פאר גערעכטיגקייט און פרייהייט, קעמפענדיג פאר דער ריינער אמונה, נעמענדיג אויף זיך די משיח־לײדען פאר דער גאנצער מענשהייט און דורכמאכענדיג מארטיראָלאָגישע געשיכטע וואָס האָט ניט קיין גלייכען ביי קיין פאָלק. אויך אנדערע פעלקער האָבען א רעכט דערויף צו האָבען א שמינות שבשמינית פון אָט דעם „סופּעריאָטעט", אָבער נאָר אויף דעם חשבון פון גייסטיגע מעלות, פון גייסטיגער דערהויבענקייט און נאָר אויף אן אופן, וואָס זאָל קיינעם ניט שאַדענען, א זעלבסטגעפיל וואָס שטארקט און פירט צוזאמען די אייגענע משפחה, וואָס שעדיגט ניט יענעמס געפילען און אודאי ניט יענעמס פיזישען עקזיסטענץ ווי דער מוסטער „גערמאניע" וועלכע זוכט פּריווילעגיעס פאר זיך און באהערשונג איבער אנדערע.

ניט זייענדיג פאראינטערעסירט אין ברענגען אילוסטראציעס ווענען אויס־

דערוויילטקייט־געפיל ביי אנדערע אומות, וועלען מיר בעסער באטראכטען אונזער אייגענעם „אתה בחרתנו״, זיין באדייט און מיין.

דאָס אידישע פאָלק באטראכט זיך פאר דאָס אויסדערוויילטע פון גאָט, איז שטאָלץ מיט דעם „אשר בחר בנו״, איז שטאָלץ מיט זייערע אור־עלטערען, אברהם יצחק און יעקב. — מיט דער גבורה פון „אשר בחר בנו״, אויסגעקעמפט זיין פלאַץ אין דער וועלט פאר טויזענטער יאָרען. ס'איז אָבער א גרויסער חילוק פון אידישען אתה בחרתנו'איזם און די ראסען־אונטערשיידען, ווי זיי ווערען פארשטאַנען פון די דייטשען, וועלכע האלטען זיך פאר דעם „הערן־פאָלק״ און „הערן ראַסע״.

ניטאָ ביי אידען דער באגריף פון א העכערער אָדער בעסערער ראַסע. ניטאָ קיין יחסנים. אלע שטאַמען מיר פון איין טאַטען — פון אדם הראשון און במילא זענען אלע מענשען גלייך־בארעכטיגטע, חשובע. קיינער קען זיך ניט בארימען אז ער קומט ארויס פון א שענערען יחוס. אלע האָבען דעם זעלבען יחוס אין דעם זעלביגען אָפּשטאַם. די אידישע אבות זענען פארהייליגט געוואָרען, ניט אזוי צוליב דעם וואָס זיי האָבען געהיט די משפחה־ריינקייט, ניט דערפאר ווייל זייער אָפּשטאַם איז געווען יחוסדיגער — נאָר צוליב דעם, וואָס זיי זענען געווען די ערשטע, צו אָנערקענען דעם אמת'ן גלויבען און דערגרייכט אינטואיטיוו, דעם גלויבען אין איינציגען גאָט, וואָס האָט באשאפען און רעגירט איבער דער וועלט.

אברהם'ס יחוס איז ניט קיין ראַסען־יחוס; עס איז א רעליגיעזער יחוס. מ'שעמט זיך ניט אויסצוזאָגען וועגען אידישען אָפּשטאַם, אז תרח איז דער פאָטער פון אברהם.

דער אידישער אתה בחרתנו זאָגט ניט, אז אידען זענען בעצם בעסער און העכער אלס ראַסע. עס איז אבסאָלוט ניט קיין ראַסען אתה בחרתנו, נאָר א רעליגי־עזער, אז די אידישע רעליגיע איז העכער, בעסער און אמת'דיג — אז זי דאַרף פון אלעמען, פון דער גאנצער מענשהייט אנערקענט ווערען. דאָס גרויסקייט פון אידען באשטייט אין דעם, וואָס זיי זענען געווען די ערשטע מקבל צו זיין די תורה, צו נעמען אויף זיך מקיים זיין די „עשרת הדברות״, וועלכע זענען פון גאָט, וואָס איז העכער פון אלע מענשליכע באגריפען, העכער פון דער נאטור און פון מענשלעכען פארשטאנד.

אזא אתה בחרתנואיזם שליסט ניט אויס קיין מענש פון צו ווערען אידען: „אין הקב״ה פוסל לשום בריה, אלא לכל הוא מקבל. השערים נפתחים בכל שעה וכל מי שמבקש לכנוס, יכנוס״ . . . *).

די אידען האָבען זיך קיינמאָל ניט געהאלטען ראסליך העכער פון אנדערע פעלקער, אויף צו באהערשען אנדערע, צו אונטערדריקען אנד. פעלקער, ווי עס באַ־דייט דער דייטשער ראסיזם. דער פאקט איז, אז אידען האָבען שטענדיג צוגענומען

*) גאָט פסל'ט ניט קיין שום באַשעפעניש, ער עמפאנגט אלעמען. די טויערען זענען אָפען צו יעדער צייט און ווער עס וויל ארייננקומען, זאָל ער ארייננקומען. און אזוי שטייט געשריבען: עפענט די טויערען און זאָל ארייננקומען דער גוי צדיק וואָס היט די אמונה. עס שטייט ניט געשריבען זאָלען ארייננקומען די כהנים, די לויים און די ישראלים, עס שטייט: „זאָל ארייננקומען דער גוי צדיק וואָס היט די אמונה״ . . . שיר רבה י״ז, ספרי אחרי.

גרים און זיי געהאלטען חשוב און טייער ווי אייגענע קינדער פון ישראל, בני אברהם, ווי עס איז באוויזען געוואָרען אין צווייטען אָפּטייל פון דעם ספר.

אידען האָבען ניט געקוקט אויף „בלוט ריינקייט״ ווי די אריער פארשטייען עס; אין געגענטייל, די ראסע אז קיינמאָל ניט געשטאנען אין וועג פון אסימילאציע, נאָר די אמונה וואָס האָט צוריקגעהאלטען אידען פון צו ווערען אויסגעמישט מיט אנדערע פעלקער. נעמט, ווער עס זאָל ניט זיין אָן די אידישע אמונה ווערט ער אברהם׳ס קינד אין אלע הינזיכטען. ער פארלירט זיין שטאם, זיינע פריערדיגע עלטערען און באקומט נייע, אידישע עלטערען — די אבות פון אלע אידען ווערען אויך זיינע. „גר שנתגייר״, איז דאָך „כקטן שנולד דמי״. א גר ווען ער נעמט אָן דעם אידישען גלויבען איז ער ווי א קינד וואָס ווערט אויפסניי געבוירען און ס׳איז שוין ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען אים און א אידיש קינד פון אָפּשטאם.

די אבות האָבען שטארק זיך אויסגעהיט פון ניט הייראטען מיט פרעמדע פעלקער. אָבער ניט שטענדיג איז דער פאל געווען אזוי. פון די שבטים זעען מיר ווי שמעון האָט געהאט אויך א כנענית א פרוי, אויב מ׳זאָל זיך ניט באנוצען מיט דעם מדרש אויפן פסוק „ושאול בן הכנענית״. ־בראשית מ״ו י׳).

ביי יהודה, ווערט געזאָגט: וירא שם יהודה בת איש כנעני (בראשית ל״ח ב׳) אין תלמוד, פארשטייט זיך, איז די זאך קשה געווען און געטייטשט אז כנעני מיינט סוחר, רייכער מאַן *). יוסף הצדיק, האָט געהייראט אין מצרים די טאָכטער פון אן עגיפּטישען פּריסטער „אסנת בת פוטי פרע כהן און״ (בראשית מ״א נ׳). משה רבנו ,דער רבי פון אלע אידען, דער גרעסטער מענש ביי אידען, דער הייליגסטער מיט וועמען גאָט האָט גערעדט פּנים אל פּנים (שמות ל״ג י״א „אשר ידעו ד׳ פּנים אל פּנים״, (דברים ל״ד י׳) האָט געהייראט צפּורה׳ן, יתרו׳ס טאָכטער, א שווארצע אן „אשה כושית״ פון אפגאניסטאנישען אָפּשטאם.

רעדענדיג וועגען משה רבנו, איז כדאי צו דערמאנען דעם מאמר אין מדרש רבה (שמות פּרשה ב׳), ר׳ לוי זאָגט: משה האָט געזאָגט רבונו־של־עולם, יוסף׳ס ביינער זאָלען ארייַן אין ארץ ישראל און איך ניט? האָט גאָט אים געזאָגט: דער, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט זיין לאנד, דארף באערדיגט ווערען אין זיין לאנד און דער וואָס האָט פארשוויגען זיין אָפּשטאם וועט ניט אריינקומען אין זיין לאנד . . . *)

דער „ערב־רב״ פון מצרים האָט זיך צוזאמענגעגאָסען און געוואָרען צוזאַ־מענגעשמאָלצען אין אידענטום (שמות ל״ב).

מלכות־בית־דוד, די גרעסטע און אייביגע אידישע מלכים דינאסטיע שטאמט

---

*) זע פּסחים נ״ע עמוד א׳. „מאי כנעני, אילימא כנעני ממש, אפשר בא אברהם והזהיר את יצחק, בא יצחק והזהיר את יעקב ויהודה ניזול ונסיב? אלא אמר ר׳ שמעון בן־לקיש, בת גברא תגרא דכתיב „כנען בידו מאזני מרמה״, ואיבעית אימא מהכא אשר סוחריה שרים כנעניה נכבדי ארץ (ישעיה כ״ג ח׳).

*) א״ר לוי אמר (משה) לפניו, רבונו־של־עולם עצמותיו של יוסף נכנסו לארץ ואני איני נכנס? אמר לו הקב״ה מי שהודה בארצו נקבר בארצו, ומי שלא הודה אינו נקבר בארצו. יוסף הודה בארצו מנין? גבירתו אומרת: ראו הביא לנו איש עברי . . . נקבר בארצו. מנין? שנאמר: ואת עצמות יוסף . . . קברו בשכם (יהושע כ״ד) אתה שלא הודית בארצך . . . בנות יתרו אומרות: „איש מצרי הצלנו״ (שמות ב׳) והוא שומע ושותק, לפיכך לא נקבר בארצו — כי לא תעבור את הירדן הזה.

אַפּ פון רות המואביה, די באַרימטע גר'טע וועלכע האָט פאַרלאָזן איר געצענדינער־רישען שטאַם און געוואָרען א געטריי קינד פון אידישען פאָלק און זוכה געווען, אז אויף איר נאָמען, זאָל גערופען ווערען א ספר פון תנ"ך, „מגלת רות", וואָס איז לויט דער אגודה געשריבען געוואָרען פון שמואל הנביא.

פון שלמה המלך איז דאָך אָפּגערעדט. דער פסוק דערציילט: „והמלך שלמה אהב נשים נכריות רבות ואת בת פרעה"... ס'איז דאָ א סברא אז ער האָט געהייראַט די מלכת שבא—פון וועמען די עטיאָפּער שטאַמען אָפּ. דער עטיאָפּישער קעניג העילי סעלאַסיע רופט זיך דער לייב פון יהודה, שטיצענדיג אויף דער לעגענדע *).

פיל אידישע מלאכים האָבען זיך משדך געווען מיט אנדערע דינאַסטיעס, כדי צו שטאַרקען און צו זיכערען זייער מאַכט.

אין גלות בבל, האָט דער פּראָצעס פון געמישטער הייראַטען זיך אזוי קאָלאָסאַל צעוואַקסען אז עס האָט געשטעלט אין געפאַר די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. זאָגט דער פסוק: „כי נשאו מבנותיהם להם ולבניהם והתערבו זרע הקדוש בעמי הארצות" (עזרא ט' ב'). די לאַגע האָט אָנגענומען אן ערנסטען קאַטאַסטראָפאַלען כאַראַקטער. ניט אומזיסט האָט זיך עזרא הסופר אזוי באַקלאָגט. דער דאָזיגער נאַציאָנאַלער פירער, וועלכער האָט געוואָלט זען דעם ווידעראויפבוי און ווידער אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק אין דער אידישער היים, האָט מורא געהאַט פאַר דער פאַרפרעמדקייט פון אידישען פאָלק, ער זאָל חלילה ניט אינגאַנצען אַסימילירט ווערען און איבערנעמען די פרעמדע קולטורען, פרעמדער שפּראַך, פרעמדען גלויבען. ער האָט דעריבער באַלד אַרויסגעגעבען גזרות און תקנות צו צוימען דעם דאָזיגען דראַנג און טענדענץ. אלס „הוראת שעה", האָט ער אָנגענומען די שטרענגסטע מיט־לען צו באַגרעניצען דעם מינימאַלסטען אופן פון אָט די נטיה, געהייסען פאַרטרייבען די „נשים נכריות", קאָנצענטרירען די אידען אין זייער היימלאַנד און שאַפען א פעסטען נאַציאָנאַלען באָדען. אין פריערדיגע צייטען, פאַר עזרא'ן, ווייזט אויס האָט מען זיך ניט באַצויגען מיט דער מאָס שטרענגקייט, ווייל די אידישע גאַנצקייט איז סיי־ווי געווען געזיכערט.

די אידישע אָפּגעזונדערטקייט און איינגעשלאָסענקייט איז נאָך מער גע־שטאַרקט געוואָרען אין דער עפּאָכע פון נאָכ'ן חורבן, ווען אידען זענען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער היימלאַנד, פאַרלוירען זייער זעלבסטשטענדיגקייט און געוואָרען א וואַנדער פאָלק. אין די שפּעטערע צייטען איז אויך באַגרעניצט געוואָרען דאָס צו נעמען גרים, צוליב דער מורא פאַר מסירות און אויך צוליב דער מורא פון פאַלשע גרים. פיל גרים זענען פאַרדעכטיגט געוואָרען אז זיי טוען דאָס, צוליב ליבע אָדער קאַריערע.

אין די גלות לענדער, זעט מען נאָך א דערשיינונג; וואָס מער דער ניט־איד האָט מבטל געווען דעם איד, אים אויסגעלאַכט און איגנאָרירט, האָבען אידען זיך אליין געזען דערהויבען מיט געטליכקייט און הייליגקייט. ווען דער איד האָט געזאָגט

*) אין „תרגום שני", ווערען דערציילט וואונדער־מעשה'לאך וועגען דער באַגעגעניש פון קעניג שלמה מיט דער קעניגין שבא, די טייערע מתנות וואָס ער האָט איר געבראַכט, די רעטעניש וואָס זי האָט אים געפרעגט, און די באַגייסטערונג וואָס זי האָט אַרויסגעוויזען פאַר „דעם קלוגסטען פון אלע מענשען".

„אשר בחר בנו", האָט ער ניט געמיינט פּריווילעגיעס מיט וועלכע ער דאַרף זיך פרייען. ער האָט זיך געפרייט מיט דער אויסדערוויילטקייט צו טאָן גאָטס מצוות, צו ווערען געהייליגט דורך זיי. אין הייליגקייט האָבען אידען געפינע גבורה; אין דער הייליגקייט געפילט זיך דערהויבען, חשוב, צו קעמפען פאַרן קיום פון פאָלק און קיום פון פאָלקס־ווערטען און גלויבען.

דער „אתה בחרתנו'איזם" טראָגט ניט מיט זיך קיין שום ראַסען־סופּערי־אָטעט, מעג זיין, אז אידען, ספּעציעל נאַציאָנאַל־באוואוסטזיניגע, טיף־רעליגיעזע, האַלטען דאָס אידישע פאָלק אלס עטנישער איינהייט. די אידישע בחירה־טעאָריע, די קאָנצעפּציע וועגען ספּעציפישע קוואַליטעטען פון אידישען פאָלק איז באַזירט אויף דער אידישער תורה וואָס דערהויבט דעם מענש צו מאָראַלישער שלמות, צו א העכערען וועלט־גייסט פון מענשען־ליבע, ווי דאָס איז געוואָרען אויסגעטייטשט און אַרויסגעבראַכט פון אזעלכע דיינקער ווי משה העס (1812־1875) אין זיין ווערק „רוים און ירושלים" (דערשינען 1862) און פריער פאַר אים ביי משה מענדעלסאָן (1729־1786).

און דאָ קומען מיר צו א פּונקט וועגען אידישער בחירה וואָס דער פירער און טעאָרעטיקער פון פּועלי־ציוניזם חיים גרינבערג האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין אָפּ־האַנדלונג וועגען אויסדערוויילטקייט *), זאָגענדיג צווישען אנדערס:

„די איינציגע אין אידענטום, וואָס זענען ניט מחויב אונז צו געבען אזעלכע ריין־מעטאָדאָלאָגישע דערקלערונגען זענען יענע, וואָס שטייען נאָך ביז היינט מיטביידע פיס אויפן „פונדאַמענטאַליסטיש" דאָגמאַטישען באָדען פון רעליגיעזען דיינ־קען, פון פרומע אָרטאָדאָקסישע אידען קענען מיר קיין ראַציאָנאַלען ענטפער ניט פאָדערען און עס וואָלט געווען זינלאָז מיט זיי צו אַרגומענטירען. פאַר זיי איז אידי־שע אויסדערוויילטקייט א קאָסמישער פאַקט, א טייל פון דער געזעצליכקייט אין אור־ניווערסום און אין אוניווערסאַלען געשען . . ."

חיים גרינבערג שטעלט אָבער אונטער א שאַרפען קריטעריום די בחירה־אָנגעהעריקייט ביי רעפאָרמער און סעקולאַרע דיינקער. ער פרעגט אָפּ זייער „אתה־בחרתנו" אויפפאַסונג, און אַרגומענטירט זייער קאָנצעפּציע וועגען דער ספּעציפיש־אידישער כח־יצירה, אזוי אז לויט זיינע רייד איז פּראָפעסאָר מרדכי קאַפּלאַן אויס־געהאַלטען מיט זיין באַזייטיגען פון דער „הגדה" אַלץ וואָס איז פאַרבונדען מיט אידישער בחירה . . . אין זיין פאַרגלייך צווישען אידען און אנדערע פעלקער מאַכט ער אָט דעם סך־הכל:

„אויף וויפיל עס האַנדעלט זיך וועגען אויפבויען גרויסע ציוויליזאַציעס, אין דעם טעכנאָלאָגיש־ווירטשאַפטלעכען זין, קענען אידן לגבי א ריי אנדערע פעלקער ניט שטאָלצירן: קיין גרויסע און לאַנג־דויערנדיקע אימפּעריעס האָבן זיי ניט אויפ־געשטעלט; אין דער הינזיכט זענען זיי אין אַלטערטום געווען „אינפעריאָר" אין פאַרגלייך מיט די בבליים, מצריים, גריכן, פּערסער און רוימער. עס איז קלאָר, אז דער אידישער געניוס ליגט אויך ניט אויפן געביט פון פּלאַסטישער קונסט. פּלאַס־

*) חיים גרינבערג, „ווער איז אויסדערוויילט? (א קאַפּיטעל פון א גרעסערער אַרבעט", „אידישער קעמפער", פרייטאָג, 22־טען יאַנואַר 1942).

טישע ארטיסטן פון וועלכער ניט איז באדייטונג (און דאָס זעלבע קען מען זאָגן אויך וועגן מוזיק־קאָמפּאָזיטאָרן) זיינען ביי אידען אנטשטאנען ערשט אין נייַנצנטן יאָרהונדערט. וואָס איז שייך וויסנשאפט, זיינען אידען געווען אין אלטערטום הינטערשטעליק לגבי די עגיפּטער און די גריכען, און אין מיטעלאלטער — לגבי די אראבער. א איד מעג היינט שטאָלצירען מיטן פאקט, אז די „גרעסטע וויסענשאפטלער פון די לעצטע צוויי דורות, מארקס, פרויד און איינשטיין, זיינען אידען" — דאָס קען אָבער ניט „מכפּר־זיין" דעם פאקט, וואָס אין משך פון טויזענטער יאָרען, ביז'ן אכצענטען יאָרהונדערט, זיינען אידען געווען אזוי וויניג שעפעריש אויפ'ן געביט פון עכטער וויסענשאפטס־פאָרשונג און אנטדעקונג וואָס איז שייך ספעקולאטיווער פילאָסאָפיע, זיינען אידען אין אלטערטום געווען „בארבארען" לגבי גריכען, און די וועלט האָט געדארפט ווארטען אזש ביז'ן זיבעצעטען יאָרהונדערט, כדי אידען זאָלען ארויסגעבען אין דער פערזאָן פון שפינאָזא זייער ערשטען אָריגינעלען פילאָזאָף".

מיט דעם גאנצען רעספעקט צו גרינבערג'ן אלס טעאָרעטיקער האָבען מיר דאָך א סך אויסצוזעצען קעגען זיינע אקסיאָמעס. מיר האלטען למשל, אז אידען האָבען יאָ געהאט קינסטלער אין אלטערטום אין פארמעסט מיט פיל אנדערע פעלקער. די ארבעט פון משכן מיט אלע „כלי שרת", דאָס פרעכטיגע בנין פון בית המקדש און די אנדערע הערלעכע בנינים אין אלט־ירושלים פון דער דוד אין שלמה עפּאָכע באווייזען דאָך אז אידען זענען געווען קינסטלעריש רייף *). מיר האלטען אויך אז נאָך פאר שפינאָזא, האָבען אידען געהאט אָריגינעלע דיינקער און פילאָזאָפען גענוג צו דערמאנען ר' סעדיה גאון, דעם רמב"ם, ר' יהודה הלוי, אבן גבירול און פיל־פיל אנדערע וואָס האָבען געשאפען ווערק וויט אריבער די תהומים פון דער טעאָלאָגיע, דאָך בלייבענדיג אין די ראמען פון אמונה וואָס איז ביי זיי געווען אן עיקר. די דערמאָנטע האָבען גרינטלעך געקענט די יסודות פון דער אראבישער פילאָזאָפיע, די הויפּט־פרינציפען פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, ווי זי איז ארויגעבראכט געוואָרען אין די ווערק פון די גרעסטע גריכישע פילאָזאָפען פלאטאָ און אריסטאָטעל. זיי האָבן אָבער באוויזען און מיט שכל וואָס איז מחייב, אז זייערע באַגריפען וועגען דעם מהות פון געטליכקייט אנטהאלטען אין זיך פיל טעותים וועלכע פארקלענערען אומגעהייער די באדייטונג פון דעם, דורך זיי בלויז טיילווייז דערגרייכטען אמת. זיי האָבען זיך פארטיפט און דערטראכט צו באווייזען אויף וויפיל העכער עס שטייט די אידישע אמונה וואָס איז געקומען דורך אן איבערנאטירלעכער התגלות, אָן וועלכער מען וואָלט צו אזא ריינעם און טיפען אמת קיינמאָל נישט געקענט צוקומען. מיר ווילען זיך אָבער אויף דעם מאָמענט ניט אריינלאָזען אין אָט די חקירות. מיר ווילען בלויז פרעגען מיט דעם אידיאָמאטיש־תלמודישען „ולטעמך", אויב גרינבערג, זוכענדיג די ספעציפיש אידישער געניאליטעט צו בארעכטיגען אתה־בחרתנו־לערע, „עם סגולה" — עפּאָלעט, געפינט ביי אידען אָריגינעלע שעפערישקייט אין די ספערען פון רעליגיע און מאָראל ווי ער פירט אויס אין זיין ארטיקעל, פארוואָס ניט אָננעמען דעם קריטעריום פאר אלע שיכטען אין

*) זע פריער, קאפּיטעל ח' ז"ז 83־84.

אידענטום, רעליגיעזע, אָרטאָדאָקסאַליש אָדער רעפאָרם, סעקולארע, נאַציאָנאַלע, ראַדיקאַלע און אנדערע אידען מיט פאַרשידענע איזמען אין זייער אָנגעהעריקייט.

דער פרומער טראַדיציאָנעלער איד גלויבט אין דעם „ברית" פון גאָט מיט אברהם אבינו וואָס דאַרף אָנהאַלטען אייביג, פונקט ווי די תורה איז אייביג. ער מאַכט די ברכה „שלא עשני גוי, זאָגט אין קידוש כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים" און אין הבדלה „המבדיל בין קודש לחול . . . בין ישראל לעמים" א. א. וו., א. וו. דער סעקולאַרער איד טראַכט (אויב ער זאָגט דאָס ניט) וועגען אונזערע גייס־טיגע ווערטען אדאַנק דער תורה וואָס האָט אנטוויקעלט אין אונז א „ספּעציפישע אינטואיציע פאַר א געלייטערטען רעליגיעזען וועלט־באַנעם און פאַר סאָציאַל־מאָראַלישע שאַפונגען".

די אידישע תורה, די אידישע רעליגיעזע פאַרפלאָכטען און פאַרוועבט מיט אידיש לעבען, מיט אידיש־לאַנד, האָט ניט צוגעלאָזען צו אסימילאציע, האָט פאַרהיטען אידיש פאָלק פון צוזאַמענשמעלצונג מיט אנדערע פעלקער. ר' יחיאל מיכל פינס (תר"ד — תרע"ג) אין זיין ווערק „ילדי רוחי" (צווייטע אויפלאגע ירושלים תרצ"ד, ז"ז ב־ד) באהאנדעלט די פראַגע גרינטלעך אין זיין פאָלעמיק מיט דעם משומד יעקב בראַפמאַן וועלכער איז פריער געווען א לערער אין הויז פון דער פאַמיליע פינעס און מיט דעם בארימטען שריפטשטעלער פון השכלה עפּאָכע און ציוניסטישען פּי־רער מ. ל. ליליענבלום (1843־1910). ער האַלט, אז אויך דער משיח אידעאַל איז א רעזולטאַט דערפון וואָס גאָט האָט געוואָלט אונזער אייביגען נאַציאָנאַלען עקזיס־טענץ. אין זיינע ווערטער:

„להעמיד שם ישראל כימי שמים על הארץ. והאומה הישראלית כירח תכון לפניו, לתקן עולם במלכות שדי. והנה בכל פעם שגברו המועקות והתלאות בישראל, ויאמרו להכחיד את ישראל מהיות לגוי, התלהבו הרוחות בתקות הגאולה" *).

אידען ווערען שטאַרק געלויבט אין דער מדרש־ליטעראַטור. אָבער אַלץ צו־ליב דער תורה. ביי קבלת התורה זענען ביי אידען ניט געווען קיין בלינדע, קיין שטומע, קיין טויבע, קיין לאָמע, קיין נאַראָנים, אַלע זענען געווען פאָלקאָם. **). וועגען אידען ווערט געזאָגט: „אתם עשיתוני חטיבה אמת בעולם ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם". די אידישע תורה איז אן אייביגע, א שטענדיג־הייליגע, דאָס אידיש פאָלק איז אייביג. די תורה רופט אירע פאַרערער צו ליבען גאָט, צו ליבען זיין באַשאַפונג, צו ליבען די גאַנצע מענשהייט, אַלץ וואָס עקזיסטירט און איז א טייל פון דער בריאה *). אדם הראשון איז באַשאַפען געוואָרען מיטן צלם אלקים, און אַלע פעלקער זיינען זיינע קינדער און אַלע דאַרפען האָבען דעם „צלם אלקים" **). „דער וואָס פאַרגיסט מענשלעך בלוט — זאָגט ר' עקיבא — איז גלייך ווי ער וואָלט אָנגערירט די געטלעכקייט אליין (כאלו הוא ממעט את הדמות) . . . יונה הנביא באַקומט א שווערען שטראָף פאַר ניט וועלען גיין ראַטעווען די אשורישער שטאָט

*) זע, רבי יחיאל מיכל פינס, מאת גאולה בת־יהודה ירושלים תש"ד ז"ז 8־11.
**) מכילתא כ' י"ח; במדבר רבה י"ג.
*) זע „במשנת ישראל ואמונתו", „פרקי אמונה" תל־אביב תש"ג ז. פ"ו.
**) ר' עקיבא'ס מאמר, „חביב אדם שנברא בצלם" אבות ג' י"ד, תוספות יום־טוב דאָרט; זע אויך ח. רמבני, דת ומדינה ז. קנ"א.

גינוה פון אומקום. תשובה פון פעלקער ווערט אָנגענומען, אפילו ווען זיי זענען שטארק זינדיג. דער רוצח קיין האָט געלעבט מיטן כח פון תשובה *) מיט תרח ישמעאל'ן האָבען זוכה געווען צו עולם הבא א דאנק דער תשובה **).

מיר האָבען א פולשטענדיגער רעכט אויף אָט דעם „אתה בחרתנו" וואָס פאָדערט ניט פאר אונז באזונדערע רעכטען, נאָר אין געגענטייל, לייגט נאָך ארויף אויף אונז באזונדערע, שווערע פליכטען, מאָראלישע, עטישע, געזעלשאפטלעכע און אידעאליסטישע . . .

די אידישע רעליגיע, די אידישע תורה וואָס אידען האָבען גענומען אויף זיך פרייוויליג, איז אזוי טיף איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין אידישען מהות, אין דער נשמה און הארץ פון איד, אז קיין איד קאָן ניט זאָגען אז ער איז באפרייט פון תורה־מעשים, פון תורה אידעאלען, פון גאָט־זוכעניש, פון די „מצוות שבין אדם לחברו", וואָס באגרעניצען זיך ניט בלויז מיט עקאָנאָמישע אינטערעסען — נאָר האָבען אויך צו טאָן מיט קולטור־געמיינשאפט און גייסטיגע ענינים פון מענש. אפילו דער סעקולארער נאציאָנאלער איד, קאָן זיך אידענטיפיצירען מיט די פרושים פון גליל און זייער פאָרשטייער, יהודה הגלילי וועלכער האָט אויסגעשריען „כי לד' המלוכה"! אז ס'זאָל ניט געוועלטיגען מענש אויף מענש, פאָלק אויף פאָלק, מלוכה אויף מלוכה . . . אין דער אידישער תורה, אויך אין תורה שבעל־פה, געפינט מען די אוניווערסאלע ליבע פרינציפען ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין דער פייערלעכער תפלה פון שלמה „וגם אל הנכרי אשר לא מעמך ישראל הוא . . . אתה תשמע השמים . . . ועשית ככל אשר יקרא אליך הנכרי . . ." (מלכים א' ח').

דאָס אידישע פאָלק וואָס האָט געבראכט דער וועלט דעם געדאנק פון וועלט־גאולה, האלט ניט פון איזאָלאציאָניזם אָדער פון אויטארקישער גאוה. זי איז אָבער אויך ניט קאָסמאָפאָליטיש, „אנאציאָנאליסטיש" (אן אויסדרוק געבאָרגט פון דעם דיכטער מלך ראַוויטש), זי איז פאר דער צונויפלעבונג מיט אנדערע פארשיידענע פעלקער, ניט אָנרירענדיג קיינעמס ספּיציפישע אנדערשקייט ווי דאָס האָט זיך אנט־וויקעלט אין משך פון דורות.

* * *

זענען אידען א ראַסע? די דאָזיגע פראגע קלינגט משונה'דיג אין די אויערען פון אן עכט־רעליגיעזען איד. ער ווייס אז מיר שטאמען פון אברהם אבינו, פון „עבר הנהר", פון שם בן נח און אז מיר קומען פון יהודה. די דאָזיגע מיינונג איז פאר־פעסטיגט אין אונזער קולטור־טראדיציע און איז אויך אָנגענומען ביי די פעלקער פון דער וועלט.

די דאָזיגע פראגע איז אָבער געשטעלט געוואָרען פון פיל אנטראָפּאָלאָגען *),

---

*) ערובין י"ח; בראשית רבה כ"ב.

**) בבא בתרא ט"ז.

*) די אנטראָפּאָלאָגישע וויסענשאפט פאָרשט אויס דעם קערפּערליכען געבוי פון דער באפעלקערונג פון פארשיידענע לענדער און פעלקער און אויף דעם סמך גיט זי אירע אויספירען איבער דער בלוט־פארוואנדשאפט פון די באפעלקערונגען. ניט שטענדיג, פארשטייט זיך, האָט זי רעכט און ניט שטענדיג קען מען זיך פאר־לאָזען אויף די אנטראָפּאָלאָגישע סימנים. דער פאקט איז דאָך אז ניט שטענדיג זע־נען די אנטראָפּאָלאָגען מסכים איינער מיט'ן אנדערענס אויספירען.

סאָציאָלאָגען **) און קולטור־פאָרשער.

מיר דאָ ווילען זיך ניט ארייַנלאָזען אין די אנטראָפּאָלאָגישע חקירות. דער עיקר פון אידישען פאָלק, שטאמט דירעקט פון אונזערע אור־אבות. מיר זענען די זרע אברהם, יצחק און יעקב און אלס אזעלכע די רעפּרעזענטאנטען פון די באַוואוינער פון ארץ ישראל און היסטאָריש בארעכטיגע צום לאנד פון אונזערע אבות. און דאָ ווילען מיר אין עטלעכע ווערטער באווייזען דעם באדייט פון אידישער משפחה־ריינקייט און אָפּגעזונדערטקייט וואָס האָט אונז געמאכט פאר א באזונדערע חטיבה.

ווי אזוי באציט זיך די אידישע רעליגיע צום ענין ראסיזם? זענען אידען טאקע ראסען ריין? באנעמען זיך אידען מיט דער אתה בחרתנו׳איזם טעאָריע?

דער ענין משפחה צעטיילונג און וויכטיגקייט פון משפחה־ריינקייט געפינען מיר אין דער תורה „משפחות הכנעני" (בראשית, י"ח;" . . . ממשפחתי ומבית אָבי" (דאָרט, כ"ד מ׳) „ונברכו בך כל משפחות האדמה (דאָרט, כ"ח י"ד); „פּן יש בכם משפחה או שבט" (דברים כ"ט י"ז); זבח משפחה לנו (שמואל א׳ ב׳ כ"ט); משפחות הארץ (זכריה י"ד י"ז) א. א. וו. א. וו. פעלקער הייסט עס, ווערען, צעטיילט אין זייער אורשפּרונג לויט משפחות.

מיר זעען אויך אין דער תורה ווי אונזערע אבות האָבען געהיטען די ריינקייט פון דער משפחה. אברהם אָבינו האָט זיך באמיט צו נעמען א פרוי פאר זיין בן־יחיד יצחק דוקא פון זיין משפחה.

רבקה שיקט איר זון יעקב קיין פּדן־ארם צו הייראטען מיט א פרוי פון איר משפחה.

ווען עשו נעמט צוויי פרויען פון די בנות חת, זענען זיי „מורת־רוח ליצחק ולרבקה". און רבקה זאָגט:

קצתי בחיי מפני בנות חת, אם לוקח יעקב אשה מבנות חת כאלה, מבנות הארץ למה לי חיים.

זיי שיקען אים קיין פּדן ארם צו נעמען א פרוי פון אייגענער משפחה. און ווען עשו זעט דאָס, גייט ער אויך צו ישמעל׳ן און נעמט פאר א פרוי מחלת

**) איינער פון די באַרימטע סאָציאליסטישע דיינקער קאַרל קאוטסקי (געב. 16־טען אָקט. 1854; געשט. 16־טען אָקט. 1938), האָט אין זיין ווערק „זענען אידען א ראסע"? זיך באמיט אָפּצולייקענען די ראסען־ריינקייט און בלוט געמיינשאפט פון אידען. דער אידישער דיינקער דר. חיים זשיטלאָווסקי האלט גראָד פון בלוט־געמיינשאפט ביים אידישען פאָלק וואָס האָט אויפגעהאלטען די נאציאָנאלע סימנים. מיר, געוויינליך, האלטען שטארק פון די אנדערע גורמים, בעיקר רעליגיעזע וועלכע האָבען צוריקגעהאלטען דעם איד פון אסימילאציע.

די אידישע קולטור פאָרשער פּראָפ. י. ברוצקוס און ל. לערער, האָבען מיט עטלעכע יאָר צוריק די ראסען פראגע באהאנדעלט אין „צוקונפט" אויף א וויסענשאפטלעכען אופן. דר. י. סעגאל, האָט לעצטענס אין דער „פרייע ארבייטער שטימע" (דעצעמבער נומערן, 1944) בייגעטראָגען עטלעכע ארטיקלען צו אָט דעם שטודיום פון „ירושת אבות" (אין ענגליש הערידיטי"). פאר דער טראדיציע, איז דער ענין ניט אזוי שווער צו דערקלערען און צו פארענטפערען. דער צופלוס פון פרעמד בלוט ביים אידישען פאָלק איז געקומען דורך גרים. די אנדערשקייט סימנים, די פארשיידענקייט צווישען אשכנזים, ספרדים און תימנים קאָן אויך זיין דורך סביבה און מוטאציע (פולשטענדיגע ענדערונגען אין אָרגאניזמען) וואָס פיל אנטראָפּאָלאָגען אנערקענען.

בת ישמעאל . . .

ווען חמור החוי דער נשיא הארץ וויל זיך משדך זיין מיט דינה יעקב׳ס טאָכטער, זאָגען אים אירע ברידער:

„לא נוכל לעשות את הדבר הזה, לתת את אחותנו לאיש אשר לו ערלה . . . אך בזאת נאות לכם, אם תהיון כמונו, להמול לכם כל זכר . . .

ווען שמשון זאָגט צו זיין פאָטער און מוטער: „אשה ראיתי בתמנתה מבנות פלשתים ועתה קחו אותה לי לאשה — זאָגען זיי צו אים: „האין בבנות אחיך ובכל עמי אשה . . .

און אזוי פיל אזעלכע ענליכע פסוקים.

די תורה היט די ריינקייט פון משפחה־לעבען ניט צו הייראטען מיט עריות און ניט מיט די פון פרעמדע פעלקער: וישמע העם בוכה למשפחותיו (במדבר י״א י׳) — „על עסקי משפחות, שנאסרו להם עריות״ (שבת ק״ל ע״א). די אידישע משפחה רעכענט זיך פון פאָטער: „ויתילדו למשפחותם לבית אבותם״ (במדבר א׳) משפחה פון פאָטער רעכענט זיך און ניט פון מוטער (יבמות נ״ד ע״ב). דאָס פארשטייט זיך האָט צו טאָן מיט ירושה און נאָמען; ווענען כבוד, איז כבוד אם גלייך מיט כבוד־אב.

אין זיינע תפלות פון יום־כפור, האָט דער כהן גדול געבעטען פאר דער גאנצער משפחה „לכפר בעדו ובעד ביתו״ (ויקרא ט״ז).

אין דער צוקונפטיגער גאולה זאָגט מען אונז וועט אליה הנביא פאראייניגען עלטערען מיט קינדער והשיב לב אבות על בנים, ולב בנים על אבותם (מלאכי ג׳ כ״ד). קינדער ירשענען פון זייערע עלטערען געזונטהייט, שטארקייט („הערידיטי״). ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אז אבא (רב) איז ארויסגעקומען פון א געזונטער משפחה (חילין פ״ד ע״א). ער איז געווען פיזיש שטארק גענוג, אז ער האָט ניט געדארפט האָבען די נארונג־וויטאמינען פון פלייש און ניט געגעסען קיין פלייש.

די וויכטיגקייט פון משפחות איז אנערקענט געוואָרען פון די חכמי התלמוד. פאראַן א מאמר, אז גאָט מאכט ניט רוען זיין שכינה נאָר אויף מיוחסדיגע משפחות *) און זיי באמיען זיך אפילו צו ציען דעם יחוס פון גדולי התנאים ואמוראים ווי רבי שטאמט פון בית דוד, פון שפטיה בן אביטל; ר׳ חייא פון שמעיה דוד׳ס ברודער א. א. וו. **) אין דער גמרא פסחים (מ״ט און אין תנא דבי׳ אלי׳ רבה פ״ה אין אן אנדערען נוסח) ווערט געזאָגט: „א מענש זאָל אלץ פארקויפען און הייראטען מיט א „בת תלמיד־חכם״ א געלערנטען׳ס א טאָכטער . . . משל לענבי הגפן בענבי הגפן״ . . .

די גמרא זאָגט אויך: לעולם ידבק אדם בטובים . . . הנושא אשה צריך לבדוק באחיה . . . שטענדיג זאָל א מענש זיך באהעפטען מיט גוטע מענשען . . . דער וואָס נעמט א פרוי, זאָל ער פריער זיך אינפאָרמירען וועגען אירע ברידער . . . די מערסטע

*) אין הקב״ה משרה שכינתו אלא על משפחות מיוחסות בישראל, שנאמר: בעת ההוא, נאם ד׳ אהי׳ לאלקים לכל משפחות ישראל״, (ירמיה לא) לכל ישראל לא נאמר אלא לכל משפחות ישראל . . . (קדושין ע׳ ע„ב).

**) כתובות ס״ב ע״ב.

קינדער זענען געראָטען אין די מוטערס ברידער *).

די מיוחסדיגע ציון־טעכטער פלעגען זאָגען צו די בחורים: בחור, בחור, קוק אויף דער משפחה — ווייל די אשה איז בלויז לבנים און דאָס וועט האָבען א ווירקונג צו האָבען פיינע קינדער **). אין אן אנדערער שטעלע אין תלמוד: „ווי די מוטער אזוי די טאָכטער" . . . ***).

אידען האָבען זיך אָבער קיינמאָל ניט אידענטיפיצירט מיט וועלכער ס'איז ראַסען טעאָריע, וואָס איז דער היפוך פון דער אידישער אמונה. ווי ווייט דער פסיכאָלאָגישער פאקט פון „אדם קרוב לעצמו" איז אנערקענט געוואָרען אלס פעסטגעשטעלטער פועל יוצא פון דער נאָענטקייט צום אייגענעם איך, האָט די אידישע אמונה געצווימט די עגאָאיסטישע אינסטינקטען ביי דעם מענש־איד. דער מענש איז טאקע אן „עולם קטן" א קליינוועלטעל און מעג אמאָל טראכטען „בשבילי נברא העולם". דאָס איז אָבער נאָר כדי ניט צו פאלען ביי זיך, כדי ניט צו באטראכטען זיך פאר דעם אינפעראָריטעט־קאָמפלעקס, כדי צו וויסען אז אויך ער איז א „יש", א וועזען, א טייל פון דער גרויסער וועלט

דאָס אידישע פאָלק ווערט טיטולירט אלס „עם חכם ונבון" אָבער דאָס ניט צוליב ראַסען־העכערקייט, ניט ווייל מיר זענען די אויסדערוויילטע פון געבורט — נאָר ווייל מיר האָבען אויף זיך גענומען א תורה וואָס לערנט אונז די חכמה פון לעבען. אין מדרש גייען זאלבענאנדביידע מאמרים: לא נברא העולם אלא בשביל התורה שנקראת ראשית, שנאמר ד' קנני ראשית דרכו (משלי ח' כ"ב) ובשביל ישראל שנקראו ראשית, שנאמר ראשית תבואתה (ירמיה ב' ג') *).

אין תלמוד (ברכות י' ע"א) ווערט אויך געזאָגט: „וואָס איז געשריבען אויף די תפלין פון וועלט־באשעפער? — ומי כעמך ישראל גוי אחד! די אידען ווערען באטראכט פאר דאָס איינציגע פאָלק וואָס האָט אנערקענט די אמת'ע געטליכקייט און דעריבער ווערען זיי באַטראכט פאר דאָס אוצר'דיגע פאָלק, פאר גאָטס קינדער **), פאר דעם „עם סגולה": והייתם לי סגולה מכל העמים ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש (שמות י"ט ה־ו) אָדער ווי דער פסוק דריקט זיך אוים: וד' האמירך היום להיות לו לעם סגולה (דברים כ"ו י"ח). דאָ איז אָבער בלויז גע־מיינט, אז אידישע התחייבותן זענען מער ווי התחייבותן פון אנד. פעלקער.

די אידען ווערען גערופען די „שושנה בין החותים" — אין מדרש רבה (שמות ב') ווערען אידען געגליכען צום „סנה" (דאָרנבוש) וואָס גיט דערנער און געשמאקע בלעטער „עושה קוצים עושה וורדים". מ'דארף אָפּשניידען די 'חוחים", כדי די „וורדים" זאָלען וואקסען.

אין מיטעלאלטער, ווען די קריסטליך־קאטוילישע קירכע, האָט דוקא גע־וואָלט אָפּ'שמד'ן די אידען און גענוצט דערביי די שאַרפסטע מיטלען, האָבען די אידען גענוצט אלע מיטלען צו זיין אָפּגעזונדערט פון קריסטען און קריסטלעכער געזעלשאפט. ס'זענען פארעפענטלעכט געוואָרען פארשיידענע תקנות אידען זאָלען

*) ב"ב ק"ט — ק"י. **) תענית ל"א ע"א.
***) כתובות ס"ג; רבנו בחיי, פ' חיי שרה תוספות יו"ט, תענית פ"ד.
*) די וועלט איז באשאפען געוואָרען צוליב דער תורה און צוליב די אידען וואָס האלטען איר — ביידע ווערען גערופען „ראשית".
**) חגיגה ג' ע"א; אבות פ"ג, י"ד.

ניט פאַרקערען מיט קיין קריסטען, ניט באָדען זיך צוזאַמען מיט קריסטען און אודאי ניט עסען צוזאַמען מיט קריסטען. דער דאָזיגער „בדד" איז אָבער געווען אונזער גליק אַלס אייביג עקזיסטירענדיג פאָלק, האָט דאָך זיכער משה רבנו געמיינט גוט פאַר אידען, ווען ער האָט זיי געבענשט מיט דער ברכה „וישכון ישראל בטח, בדד עין יעקב", אויף וואָס דער מדרש (ספרי און ילקוט ברכה) באַמערקט: „לא כבדד שאמר ירמיה . . . אלא כבדד שאמר אותו רשע (בלעם): „הן עם לבדד ישכון".

וואָס שייך מענשליכע רעכט, זענען אַלע מענשען „בנים למקום" און קיינער קען ניט אוועקנעמען פון אים די רעכט. ס'זענען בלויז פאַראַן גוטע און שלעכטע קינדער . . .

דער אידישער משיחיסטישער ענד־ציל איז אַז די גאַנצע וועלט זאָל ווערען איין פאָלק און האָבען איין גאָט: „והי' ד' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי' ד' אחד!" דאָס אידישע פאָלק איז אַן „עם לבדד ישכון", דאָס פאָלק וואָס איז געווען און איז נאָך היינט אָפּגעזונדערט פון אנד. פעלקער איז עס בעיקר צוליב רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אַנדערשקייטען. אין דער צוקונפט־משיחישע עפּאָכע, האָפען מיר אויף דער פאַראייניגונג פון דער גאַנצער מענשהייט ווי דער נביא זכריה האָט עס אויס־געדריקט אין די ווערטער „ונלוו גוים רבים אל ד', ביום ההוא יהיו לי לעם (און ס'וועלען זיך אַנשליסען אַ סך פעלקער אָן גאָט. אין יענעם טאָג, וועלען זיי מיר זיין אַ פאָלק — זכריה ב')

אַ פאַקט איז דאָך, אַז יהושע וועלכער האָט די אידען אריינגעפירט קיין כנען, אין דעם לאַנד פון „זבת חלב ודבש". האָט פאַר זיין טויט דערמאָנט די אידען פון זייער אָפּשטאַם: „בעבר הנהר ישבו אבותיכם מעולם תרח אבי אברהם ואבי נחור ויעבדו אלהים אחרים", גיבענדיג זיי אָנצוהערען אַז זיי זאָלען זיך ניט צופיל איבערנעמען. אויך יחזקאל הנביא, אויסרעכענדיג די תועבות ירושלים דערמאָנט ער איר: מכרתיך ומולדתיך מארץ הכנעני, אביך האמרי ואמך חתית (דיין פאָטער איז געווען אַן אמורי און דיין מוטער אַ חתית — דאָס מוז ניט דוקא מיינען סימבאָ־לישע משלים'דיגע אויסדרוקען).

די גמרא דערציילט, „לפיכך נברא אדם יחידי . . . מפני שלום הבריות, שלא יאמר אדם לחברו אבא גדול מאביך" *). לויט'ן תלמוד, איז אפילו די ערד, פון וועלכער אדם הראשון איז באַשאַפען געוואָרען צוזאַמענגעקליבען געוואָרען פון דער גאַנצער וועלט, כדי איין לאַנד, זאָל זיך ניט קענען באַרימען אַז פון איר איז אדם הראשון באַשאַפען געוואָרען **).

דער מענש, דער לעצטער אינם וועלט־באַשאַף איז געווען דער ערשטער צו נוצען זיין מוח צו דעראָבערען די מעכטיגע נאַטור־כחות. דאָס איז אַ פאַקט, סיי לויטן ביבלישען גלויבען און סיי לויט דער וויסענשאַפטלעכער פאָרשונג, אפילו לויט טשאַרלס דאַרווינ'ס „אָפּשטאַמונג פון מענשען". אַלע אַנערקענען די חשיבות פון

*) דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען אַן איינציגער, כדי עס זאָל הערשען שלום צווישען מענשען, איינער זאָל ניט קענען זאָגען צום צווייטען, מיין פאָטער איז גרעסער פאַר דיינעם.

**) „אדם הראשון מכל העולם כולו הוצבר עפרו" . . . — סנהדרין ל"ח ע"א. אדם יחידי נברא בעולם מפני המשפחות שלא יתגרו זו בזו . . . חולין ל"ח ע"א. וועגען חשיבות פון מענש זע „כלי יקר" אָנהייב משפטים.

מענש *).

אידישער אויפפאסונג פון אתה בחרתנו, איז, ווי מיר האָבען אין אנהויב פון קאפיטעל געזען דער היפוך פון דער דייטשער ראסען־טעאָריע. אויך די וויסענשאפט־לעכע אנערקענונג פון ראסען־עקזיסטענץ, איז ווייט פון דער דייטשער ראסען־פסי־כאָלאָגיע כרחוק מזרח ממערב און אודאי ווייט פון ראסען אויפפאסונג, ווי געלערנט אין דעם עלפטען קאפיטעל פון „מיין קאמף" א. נ. „פאָלק און ראסע" אָנפאנגענדיג אין זאאָלאָגישען גאָרטען מיט פוקס, גאנז און קאץ ביז ער קומט צום מענש צום רויבערישען מענש, צום ווילדען אין שפיל פון מאָרד און האס.

די דייטשע ראסען־פסיכאָלאָגיע, האָט עס געשאפען דעם „איך"־עגאָאיזם, אלס העכסטער און פאָלקאָמענער אידעאל פון דער מענשהייט וועלכע בלייבט פאר־קנעכטעט צו אים און צו „דייטשלאנד איבער אלעס". די דאָזיגע פילאָזאָפיע וואָס האָט זיכער איר אורשפרונג אין טעאוטאנישען אורוואלד, געפינט מען ביי פיל פון די טיפסטע גייסטרייכסטע דייטשע דיינקער ווי פרידריך ניטצשע, דער שוין פריער דערמאנטער פילאָזאָף פון „זאראטוסטרא", פערדינאנד שאָפענהויער דער פעסי־מיסט וועלכער האָט דאָך גערעכט דאָס פרייסיש מיליטער, אָנשרייבענדיג פאר זיי זיין פארמעגען.

פיכטע, שטירנער די פארערער פון „איך" מענטאליטעט און פיל אנדערע פאר דער היטלעריאדע האָבען אויפגעבלאָזען די ראסישע הערשאפט אינסטינקטען און איבערגעגעבען דעם „האָמאָ סאפיענס" (מענש. בעל־שכל) און „האָמאָ הומא־נוס" אין זיין אייגענעם גורל, אין גורל פון זיין וואפען, אין גורל פון גערמאנישען יונקערשען מיליטאריזם און נאצישער מערדעריי.

די דאָזיגע פילאָזאָפיעס מכח ראסע־ריינקייט און אויבערמענטשענטום פון דייטשען גייסט האָט געבראכט די לערעס פון א הערדער (1744־1803) וועלכער האָט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק גערעדט וועגען „דייטשען פאָלקס־גייסט", דורכ־געדרונגען מיט ראסען־שאָוויניזם, די לערעס פון א היינריך פאָן טריטשקע (1834־1896) ביז די לערעס פון מאניאק פון ראסען־שגעון אדאָלף היטלער וואָס האָט גע־פירט צו דעם מבול פון בלוט און טרערען אין וועלכען צענדליגע מיליאָנען לעבענס זענען אויפגעקומען און א וועלט איז חרוב געוואָרען. די ראסען טעאָריע האָט גע־פירט צום ערגסטען סאָרט פאנאטיזם און פארפירט ניט בלויז דייטשען נאָר אויך אויסלענדישע דייטש־פארערער ווי דעם פראנצויז גאָבינאָ און דעם ענגלענדער־דייטש־דעגענעראנט—הוסטאָן סטוארט טשעמבערליין, איידים פון ריכארד וואגנער.

און ווען מען רעדט פון די דייטשע דיינקער וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט ראסישע און „איכיסטישע" טעאָריעס וואָס האָט אומגעקערט די דייטשען צום אור־מאָטיוו פון בלוט און מאָרד, קאָן מען ניט פארבייגיין ניט צו דערמאנען אזעל־כע טיפע, גרויסע פילאָזאָפען און פאָעטען ווי קאנט, לעסינג, העגעל, געטהע, שילער, אין אונזער צייט טאָמאס מאן און אנד. הויך הומאנישע ליכטיגע פערזענליכקייטען און ווי קען מען דורכגיין ניט צו דערמאָנען קארל מארקס, פערדינאנד לאסאל, פריד־

*) וועגען מענשלעכער אנטוויקלונג אין אלע זיינע סטאדיען, זע הענריק וואן לון'ס ווערק. The Glory of Mankind, Garden City 1921, New York.

ריך ענגעלס (ערשטער און לעצטער אידען אָבער דאָך דייטשיש דערצויגען) וועלכע האָבען געאַרבעט לטובת הכלל, געקעמפּט פאַר דער פרייהייט פון יחיד און קאָלעקטיוו, זייערע פילאָזאָפיעס זענען ווייט פון דער עגאָצענטרישקייט וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אין דער דייטשער געשיכטע.

געווען אויך אַנדערע טיפע דייטשע דיינקער וואָס האָבען באַקעמפט דעם זאָאָלאָגישען נאַציאָנאַליזם וואָס טיילט איין מענשען ווי חיות; וואָס זוכט אַ זאָאָלאָגישער אייהייט, וואָס זיין „גייסטיגקייט" ליגט אין בלוט. זיי, ווי פיל גרויסע גייסטער פון דער מענשהייט האָבען באַקעמפט די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון דער מאָנאַרכיע, די הערשאַפט פון דיקטאַטור און געלערנט דער מענשהייט הו־מאַניזם און סאָציאַלער עטיק.

אמת, דעם געדאַנק פון ראַסען־אונטערשיידען, געפינט מען שוין אין אוראַל־טערטום, די גריכען האָבען זיך געהאַלטען העכער פון אַלע אַנדערע פעלקער. די פרעמדע, ביי זיי גערופן „באַרבאַרען", זענען באַהאַנדעלט געוואָרען ערגער ווי חיות, געהאַלטען פאַר שקלאַפען און געטאָן מיט זיי די ערגסטע אַרבעטען. שוין אין אַלטער־טום געפינט מען האס און שנאה צו אידען באַפּוצט מיט ראַסען־פאָראורטייל און פאַראַכטונג.

די קריסטלעכע רעליגיע האָט אָבער פאַרהאַלטען דעם וואוקס פון ראַסען פאַנאַטיזם און האָט אָפּגעשוואַכט דעם עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם וואָס פירט צו פעלקער שנאה.

די קריסטלעכע קירכע האָט צעטיילט די מענשען אין די וואָס גלויבען אין קריסטענטום און די וואָס גלויבען אַנדערש, זי האָט אָבער געמוזט אָנערקענען, וואָס די תורה, דער „אַלטער" טעסטאַמענט לערנט, אַז אַלע מענשען קענען און דאַרפען זיין פאַראייניגט אָן אונטערשייד פון פאָלק אָדער אָפּשטאַמונג, ווייל אַלס איין מענשהייט. די גלייכהייט פון דער מענשהייט האָט זי געמוזט אָנערקענען לס עיקר־פּרינציפּ אַז אַלע מענשלעכע שבטים שטאַמען פון איין משפחה, די מענטשלעכע משפחה וואָס שטאַמט פון אדם הראשון. זי איז געווען געצוואונגען צו אָנערקענען די חשיבות פון מענש, זי האָט געמופט זאָגען אַז יעדער מענש קען דורך אמונה דער־גרייכען דער העכסטער מענטשלעכער שטופע ווייל אַלע זענען באַשאַפען געוואָרען „בצלם אלקים"—די רעליגיעזע פאָרמולע אַז „אַלע זענען גלייך" פאַר גאָט, פאַר דער אייביגקייט ווי גרויס ס'זאָלען ניט זיין די אונטערשיידן קערפּערלעך, פּסיכיש, אינטע־לעקטועל און מאָראַליש — ווייל אַלע טראָגען מיט זיך דעם בשותפות'דיגען צלם אלקים . . .

ערשט אין נייעצענטען יאָרהונדערט, אין דער עפּאָכע פון ראַציאָנאַליזם און אַטעאיזם איז געשאַפען געוואָרען דער גערמאַנישער ראַסיזם. איינער פון די עקס־טרעמסטע ראַסען־אידעאָלאָגען און אַנטיסעמיט איז געווען דער באַרימטער פילאָזאָף פיכטע, וועלכער האָט געהאַלטען אַז נאָר די „אַריער", די בלאָנדע בעסטיע, די טעאָר־טאָנען זענען באַרעכטיגט צו הערשאַפט און צום שיינעם לעבען.

כ״א.—משיחיזם און אוני־ווערסאַלער גאולה.—משיח ברענגט אַקטיווע גאולה ניט בלויז פאַר אידען, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. — משיח געשטאַלט אין אונזער ליטעראַטור. — בייַנקשאַפט צו אייביגער גאולה.

וועגען משיחיזם, משיחישער בענקשאַפט און משיח־שטרעבונג, האָב איך שוין פיל געשריבען און ס׳ווילט זיך ניט ווידערהאָלען, דאָס וואָס איז ערגעץ אנדערש שוין געזאָגט געוואָרען *) אין דער אידישער אמונה פאַר־נעמט משיח־גלויבען א גאָר־באַדייטענדיג אָרט. דער דאָזיגער גלויבען האָט דערהויבען דעם איד פון זיין שפלדיגקייט, פון זיין פאַרלוירענקייט — געשטאַרקט דאָס הייליגע פייער אין דער אידישער נשמה אז סיין ווינט פון וועלכער ריכטונג ער זאָל ניט קומען, זאָל עס ניט קענען אויסלעשען, ווי עס ווערט סימבאָליש איבערגעגעבען אין תלמוד וועגען דער הייליגקייט פון בית־מקדש פייער „ועשן המערכה, אפילו כל הרוחות־שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו״ (יומא כ״א ע״א). אויף דעם פסוק: „ורוח אלקים מרחפת״ (בראשית א׳) — זאָגט דער „זהר״ אז דאָס איז געמיינט רוחו של משיח. אין קבלה ספרים ווערט אויך געזאָגט אז די נשמה פון אדם הראשון איז אויך די נשמה פון דוד המלך און משיח. זע „ילקוט שמעוני״ און בראשית רבה.

אין זיין לענגערער עסיי א. נ. „מאורעות העולם לאור השקפת היהדות״, באהאנדלענדיג אויף א גאָר אלזייטיגען אופן דעם ענין משיחיזם ביים יחיד און ביים כלל, ביים איד און מענש שרייבט צווישען אנדערס ד״ר ש. ז. כהנא:

די שטרעבונג צו א משיח־אויסלייזער איז אַן אַלגעמיינע, וואָס קוועלט ארויס פון דער מענשליכער נשמה, וואָס איז באשאפען געוואָרען מיטן „צלם דמות אלקים״ און האָפט אויף א געטליכע אָרדנונג. אַן אָרדנונג וועלכע וועט מתקן זיין אלע פאַרדאַרבענקייטען און אומרעכטען אינם לעבען. דאָס איז אַן אינערליכער גע־פיל וואָס באַגלייט דעם מענשליכען לעבען״ **).

משיחיזם, איז דער אוניווערסאַלער אידעאַל פון דער ליידענדער מענשהייט, וואָס זוכט זיך צו באַפרייען פון אלע מענשלעכע ליידען, פיזישע ווי גייסטיגע וואָס זוכט זיך צו באַפרייען פון אלע אונטערדריקונגען און פרייהייט באַגרעניצונגען.

ניט אלע פעלקער האָבען אָבער אזוי פאַרשטאַנען דעם משיח־אידעאַל אלס אינטעגראַלער טייל פון מענשלעכען שטרעבען און האָפען. יעדער פאָלק אָדער גרופּע פון פעלקער האָט אַן אייגענעם צוגאַנג צום ענין משיחיזם. דאָס איז דערפאַר, ווייל די נויטען פון יעדען פאָלק זענען ניט גלייך געווען. אויך דער וויסען־באַוואוסטזיין האָט זיך זיינע גראַדיציעס און אזוי ווי, ניט יעדענס „ווי״ איז גלייך, ניט יעדענס פאַרשטענדעניש איז גלייך, אזוי איז ניט יעדענס שטרעבונג גלייך. דער משיח־אי־דעאַל איז געוואָרען, קען מען זאָגען רעלאַטיוו. ביים קלאַסישען גריכענלאַנד איז מאַ־טעריעלער וואוילזיין, קערפּערלעכע באַפרידיגונג געווען דער הויפּט־ציל אין מענש־

*) אַרטיקלען וועגען משיחיזם, האָב איך פאַרעפענטלעכט אין טאָראָנטאָר „אידישען זשורנאַל״, אין פילאַדעלפיער „אידישער וועלט״, אין „יובליי־בוך ת״ת עץ־חיים״, טאָראָנטאָ ניסן התש״ג ז״ז 113־116; מאָנטרעאָלער „קענעדער אָדלער״ אָקט. 28, 1943, אין „רעליגיעזע ארבייטער שטימע״, טאָראָנטאָ 1943, ז״ז 17־21.

**) זע „במיצר״, לשאלות הזמן, תל־אביב, תש״ב.

לעכן לעבען. האָבען זיי געשטרעבט צו א משיח וואָס זאָל זיי דאָס געבען, וואָס זאָל זיי דאָס פארזיכערען.

אין דער מעסיאַנישער עפּאָכע ביים קריסטענטום האָט משיחיזם באַקומען א נייעם לבוש, א גייסטיגען. משיח איז געקומען זיי גייסטיג אויסלייזען, גייסטיג דערהויבען און אין א געוויסען זין דערהויבען די מאָראַל און די עטיק פון די פעלקער וועלכע האָבען אָנגענומען דאָס קריסטענטום אין זיינע דאָגמעס—אָבער ווייט נים דערגרייכט צו דער אמת'ער משיחיסטישער וויזיע. דערמיט וואָס זיי האָבען זייער משיח'ן געשיקט אין הימעל אריין, אים געגעבען א געטלעכען באַגריף, אז ער זיצט אויבען אין הימעל און רייניגט זיי דאָ אויף דער ערד, האָט זיי צוריקגעהאַלטען פון אמת'ן שטרעבען צו א משיח וואָס זאָל אויסלייזען די מענשהייט, אויסלייזען די פעלקער אינדיווידועל־טאָטאַל.

משיח־אידעאַל ביי אידען, איז באַזירט אויף ריינעם געטלעכען אמת. דער משיח דאַרף ברענגען די גייסטיג־עטישע געזעלשאַפט, די אוניווערסאַלע גאולה. משיחישער וויזיע — די וויזיע פון א וועלט אָן סם פון קנאה־פיינטשאַפט, א וועלט אָן אַנטאַגאָניזם, א וועלט וואָס זאָל רעגירט ווערען פון ליטער „ממלכת כהנים” פון א רעגירונג וואָס וועט זיך אָפּגעבען מיט הויכע אידעאַלען וואָס גיבען דעם לעבען א זין, אַן אינהאַלט.

משיח אידעאַל באַדייט די שטרעבונג צו וויסען אין דערקענטניש: „ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים”, (ישעיה י”א י’); די שטרעבונג צו אהבת השם און אהבת האדם; די שטרעבונג צו הייליגען דעם מענשלעך־וועזען און אים דערהויבען צו דער העכסטער שטופע פון גייסטיגער אנטוויקלונג צו א מענש־מלאך וואָס וועט הייליגען דאָס ערדישע לעבען — „ותחסרהו מעט מאלקים וכבוד והדר תעטרהו” . . .

ווענען אָט אַזאַ תקופה, א גאָלדענע עפּאָכע פאַר ישראל און וועלט, האָט אונז אָנגעמערקט די תורה, האָבען געדערט די נביאים, האָבען געשטרעבט די חכמי התלמוד, די תנאים, אמוראים און גאונים, די אידישע פילאָזאָפען, די אידישע מקובלים *) דער רמב”ם זאָגט:

„לא נתאוו החכמים והנביאים לימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם, ולא כדי שירדו בעכו”ם, אלא כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה, ולא יהיה להם נוגש ומבטל, כדי שיזכו לחיי העולם הבא . . . ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ד' בלבד, ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת כפי כח האדם שנאמר כי מלאה הארץ דעה את ד' כמים לים מכסים” . . .

משיחי'שער גאולה, משיחי'שער שלמות, איז דערהויבונג פונם גאַנצען כלל נים בלויז פונם אידישען נאַציאָנאַלען קאָלעקטיוו — נאָר פון דער גאַנצער מענשהייט, וועלכע וועט נאָכגיין משיח'ס ליכט. דער „אחרית הימים” ווי די נביאים ישעיה און מיכה האָבען אים געזען, וועט ברענגען און באַפעסטיגען די הימלישע

*) זע סנהדרין פרק חלק; ברכות ל”ד ע”ב; שבת ס”ג ע”א; פסחים ס”ה בראשית רבה פרשה מ”ח א. אנד. מקומות. זע אויך סעדיה גאון האמונות והדעות מאמר ח'; רמבם הלכות מלכים פרק י”א, פרק י”ב הלכה ד' ה'.

מלוכה אויף דער ערד, די מלכות שדי וואָס וועט באַזייטיגען רשעות, אָפּשאַפען שלעכטס און ברענגען לויטער גוטסקייט צו אַלע פעלקער פון דער וועלט. ס׳וועט גענצליך אָפּגעשאַפט ווערען דאָס נוצען פון כלי־זיין, אפילו אלס צירונג און שיינ־קייט־באַקליידונג *).

דער אידישער משיח ווערט פאָרגעשטעלט אלס מענש פון אונזער ערדיש־וועלטעל וואָס ציט זיין יחוס פון מלכות בית דוד דינאַסטיע. ער איז אָבער א הימעל־מענש, ברענגט צו אונז הימלישע אידעאַלען און פאַרוואַנדעלט די ערדיש־מענשליכע געזעלשאַפט אין א הימלישע אין וועלכער ס׳זאָל מער ניט הערשען שנאה צווישען מענש און מענש. ער שאַפט אָפּ די קאָנפליקטען, וואָרצעלט אויס רשעות און טיראַניי. אויף אים רוט דער „רוח ד׳, רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד׳ . . . ושפט בצדק דלים, והוכיח במישור לענוי ארץ . . . וגר זאב עם כבש . . . „ישעי׳ י״א).

דער אידישער משיח איז ניט קיין קריגס־מאַן. ער קומט אויסצוגלייכען אַלע קאָנפליקטען שוין נאָך די שווערע קאַמפען און ראַנגלענישען צווישען די מענשהייטען ,ער איז דער „צדיק ונושע הוא . . . ודבר שלום לגוים״ „זכריה ט׳ ט׳—י׳). ער איז דער „עומד לנס עמים״, דער, צו וועמען „גוים ידרושו״; דער, צו וועמען פעלקער הערען; ווייל זיין ציל איז אַלוועלטלעכער גליק״, אוניווערסאַלער גאולה, אַלמענשלע־כער יושר. א הויפּט מאָטיוו אין די ימים נוראים׳דיגע תפלות איז דאָס געבעט; „ובכן תן פחדך ד׳ אלקינו על כל מעשיך . . . ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם״ . . . ווי די משנה אין עדיות (פ״ חמ״ז) באַהויפּטעט קומט אליהו הנביא בלויז אויף צו מאַכען שלום אויף דער וועלט.

די בענקשאַפט נאָך דעם משיח וואָס דאַרף קומען, באַדייט אייגענטלעך די בענקשאַפט נאָך א בעסערן וועלט־איינשטעל, נאָך די ווײַטיגע האַרמאָניע אינם וועלט־סדר. אין יענער צייט זאָל מען קענען זינגען ניט בלויז דאָס ליד פון „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״ (ווי לוט און ווי וואויל איז, ווען ברידער לעבען צוזאַמען), נאָר מען וועט קענען זינגען ווי גוט און ווי וואויל איז, ווען פעלקער לעבען צו־זאַמען אין פרידען און אין ברידערשאַפט, אָפּשאַפען די צוויסטיגקייטען, אומצו־פרידענקייטען, קנאה־שנאה פון פאָלק צו פאָלק און שאַפען א פרידליך האַרמאָניש צוזאַמענלעבען פון די פאַרשיידענאַרטיגע פעלקער און ראַסען ווי דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט אַז קומען וועט א צייט ווען „לא ישא גוי אל גוי חרב״ . . . אז פאָלק געגען פאָלק וועט נישט הויבען קיין שווערד, אַז אַלע פעלקער וועלען לעבען בשלום, רעדען איין שפּראַך, א קלאָרע שפּראַך וואָס רופט צו געטלעכקייט צו יראת ד׳ (צפניה ג׳). און מיר וועלען נאָכמאָל ציטירען פון רמב״ם: „זאָל קיינעם ניט איינפאַלען אז אין משיח׳ס צייטען וועט ווערען געענדערט דער סדר פון דער וועלט . . . די נביאים און חכמים האָבען ניט געשטרעבט צו משיח׳ס צייטען כדי אימיצען אנדערש צו באַהערשען, כדי צו הערשען איבער פעלקער — נאָר בלויז צו זיין פריי און קענען זיך אָפּגעבען מיט תורה און חכמה״ . . . (הלכות מלכים י״ב א־ה) דער מדרש (שיר רבה, פסוק השבעתי אתכם) זאָגט, אז „מלך המשיח בא לקבץ גליות״.

*) שבת ס״ג ע״א. לויט ר׳ אליעזר זענען כלי זיין תכשיטין (צירונג).

איינער פון די גרעסטע נביאים ביים אידישען פאלק, יחזקאל, דער נביא אין גלות בבל, נאכדעם ווי די אידען האבען דאס לעצטע ביסעל זעלבסטשטענדיג־קייט געהאט פארלוירען, האט געשטארקט דעם מוט ביי די גולים און איינגעפלאנצט זיך ניט באגנוגענט מיט זיינע פראפעטישע זעאונגען נאר אין בילדער געשילדערט אין זיי די אמונה אז זיי ייעלן אויפגערעכט ווערן און אין זייער לאנד קומען. ער האט זייער אויפריכטונג, געמאלען בילדער מיט אויספירלעכע דעטאלען וועגען צוקונפ־טיגען ירושלים, וועגען צוקונפטיגען בית המקדש און וועגען פאנאנדערטייל פון דער ערד צו די אומגעקערטע שבטים. דער ענין גאולה איז ביי אים ניט סתם אזוי א האפנונג. ער זעט איר רעאליזירונג אין דער צוקונפט אין די אויספירלעכסטע דעטא־לען אירע. ער באשרייבט דעם רעליגיעזען ריטואל, דעם רעליגיעזען פארמאליזם אין צוקונפטיגען בית המקדש ווי עס וואלט שוין געווען א פאקטישע געשעעניש. ער לערנט די דינים פון קרבנות, די פריווילעגיעס פון די כהנים א.א.וו. ער פארגעסט אבער ניט צו דערמאנען וועגען אוניווערסאלען באדייט פון דער גאולה. ווען די שעה פון פרייד וועט קומען וועט עס זיין אלעמענס פרייד — וועלט'ס פרייד! די גערעכטע, סיי אידען און סיי ניט־אידען, וועלען געניסען פון דער גליקלעכער אידעאלער צייט.

כמעט אלע נביאים האבען געזען אין דער זעלבער וויזיע: משיח וועט אין אחרית הימים שאפען אן אידעאל פאלק אין אן אידעאל לאנד, ארץ ישראל, ירושלים וועט זיין די הויפט שטאט, די אוניווערסאלע מאדעל־שטאט פון דאס ריינע, עטישע און מארלישע, פונוואנען דאס ליכט פון פרייהייט און גלייכהייט וועט זיך פארשפריי־טען איבער דער גאנצער וועלט. ירושלים וועט זיין דער קוואל פון וויסענשאפט, דער גייסטיגער צענטער פון דער באנייטער מענשהייט.

אידישע פילאזאפען ווי פילא פון אלכסנדריע און אנדערע האבען אפילו פרובירט מינימיזירען דעם ווערט פון פאטערלאנד אלס צוזאמענהאלט און אויפ־האלט פון אידישען פאלק. גאט אליין פאראייניגט און האלט צוזאמען די אידישע איינהייט. ביי אידען האט קיין שאוויניזם קיינמאל ניט געהאט קיין פלאץ, שוין דער־מיט אליין וואס די אידישע אמונה אנערקענט אז גאט איז ניט בלויז דער אידישער, נאר דער אלוועלטלעכער די העכסטע נבואה איז דאך געווען: „ונהרו אליו כל הגוים״ . . . פעלקער וועלען שטראמען קיין ציון און אוניווערסאלער פרידען וועט הערשען איבער דער וועלט. ביי גאט זענען ניטא קיין יחסנים. ס'זענען בלויז דא גערעכטע און אומגערעכטע און דעמאלט וועט גערעכטיגקייט הערשען אויף דער וועלט וועלען אלע מענשען זיין גלייך *) דער רצון אליין צו ווערען אויסגעלייזט, אליין צו דערלעבען דעם גרויסען טאג פון גאולה, האט אויך איינגעשלאסען דעם רצון צו זען א וועלט אן אויסגעלייזטע, א געהיילטע פון אירע וואונדען, א געזוי־בערטע פון אירע מורא'דיגע חרבנות, א באפרייטע פון אירע אונטערדריקונגען און איר דיקטאטארישקייט מצ אירע מעכטיגע באהערשער.

אידענטום גלויבט אין גייסט־מענש, אין אן אידעאישער ארדנונג וואס דארף סוף־כל־סוף קומען און פארנעמען דעם פלאץ פון דער איצטיגער דעגראדירטער באטישער געזעלשאפט.

*) זע ספרא און במדבר רבה.

אמת, ס'זענען דאָ תחומים, „יצב גבולות עמים למספר בני ישראל" — אָבער די תורה גרעניצען ברענגען מער נוצען ווי שאָדען. יעדער פאָלק באַקומט די מעג־ליכקייט צו אַנטוויקלען זיין מהות'דיגע אויפפאַסונג, זיינע פעהיגקייטען, זיין טאַ־לאַנט . . . אויב יעדער פאָלק קריגט די רעכט און פרייהייט צו דינען גאָט לויט זיין שטייגער — „כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו", דאַן איז געזיכערט דער אחרית הימים, ווען ס'וועט זיין „כל בשר יקראו בשמך", ווען אַלע וועלען אַנערקענען די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון דער תורה; דעמאָלט וועט זיין געזיכערט דער „והיה ד' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהי' ד' אחד ושמו אחד"! — דאָס איז דער מאָראַל־עטישער אימפּעראַטיוו פון אַ פרייער מענשהייט וואָס זעט זיך ווי אַ טייל פון גרויסען אוניווערס און פילט זיך אַלס חלק ד' ממעל און באַגרייפט די געטלעכע הויפּט־אַטריבוטען פון אמת און צדק די גרויסע וויזיעס פון מענשליך קאָסמישען באַוואוסטזיין וואָס וואָס דריקט זיך אין משיחיסטישער שטרעבונג, די שטרעבונג פון פרייהייט און גליק.

אין דער משיח עפּאָכע וואָס וועט דויערען, לויט דער מיינונג פון ר' אליעזר דריי דורות וועלען צוקומען „גרים גרורים" און אַלע פעלקער וועלען ווערען צו־נעלאָזען, אויסער עמלק *). די צענטראַלע אידייע פון משיח־שטרעבונג, איז די, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער פון נביא: „והלכו עמים רבים ואמרו: לכו ונעלה אל הר ד' . . . ושפט בין הגוים . . . (ישעיה ב' ג'־ד'; מיכה ד' ב'־ג'). „ושפט בצדק דלים והוכיח במישור לענוי ארץ . . . (ישעי י"א א'־ט').

ווי מיר האָבען שוין פריער דערמאָנט, האָבען פיל פון די חכמי התלמוד געהאַלטען אַז אין משיח'ס צייטען וועט בלויז בטל ווערען דאָס פאַרקנעכטונג צו אַנד. פעלקער (ברכות ל"ד ע"ב). ווי דער רמב"ם (הלכות תשובה פרק ט', הלכה כ') ווייזט אָן וועט דער משיח זיין נאָענט אין חכמה און נבואה צו משה רבנו און אידען וועלען דאַן האָבען מעגלעכקייט אָפּצוגעבען זיך מיט גייסטיגע ענינים. ער ווידער־האָלט דעם דאָזיגען געדאַנק אין הלכות מלכים (י"ב ד־ה) און גיט צו, אַז אין יענער צייט וועט ניט זיין קיין הונגער, קיין מלחמה . . . די וועלט וועט זיין פרנומען מיט דערגייען גאָטס וועגען און זיין תורה. די אידען וועלען זיין גרויסע חכמים און דער־גייען די פאַרבאָרגענישען, די סודות התורה ווי ווייט מענשלעכער געדאַנק קאָן דער־גרייכען, ווי ווייט די נביאים האָבען דערגרייכט צו דערקענען די אמת'ן פון דער השגחה, די געטלעכע אַטריבוטען און מאָראַל וועגען וועלכער ער רעדט אין ערשטען טייל פון „מורה נבוכים".

אין משיח'ס צייט וועט יעדער איד־מענש באַגרייפען די גייסטיגע און אימ־פּירישע וועלט. ער וועט באַקומען דעם אוניווערסאַלען שכל באַהויכט פון דעם געט־לעכען שכל, פון דעם „חלק ד' ממעל.

דער רלב"ג (ר' לוי בן גרשם, 1288־1340) זאָגט אויף דעם פסוק ולא קם עוד נביא בישראל כמשה . . . ביז אהערצו איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען אַזאַ נביא, אָבער

*) זע עבודה זרה כ"ד ע"א; פסיקתא כ"ח ב'; ספרי דברים ל"ב ז'; מכילתא שמות י"ז ט"ז דאָרט. לויט אַ מיינונג אין מדרש (שיר רבה פסוק „התאנה חנטה פגיה" — פאַר דער משיח־עפּאָכע וועט קומען אַן עפּידעמיע אין וועלכער די רשעים וועלען אומקומען.

אין דער צוקונפט וועט יאָ אויפשטיין אזא נביא ניט נאָר פאַר די אידען נאָר פאַר אַלע אומות העולם . . . ער וועט באַווייזען גרוס וואונדער . . . אין זיין צייט וועט הערשען שלום און גערעכטיגקייט אויף דער וועלט . . .

איינינע אויסבעסערונגען

צוליב טעכנישע סיבות, זענען אריינגעפאלען איינינע טעותים, אומפּינקט־לעכקייטען און ס'זענען ארויסגעלאָזען געוואָרען איינינע באמערקונגען וועלכע איך וויל דאָ מתקן זיין. אויב ס'געפינען זיך נאָך אזעלכע שגיאות'ן, איז „מי יבין" . . . דער לייענער וועט מיר מוזען מוחל זיין:

אויף זייט 19, שורה 34, איז געדרוקט רבנו דוד בן דוד; ס'דארף זיין: רבנו דוד בן יוסף בן דוד. אויף זייט 20, שורה 27, ר' יצחק לאמפּנטרונאַ דאַרף זיין ר' יצחק לאמפּארונטי (ד' תל"ט—תקי"ז; 1679-1756) געב. אין פעראַראַ, איטאַליע.

אויף זייט 28 דער רמב"ן פּאָלעמיזירט דארף זיין פרעגט אים אָפּ. זייט 29, שורה 36, (אָנמערקונג) היא, דארף זיין הוא. זייט 43, נאָכבאם. 6„ ארויסגע־לאָזען. געוועזן אָנגעגעבען העברעאישען טעקסט: שאל טורנוסרופוס את ר' עקיבא, אם אלקיכם אוהב עניים הוא, מפני מה אינו מפרנסם א"ל כדי שניצול מדינה של גיהנום, בבא בתרא י' ע"א.

זייט 46 צוגאָב צו נאָכבאם. רב איז אויך געווען א מסדר פון תפלות. ער איז דער מחבר פון דעם „סדר זכרונות, מלכיות, שופרות" וואָס ווערט געזאָגט אין מוסף פון ראש השנה. דער קעניג ארטאבאן, אויסהערענדיג די טייערע תפלה־ווערטער פון זיין פריינט רב, האָט ער אים פארזיכערט אז ווי לאַנג ער וועט זיצען אויף זיין טראָן וועט ער ניט אָפּטאָן זיין גוטסקייט פון פאָלק ישראל.

אויף זייט 47, שורה 5 איז געדרוקט נעמט צו דארף זיין נעמט מען צו. אויף זעלבען זייט נאָכבאם. 2, ארויסגעלאָזען, „כדי צו היטען די גאנצקייט פון אידישען פאָלק, האָט מען געמוזט אָננעמען אזעלכע שטארקע שטראָפען. זייט 48 נאָכבאם. 1, ער שרייבט צוו"א: ההטעמה הדתית של התלבושת המיוחדת משום „בחוקותיהם לא תלכו", היא אסמכתא קלושא, שעל ידה אפשר לאסור הכל ולא להניח חיים לכל חי" . . . ברי לי שבימי התלמוד, לא היה אף מושג קל על דבר תלבושת מיוחדת . . ."

אין דער נאָכבאם. 5, פון ז. 108, זענען אריינגעפאלען עטלעכע טעותים: ערשטע שורה שאל ר' מתנא בו הרש, דארף זיין ר' מתיא בן חרש; אויף צווייטער שורה מתיא ב', דארף זיין בן; אויף דריטער שורה בו עזריה דארף זיין בן עזריה.

זייט 122 אָנהייב קאַפּ. ארויסגעפאלען גרויסע „ד" דארף זיך לייענען דער.

אויף זייט 182 איז אריינגעפאלען א גרייז אין נומער פון קאפיטעל אנשטאט ט"ו, ווי געדרוקט דארף זיין י"ז.

אויף זייט 209, שורה 6, איז געדרוקט מר דארף זיין מיר זייט 214, ארויס־געפאלען גרויסע „א" אָנהויב קאפיטעל, דארף זיך לייענען איז. ז. 234, שורה 19, דוד אין שלמה, דארף זיין און.